STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04063

DOYRES DERTSEYLN

Ezekiel Lipschitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דורות דערציילן

מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידן אין
מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט

(1848—362)

פון

י. ליפשיץ

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק
תש"ד

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

DOIRES DERTZEILN

(Generations Narrate)

by E. LIPSCHITZ

Copyright, 1944
by FARLAG MATONES
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th St., New York 3, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

מיט ליבע
מײַן פֿרוי רחל אײַזנבערג ליפּשיץ

הקדמה

אין דער איצטיקער צייט פון חורבן און צעשטערונג, פון יאוש און אָפּהענטיקייט, ווען יידישע לעבנס אין אייראָפּע ווערן גרוילהאַפטיק פאַר־שניטן זוכן מיר אַלע טרייסט און האָפענונג אין אונדזער אַלטער געשיכטע. מיר זוכן זיך צו שטאַרקן מיטן מוט, וואָס האָט געגעבן כח דורות קדושים צו גיין אויף די שייטערהויפנס און ניט צו פעלשן אין זייער גאָט און אין זייער פאָלק. מיר ווילן, אַז אויך אין אונדז זאָל די האָפענונג אויף אַ באַנייט יידיש לעבן אויפשיינען מיט דעם ליכט און דעם גלויבן, וואָס האָט געשיינט אין די הערצער פון אונדזערע אבות כאָטש זיי זיינען געטריבן געוואָרן פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד.

אונדזער גלות געשיכטע פון מיטלאַלטער און פון דער נייער צייט איז אין אַ גאָר גרויסער מאָס געווען א ליידנס־געשיכטע. אונדזערע אורעלטערן האָבן באַוויזן אונטער די אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען צו פאַרוואָרצלען זיך אינעם לעבן ארום און ארויסקריגן פונעם לעבן אזויפיל פרייד, ווי ס׳איז נאָר געווען מענטשלעך מעגלעך. אין דער לאַנגער מדבר פון פאַרפאָלגונגען זיינען אויך געווען אַאַזיסן פון רו, ווען דאָס יידישע לעבן האָט זיך צעבליט און צעוואָקסן אין דעם אָדער יענעם לאַנד אויף אַ לענגערער אָדער קירצערער צייט.

דאָס בוך וואָס ליגט דאָ פאַרן לייענער וויל אויף א באַגרעניצטן אופן, דורכן מויל פון די אַמאָליקע דורות, געבן אַ באַגריף וועגן די ליידן און פריידן פון די יידן אין די פאַרשיידענע לענדער פון זייער צעשפרייטונג. אַזאַ בוך מוז ביז אַ געוויסן גראַד אָפּשפּיגלען דעם צונויפשטעלערס קוק אויף דער יידישער געשיכטע. עס איז אמת, אז פון מיטלאלטער למשל, האָבן זיך אויפגעהיט אזוי ווייניק דאָקומענטן פון א מער ווי לאָקאַלן כאַ־ראַקטער, אז עס איז כמעט אוממעגלעך אָפּצוזאָגן זיך אפילו פון יענע מקורים, וואָס שטאַמען אָפּ פון פיינטלעכע, ניט יידישע קוועלן און גיבן אוודאי ניט קיין אמתדיק בילד פון געוויסע געשעענישן.

פון דער מאָדערנער צייט האָבן מיר שוין אָבער אַ שפע פון אַזעלכע היסטאָרישע מאַטעריאַלן ווי כראָניקעס ,פנקסים, באַשרייבונגען, מעמוארן און בריוו. די פּראָבלעם איז שוין דאָ ניט נאָר מיט וועלכע מקורים זיך צו באַנוצן, נאָר וואָס צו נעמען פון דעם אָדער יענעם מקור, וואָס זאָל אויף דעם בעסטן אופן אָפּשפּיגלען די אָדער יענע וויכטיקע דאַטע אָדער באַלייכטן די אָדער יענע באַרימטע פערזענלעכקייט. צי דאָס איז דעם צונויפשטעלער אַלעמאָל געלונגען צו דערגרייכן על הצד היותר טוב בלייבט פאַרן לייענער צו אַנטשיידן.

דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר. פאַרשטייט זיך, אז ווען עס ווערן געבראַכט עטלעכע אויסצוגן וועגן אַ געוויסער געשעניש, ווי למשל וועגן גירוש שפּאַניע, ווערן זיי אַלע געבראַכט אונטער דער דאַטע פון דער געשעעניש.

אויסנאַמען זיינען דאָ. דאָס זיינען די קירכלעכע פאַראָרדענונגען וועגן יידן און די פאַרשיידענע תקנות פון די קהילהשע און לאַנדישע וועדים. סיי די קריסטלעכע פאַרשריפטן און סיי די יידישע תקנות האָבן ניט קיין שייכות בלויז צו איין געגעבענעם ענין, נאָר צום גאַנצן יידישן לעבנסשטייגער. די דאָזיקע פאַראָרדענונגען פונקט ווי די תקנות, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם בוך זיינען צוזאַמענגענומען געוואָרן אויף איין אָרט, ווייל צוזאַמען גיבן זיי אַ קלאָרער בילד.

די ביבליאָגראַפיע וואָס ווערט אָנגעוויזן צום סוף פונעם בוך ביי יעדן נומער איז פאַר דעם באַהאַוונטערן לייענער. דעריבער ווערן ניט אָנגעגעבן קיין סטאַנדאַרט ווערק אין יידישער געשיכטע, וואָס דאַרפן אַזעלכע לייענער זיין גוט באַקאַנט. מיט קליינע אויסנאַמען ווערן אויך ניט אָנגעגעבן קיין פּאָפּולערע ווערק, נאָר אָריגינעל וויסנשאַפטלעכע ספרים וואָס קאָנען באַרייכערן דעם פאַראינטערעסירטן לייענערס וויסן.

די ארבעט וואָלט ניט געקאָנט געטאָן ווערן ווען אַ צאָל חשובע געלערנטע וואָלטן מיר ניט דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט זייערע ארבעטן. די געלערנטע וועמען איך דריק דאָ אויס אַ דאַנק זיינען: דר. סאלאמאן גרייזעל, דר. מארק ווישניצער, דר. רפאל מאהלער, דר. י. רינגעלבלום, דר. אלעקסאנדער מאַרקס, דר. לואי פינקעלשטיין, דר. סעסיל ראָט און דר. יעקב שאַצקי.

איך וויל דאָ אויך אויסדריקן אַ דאַנק יענע געלערנטע מיט וועמענס ארבעטן איך האָב זיך באַנוצט, כאָטש איך האָב זיך מיט זיי לײדער ניט געקאָנט פאַרשטענדיקן און קריגן זייערע הסכמות. איך בין זיכער אז זיי וואָלטן מיר געגעבן זייערע הסכמות מיט דערזעלבער פריינדלעכקייט ווי די פריער דערמאָנטע. די־דאָזיקע געלערנטע זיינען: דר. ב. מ. געלבער, אברהם לעווין, ס. מאַרגאָליס, פּראָפ. ש. קרויס, פראַנץ קאָבלער, א. י. גאָלדשמידט און נח פּרילוצקי.

אַ האַרציקן דאַנק בין איך שולדיק דר. יעקב שאַצקין און לייבוש לעהרערן פאַר בייטיקע אָנווייזונגען און פאַר דעם פריינדלעכן אינטערעס אין דער ארבעט.

פאַר דער זאָרגפעליקער קאָרעקטור קומט אַ דאַנק מיין קאָלעגע מאָרים קורמאַנען.

איך וויל דאָ אויך אויסדריקן אַ דאַנק דעם פאַרלאַג „מתנות" פאַר אָרויסגעבן דאָס בוך און דעם פאַרוואַלטער, פריינד ליפּע לעהרער, פאַר דער טירחא ארום דעם בוך.

1

דעם קייסער יוליאנס בריוו צו די יידישע קהילות

362

דער קייסער יוליאן, אָדער יוליאן דער אפּאָסטאַט, ווי די קאַטוילישע קירך רופט אים, האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם קריסטנטום, וואָס זיין פעטער קאָנסטאַנטין האָט געהאַט אָנגענומען אין יאָר 333. קאָנסטאַנטין האָט די קריסט־לעכע אמונה אָנערקענט ווי די הערשנדיקע רעליגיע אין דער רוימישער אימפּעריע. יוליאַן האָט ווידער איינגעפירט געצנדינסט, האָט אַרויסגעוויזן מיטגעפיל צו די יידישע ליידן און דרך ארץ פאַר דעם יידישן גלויבן, וואָס ער האָט גע־שטעלט העכער פון דער קריסטלעכער אמונה. אין דער קור־צער צייט פון זיין צוויי יאָריקער הערשאַפט האָט ער, ווי דער וויטערדיקער בריוו באַווייזט, געהאַט צוגעזאָגט ווי־דער אויפצובויען דעם בית־המקדש און די שטאָט ירושלים. די אַרבעט אַרום דעם בית־המקדש האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אונטער דער אויפזיכט פון יוליאַנס א פערזענ־לעכן פריינד אליפּיוס. יוליאַן איז אָבער אין יאָר 363 געפאַלן אין דער פּערסישער מלחמה פון א פייל, וואָס א קריסט פון זיין אייגענער אַרמיי זאָל האָבן אויף אים גע־שאָסן, און מיט זיין טויט אָפּגעטייט די האָפענונג אויף א באַנייטער ירושלים.

צו די יידישע קהילות!

ווי שווער ס'איז ניט געווען דער יאָך פון אייער אונטערטעניקייט, האָט איר אָבער מער געליטן דערפון, וואָס איר זייט געווען אונ־

טערגעוואָרפן צו אומגעריכטע צינזן, וואָס זיינען אויף אייך אַרויפ־געלייגט געוואָרן. איר האָט געדאַרפט בייטראָגן אַן אוצר מיט גאָלד צו דער קייסערלעכער שאַצקאַמער. איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען גענוג ביישפילן און נאָך מער האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דעם פון די צינז־רשימות, וואָס זיינען אויפגע־היט געוואָרן. איך אליין האָב אָפּגעשטעלט אַ נייעם צינז, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט אויף אייך אַרויפגעלייגט צו ווערן. איך האָב געצוואונגען אָפּצושטעלן דעם שמאַך און כ׳האָב אליין אַריינ־געוואָרפן אין פייער אריין די צינז־רשימות, וואָס כ׳האָב געפונען אין די אַרכיוון. איצטער איז שוין פאַר קיינעם ניט מעגלעך זיך צו פאַרמעסטן אויף אַזאַ גאָטלעסטערישן אופן מיט אַזעלכע אומ־רעכטן. מיין ברודער [שוועסטערקינד] קאָנסטאַנטיוס, פון פאַרערטן אָנדענק, האָט מען ניט געקאָנט שטאַרק באַשולדיקן פאַר דעם שלעכטס קעגן אייך. שולדיק זיינען געווען זיינע מקורבים, וואָס זיינען געווען באַרבאַרן אין גייסט און גאָטלאָז אין געמיט. זיי האָבן דאָס צוגע־טראַכט אַזאַ צינזן־שאַצונג. די דאָזיקע מענטשן האָב איך אליין געלאָזן אומברענגען אַזוי, אַז ס׳זאָל צווישן אונדז אַפילו קיין זכר פון זיי ניט בלייבן. כדי אייך אַרויסצואווייזן נאָך מער חסד, האָב איך אויפגעפאָדערט דעם חשובן נשיא, מיין ברודער יולוס [הלל II, געשטאָרבן 365] אַז דער שיק־צינז [דער צינז אויפצו־האַלטן דעם פּאַלעסטינער פּאַטריאַרכאַט] זאָל פאַרבאָטן ווערן און אַז קיינער זאָל מער ניט האָבן דאָס רעכט אויסצונוצן דעם כלל יידן מיט אַזעלכע צינזן. איך וויל, אַז איר זאָלט אומעטום אין מיין מלוכה לעבן בשלום ובשלוה, כדי איר זאָלט קאָנען מיט כוונה תפילה טאָן פאַר מיין ממשלה צום רבונו של עולם, וואָס האָט מיך אונטערגעלענט מיט זיין רעכטער האַנט.

דאָס דאַרפט איר טאָן, כדי איך זאָל באַזיגן די פּערסיער און נאָך דער מלחמה קאָנען באַזוכן די הייליקע שטאָט ירושלים, וואָס איך וועל לאָזן אויף מיינע הוצאות ווידער אויפבויען (וואָס איר האָט אויף דעם אַזוי פיל יאָרן [זינט 135] געהאָפט), כדי מיט אייך צוזאַמען דאָרט צו קאָנען לויבן דעם אַלמעכטיקן.

2

קריסטלעכע תקנות פון פריִען מיטלעלטער קעגן ייִדן

אין מיטלעלטער האָבן זייער אָפט קירכלעכע קאָנצילן אָדער סינאָדן אָנגענומען אַנטי־ייִדישע געזעצן. דער צוועק פון די אַלע געזעצן איז געווען אָפּצוזונדערן די קריסטן פון ייִדן, שווערער צו מאַכן דאָס לעבן פון די ייִדן, כּדי אויף אַזאַ אופן צו צווינגען זיי דורך נגישות און באַליידיקונגען אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. ווייטער ווערן בלויז געבראַכט עטלעכע מוסטערן פון אַזעלכע אַנטי־ייִדישע געזעצן פון פריִען מיטלעלטער.

א. אָרט אומבאַשטימט, אַרום יאָר 250—300

אויב אַ גייסטלעכער אָדער אַ הדיוט וועט אַריינגיין אין אַ שול פון אומגלייביקע אָדער פון ייִדן תּפֿילה צו טאָן, זאָל דער ערשטער אַראָפּגעזעצט ווערן [פון זיין אַמט] און דער צווייטער זאָל אַריינ־געלייגט ווערן אין חרם.

ב. לאַאָדיצעא, סיריע, 343—381

מע טאָר ניט אָננעמען קיין מאכלים, וואָס ווערן געשיקט פון אומגלייביקע אָדער פון ייִדישע שמחות. מ'טאָר אויך ניט עסן מיט זיי [ייִדן] צוזאַמען.

מע טאָר ניט נעמען קיין מצה פון ייִדן און מע טאָר אויך ניט זיין קיין שותּף צו זייער אומגלויבן.

ג. וואַנס, פראַנקרייך, 465

אַלע קריסטן דאַרפֿן אויסמיידן ייִדישן סעודות און דאַרפֿן ניט פֿאַרבעטן ייִדן צו קיין מאָלציַיטן, ווייל די ייִדן פֿאַראומווערדיקן,

האלטן טמא די שפייזן, וואס קריסטן מעגן עסן. אזוי ווערט דאס אויך פארבאטן די גייסטלעכע, וואס ניט געקוקט דערויף, עסן זיי דאך ביי יידן. אויף זיי דארף מען קוקן ווי זיי וואלטן געווען ערגער ווי יידן.

ד. ארלעאן, פראנקרייך, 533

ס'ווערן פארבאטן חתונות צווישן יידן און קריסטן. ווער עס וועט ניט וועלן זיך אפזאגן פון אזא שידוך זאל אריינגעלייגט ווערן אין חרם.

ה. ארלעאן, פראנקרייך, 538

אזוי ווי מיר לעבן אונטער דער ממשלה פון קאטוילישע מלכים, טארן זיך די יידן ניט באווייזן צווישן קריסטן אין קיין שום ארט און ביי קיין שום געלעגנהייט אין די פיר טעג פון גרין-דאנערשטיק.

ו. ארלעאן, פראנקרייך, 541

ווען א ייד איז מגייר א פרעמדן אדער ער פירט אריבער א געווארענעם קריסט צום יידישן אבערגלויבן אדער ער נעמט זיך פאר א קעפסווייב א קריסטלעכע שקלאפין אדער ער איז מגייר א געבוירענעם קריסט, זאל ער ווי א שטראף פארלירן זיינע שקלאפן. ווען אבער א געבוירענער קריסט [א שקלאף] איז געווארן א ייד און ווי א באלוינונג דערפאר פרייגעלאזן געווארן, זאל דער תנאי [זיין פריי ווערן] ניט זיין גילטיק, ווייל ס'איז אומיושרדיק, אז איינער וואס שטאמט פון קריסטלעכע עלטערן זאל אויף אזא אופן ווערן פריי.

ז. נארבאן, פראנקרייך, 589

ס'ווערט פארבאטן צו זינגען תהילים בעת א לוויה. די יידן זאלן זיך אויך ניט אויפפירן לויט זייערע אלטע מנהגים [בעת א לוויה?]. ווער ס'וועט דאס ניט אפהיטן זאל באצאלן דעם גראף [דעם הערשער] זעקס אונצעס גאלד.

ח. פאריז, פראנקרייך, 614

קיין ייד טאר ניט באשטימט ווערן אויף קיין מיליטערישן אדער אדמיניסטראטיוון פאסטן. פארנעמט ווער פון זיי אבער יא

אזא פּאָסטן, דאַרף דער בישאָף פון דער שטאָט, וואו ער [דער ייד] פאַרנעמט אַזאַ שטעלע, אים תיכף ומיד טויפן צוזאַמען מיט זיין משפּחה.

ט. ריימס, פראַנקרייך, 624—625

ווען אַ קריסט מוז זיינע שקלאַפן פאַרקויפן צו היידן אָדער יידן, זאָל ער אַריינגעליינט ווערן אין חרם און דער אָפּמאַך זאָל בטול ווערן. ווען יידן זיינען מגייר זייערע קריסטלעכע שקלאַפן אָדער זיי פּייניקן זיי, זאָלן די שקלאַפן צוגענומען ווערן פאַרן [קי־ניגלעכן] שאַצקאַמער. די יידן זאָלן ניט צוגעלאָזט ווערן צו קיין עפנטלעכע שטעלעס און די באַליידיקונגען וואָס קריסטן ליידן מצד די יידן זאָלן אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן.

י. טאָלעדאָ, שפּאַניע, 633

אויב אַ ייד האָט אַ קריסטלעך ווייב, מוז ער זיך טויפן, אויב ער וויל מיט איר ווייטער וואוינען. טוט ער עס ניט, ווערן זיי צעשיידט און די קינדער נעמט די מאַמע. אַזוי מוזן אויך די קינ־דער, וואָס האָבן אומגלייביקע [יידישע] מאַמעס און קריסטלעכע פאָטערס, ווערן קריסטן.

יא. טאָלעדאָ, שפּאַניע, 656

ס'איז צו באַדויערן, וואָס גייסטלעכע פאַרקויפן קריסטלעכע שקלאַפן צו יידן.

יב. קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 692

זאָל קיין גייסטלעכער אָדער הדיוט ניט עסן קיין יידישע מצה און ניט פאַרברענגען צוזאַמען מיט זיי [יידן] און אויך ניט אָננעמען און ניט געברויכן בעת אַ קראַנקהייט זייערע רפואות, און אויך זיך ניט באָדן מיט זיי. נאָר אויב ס'וועט עס ווער יאָ טאָן, איז אויב ער איז אַ גייסטלעכער זאָל מען אים אויסשליסן [פון זיין אָרדן] און אויב אַ הדיוט, זאָל מען אים אַריינלייגן אין חרם.

יג. ניצע, פראַנקרייך, 787

אַזוי ווי טייל [געטויפטע] האָבן געבלאָנדזשעט אין די יידישע אָבערגלויבנס און האָבן אָפּגעשפּאָט פון אונדזער גאָט ישו, כלו־

מרשט אַנגענומען די אמונה פון ישו כדי זיך אָפּצוזאָגן פון אים און ביי זיך בסוד אָפּצוהיטן שבת און אַנדערע יידישע מנהגים, באַשטימען מיר דעריבער, אַז אַזעלכע פאַרשוינען זאָל מען ניט לאָזן זיך מתוודה זיין און מען זאָל זיי ניט צולאָזן צו די תפילות און ניט אַריינלאָזן אין קירך. זאָלן זיי זיין אָפּגעגרהייט יידן לויט זייער אמונה און זאָלן זיי ניט ברענגען זייערע קינדער צו דער טבילה, און זאָלן זיי ניט טאָרן קויפן אָדער האָבן קיין שקלאַפן.

3

צוויי בריוו פון פויפסט גרעגאָר דעם גרויסן וועגן איטאַליענישע קהילות

592—593

גרעגאָר דער גרויסער, דער רוימישער פּויפּסט (590־604), האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מער טאָלעראַנץ צו יידן, ווי זיינע נאָכפאָלגער. ער האָט ניט דערלאָזט בייזוויליק דריקן די יידן און באַשווערן זייער לעבן. ער איז געווען, אויף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך געווען פאַרן העכסטן קריסטלעכן גייסטלעכן בנוגע „אומגלייביקע", יושרדיק אין זיינע האַנדלונגען. אויף איין זאַך האָט ער אָבער שטאַרק מקפּיד געווען, אַז יידן זאָל ניט דערלויבט זיין צו האַלטן קיין קריסטלעכע שקלאַפן. אין ערשטן בריוו זעען מיר ווי דער פּויפּסט זוכט צו באַשיצן די יידן, כאָטש ער הייסט צונעמען די שול, אויב זי איז צו נאָענט צו דער קירך. יידן האָבן ביז כמעט אונדזער צייט געמוזט ליידן אין אַ סך אייראָפּעאישע לענדער דערפון, וואָס מ'האָט זייערע שולן ניט דערלויבט בויען אויף אַן אָנזעעוודיקן אופן און קיינמאָל ניט אַזוי הויך ווי די קירך. דעריבער זיינען פאַראַנען אַ סך אַלטע שולן, ווי די אַלטע פּראַגער שול, למשל, וואָס זיינען געבויט טיף אין דער ערד און מאַכן פון דרויסן גאָר קיין איינדרוק ניט. די קריסטלעכע גייסטלעכע האָבן זיך בסדר אויך געטשעפּעט צו די יידן, אַז זיי דאַרפן צו הויך און זייערע קולות שטערן די קריסטלעכע מתפּללים. דער צווייטער בריוו ווייזט גרעגאָרס קעגנערשאַפט צו קריסטלעכע שקלאַפן ביי יידן. פון דעם בריוו זעען מיר אויך, אַז דעמאָלט האָבן זיך געפונען אין איטאַליע רייכע יידישע

לאַנד־אייגנטימער, וואָס האָבן פאַרדונגען שטחים ערד און מסתמא זיינען אויך געווען גאָר אַ סך אָרעמע יידישע לאַנד־אייגנטימער.

א. צו די בישאָפן באַקאָודאַ און אַגנעלוס

די יידן פון טעראַטשינאַ האָבן זיך געווענדט צו אונדז, אַז מיר זאָלן זיי דערלויבן אָנהאַלטן זייער סינאַגאָגע אונטער אונדזער שוץ אויפן זעלבן אָרט ווי ביז איצטער. אָבער אַזוי ווי מ׳האָט אונדז געלאָזט וויסן, איז דער פּלאַץ אַזוי נאָענט צו דער קירך, אַז די קולות זייערע ביים דאַווענען דערגרייכן דאָרט אַהין, האָבן מיר געשריבן צו אונדזער ברודער און בישאָף, אַז אויב מ׳הערט זייערע [די יידנס] קולות אין דער קירך, מוזן זיי אויפהערן דאָרט צו דאַווענען. דעריבער זאָלן אייערע ברודערשאַפטן, צוזאַמען מיטן פריער דערמאָנטן בישאָף, גוט אַרומקוקן די סביבה, און אויב איר וועט געפינען אַ וועלכע ניט איז שטערונג פאַר דער קירך, זאָלט איר באַשטימען פאַר די דערמאָנטע יידן אַן אַנדער אָרט, אין דער פעסטונג, וואו זיי זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענקומען און פראַווען אומגעשטערט זייערע צערעמאָניעס. זאָלן אָבער אייערע ברודערשאַפטן באַשטימען אַזאַ אָרט, אויב דאָס וועט צוגענומען ווערן, וואָס זאָל ניט דערלאָזן קיין מעגלעכקייט צו באַקלאָגן זיך דערויף אין דער צוקונפט. מיר פאַרבאָטן צו דריקן אומנייטיקערהייט די דערמאָנטע יידן. אַזוי ווי זיי איז דערלויבט, אין הסכם מיטן רעכט, צו וואוינען און צו זיין אונטערן שוץ פון דער רוימישער מאַכט, טאָ זאָלן זיי פראַווען זייערע יום־טובים, ווי זיי זיינען געוואוינט און קיינער זאָל זיי ניט שטערן. נאָר סע זאָל זיי ניט דערלויבט ווערן צו האַלטן קיין קריסטלעכע שקלאַפן.

ב. צום בישאָף ווענאַטיוס אין לונאַ

דורך אַ סך מענטשן האָט צו אונדז דערגרייכט די ידיעה, אַז די יידן וואָס וואוינען אין לונאַ האָבן קריסטלעכע שקלאַפן. דאָס האָט אונדז אויסגעזען נאָך מער באַליידיקנדיק דערפאַר, וואָס דיין ברידערלעכקייט דערלאָזט דערצו. ס׳איז מיין חוב, כאָטש מחמת

דעם אָרט, וואָס דו פאַרנעמסט אין דער קריסטלעכער קירך, האָסטו בשום אופן ניט געטאָרט דערלאָזן אַז פשוטע באַשעפענישן זאָלן דינען דעם יידישן אַבערגלויבן ניט פון אייגענעם ווילן, נאָר דורך דער מאַכט פון אויטאָריטעט. דעריבער דערמאָנען מיר דיין ברייִ־דערלעכקייט, אַז לויט די פרימסטע פאַרשריפטן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן און לויט וועלכע מע פירט זיך, טאָר מען א יידן ניט דערלויבן צו האַלטן קיין קריסטלעכן שקלאַף. נאָר טאָמער וועט זיך יאָ געפינען אַ קריסטלעכער שקלאַף ביי יידן, זאָל ער באַפרייט ווערן און געשיצט ווערן פון געזעץ. אָבער די וואָס זיינען אויף דעם [לאַנד] אייגנטום פון די יידן, כאָטש זיי זיינען פריי פון לעגאַלע פליכטן, זאָלן זיי ווייטער מעגן באַאַרבעטן די לענדערייען לויט זייערע אָפּמאַכן, ווי זיי זיינען דאָס געוואוינט געווען צו טאָן פון לאַנג. זאָלן זיי צאָלן זייערע צאָלונגען צו די פריער־דערמאָנטע פאַרשווינען [יידישע לאַנד־אייגנטימער] און זאָלן זיי מעגן טאָן אַלץ, וואָס דאָס געזעץ פאָדערט פון ערד־אַרבעטער אדער פון איינגעבוירענע. קיין איבעריקע לאַסט זאָל אויף זיי ניט אָרויפגעלייגט ווערן.

4

די כראָניק פון אחימאַץ

דער „ספר יוחסין" אָדער די כראָניק אחימאַץ איז, ווי דער מחבר אליין באַצייכנט זי, אַ גענעאַלאָגיע פון אַכט דורות פון אַן אָנגעזעענער יידישער משפחה אין דרום איטאַליע. די כראָניק הייבט זיך אָן אין מיטן ניינטן יאָר־הונדערט, און ענדיקט זיך מיטן מחבר גופא, אחימאַץ בן פלטיאל, וואָס האָט דעם „ספר יוחסין" געשריבן אין יאָר 1054. אַ גרויסע טייל פון דער כראָניק ווערט אָפּגעגעבן דעם קיניג באַזיל I (רעגירט 867־886), וואָס האָט אָנגעפירט אַ ברוטאַלע קריסטלעך־מיסיאָנערישע טעטיקייט צווישן יידן, און זיין זון לעאָ (רעגירט 886־912), וואָס האָט זיך באַצויגן פריינדלעכער צו יידן. די אַראַבישע אינוואַזיע, וואָס ווערט דערמאָנט, נעמט אַרום די צווייטע העלפט פונעם ניינטן יאָרהונדערט. אלמואיזן ווערט דאָ צוגעשריבן אַן אינוואַזיע אין אַ צייט, וואָס ער האָט נאָך ניט געלעבט. דער ר' פלטיאל, וואָס איז געווען אַ נאָענטער בעל יועץ און שפּע־טערדיקער וויזיר פון אלמואיזן (קאַליף אבו מאמין מאאד) איז געווען באַרימט אין עגיפּטן אין דער ערשטער העלפט פון צענטן יאָרהונדערט. ר' פלטיאל איז דער עלטסטער וויזיר, וואָס די יידישע געשיכטע קען. די טיילן פון דער כראָניק, וואָס ווערן ווייטער געבראַכט, באַציען זיך בלויז אויף באַזילן, אויף לעאָן און אויף דער אַראַבישער אינוואַזיע פונעם מיטן ניינטן יאָרהונדערט.

אין יענע טעג האָט געוועלטיקט איבער די אדומים אַ שלעכטער מענטש, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו דער כסא מלוכה דורך

אָפּנאַרעריי און מאָרד. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צום פּעלז, דעם איינציקן גלויבן צווישן דער זרע פון די קדושים ותמימים. דאָס איז געווען אינעם אַכט הונדערטסטן יאָר נאָכן חורבן פון דער הייליקער שטאָט און פון בית־המקדש, דעם פּלאַץ פון רום, און אינעם אַכט הונדערטסטן יאָר פונעם גלות פון די קינדער פון יהודה און פון די קינדער פון ישראל; ווען ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ מלך, וואָס האָט געהייסן באַזיל, אַ געצנדינער, וואָס האָט געוואָלט פאַרטיליקן די קינדער פון ישראל, וואָס זיינען אונטער גאָטס השגחה, און האָט זיי געוואָלט אַראָפּפירן צו זינד און אָפּווישן די שארית הפליטה פון ישראל. ער האָט זיי געוואָלט נייטן זיך אָפּצוזאָגן פון דער תורה און אָננעמען די אומווערדיקייט [די קריסטלעכע אמונה]. ער האָט געשיקט רייטער אין אַלע טיילן פון זיין קיניג־רייך צו נייטן די יידן זיך אָפּצואָווענדן פון זייער אמונה און זיך דערנענטערן צו דער נאַרישקייט [קריסטלעכע אמונה]. און דעם מלכס שליחים האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד אַזוי ווייט ווי די האַפן שטאָט אָטראַנטאָ, און פון דאָרטן זיינען זיי אַריבער אין אַפּוליע. ווען די ידיעה וועגן זייער קומען האָט דערגרייכט די באַוואוינער, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרן. זיי [די רייטער] זיינען דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד פון איין עק ביז אַנדערן עק און זיי זיינען אָנגעקומען קיין אָריאַ, און זיי האָבן געהאַט מיט זיך אַ בריוו, מיט אַ חתימה פונעם מלך — די חתימה איז געווען מיט דער גאָלדענער בולע [דעם מלכס פערזענלעכע חתימה] — וואָס דער מלך האָט געשיקט צו ר׳ שפטיה.

און דאָס זיינען די ווערטער, וואָס זיינען געווען געשריבן אין דעם בריוו: „איך, מלך באַזיל, שיק צו דיר, ר׳ שפטיה, אַז דו זאָלסט קומען צו מיר. קום צו מיר, האַלט זיך ניט אָפּ פון קומען, ווייל איך האָב געהערט פון דיין גרויסער פאַרשטאַנדיקייט, חכמה און גע־לערנטקייט און איך גלוסט דיך צו זען. איך שווער ביי מיין לעבן און ביי דער קרוין אויף מיין קאָפּ, אַז דיין קומען וועט זיין בשלום און אַז איך וועל דיך בשלום אַהיים שיקן. איך וועל דיך אויפ־נעמען מיט אַזאַ כבוד, ווי כ׳וואָלט אויפגענומען איינעם פון מיינע

מקורבים, און וואָס דו וועסט ניט פאַרלאַנגען פון מיר, וועל איך דערפילן מיט גרויס ליבשאַפט.״

ר׳ שפטיה האָט זיך אויפגעזעצט אויף אַ שיף צו פאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס דער מלך קאָנסטאַנטין האָט אויפגעבויט — גאָט זאָל צעשטערן איר שיינקייט און די מאַכט פון אירע באַוואוינער — און גאָט האָט אים געלאָזט געפינען חן אין מלכס אויגן און אין די אויגן פונעם גאַנצן קיניגלעכן הויף.

ער [דער מלך] האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער תורה און וועגן בית המקדש און דאָן וועגן דער טומאה, וואָס מ׳רופט סאָפיא [די סט. סאָפיע קירך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל] און ער האָט אים געפרעגט אויף וועלכן בנין ס׳איז פאַרברויכט געוואָרן אַ גרעסערער אוצר. און ער [ר׳ שפטיה] האָט געענטפערט אין געציילטע ווערטער און געזאָגט: „זאָל דער מלך הייסן ברענגען פאַר זיך די תורה און ער וועט אויסגעפינען דאָרט וועלכער בנין ס׳האָט געקאָסט מער״. ער [דער מלך] האָט תיכף אַזוי געטאָן און ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס פאַרמעגן, וואָס דוד און שלמה האָבן פאַרנוצט [אויף צו בויען דעם בית־המקדש] איז מיט 120 טאַלענטן גאָלד און 500 טאַלענטן זילבער מער ווי דאָס, וואָס סאָפיע האָט געקאָסט. דערויף האָט דער מלך אויסגערופן: „ר׳ שפטיה האָט מיט זיין חכמה מיך מנצח געווען״. ר׳ שפטיה האָט אָבער געענטפערט: „מיין האַר, מנצח געווען האָט די תורה און ניט איך...״

ווען ער איז שוין גרייט געווען צו גיין, האָט אים דער מלך ווידער גערופן [צו זיך] און געזאָגט צו אים: „שפטיה, בעט פון מיר עפּעס און איך וועל דיר געבן פון מיינע אוצרות, און אויב דו פאַרלאַנגסט ניט קיין געלט, וועל איך דיר געבן אַ נחלה פון שטעט, ווייל איך האָב געזאָגט אין מיין בריוו צו דיר, אַז איך וועל טאָן דיין ווילן.״ ער [שפטיה] האָט געענטפערט מיט צער און מיט אַ ביטער געוויין: „אויב דו, מיין האַר, ווילסט טאָן אַ חסד מיט שפטיהן, דערלויב די וואָס לערנען גאָטס תורה צו לעבן אין פרידן, גייט זיי ניט אָפּצוזאָגן זיך פון דער תורה און דערדריק זיי ניט אין פּיין און איןליידן. נאָר אויב דו ביסט אומוויליק אַזוי צו דערפילן מיין פאַרלאַנג, טאָ טו דאָס פון מיינעטוועגן, אַז מ׳זאָל קיינעם

ניט אָפּשמדן אין מיין שטאָט [אריא]". דער מלך האָט געענט־פערט מיט כעס: „וואָלט איך ניט געשיקט קיין בריוו מיט מיין חתימה און געגעבן א שבועה, וואָלט איך די רגע דיך באַשטראָפט. נאָר ווי קאָן איך דיר שלעכטס טאָן, אז איך האָב זיך מתחייב געווען אין דעם בריוו און איך קאָן דערויף קיין חרטה ניט האָבן". האָט ער [דער מלך] ארויסגעגעבן א כתב, פאַרחתמעט מיט אַ גאָלדענער חתימה, אַ באַפעל, אז קיין שמד זאָל ניט פאָרקומען אין דער שטאָט אריא. און ער האָט אים דערמיט בשלום און מיט כבוד אַהיים געשיקט צו די זייניקע.

דערנאָך האָט דער רשע [דער מלך] ווייטער געשיקט שליחים אין אַלע לענדער [פראָווינצן] פון זיין קיניגרייך און ער האָט באַפוילן זיינע שליחים צו נייטן [די יידן] אָפּצוזאָגן זיך פון זייער אמונה און אָנצונעמען די נארישקייט. די זון און די לבנה זיינען פאַר־טונקלט געוואָרן אויף פינף און צוואַנציק יאָר, ביזן טאָג פון זיין טויט, זאָל זיין סוף זיין פאַרשאָלטן. זאָלן זיינע זינד און זיין רשעות באַצאָלט ווערן און זיינע חטאים ניט פאַרגעסן ווערן. זאָלן זיינע זינד אָפּגערעכנט ווערן אויף מלכות אדום און זיין קיניגלעכע מאַכט זאָל אָראָפּגעשטויסן ווערן פון איר הויכער מאַכט און זיין מלכות זאָל פאַרשווינדן פון דער ערד, צו ברענגען פרייד פאַר די ליידנדיקע און טרייסט צו די אבלים. מיר זאָלן זוכה זיין באַלד צו דערלעבן משיחן.

נאָך אים איז אויפגעשטאַנען זיין זון לעאָ, וואָס דער האר גאָט האָט אים אויסדערוויילט, זאָל זיין אָנדענקען געבענטשט זיין. ער האָט אָפּגעשאַפט די גזירה, וואָס זיין פאָטער האָט גוזר געווען און האָט דערלויבט די יידן זיך אומצוקערן צו זייער אמונה, צו זייערע געזעצן און צו זייער תורה און צו היטן זייערע שבתים און אַלע מצוות און דינים ווי פון אַלע צייטן. געלויבט זאָל זיין דער, וואָס האָט זיי ניט איבערגעענטפערט אין די הענט פון זייערע פיינט, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון זייערע באַליידיקער און האָט זיי אויסגעלייזט פון זייערע באַדריקער. געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט פון די הימלען אויף אייביק און אייביק.

אָרום דער צייט האָבן די ישמעאלים [אראַבער] אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דאָס לאַנד מיט זייערע חיילות, אריבערצושפּרייזן די גרע־

נעצן פונעם קיניגרייך פון די ערלים, דאָס לאַנד פון די געצנדינער [איטאַליע]. זיי [די ישמעאלים] האָבן געבראַכט פאַרוויסטונג קיין קאַלאַבריאַ, האָבן געבראַכט אַ צעטומלעניש אויף זייערע שטעט, האָבן צעשטערט זייערע פּראָווינצן און איינגעלייגט די ווענט פון זייערע שטעט. זיי זיינען אָנגעקומען קיין אַפּוליע. דאָרט זיינען זיי נאָך מעכטיקער געוואָרן, זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די באַוואוינער און צעשטערט זייער מאַכט און פאַרכאַפּט אַ סך שטעט, זיי פאַרוויסט און געפּלינדערט.

אין יענע טעג האָט זיך אין באַרי געפונען סודן [סודאַן] דער מלך [פירער] פון די ישמעאלים, וואָס האָבן געהאַט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. ער האָט געשיקט שליחים צו דער באַרימטער שטאָט אריא צו שליסן אַ בונד פון שלום מיט אירע איינוואוינער, צוזאָגנדיק זיי נישט צו פאַרוויסטן זייער לאַנד, נאָר בלויז צו נעמען צינזן פון זיי. נאָר דאָס איז בלויז געווען אַן אויסרייד צו קאָנען אָנפאַלן אויף זיי פּלוצים, איינגעמען און פאַרוויסטן זיי.

און דער שר [גובערנאַטאָר] פון באַרי האָט געשיקט צו ר׳ שפטיה, ער זאָל זיך צוהערן צו זיין פאַרלאַנג און קריגן אַ כתב, וואָס טראָגט זיין [סודנס] חתימה, וואו ער איז זיך מתחייב, אַז די פאַרהאַנדלונגען וועלן געפירט ווערן ווי ס׳געהער צו זיין. סודן המלך האָט אים מקבל געווען מיט כבוד, האָט צו אים גערעדט פריינדלעך און האָט זיך מיט אים אַ סך אָפּגעגעבן פאַר די אויגן פון אַלע פרינצן, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט אים מקבל צו זיין. ער האָט דאָס בכיוון געטאָן, ווייל ער [שפטיה] האָט ניט געקאָנט צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין שבת. ער [סודאַן] וועט אים ניט לאָזן גיין, כדי ער זאָל ניט קאָנען לאָזן וויסן זיין האַר [דעם גובערנאַטאָר] וועגן די פּלענער פון זיין שונא. ווען ר׳ שפטיה האָט פאַרשטאַנען אַז מע האָט אים אָפּגענאַרט, האָט ער געזאָגט: „לאָז מיך אוועקגיין פון דיר, ווייל דו האָסט מיך אָפּגענאַרט מיט דיין כיטרעקייט." „וואוהין וועסטו איצטער גיין, דער שבת דאַרף זיך באַלד אָנהייבן", האָט ער [סודן] ווידער געזאָגט צו אים. „לאָז מיך גיין, מיין האַר, זאָרג זיך ניט פאַר מיר." האָט ער אים דערלויבט אוועקצוגיין און ער איז אוועקגעגאַנגען. און ער האָט זיך דערוויטערט מיט דער

האָפענונג, אַז גאָט וועט אים העלפן. ער האָט אויפגעשריבן דעם שם המפורש אויפן פערדס פּאַדקאָווע, אַז ער זאָל האָבן קפיצת הדרך, און די ערד איז אויף אַ וואונדערלעכן אופן איינגעשרומפּן געוואָרן פאַר אים.

און ווי ער האָט דערגרייכט די גרענעץ פון דער שטאָט האָט ער אויסגעשריגן צו די מענטשן ארום: „קומט אַרויס שנעל און אַנטלויפט פון דער אויסערלעכער טייל פון דער שטאָט, ווייל סודן, דער מלך פון די ישמעאלים קומט מיט אַלע חיילות, צוצונעמען אַלע אונדזערע פאַרמעגנס, צו הרגענען, רויבן און פּלינדערן." און ווי ער האָט זיך דערנענטערט איז דער שר פון דער שטאָט אַרויס־געגאַנגען אים מקבל פנים צו זיין. ר' שפטיה האָט דערציילט, וואָס ס'האָט זיך מיט אים פאַרלאָפן און זיי האָבן זיך אַן עצה געהאַלטן וועגן דעם. אַזוי איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריין איידער די זון איז פאַרגאַנגען. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן אין מרחץ און מקבל שבת געווען ווי ס'געהער צו זיין...

אין יענע טעג האָבן די ישמעאלים מיט זייערע חיילות, אונטער דער אָנפירונג פון אַלמואיז און קאַיד זיך פאַרשפּרייט איבער איטאַ־ליע. זיי האָבן פאַרוויסט די גאַנצע פּראָווינץ קאַלאַבריאַ און דער־גרייכט ביז אַריאַ, ביי דער גרענעץ פון אַפּוליע. האָבן זי באַלאַגערט און מנצח געווען אַלע אירע חיילות, אַזוי אַז די שטאָט האָט זיך געפונען אין גרויס נויט, אירע פאַרטיידיקער האָבן ניט געהאַט קיין מאַכט זיך צו שטעלן קעגן די אָנפאַלער און זי איז איינגענומען געוואָרן מיט שטורעם. די שווערד האָט זיך איינגעשניטן ביז דער נשמה. זיי האָבן אויסגעהרגעט כמעט אַלע באַוואוינער, און האָבן די איבערגעבליבענע גענומען געפאַנגען. און קאַיד האָט זיך נאָכ־געפרעגט אויף ר' שפטיהס משפחה, ער האָט נאָך זיי געשיקט און גאָט האָט זיי געלאָזט געפינען חן אין זיינע אויגן. ער האָט זיין חסד פאַרשפּרייט איבער ר' פלטיאל זיין קנעכט און האָט אים גע־לאָזט געפינען חן ביי אים [קאַידן] און ער האָט אים געלאָזן [ביי זיך] און ער האָט אים געהאַלטן אין זיין געצעלט און אים געהאַלטן אַרום זיך, אַז ער זאָל אים דינען.

5

דער בריוו פון כוזרישן מלך צו חסדאי איבן שפרוט

דער בריוו פונעם כוזרישן מלך צום יידישן פינאַנץ מיניסטער חסדאי איבן שפרוט פון קאָרדאָווע, איז אַן ענטפער אויף אַ בריוו וואָס שפרוט האָט געשיקט צום קיניג פון קאזאריע אויסצוגעפינען וואָס פאַר אַ לאַנד דאָס איז און פאַרוואָס די איינוואוינער פון דעם דאָזיקן לאַנד האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. ידיעות וועגן די כוזרים, וואָס האָבן אַרום מיטן אַכטן יאָרהונדערט אָנגענומען די יידישע אמונה, האָבן זיך געהאַט פאַרשפּרייט צווישן יידן נאָך אַ סך פריער איידער דער קאָרדאָווער מיניסטער האָט געקראָגן זיין ענטפער. דער בריוו פונעם כוזרישן קיניג יוסף איז ביז 1911 געווען באַקאַנט אין אַ ניט קאָרעקטן נוסח. אין 1911 האָט פּראָפעסאָר שעכטער געפונען אין דער קאַירער גניזה אַ טעקסט, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַן אויטענטישע קאָפּיע פונעם אָריגינעלן בריוו.

...די איינוואוינער פון קאזאריע האָבן לכתחילה געלעבט אָן תורה און דעריבער זיינען זיי אויך געבליבן אָן דער קענטעניש פון לערנען און שרייבן. און די יידן, וועלכע זיינען געקומען קיין קאזאריע, האָבן זיך משדך געווען מיט די איינוואוינער פון לאַנד און זיך אויסגעמישט מיט זיי. זיי האָבן זיך אָפּגעלערנט פון זיי זייער הילוך און זיי פלעגן כסדר גיין צוזאַמען אויף מלחמות, ווערנ־דיק [מיט זיי] איין פאָלק. זיי האָבן אָפּגעהיט בלויז דעם דין מילה, און אַ טייל פון זיי פלעגט אָפּהיטן שבת. און אין לאַנד קאזאריע איז קיין קיניג ניט געווען, נאָר דער, וואָס פלעגט אָפּהאַלטן אַ נצחון

אין אַ מלחמה, פלעגט ווערן דער פירער. איין מאָל, ווען יידן זיינען ווי תמיד צוזאַמען מיט זיי אַרוים מלחמה האַלטן, האָט פּאַסירט, אַז אין איינעם אַ טאָג האָט מנצח געווען די שווערד פון אַ געוויסן יידן, וועלכער האָט צעשלאָגן די שונאים, וואָס זיינען אַנגעפאַלן אויף קאַזאַריע. די איינוואוינער פון קאַזאַריע האָבן דעם דאָזיקן יידן אויסגערופן פאַר זייערן אַ פירער, ווי דאָס איז ביי זיי געווען אַ מנהג פון לאַנג.

אַזאַ מצב האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, ביז גאָט האָט מיט זיין חסד גערירט דאָס הארץ פונעם פירער, ער זאָל זיך צוריק דערמאָנען [אינעם יידישן גלויבן]. דערצו האָט אים באַוואויגן זיין פרוי מיטן נאָמען סרח, וועלכע האָט געהאַט גרוים הצלחה ביים אומקערן אים, און ער האָט זיך געלאָזט משפיע זיין, ווייל ער איז שוין געווען געיידישט, און דער פּאַטער פון דעם מיידל, אַ צדיק — לויט זיין דור — האָט אים געוויזן דעם וועג פון לעבן. און ווען דאָס האָבן דערהערט די קיניגן פון מוקדון און די אַראַבישע קיניגן זיינען זיי אַנגעצונדן געוואָרן מיט אַ גרימצאָרן און האָבן געשיקט שליחים צו די הארן פון קאַזאַריע מיט זלזולים אויף [דעם פאָלק] ישראל, זאָגנדיק: „נאָך וואָס דאַרפט איר אָננעמען דעם יידישן גלויבן, בעת זיי [די יידן] זיינען אונטערטעניק צו אַלע פעלקער? און זיי האָבן געזאָגט ווערטער, וועלכע מען קאָן ניט איבערחזרן, און האָבן באַוואויגן די הערצער פון די הארן צו שלעכטס. דאַן האָט דער העכסטער האַר, וועלכער איז געווען אַ ייד, אַ זאָג געטאָן: „וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן? זאָלן קומען די לומדים פון ישראל, די גריכישע געלערנטע און די אַראַבישע געלערנטע און זאָל אַ יעדער פון זיי אונדז און אייך פאַרשטעלן די ענינים פון זיין גאָט, און מיר וועלן זען, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען." און אַזוי האָבן זיי געטאָן. זיי האָבן אַרויסגעשיקט שליחים צום גריכישן קיניג ווי אויך צו די אַראַבישע קיניגן, און די לומדים פון ישראל האָבן גוט-וויליק פאַרגעלייגט זייער הילף די איינוואוינער פון קאַזאַריע. און די גריכן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסעדותן מיט זייער אמונה, און די יידן און די אַראַבער האָבן דאָס אָפּגעוואָרפן. און דערנאָך האָבן זיך אויסגעעדותט די אַראַבער, און די יידן און די גריכן האָבן דאָס

אפגעווארפן, און דערנאך האבן די לומדים פון ישראל אנגעהויבן פון ששת ימי בראשית ביז יציאת מצרים און ביזן אנקומען צו אן אייגן לאנד. די גריכן און די אראבער האבן עדות געזאגט, אז דאס איז אמת און געהאלטן, אז די יידן זיינען גערעכט, זיי זיינען אפילו אריינגעפאלן [צווישן זיך] אין א סכסוך. און די הארן פון קאזא־ריע האבן געזאגט: „אט־א דא איז די הייל אין טאל תיזול [תיזול איז אמאל געווען א שטאט לעבן קערטש], נעמט אונדז ארויס די ספרים, וואס געפינען זיך דארט און טייטשט זיי אויס בעת מיר זיינען דערביי." די חכמים האבן אזוי געטאן, זיי זיינען אריינגע־גאנגען אין דער הייל. דארט זיינען געווען די ספרי־תורה פון משה [רבנו] און זיי האבן זיי פארטייטשט אין הסכם דערמיט, וואס זיי האבן פריער געזאגט און ישראל [די יידן פון קאזאריע] האט זיך אומגעקערט מיטן גאנצן הארצן [צום יידישן גלויבן] צוזאמען מיט די איינוואוינער פון קאזאריע.

און פון דאמאלט אן פלעגן קומען יידן פון באגדאד, פון כארא־סאן [א פראווינץ אין צפון פערסיע] און פונעם גריכישן לאנד און האבן געשטארקט די איינוואוינער פון לאנד און האבן זיי באפעס־טיקט אין דעם בונד פון „אב המון גוים".

6

די איינשווערונג צערעמאָניע פון אַ נייעם ראש הגולה אין בבל

דער ראש הגולה, וואָס איז געווען דער אָפיציעל אנערקענטער פירער פונעם באַבילאָנישן יידנטום, האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ הערשער. זיין מאַכט איבער דעם יידישן ישוב אין בבל און זיין רייך לעבן איז געווען אַ שם דבר ביי יידן. דער עקזילאַרך אָדער ראש הגולה איז געווען דער ממונה איבער די יידישע שטייערן און מחמת דעם איז ער אָפט געווען נישט באַליבט ביים פאָלק. טייל עקזילאַרכן, ווי למשל דוד בן זכאי אין דער צייט פון סעדיה גאון, האָבן פאַרבויגן רעכט און גערעכטיקייט. די באַשטימונג פון אַ נייעם עקזילאַרך איז ביים פאָלק געווען אַ צייכן פאַר שמחות און האָפענונגען אויף בעסערע צייטן. די וויטערדיקע באַשרייבונג וועגן דער איינשווערונג צערעמאָניע פון אַ נייעם עקזילארך האָט אונדז איבערגעלאָזן דער געלערנטער ר' נתן הכהן בן יצחק הבבלי, וואָס האָט געלעבט אין צענטן יאָרהונדערט.

ווען די קהילה האָט מסכים געווען צו באַשטימען אַ ראש הגולה זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די צוויי ראשי ישיבות [פון סורא און פומבדיתא] מיט זייערע תלמידים, די פירער פון דער קהילה און די זקנים אין אַ הויז פון אַ חשובן מענטשן אין בבל, אין אַ הויז פון איינעם פון די גרויסע מענטשן פון זיין דור, ווי למשל, ביי נטירא, אָדער ביי אַן ענלעכן מאַן.

דאָנערשטיק האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אין שול און האָבן אַוועקגעלייגט די הענט אויף אים [דעם ראש הגולה] און אים געבענטשט.

מ׳האָט געבלאָזן שופר אָנצוזאָגן דעם גאַנצן פאָלק, קליין און גרויס. ווען דאָס פאָלק האָט געהערט דאָס שאַלן, האָט דעמאָלט יעדער געשיקט אים, דעם ראש הגולה, אַ מתנה לויט זיינע מעגלעכקייטן. אַלע פירער פון דער קהילה און די רייכע באַלעבאַטים האָבן אים געשיקט טייערע קליידער און ווערטפולע חפצים, זילבערנע און גאָלדענע כלים — יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן. דער ראש הגולה האָט צוגעגרייט אויף דאָנערשטיק און פרייטיק אַ סעודה, וואו מ׳האָט געטיילט פאַרשיידענע מאכלים און כלערליי געטראַנקען און כל המינים צוקערוואַרג און זיסוואַרג.

ווען ער [דער ראש הגולה] איז אויפגעשטאַנען שבת צו גיין אין שול אריין, האָבן אויף אים שוין געוואַרט אַ סך חשובע לייט אים צו באַגלייטן. אין דער שול איז שוין פון אַ טאָג פריער געווען צוגעגרייט פאַר אים אַ הילצערנע בימה, וואָס איז געווען זיבן טפחים הויך און דריי טפחים ברייט. די בימה איז געווען באַדעקט מיט פראַכטפולע דעקעס געוועבט פון זילבער, בלוי, פורפור און רויט. דאָס געוואַנט האָט אינגאַנצן באַדעקט די בימה און מ׳האָט גאָרניט אַרויסגעזען. אונטער דער בימה זיינען אַרונטערגעגאַנגען געראָטענע בחורים מיט מעלאָדישע שטימעס, וואָס האָבן געקאָנט שיין דאַוונען. דער ראש הגולה איז געווען פאַרהוילן פון עולם אין אַ פלאַץ צוזאַמען מיט די ראשי ישיבה, און די בחורים זיינען געשטאַנען הינטער דער בימה. דער חזן האָט אָנגעהויבן „ברוך שאמר" און די בחורים האָבן געענטפערט: „ברוך הוא". ווען ער האָט געזאָגט מזמור שיר ליום השבת [תהילים, קאַפּ. 91] האָבן זיי נאָכגעזאָגט „טוב להודות לה׳". דער גאַנצער עולם האָט געזאָגט „פיסוקי דזימרה" [תהילים, קאַפּ. 145-150] ביז ער האָט פאַרענדיקט. דער חזן האָט נאָך דעם אָנגעהויבן זאָגן „נשמת כל חי" און די בחורים האָבן געענטפערט: „תברך את שמך". ער האָט געזאָגט אַ פסוק און זיי האָבן אָפּגעענטפערט ביז זיי זיינען געקומען צו דער „קדושה", וואָס דער עולם האָט געזאָגט שטיל און די בחורים הויך.

די בחורים זיינען אַנטשוויגן געוואָרן און דער חזן האָט אַליין פאַרענדיקט דאָס דאַוונען ביז „גאל ישראל". דער עולם האָט זיך

אויפגעשטעלט צו זאָגן „שמונה עשרי". ווען דער חזן האָט געזאָגט די הויכע „שמונה עשרי" און איז צוגעקומען צו דער „קדושה", האָבן די בחורים געזאָגט הויך, אויפן קול „האל הקדוש". ווי נאָר ער [דער חזן] האָט פאַרענדיקט די קדושה האָט זיך דער גאַנצער עולם אַוועקגעזעצט. ווען אַלע זיינען שוין געזעסן איז דער ראש הגולה אַרויסגעקומען פון זיין פאַרהוילן אָרט. ווען מ'האָט אים געזען אַרויסקומען האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און געשטאַנען ביז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם אָרט אויף דער בימה, וואָס איז פאַר אים צוגעגרייט געוואָרן. נאָך אים איז דער ראש ישיבה פון סורא אַרויסגעקומען און נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך באַגריסט, האָט זיך דער ראש הגולה אַוועקגעזעצט. נאָך דעם איז אַרויסגע־קומען דער ראש ישיבה פון פומבדיתא און אויך ער האָט זיך פאַר־נייגט [פאַרן ראש הגולה] און זיך אַוועקגעזעצט לינקס פונעם ראש הגולה.

במשך פון דער צייט, וואָס די דאָזיקע דריי האָבן זיך אַוועק־געזעצט, איז דער עולם געשטאַנען. דער ראש הגולה איז געזעסן אין דער מיט, דער ראש ישיבה פון סורא צו זיין רעכטער זייט און דער ראש ישיבה פון פומבדיתא צו לינקס. צווישן דעם ראש הגולה און די ראשי ישיבה איז געווען פריי פּלאַץ. איבערן קאָפּ [פונעם ראש הגולה] איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ פּראַכטפולע דעק, צוגע־בונדן מיט בענדער פון פיינעם לייוונט און פורפור.

דער חזן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אונטערן ראש הגולהס חופּה פון פאַרנט פון דער בימה און מיט ברכות, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַר אים נאָך מיט אַ טאָג פריער, האָט ער אים [דעם ראש הגולה] געבענטשט מיט אַ שטיל קול, אַזוי, אַז ס'האָבן דאָס גע־הערט בלויז די, וואָס זיינען געזעסן אַרום דער בימה און די בחורים הינטער דער בימה. ווען ער האָט אים געבענטשט האָבן די בחורים נאָכגעזאָגט: „אמן". דער גאַנצער עולם האָט געשוויגן ביז ער האָט פאַרענדיקט די ברכות.

נאָך דעם האָט דער ראש הגולה אָנגעהויבן צו דרשענען אויף דער סדרה פון דער וואָך אָדער ער האָט געבעטן דעם ראש ישיבה פון סורא, אַז ער זאָל דרשענען. דער ראש ישיבה פון סורא האָט ווידער

געבעטן דעם גאון פון פומבדיתא, אז יענער זאל דרשענען. אזוי ארום האבן זיי זיך אפגעגעבן כבוד איינער דעם אנדערן ביז לסוף האט דער ראש ישיבה פון סורא אנגעהויבן דרשענען. דער איבער־זעצער איז געשטאנען לעבן אים און האט איבערגעחזרט זיינע ווערטער צום עולם. ער האט געדרשנט מיט יראת הכבוד, מיט פארמאכטע אויגן און אזוי איינגעהילט אין זיין טלית, אז זיין שטערן איז געווען פארדעקט. ווען ער האט געדרשנט האט זיך נים געפונען קיין איינער צווישן גאנצן עולם, וואס זאל עפענען ס׳מויל, אונטערברומען אדער ארויסלאזן א קלאנג. טאמער האט ער געהערט וועמען רעדן, האט ער געעפנט די אויגן און א מורא איז באפאלן די עדה.

נאך דעם ווי ער האט פארענדיקט זיין דרשה האט ער זיך געווענדט מיט א שאלה: „דארפסטו באמת לערנען?" און א זקן א חכם און א דערפארענער מענטש האט זיך אויפגעשטעלט, געענטפערט און זיך אוועקגעזעצט. נאך דעם האט זיך דער חזן אויפגעשטעלט און געזאגט „קדיש". ווען ער איז געקומען צו די ווערטער „בקרוב בימינו", האט ער געזאגט „בחיי נשיאינו ראש גלות ובחייכון, ובחיי דכל בית ישראל".

ווען ער האט אפגעזאגט „קדיש" האט ער געבענטשט דעם ראש הגולה און די ראשי ישיבה. ווען ער האט פארענדיקט די ברכות האט ער זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן: „אזויפיל און אזויפיל האט מנדר געווען די שטאט אדער דאס דארף" און ער האט אויסגערופן אלע שטעט, וואס האבן מנדר געווען פאר דער ישיבה און האט זיי געמאכט „מי שברכם". דערנאך האט ער ארויסגענומען די ספר תורה און אויפגערופן א כוהן און נאך אים א לוי.

ווען דער עולם איז געשטאנען האט דער חזן צוגעטראגן די ספר תורה צום ראש הגולה און יענער האט זי גענומען אין זיינע הענט אריין, זיך אויפגעשטעלט און געלייענט פון איר. די ראשי ישיבה האבן זיך אויפגעשטעלט צוזאמען מיט אים און דער ראש ישיבה פון סורא האט פארטייטשט פאר אים. ער [דער ראש הגולה]

האָט צוריקגעגעבן דאָס ספר דעם חזן, וואָס האָט עס אריינגע-שטעלט אין ארון אריין.

דער חזן איז צוגעקומען צום ארון, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, און אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע ער-טער. נאָכן ראש הגולה האָבן געלייענט די תורה די מלמדים פון די ישיבות און נאָך זיי די תלמידים פון די ראשי ישיבה. די ראשי ישיבה האָבן ניט געלייענט, ווייל אַנדערע האָבן שוין געהאַט גע-לייענט פאַר זיי.

דער בעל מפטיר האָט געלייענט אחרון און לעבן אים איז געשטאַנען אַ חשובער און רייכער מאַן, וואָס האָט עס פאַרטייטשט. דאָס איז געווען אַ כבוד פאַר דעם דאָזיקן מאַן. ווען דער בעל מפטיר האָט פאַרענדיקט, האָט דער חזן ווידער געבענטשט דעם ראש הגולה און אַלע די וואָס האָבן געלייענט, און זיי האָבן געענט-פערט: „אמן!” דערנאָך האָט ער געבענטשט די ראשי ישיבה און אוועקגעשטעלט דאָס ספר אויף זיין פּלאַץ. נאָך דעם האָט מען געדאַוונט „מוסף” און מען איז אַהיים געגאַנגען.

7

דער ערשטער קרייצצוג

א

די כראָניק פונעם ערשטן קרייצצוג, פון שלמה בר׳ שמעון

1096

שלמה בר׳ שמעון, דער שרייבער פון דער כראָניק פון וועלכער מיר ברענגען דאָ טיילן, שרייבט אליין, אז ער האָט אין 1140 (תת״ק) די כראָניק אָפּגעשריבן אין מײנץ — מסתמא פון אַן עלטערן טעקסט — און אַז דאָרט האָט ער פון די „זקנים זיך דערוואוסט וועגן דער געשעעניש און לויט זייער דערציילן יעדע זאַך פאַרצייכנט ווי געהעריק.״ דער כראָניקער איז אוודאי געווען אַ מײנצער תושב און דעריבער גיט ער אָפּ דער מײנצער קהילה מער פּלאַץ, ווי די אַנדערע קהילות און ער רעדט אויך וועגן איר מיט דער וואַרעמקייט פון אַ בן עיר.

און אַט וועל איך דערציילן, ווי ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט די אָנפאַלן אין די איבעריקע קהילות, וואָס האָבן זיך געלאָזט טייטן, כדי צו הייליקן זיך פארן איינציקן גאָט, און ווי שטאַרק זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן אינעם אייביקן, אינעם גאָט פון זייערע עלטערן און האָבן ביזן אויסהויכן זייערע נשמות נאָר אים דערקענט ווי דעם איינציקן גאָט.

ס׳איז געווען אין יאָר פיר טויזנט, אַכט הונדערט און זעקס און פופציק פון דער וועלט באַשאַפונג און אין יאָר טויזנט אַכט און צוואַנציק פון אונדזער גלות [1096] ווען מיר האָבן געהאָפט אויף אַ

ישועה און א נחמה לויט דער נביאות פון ירמיה: „זינגט מיט פרייד וועגן יעקב און שאלט וועגן דעם קאפ פון די פעלקער". די האפענונג איז אבער פארביטן געווארן אויף זארג און זיפצן, קלאגן און געשרייען. ס'האבן זיך אויף אונדז אויסגעגאסן די גרויסע צרות וואס זיינען אין אלע תוכחות דערמאנט און ווערן אין זיי אנגעזאגט. און ליידן וואס ווערן אפילו אין די תוכחות ניט דערמאנט האבן אויך אויסגעבראכן איבער אונדזערע קעפ.

ס'האבן זיך תחילת באוויזן עזות פנימער, געמיין פאלק, א בייזע צוזאמענגעשלעפטע מחנה פון פראנצויזן און דייטשן, וואס האבן אויף זיך גענומען אוועקצולאזן זיך צו דער הייליקער שטאט [ירושלים], וואס איז פונעם רויבער פאלק [די רוימער] פארוויסט געווארן, כדי אויפצוזוכן דאס קבר פונעם געהאנגענעם ממזר [יעזוס]; די ישמעאלים, די באוואוינער פונעם לאנד, ארויסצוטרייבן און אליין צו באהערשן די מדינה. דעם צלם האבן זיי באשטימט פאר אן אפצייכן. זיי, סיי מאן, סיי פרוי, וואס זיינען גרייט געווען צו גיין דעם פאלשן וועג צום קבר פון זייער משיח, האבן אויסגעהאפטן דעם פסולן צייכן, דעם צלם, אויף זייערע קליידער. אזוי זיינען די מענער, פרויען און קינדער געווען מער ווי די היישעריקן אויף דער פלאך פון דער ערד און מ'האט אויף זיי געקאנט זאגן: „ניטא קיין מלך ביי די היישעריקן". ווען זיי זיינען אויף זייער וועג דורכגעגאנגען די שטעט וואו ס'וואוינען יידן, האבן זיי גערעדט צווישן זיך: „זעט נאר, מיר ציען אינעם וויטן וועג ארויין אויסצוזוכן דאס שאנד־הויז [געמיינט: יעזוסעס קבר] און נקמה נעמען פון די ישמעאלים און דא רוען צווישן אונדז יידן, וואס זייערע עלטערן האבן אומגעבראכט אומשולדיקערהייט און געקרייציקט אונדזער גאט. טא לאמיר פריער זיך נוקם זיין אין זיי און זיי פארטיליקן פון צווישן די פעלקער, אזוי אז דער נאמען ייד זאל מער ניט דערמאנט ווערן, אדער זאלן זיי ווערן ווי מיר און אננעמען אונדזער אמונה".

און ווי די קהילות האבן דערהערט וועגן די רייד האבן זיי זיך גענומען מתעסק זיין ווי זייערע עלטערן, נעמלעך: טאן תשובה, תפילה און צדקה. דאמאלס זיינען אפגעשוואכט געווארן די הענט

פונעם הייליקן פֿאָלק, זיין האַרץ איז געוואָרן אָפּהענטיק און זיין קראַפֿט איז געליימט געוואָרן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן פֿון דער דראָענדיקער שווערד אין די געהיימסטע באַהעלטענישן און האָבן זיך געפּייניקט מיט תּעניתים דריי טעג כּסדר, טאָג און נאַכט האָבן זיי געפֿאַסט, אויסער פּייניקונגען און תּעניתים אויך אין אַנדערע טעג, ביז זייער הויט, אויסגעטריקנט ווי האָלץ, האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זייערע ביינער. זיי האָבן אויפֿגעהויבן אַ יאָמערלעך געשריי, אָבער זייער פֿאָטער האָט זיי ניט געהערט. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון זייערע תּפֿילות, האָט זיך פֿאַרבאָרגן אינעם געוועלב, אַז קיין תּפֿילה זאָל אים ניט דערגרייכן. ער האָט פֿאַרמיאוסט ישׂראלס געצעלטן און ער האָט זיי דערווייטערט פֿון זיין אָנגעזיכט...

אין יענעם יאָר איז פּסח אויסגעפֿאַלן דאָנערשטיק און ראש חודש אייר פֿרייטיק. שבת, ח' באייר [3 מאַי] זיינען די שונאים באַפֿאַלן שפּייער און האָבן אומגעבראַכט עלף הייליקע נפֿשות. די־דאָזיקע זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אינעם הייליקן טאָג שבת זיך געהייליקט פֿאַר זייער גאָט, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט זיך שמדן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפֿונען אַ פֿרומע, חשובע פֿרוי, וואָס האָט, כּדי צו הייליקן גאָטס נאָמען, זיך אַליין געשאָכטן אָדער האָט זיך געלאָזט שעכטן. די איבעריקע זיינען געראַטעוועט געוואָרן פֿונעם בישאָף [יאָהאַן] כאָטש זיי האָבן זיך ניט געטויפֿט...

כ"ג באייר [18 מאַי] זיינען זיי באַפֿאַלן די קהילות אין וואָרמס. די קהילה האָט זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות: די, וואָס זיינען געבליבן אין זייערע היימען, און די אַנדערע, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן צום בישאָף [וואָס איז געווען דער הערשער איבער דער שטאָט]. דאָ האָבן זיך וועלף פֿון דער מדבר צעווילדעוועט קעגן די, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין זייערע היימען און האָבן זיי, די מענער, פֿרויען און קינדער, בחורים און זקנים פֿאַרטיליקט. זיי האָבן די טרעפּ צעבראָכן, די הייזער צעשטערט און געפּלינדערט און געראַבעוועט. זיי האָבן גענומען די ספֿר־תּורות און האָבן זיי געטראָטן מיט די פֿיס אין קויט, זיי צעריסן און פֿאַרברענט און ישׂראל פֿאַרצערט מיטן פֿולן מויל. אין זיבן טעג אַרום, אום ראש חודש

סיון [25 מאַי] אינעם זעלביקן טאָג ווען ישראל איז געקומען מקבל זיין די תורה, איז אַ שרעק באַפאַלן אויך די, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אינעם בישאָפס פּאַלאַץ. די פיינט האָבן זיי אַזוי מיאוס באַליידיקט ווי די פריערדיקע [אומגעקומענע יידן] און זיי איבער־געענטפערט דער שווערד. און געשטאַרקט פונעם ביישפּיל פון זייערע ברידער, האָבן זיי פאַר אַלעמען אין די אויגן געהייליקט גאָטס נאָמען און זיך געלאָזט אומברענגען. זיי האָבן זייער האַלדז אויס־געשטרעקט צו לאָזן זיך דעם קאָפּ אָפּהאַקן פאַר זייער באַשעפער. טייל האָבן אויף זיך אַליין געלייגט אַ האַנט... זיי האָבן זיך גע־שאָכטן, איינער זיין ברודער, אַן אַנדערער זיינע קרובים, זיין פרוי און זיינע קינדער, אויך חתנים זייערע כלות און באַרמהאַרציקע פרויען זייערע איינציקע קינדער. אַלע האָבן אָנגענומען דעם גזר מיטן פולן הארצן און האָבן איבערגעגעבן די נשמות זייער באַ־שאַפער מיט „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד“. די פיינט האָבן זיי אויסגעצויגן און אויסגעשאָכטן, זיי האָבן קיינעם ניט איבער־געלאָזן, אַחוץ עטלעכע, וואָס זיינען קעגן זייער ווילן געניט געוואָרן זיך צו טויפן. אַרום אַכט הונדערט נפשות זיינען אין ביידע טעג געטייט געוואָרן. זיי אַלע האָט מען נאַקעטערהייט געבראַכט צו קבורה...

און ווי ס'האָבן דאָס דערהערט די הייליקע מענער, גאָטס חסידים פון דער קהילה קדושה פון מיינץ, דער שילד און פאַנצער פאַר אַלע קהילות, וואָס זייער שם איז פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער, אַז אַ טייל פון דער קהילה אין שפּייער און פון דער קהילה פון וואָרמס זיינען צום צווייטן מאָל שוין [25 מאַי] געטראָפן געוואָרן פון דער שווערד, זיינען זייערע הענט אָפּגעשוואַכט געוואָרן און זייער האַרץ איז צעגאַנגען ווי וואַסער. זיי האָבן פונעם טיפן האַרצן געשריגן צום בורא און געזאָגט: „אייביקער גאָט פון ישראל, ווילסטו דען אַ סוף מאַכן צו אונדז, דעם איבערבלייב פון ישראל? וואו זיינען אַלע דיינע וואונדער וואָס פון זיי האָבן אונדזערע עלטערן אונדז דערציילט? האָסטו אונדז ניט אַרויסגעפירט פון מצרים און פון בבל און אונדז אַזוי אָפט מציל געווען? און איצ־טער פאַרוואָס האָסטו אונדז פאַרלאָזט און פאַרשטויסן, אַז מיר

זאָלן אַריינפאַלן אין די הענט פון אדום הרשע, וואָס זאָל אונדז פאַרטיליקן? אוי, דערוויטער זיך ניט פון אונדז, די נויט איז נאָענט און קיינער העלפט אונדז ניט!" און עס האָבן זיך פאַר־זאַמלט די יידישע פירער און זיך שואל עצה געווען ווי זיך צו ראַטעווען. איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן: „לאָמיר אויסדער־ווילן פון צווישן אונדזערע זקנים די, וואָס זאָלן אונדז זאָגן, וואָס מיר זאָלן טאָן, ווייל דאָס גרויסע אומגליק וועט אונדז פאַרשלינגען". די דאָזיקע [זקנים] האָבן איינגעשטימט צו געבן אויסלייז־געלט פאַרן לעבן, דאָס פאַרמעגן אָפּצוגעבן, אום דערמיט די פירשטן, שטאָט־האַלטער, בישאָפן און גראָפן צו געבן שוחד. דאָ זיינען די פירער פון דער קהילה, וואָס זיינען אַנגעזען אין בישאָפס אויגן, אוועק צו זיינע פירשטן און דינער אום מיט זיי צו רעדן און זיי האָבן געזאָגט אזוי צו זאָגן: „וואָס זאָלן מיר טאָן נאָכדעם ווי מיר האָבן געהערט וועגן אונדזערע אומגעקומענע ברידער פון שפייער און וואָרמס?" האָבן זיי געענטפערט: „הערט אונדזער עצה: ברענגט אייער גאַנץ געלט אין אונדזער שאַצקאַמער און איר צוזאַמען מיט אייערע פרויען, זין און טעכטער גייט אוועק אין בישאָפס פּאַלאַץ ביז יענע מחנות [צלם טרעגער] וועלן דורכציען. אזוי אָרום קאָנט איר זיך ראַטעווען פון די הענט פון די פאַרפירטע". זיי האָבן אָבער דאָס געטאָן, געגעבן אונדז די עצה בלויז כדי אונדז איבערצוענט־פערן אין זייערע [די צלם־טרעגערס] הענט, ווי פיש וואָס ווערן געפאַנגען אין אַ פאַרשפּרייטער נעץ, כדי אונדזער פאַרמעגן אוועק־צונעמען, וואָס זיי האָבן טאַקע לסוף געטאָן. דער סוף פאַרראַט דעם אָנהייב. דער בישאָף האָט פאַרזאַמלט זיינע שרים, דינער, פירשטן און פרייהערן אום אונדז בייצושטיין. תחילת האָט ער טאַקע באמת אונדז געוואָלט ראַטעווען מיט דער גאַנצער מאַכט, וואָס ער פאַרמאָגט. מיר האָבן אים און זיינע שרים און דינער געגעבן שוחד דערפאַר, וואָס זיי וועלן אונדז ראַטעווען. דאָך האָט לסוף ניט געהאָלפן קיין שוחד און קיין איבעררעדונג כדי אונדז אין דעם טאָג פון צאָרן צו שיצן פון אומגליק...

צו יענער צייט [סוף 1095] איז אויפגעשטאַנען אַ בייזער דוכוס גאָטפריד [פון בוּאילאָן], זיין געביין זאָל צעריבן ווערן, וואָס אים

האָט דער גייסט פון דער צייט אויך פאַרכאַפּט צו גיין מיט די צלם־טרעגער. ער האָט אַ שלעכטע שבועה געטאָן זיך ניט צו לאָזן פריער אין וועג אַריין, ביז וואַנען ער וועט ניט נקמה נעמען פאַר דעם בלוט פונעם געהאַנגענעם [יעזוס] מיטן בלוט פון די יידן, און פון יעדן איינעם, וואָס טראָגט דעם נאָמען ייד, וועט ער ניט איבערלאָזן קיין שריד ופליט. און ער איז געווען פול מיט צאָרן קעגן אונדז. אָבער ס'איז אויפגעשטאַנען איינער אַ וואונדער פון זיין דור, אַ גאָטספאַרכטיקער, ראוי פאַרן חסד פון הימל, רבי קלונימוס, פרנס פון דער מיינצער קהילה וואָס האָט שנעל געשיקט אַ שליח קיין אפוליע (איטאַליע), וואו דער קיניג היינריך [IV] האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די לעצטע ניין יאָר און אים [דעם קיניג] געלאָזט באַקענען מיט אַלע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען. דאָ האָט זיך אָנגעצונדן דער צאָרן אינעם קיניג און ער האָט אין אַלע פּראָווינצן פון זיין מדינה, צו די פירשטן, בישאָפן, און גראַפן און אויך צום דוכוס גאָטפריד, געשיקט בריוו און ווערטער פון שלום, אַז זיי זאָלן די יידן באַשיצן און קיינער זאָל זיי [די יידן] ניט אָנרירן און ניט טאָן קיין בייז. דאָ האָט דער דוכוס דער רשע געלאָזט וויסן, אַז ס'איז אים אפילו ניט געקומען אויפן זינען זיי [די יידן] שלעכטס צו טאָן. מחמת דעם אַלעם האָבן זיי אים [גאָטפרידן] געשענקט אין קעלן אַ מתנה פון פינף הונדערט מאַרק פיינעם זילבער. אַזוי אויך האָט מען אים אין מיינץ געגעבן אַ מתנה און ער האָט זיי צוגעזאָגט צו זיין אַ שוץ און פאַר זיי די רו איינצוהאַלטן. אָבער דער שר פון שלום האָט געוויכט פון זיי. ער האָט זיין אויג פון זיין פאָלק פאַרבאָרגן און עס איבערגעענטפערט דער שווערד. קיין נביא, קיין זעער, קיין חכם און קיין פאַרשטאַנדיקער האָט ניט געקאָנט דערגיין די סיבות, פאַרוואָס די זינד פון דער אַזוי גרויסער הייליקער קהילה [מיינץ] זיינען אַזוי שווער געווען, ווי זיי וואָלטן בלוט פאַרגאָסן, און דעריבער מיטן לעבן באַשטראָפט געוואָרן. דאָך ער איז דער גערעכטער שופט און די שולד איז אונדזערע...

ס'איז אויך אויפגעשטאַנען דער שטן, דער פּויפּסט פונעם רשעותדיקן רוים און האָט אויסגערופן אין אַ קול קורא [ביים סינאָד

אין קלערמאָן, נאָוו. 1095] צו אַלע פעלקער, וואָס גלייבן אין ישוע, דאָס הייסט די קינדער פון שעיר [אַ זידל וואָרט אַנשטאָט „קריסטן״], אַז זיי זאָלן זיך פאַרזאַמלען, כדי קיין ירושלים צו ציען און די שטאָט איינצונעמען, כדי די פאַרפירטע [צלם טרעגער] זאָלן האָבן אַ גלייכן וועג צום קבר... פון דעם, וואָס זיי האָבן ווי אַ גאָט אויפגענומען. דער שטן איז געקומען און זיך געמישט צווישן די פעלקער און זיי זיינען זיך צונויפגעקומען ווי איין מאַן נאָכצוקומען דעם באַפעל. אין מחנות ווי דער זאַמד ביים ברעג פונעם ים זיינען זיי געקומען. זייער קול איז גלייך געווען צו דעם געוויטער, דעם שטורעם. נאָכדעם ווי די דערצאָרנטע זיינען זיך צונויפגעקומען האָבן זיי גערעדט צווישן זיך שלעכטס קעגן גאָטס פאָלק: „פאַר־וואָס גייען מיר מלחמה האַלטן מיט די ישמעאלים אין דער סביבה פון ירושלים? ציי געפינט זיך ניט צווישן אונדז אַ פאָלק, וואָס אַכט ניט אונדזער אמונה און וואָס זייערע עלטערן האָבן אפילו אונדזער גאָט געהאַנגען? פאַרוואָס זאָלן מיר די דאָזיקע לאָזן לעבן? פאַרוואָס זאָלן מיר זיי לאָזן וואוינען צווישן אונדז? לאָזט אונדז מאַכן אַן אָנהייב מיט זייערע קעפּ און דערנאָך וועלן מיר זיך לאָזן אין אונדזער פאַרפירטן וועג״. דאָ האָט דאָס האַרץ פאַר־לאָזן גאָטס פאָלק און ס׳איז קיין מוט ניט געבליבן, מחמת דאָס זיינען געווען אַזעלכע שלעכטע פּלאָגן, וואָס חזרן זיך איבער. זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען און געפאַלן פאַר גאָט דעם אייביקן, האָבן געפאַסט און אַזוי אָפּגעצערט זייער בלוט און פעטס, אַז עס האָט צעשמאָלצן דאָס האַרץ פונעם פאָלק ישראל אינעווייניק... ווי איז געבראָכן געוואָרן דער מעכטיקער שוץ, דער פּראַכטיקער, די הייליקע, ווי גאָלד הויכגעשעצטע קהילה פון מיינץ! ס׳איז געווען אַ פּרובירשטיין ווי אַזוי אויסצופּרואוון די גלייביקע, צי זיי וועלן קענען אַריבערטראָגן דעם יאָך פון גאָטספאַרכטיקייט...

ס׳איז געווען מיטאָג צייט, ראש חודש סיון [דעם 25 מאַי, 1096] ווען דער גראַף עמיכא דער רשע און צורר היהודים איז אָנגעקומען מיט זיין חיל צום טויער און די שטאָטישע האָבן אים געעפנט דאָס טויער, האָבן די שונאים פון גאָט געזאָגט: „זעט, זיי

האָבן אונדז געעפנט דאָס טויער, איצטער לאָמיר נקמה נעמען פאַרן בלוט פון געקרייציקטן!״ ווען די בני ברית [יידן] האָבן דערזען דאָס גרויסע חיל, וואָס איז געווען אַזוי פיל ווי זאַמד ביים ברעג פונעם ים, זיינען זיי דאָך געבליבן געטריי דעם באַשעפער. זיי האָבן, פון קליין ביז גרויס, אָנגעטאָן פאַנצערס און האָבן זיך אָנגעגורט מיט קריגס־וואָפן און ר׳ קלונימוס בר׳ משולם, דער פּרנס, איז געשטאַנען בראש. נאָר מחמת די פיל תעניתים, וואָס זיי האָבן געפאַסט, האָבן זיי ניט געהאַט גענוג כח צו קאָנעןביישטיין דעם שונא. דאַמאָלס זיינען געקומען צושטראָמען מחנות חיל, ביז מיינץ איז געווען איבערגעפילט פון איין עק ביזן אַנדערן. דער שונא עמיכא האָט געלאָזט אויסרופן, אַז מ׳זאָל פאַריאָגן די שונאים פון דער שטאָט [די יידן]. די צעטומלעניש, וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט אויף דער שטאָט, איז געווען גרויס. די יידן אין בישאָפס פּאַלאַץ האָבן זיך אָנגעגורט און זיך אַלע דערנענטערט צום טויער, כדי מיט די פאַרפירטע [צלם טרעגער] און שטאָטישע זיך צו שלאָגן. און זיי האָבן זיך געשלאָגן איינס מיט די אַנדערע ביזן מיטן טויער. די האַנט פונעם בורא איז שווער געפאַלן אויף זיין פאָלק און ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע קריסטן קעגן די יידן אינעם בישאָפס הויף כדי זייער [די יידנס] נאָמען אויסצוראָטן. ס׳זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן די הענט פון אונדזער פאָלק, ווען עס האָט געזען, ווי די האַנט פונעם רשעותדיקן אדום איבערגעוועלטיקט זיי. אויך דעם בישאָפס לייט, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו העלפן, זיינען די ערשטע אַנטלאָפן און האָבן זיי איבערגעענטפערט אין די הענט פון די שונאים. אַזוי ווי אַ צעבראָכענע רער זיינען זיי פאַר זיי [די יידן] געווען. אויך דער בישאָף [רוטהארד] אליין איז אַנטלאָפן פון זיין טומאה, ווייל אויך אים האָבן זיי געוואָלט טייטן, ווייל ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר יידן...

דעריבער וויל איך מוסר מודעה זיין די וואונדערבאַרע מעשים, וואָס די צדיקים האָבן דעם טאָג דינסטיק ג׳ סיון [27 מאַי] געטאָן. זיי האָבן זיך געשטופּט איינער פריער פאַרן אַנדערן און יעדער האָט געזאָגט דעם נאָכקומענדיקן: „איך וויל פריער הייליקן דעם

נאָמען פונעם מלך מלכי המלכים, געלויבט איז זיין נאָמען". אויך פרומע פרויען, גלייך צו בת-מלכות, האָבן געוואָרפן גאָלד און זיל-בער פון די פענצטער צו די שונאים און זיי געזוכט אויפצוהאַלטן מיטן זוכן דאָס געלט. אַזוי לאַנג ביז יענע [די יידן] וועלן האָבן געענדיקט די שחיטה איבער זייערע זין און טעכטער. רחמנותדיקע פרויען האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געשאָכטן זייערע קינדער כדי צו טאָן גאָטס ווילן. און אַז די שונאים האָבן אויפגעבראָכן די טירן און אַריין אין די שטיבער, האָבן זיי דאָרטן געפונען מענטשן, וואָס טרינקען זיך אין זייער אייגן בלוט און ראַנגלען זיך מיטן טויט. יענע האָבן צוגענומען אַלע ווערטזאַכן, אויסגעטאָן אַלעמען נאַקעט און ווער ס'האָט נאָך געלעבט — דעם האָבן זיי דערהרגעט, קיינעם ניט איבערגעלאָזט. אַזוי האָבן זיי געטאָן אין יעדן חדר באַזונדער, וואו נאָר ס'האָבן זיך באַהאַלטן יידישע קינדער. עס איז נאָך געבליבן איין חדר מיט זייער פעסטע טירן, און דער שונא האָט זיי ניט געקאָנט בייקומען ביז אין אָוונט. אַז די קדושים וואָס אין יענעם חדר האָבן אָבער דערזען, אַז דער שונא איז גובר, און ס'איז שוין מער ניט מעגלעך זיך אַנטקעגנצושטעלן, האָבן זיי באַשלאָסן די שונאים צו באַגעגענען. קודם כל האָבן די מענער און די פרויען געשאָכטן אַלע קינדער, דערנאָך האָבן די פרויען די צדקניות אָנגעפאַנגען צו וואַרפן שטיינער דורך די פענצטער אין דעם שונא. יענע האָבן אויך געענטפערט מיט שטיינער, און די פרויען זיינען רואיק געשטאַנען אונטער דעם רעגן פון שטיינער, זייערע קעפּ און לייבער זיינען געוואָרן לויטער ביילן און געשווירן, און זיי זיינען אַלע געשטאַנען ביי די פענצטער און געשפּאָט איבער די פאַרפירער, געלאַכט און געלעסטערט דעם שמוציקן געהאַנגע-נעם...

ווער האָט עס געזען און ווער האָט עס געהערט, ס'זאָל אַזוינס געשען ווי מיט דער יונגער צדקת רחל בת יצחק בן אשר, דאָס ווייב פון ר' יהודהן. זי האָט געזאָגט צו די חברטעס אירע: פיר קינדער האָב איך, האָט-זשע אויף זיי קיין רחמנות ניט, אַלא ניט וועלן קומען די דאָזיקע ערלים און וועלן זיי פאַנגען לעבעדיקער-

הייט און זיי איבערפירן אין זייער פאַלשער אמונה; הייליקט-זשע אויך מיט מיינע קינדער גאָטס נאָמען. האָט איינע פון אירע חברטעס גענומען דאָס שעכטמעסער צו שעכטן איר זון; ווי נאָר די מוטער האָט דאָס מעסער דערזען, האָט זי אויפגעהויבן אַ ביטער געשריי, האָט זיך געשלאָגן אין פנים און אין דער ברוסט און געיאָמערט: „וואו איז דיין בארמהאַרציקייט, גאָט אין הימל?״ האָט די אומגליקלעכע מוטער אין איר נויט געטענהט צו די חברטעס: „הרגעט ניט מיין זון יצחק פאַר זיין ברודער אהרן, זאָל יענער ניט זען ווי מען ברענגט אום זיין ברודער. אהרן איז אַנטלאָפן [ד״ה האָט זיך באַהאַלטן], האָט די פרוי גענומען דעם יינגערן און געשאָכטן, און דער איז געווען אַזוי קליין און אַזוי שיין... האָט די מוטער אויסגעשטרעקט די הענט און מיט זיי צונויפגעזאַמלט דאָס בלוט פון איר קינד אין דער פאָלע פון איר קלייד, אַ גאַנצע שיסל בלוט. אַז דאָס יינגל אהרן האָט דערזען, אַז מ׳האָט זיין ברודער געשאָכטן, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען: „מאַמע, הרגע מיך ניט!״ און ער האָט זיך באַהאַלטן טיף הינטער אַ קאַסטן. האָט די מוטער געהאַט נאָך צוויי טעכטער, ביילע און מאַדרוגע, שיינע צוויי מיידלעך, איר מאַנס, ר׳ יהודהס, טעכטער. האָבן די מיידלעך אליין דאָס מעסער גענומען, אָנגעשאַרפט עס זאָל קיין פגם ניט זיין; די מוטער האָט זיי די העלדזער אויסגעשטרעקט און ביידע זיי מקריב געווען פאַרן הייליקן גאָט צבאות, וואָס האָט אונדז געבאָטן מיר זאָלן פעסט האַלטן זיין ריינע אמונה און בלייבן אים טריי, ווי אין פסוק שטייט: „טריי זאָלסטו זיין דיין גאָט דעם אַלמעכטיקן״ [דברים 13, 18] און נאָכדעם ווי די צדקת האָט אירע דריי קינדער אומגעבראַכט, האָט זי הויך אָנגעהויבן רופן: „אהרן, אהרן! וואו ביסטו? איך וויל אויך איבער דיר זיך ניט דערבאַרעמען!״ און זי האָט אים ביים פוס אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דעם קאַסטן, וואו ער איז געלעגן באַהאַלטן, און האָט אויך אים מקריב געווען אינעם נאָמען פון דעם גרויסן אַלמעכטיקן גאָט. און זי האָט דערנאָך גענומען אַלע אירע געשאָכטענע קינדער צו צוויי פון יעדער זייט און צוגעטוליעט צו איר שוים און יענע האָבן זיך געצאַפּלט אינעם קראַמף פון טויט. און ווען די שונאים האָבן זיך אַריינגעריסן אין חדר,

האָבן זיי געטראָפן ווי זי זיצט און באַוויינט אירע קינדער, האָבן זיי צו איר געשריען: „ווייז דאָס געלט, וואָס דו האַלטסט אין שוים באַהאַלטן!" אַז זיי האָבן אָבער די געשאָכטענע קינדער דערזען, האָבן זיי אויך זי געהרגעט און איר נשמה איז אויסגעגאַנגען; און ס'איז אויף איר מקוים געוואָרן, וואָס עס שטייט געשריבן: „מוטערס מיט קינדער זיינען צעהאקט געוואָרן" [הושע י׳, 14].

ב

ב. אנוסים אין דער צייט פונעם ערשטן קרייצצוג

דער קייסער היינריך IV האָט דערלויבט די יידן וואָס זיינען געצוואונגען געוואָרן צום שמד זיך צוריקצוקערן צו זייער גלויבן. דער פויפסט קלעמענט III און די קאַטויילישע קירך האָבן זיך שטאַרק געשטעלט קעגן דעם קיניג. די יידן אַליין האָבן די בעלי תשובה אויפגענומען גאַנץ קאַלט און פרעמד: מ'האָט זיך מיט די געוועזענע אַפּטרינּיקעס ניט געוואָלט משדך זיין, ניט פאַרקערן מיט זיי געזעלשאַפטלעך און בכלל אויסגעמיטן יעדע מגע ומשא מיט זיי.

ס'דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן די, וואָס מע האָט געצוואונגען צום שמד. מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, האָבן זיי געבראַכט זייער לעבן אין סכנה. זיי האָבן געגעסן נאָר כשר געשאָכטן פלייש, האָבן דאָס געטרייבערט און צוגעריכט לויטן יידישן דין. זיי האָבן ניט געטרונקען קיין יין נסך. אויך אין די קירכן זיינען גאָר וויניק געגאַנגען, און ווען זיי זיינען יאָ אהין געגאַנגען, האָבן זיי דאָס געטאָן דורך צוואַנג און אונטער גרויסער מורא און מיט אַ צעבראָכן האַרץ. די גויים האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן זיך ניט געטויפט מיטן אייגענעם ווילן, נאָר אוים מורא פאַר די פאַרפירטע קרייצטרעגער האָבן זיי דאָס געטאָן — פאַרלאָזן זייער אמונה. זיי האָבן זיך אָבער פעסט געהאַלטן אָנעם איינ-

ציקן, דעם באַשאַפער פון הימל און ערד. פאַר די אויגן פון די גויים האָבן זיי אָפּגעהיט שבת. אין געהיים האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט דער תורה. ווער ס'רעדט אויף זיי דעריבער שלעכטס, זינדיקט אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט קעגן רבונו של עולם.

8

דער ערשטער בלוט בלבול

וויליאַם פון נאָרוויטש

1144

אין 1144 איז אין דער ענגלישער שטאָט נאָרוויטש פאַרשוואונדן אַ ייִנגל, וואָס האָט געהייסן ווי ל י אַ ם. די ייִדן זיינען באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי האָבן דאָס קינד דערהרגעט. אין דער זעלבער צייט האָט אַ געוויסער משומד טעאָבאָלד פון קעימברידזש צום ערשטן מאָל אין מיטל־אַלטער פאַרשפּרייט דעם בלבול, אַז ייִדן ברענגען יעדן פּסח אַ קריסט פאַר אַ קרבן און אַז יעדער יאָר ווערט געוואָרפן גורל צו באַשטימען, פון וועלכער שטאָט דער קרבן זאָל געבראַכט ווערן. מיט דער צייט האָט די לעגענדע זיך שטאַרק פאַרשפּרייט און דער בלוט בלבול איז פאַרבונדן געוואָרן מיט מצות. ס'האָט ניט געהאָלפן דאָס, וואָס אַ גרויסע צאָל פּויפּסטן, בישאָפן, קיניגן און קריסטלעכע געלערנטע האָבן פאַרדאַמט דעם ליגן מיט די שאַרפסטע ווערטער. די לעגענדע איז ביי דער קריסטלעכער מאַסע אויסגעוואָקסן צו אַן אמת, וואָס האָט הונדערטער יאָרן ייִדן געקאָסט — און קאָסט נאָך עד היום — שווערע קרבנות, ליידן, ענויים און מאַטערנישן.

איינמאָל האָבן די ייִדן, וואָס וואוינען אין דער שטאָט [נאָר־וויטש] דורך אַ שפּיצל פאַרנאַרט דאָס ייִנגל [וויליאַם] צו זיך אין די הייזער אַריין און האָבן אים געכאַפּט [געבונדן] און פאַרשטאָפּט ס'מויל. נאָך דעם האָבן זיי אים אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ און פאַר־

וואונדעט, געשטאָכן מיט דערנער. ווען זיי האָבן אויפגעהויבן דאָס אומשולדיקע קינד פון דער ערד, האָבן זיי אים געוואָלט אויסציען אויף אַ סלופּ [קרייציקן]. זיי האָבן אים געמאַכט אַ שמערצלעכע וואונד אויף דער לינקער זייט, ביזן האַרץ. כּדי צו האַמעווען דאָס בלוט, וואָס וואָלט אויסגערונען אינגאַנצן פונעם גוף, האָבן זיי געגאָסן זודיק וואַסער אויף זיין קאָפּ. און אַזוי אַרום איז דער הער־לעכער קדוש געקומען צו זיין באַשאַפער.

פּסח איז זיין קערפּער אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ זאַק אַריין, כּדי מ׳זאָל אים קאָנען אַרויסטראָגן פון דער שטאָט אין וואַלד אַריין און אים דאָרטן באַגראָבן בסוד. ווען זיי [די יידן] זיינען אָנגעקומען אין וואַלד אַריין, האָט זיי באַגעגנט אַ געוויסער בירגער פון נאָר־וויטש מיטן נאָמען איילווערד, וואָס איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג אַ שטיקל צייט. ער האָט זיי געפרעגט, וואוהין זיי גייען און וואָס זיי טראָגן, און צוגייענדיק נעענטער האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט [אויפן זאַק] און אויסגעפונען, אַז ס׳איז אַ מענטשלע־כער קערפּער. אָבער זיי [די יידן] האָבן זיך דערשראָקן, אַז מען זאָל ניט דערגיין וועגן זיי, ווייל זיי וועלן זיך ניט קאָנען פּאַרטיי־דיקן, זיינען זיי אַנטלאָפן אין דער געדיכטער טייל פונעם וואַלד און האָבן דעם קערפּער [פון וויליאַמען] אויפגעהאַנגען מיט אַ פלאַקסענעם שטריק אויף אַ בוים.

צוריקקומענדיק אין שטאָט אַריין, האָבן די יידן זיך געווענדט צום שעריף און האָבן אים צוגעזאָגט הונדערט מאַרק אין זילבער, אויב ער וועט זיי העלפן זיך צו באַפרייען פון דער גרויסער סכנה. איילווערד איז תּיכּף גערופן געוואָרן פונעם שעריף, וואָס האָט אים באַשוואוירן מיט אַ שטרענגער שבועה, אַז ער זאָל ביי זיין לעבן ניט אַרויסגעבן די יידן, און ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער ניט אויסגעזאָגט, וואָס ער האָט געזען. אין פינף יאָר אַרום, ווען איילווערד האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט אים דאָס הייליקע יינגל וויליאַם געוואָרנט אין אַ זעאונג, אַז ער זאָל ניט מורא האָבן אויסצוזאָגן פאַר וועמען ס׳זאָל ניט זיין, וואָס ער האָט געזען. און עס איז אַזוי געשען: בעת די דאָזיקע געשעענישן זיינען פאָרגעקומען אין דער שטאָט, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אויפן

הימל א פייערדיק ליכט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט צום הייליקן [יינגלס] קבר...

אין דעם הייליקן זונטיק פון איסטער איז אַ געוויסע נאָנע מיט נאָך אַנדערע אריין אינעם געדיכטן טייל וואַלד פאַר זון־אויפגאַנג און ווען זי האָט אַרויפגעקוקט צום הימל, האָט זי דערזען דאָס יינגל הענגען אויף אַ דעמבענעם בוים, אין זיינע קליידער און אין די שיך, נאָר די האָר זיינען געווען אָפּגעשוירן... זי האָט געזען איבער אים צוויי קראָען, וואָס האָבן געוואָלט רייסן פון אים שטיקער, כדי צו שטילן זייער הונגער, אָבער זיי האָבן אים אפילו ניט אָנגערירט און זיינען אַוועקגעפלויגן. ווען זי [די נאָנע] האָט זיי [די קראָען] געזען, האָט זי געדאַנקט גאָט און זיך אומגעקערט אַהיים און דער־ציילט פאַר אַלעמען, וואָס זי האָט געזען. אַן עולם מענטשן איז באַלד אַוועק אין וואַלד אריין און ווען זיי האָבן געזען די סימנים פון דער שטראָף און אַלץ, וואָס ס׳איז געשען, האָבן זיי דערקלערט, אַז די יידן זיינען ניט פריי פון דער שולד און האָבן מיט שמחה אַוועקגעטראָגן דעם מת מקבר צו זיין.

9

פון בנימין פון טודעלאס רייזע באַשרייבונגען

דוד אל רואי

1163

דער באַריכט וועגן דעם פאַלשן משיח פון באַגדאַד דוד אל רואי שטאַמט פון דעם באַרימטן יידישן וועלט־רייזנדער בנימין בן יונה פון דעם קליינעם שטעטעלע טודעלא, וואָס ליגט ביים עברא טייך אין שפּאַניע. בנימין פון טודעלא האָט אין די יאָרן 1160־1173 דורכגערייזט דרום אייראָפּע און אויך טיילן פון אַפריקע און פון אַזיע. אין פּערסיע איז ער געווען אין 1163 און אַזוי ווי ער שרייבט, „אַז מיט אַן ערך צען יאָר צוריק איז אויפגעשטאַנען אַ מאַן מיטן נאָמען דוד אל רואי," דאַרף מען אָננעמען, אַז דוד אל רואיס אויפטריט איז פאָרגעקומען אַרום 1153.

אונדזער רייזנדער איז מיט עטלעכע יאָר פריער געווען אין ירושלים, וואָס איז דעמאָלט געווען באַהערשט פון די קריסטן. אין דער אַלטער שטאָט האָבן דעמאָלט געבאַלעבאַטעוועט די קרייצטרעגער. יידן זיינען אין דער צייט געווען אין ירושלים ווייניקער ווי געוויינלעך, בלויז אַ וועלכע צוויי הונדערט נפשות. אין דער באַשרייבונג וואָס מיר ברענגען ווייטער גיט אונדז בנימין פון טודעלא אַ קלאָר בילד פון דעם דאַמאָלדיקן אויסזען פון דער שטאָט.

א. מיט אַן ערך צען יאָר צוריק איז אויפגעשטאַנען אַ מאַן מיטן נאָמען דוד אל רואי, פון דער שטאָט עמאַדיה. ער האָט געלערנט

ביי דעם ראש הגולה חסדאי און ביי דעם ראש ישיבה עלי גאון יעקב אין דער שטאָט באַגדאַד, און ער איז געווען גרויס אין תורת משה, אין דער הלכה און אין תלמוד און אין אַלע וועלטלעכע וויסנ־שאַפטן און אויך אין דער אַראַבישער שפּראַך און אין אַראַבישע שריפטן, און אין די שריפטן פון כישופמאַכער און מכשפים. און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן דעם פּערסישן קיניג, צו פאַראייניקן אַלע יידן אין די בערג פון חפתון און מיט זיי אָנהייבן אַ מלחמה קעגן אַלע גויים. און ער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל איינצונעמען ירושלים.

ער האָט די יידן געגעבן סמנים דורך פאַלשע צייכנס און ער האָט פאַרזיכערט: „גאָט האָט מיך געשיקט איינצונעמען ירושלים און אייך אויסצולייזן פונעם גויאישן יאָך". טייל יידן האָבן אין אים געגלויבט און האָבן אים גערופן: „משיח". ווען דער פּער־סישער קיניג האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָט ער געשיקט רופן דודן פאַר זיך. דער לעצטער [דוד אל רואי] איז געקומען אָן פחד, און ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט האָט מען אים געפרעגט: „ביסטו דאָס דער קיניג פון די יידן?" אויף דעם האָט ער געענט־פערט: „איך בין דאָס!" דערויף האָט דער קיניג גלייך באַפוילן, אַז מ'זאָל אים פאַרהאַלטן און אים אריינזעצן אין דער תפיסה, וואו מען האַלט פאַרברעכער, וואָס זיינען פאַרמשפּט אויפן לעבן. דאָס פּלאַץ געפינט זיך אין דער שטאָט דבריסתאן, ביים ברעג גוזן, וואָס איז אַ גרויסער טייך.

נאָכדעם ווי דער קיניג האָט זיך בעראַטן דריי טעג מיט זיינע נאָבללייט און באַאמטע וועגן די, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגן אים, האָט דוד, האָבנדיק זיך באַפרייט פון תפיסה אָן וועמענס הילף, באַוויזן זיך פאַר זיי. ווען דער קיניג האָט אים דערזען, האָט ער אים געפרעגט: „ווער האָט דיך דאָ אַהער געבראַכט און ווער האָט דיך באַפרייט?" דערויף האָט דוד געענטפערט: „מיין איי־גענע חכמה און מיין אייגענע געשיקטקייט, ווייל איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר און ניט פאַר דיינע דינער". דער קיניג האָט באַפוילן אַז מ'זאָל אים גלייך פאַרהאַלטן. אָבער זיינע דינער האָבן געענטפערט און געזאָגט: „מיר זעען אים ניט און וויסן נאָר אַז

ער איז דאָ דורך הערן זיין קול". דער קיניג איז שטאַרק איבערגע-ראַשט געוואָרן פון דודס חכמה און ער [דוד אל רואי] האָט זיך צו אים געווענדט אַזוי: „איך גיי איצט מיין וועג," און ער איז אַרויס-געגאַנגען. דער קיניג און זיינע נאָבלליט און דינער זיינען אים נאָכגעגאַנגען ביזן טייך, וואו ער האָט גענומען אַ שאַל, פאַרשפּרייט אים אויפן טייך און איז אַריבערגעשוואומען. אין דעם מאָמענט האָט מען אים געקאָנט זען, און אַלע דינער פונעם קיניג האָבן אים געזען אַריבערשווימען דעם טייך אויפן שאַל. זיי האָבן אים נאָכגעיאָגט אויף שיפלעך, אָבער אָן דערפאָלג. און זיי האָבן אַלע געמוזט מודה זיין, אַז קיין מכשף אין דער וועלט איז ניט זיינס גלייכן. ער איז נאָך דעמזעלביקן טאָג אוועק קיין עמאדיה, אַ מהלך פון צען טעג [גאַנג], מיט דער הילף פונעם שם המפורש, און האָט אַליין דערציילט די דאָרטיקע פאַרוואונדערטע יידן וואָס מיט אים איז געשען.

דער קיניג פון פּערסיע האָט נאָכדעם געשיקט צום עמיר אלמומנין, דעם קאַליף פון באַגדאַד, דעם האַר פון די מאַכמעדאַנער, צו קריגן די הילף פונעם ראש הגולה און פון די ראשי ישיבות קעגן דורך אל רואים מעשים און ער [דער קיניג] האָט געדראָט מיט טויט די יידן, וואָס וואוינען אין זיין מלוכה.

די קהילות אין פּערסיע זיינען אַרום דער צייט זייער שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן און זיי האָבן געשיקט בריוו צום ראש הגולה און צו די ראשי ישיבות אין באַגדאַד אַזוי צו זאָגן: „פאַרוואָס דער-לאָזט איר, אַז אין אַלע קהילות פון דער מלוכה זאָלן מיר אויס-שטאַרבן; אונטערדריקט די מעשים פונעם דאָזיקן מענטשן און זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן קיין אומשולדיק בלוט". דער ראש הגולה און די ראשי ישיבות האָבן דערויף זיך געווענדט צו דודן מיט בריוו אַזוי:

„זיי ווייסן, אַז די צייט פון דער גאולה איז נאָך ניט געקומען און מיר האָבן נאָך ניט געזען קיין צייכנס, דורך וועלכע די גאולה דאַרף זיך אַנטפּלעקן, און מיט גוואַלד וועט קיין מענטש דאָס ניט דורכפירן. מיר באַפעלן דיר דעריבער אויפצוגעבן דיינע מעשים, אויב ניט וועלן מיר דיך אָפּטיילן [מחרים זיין] פונעם גאַנצן

כלל ישראל". אַפשריפטן פון דעם בריוו זיינען איבערגעשיקט גע־וואָרן צו זכאי דעם נשיא אין מאזול און צו ר' יוסף דעם אַסטראָנאָם, וואָס ווערט גערופן בורחן אלפלך און וואָס וואוינט אויך דאָרט, מיט דער בקשה איבערצושיקן זיי צו דוד אל רואין. די דערמאָנטע, דער נשיא און דער אַסטראָנאָם, האָבן צוגעלייגט זייערע אייגענע בריוו, אין וועלכע זיי האָבן אים געעצהט און געוואָרנט, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון זיין וועג.

ער איז אַזוי אַנגעגאַנגען ביז אַ געוויסער פּרינץ מיטן נאָמען זין אל דין, אַ וואַסאַל פון עם פּערסישן קיניג און אַ טערק פון געבוירן, האָט געשיקט נאָך דוד אל רואים שווער, און האָט אים צוגעזאָגט צען טויזנט פלאָרינען, אויב ער וועט שטילערהייט דער־הרגענען דוד אל רואין. נאָכן אָפּמאַך איז ער [דער שווער] אַוועק אין דוד אל רואים דירה, ווען ער איז געשלאָפן, און האָט אים דערהרגעט אין בעט. און אַזוי אַרום זיינען צעשטערט געוואָרן זיינע [דוד אל רואים] פּלענער. ניט געקוקט דערויף איז דער פּערסישער קיניג נאָך אַלץ געווען אין גרימצאָרן אויף די יידן וואָס האָבן געוואוינט אין די בערג פון זיין לאַנד. ווען די דאָזיקע יידן האָבן דאָס געזען, האָבן זיי זיך געווענדט צום ראש הגולה, אַז ער זאָל זיך פאַר זיי איינשטעלן ביים קיניג. אַ מתנה פון הונדערט טאַלענטן גאָלד האָט אונטערגעשטיצט זייערע קלאָגן און זייערע געבעטן, דער צאָרן פון עם קיניג האָט זיך איינגעשטילט, און דאָס לאַנד איז באַרואיקט געוואָרן.

ב. ירושלים

ירושלים, וואָס איז אַ קליינע שטאָט, איז באַפעסטיקט מיט דריי מויערן. זי פאַרמאָגט אַ גרויסע באַפעלקערונג פון יאַקאָבינער, גריכן, געאָרגיער, פראַנקן און מענטשן פון פאַרשיידענע לשונות.

ס'איז דאָרטן דאָ אַ פאַרב-הויז, וואָס ווערט פאַרדונגען בלויז אויף אַ יאָר, און די אויסשליסלעכע פּריווילעגיע זיך צו פאַרנעמען מיט דער מלאכה האָבן די ירושלימער יידן אָפּגעקויפט פון עם קיניג.

צוויי הונדערט יידן וואוינען אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל פון דער שטאָט, אונטערן מגדל דוד.

אַרום צען איילן פונעם פונדאַמענט פון דער געביידע זיינען זייער אַלט, ווייל דאָס איז נאָך געבויט געוואָרן פון אונדזערע אור־עלטערן. די איבעריקע טייל איז צוגעבויט געוואָרן פון די מאַכמע־דאַנער. די שטאָט פאַרמאָגט ניט קיין שטאַרקערע געביידע ווי דער מגדל דוד.

אין ירושלים זיינען דאָ צוויי שפּיטאָלן, וואָס האַלטן אויס פיר הונדערט ריטער און זאָרגן פאַר די קראַנקע. די קראַנקע ווערן באַזאָרגט מיט אַלצדינג, וואָס זיי דאַרפן ביי זייער לעבן און אויך נאָכן טויט. דאָס צווייטע הויז ווערט אָנגערופן דאָס שלמון שפּיטאָל, ווייל ס'איז אַ פּאַלאַץ, וואָס איז נאָך געבויט געוואָרן פון שלמה המלך.

דאָס שפּיטאָל הויזט אויך פיר הונדערט ריטער, וואָס זיינען גרייט מלחמה צו האַלטן יעדע רגע; אחוץ די ריטער, וואָס קומען פונעם לאַנד פון די פראַנקן און פון אַנדערע קריסטלעכע לענדער. זיי האָבן מערסטנס גענומען אויף זיך אַ נדר צו פאַרבלייבן דאָ טעג אָדער יאָרן, און זיי בלייבן דאָ אַזוי לאַנג, ביז איבער דער צייט פונעם נדר.

די גרויסע קירך, וואָס הייסט סעפּולקער און איז דאָס קבר פונעם דאָזיקן מאַן [יעזוס], ווערט באַזוכט פון אַ סך בלאָנדזשענ־דיקע [קריסטן, פּילגרימען].

ירושלים פאַרמאָגט פיר טויערן וואָס הייסן: די טויערן פון אברהם, דוד, ציון און יהושפט. דאָס לעצטע טויער געפינט זיך קעגנאיבער דעם פּלאַץ, וואו ס'בית המקדש איז געשטאַנען און וואו ס'געפינט זיך איצט דער טעמפּל דאָמיני. עמיר בן אל כטאב האָט אויפגעבויט אַ שיינעם קופּאָל איבער דעם טעמפּל. ס'איז פאַרבאָטן דאָרט אַריינצושטעלן סטאַטועס אָדער בילדער, ווייל דער פּלאַץ איז באַשטימט בלויז פאַר גאָטדינסט. פון פאָרנט פון טעמפּל קאָן מען זען דעם כותל מערבי, איינע פון די ווענט, דעם קודש הקדשים פון בית־המקדש, און מ'רופט זי, די וואַנט, שער הרחמים, און אהין קומען אַלע יידן מתפלל צו זיין.

אין ירושלים קאָן מען אויך זען די שטאַלן, וואָס שלמה המלך האָט אויפגעבויט און וואָס זיינען געווען אַ טייל פון זיין פּאַלאַץ. ריזיקע שטיינער, וואָס זייער גלייכן קאָן מען אין ערגעץ ניט געפינען, זיינען באַנוצט געוואָרן פאַר דער געביידע.

מ׳זעט אויך ביז אויפן היינטיקן טאָג דעם קאַנאַל, לעבן וועלכן מ׳האָט געשאָכטן די קרבנות אין די אַלטע צייטן. יידן שרייבן אויף זייערע נעמען אויף דער דערבייאיקער וואַנט.

אויב מען פאַרלאָזט די שטאָט דורכן טויער יהושפט, קאָן מען זען די מצבה אויפן יד אבשלום און דאָס קבר פונעם קיניג עוזיה און דעם גרויסן קוואַל פון שילוח, וואָס פאַלט אריין אין קדרון. איבער דעם קוואַל קאָן מען זען אַ גרויסע געביידע, וואָס איז אויס־געבויט געוואָרן אין די צייטן פון אונדזערע אורעלטערן.

זייער ווייניק וואַסער געפינט זיך אין ירושלים. די איינוואוי־נער טרינקען געווײנטלעך רעגנוואַסער, וואָס זיי זאַמלען אָן אין זייערע הייזער...

דער הר ציון איז לעבן ירושלים. אויף אים שטייט קיין שום געביידע ניט, אַחוץ אַ קירך. וויטער זיינען דאָ דריי יידישע בית עולמס, וואו מ׳האָט פריער מקבר געווען יידן. טייל קברים האָבן געהאַט שטיינערנע מצבות, אָבער די קריסטן צעשטערן די מצבות און באַנוצן זיי אויף צו בויען זייערע הייזער.

דער פּאָגראָם אויף די יידן אין יאָרק, ענגלאַנד, אין 1190

בעת ס'איז פֿאָרגעקומען די קרוינונג פֿון ריטשאַרד דעם לייבן־האַרציקן אין 1189 אין לאָנדאָן, איז געקומען אַ דעפּוטאַציע פֿון די ענגלישע יידן באַגריסן דעם קיניג און ברענגען אים מתּנות. ווען דער בישאָף באַלדווין האָט דאָס דערזען, איז ער זייער אויפֿגעבראַכט געוואָרן און ער האָט געזאָגט דעם קיניג, אַז די „אומגלייביקע" יידן פֿאַרשוועכן די הייליקע צערעמאָניע און אַז דער קיניג דאַרף זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען זייערע מתּנות. דער קיניג האָט תּיכּף באַפֿוילן אַרויסצוטרייבן די יידן. איבער לאָנדאָן האָט זיך באַלד פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קיניג האָט דערלויבט צו באַרויבן און מאָרדן די יידן. אַ המון, צווישן וועלכן ס'האָבן זיך געפֿונען אַ סך בעלי־חובֿות צו יידן, האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די הייזער פֿון די יידן און גענומען ראַבירן און מאָרדן. די נייעס האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט אין אַנדערע שטעט, ווי לינקאָלן, לין און יאָרק. דער גרעסטער פּאָגראָם איז פֿאָרגעקומען אויף די יידן אין יאָרק. די יידן פֿון יאָרק האָבן זיך פֿאַרשפּאַרט אין אַ פֿעסטונג־פּאַלאַץ פֿון אַ רייכן ייד יאָקע (יעקבֿ) און דאָרט אויסגעהאַלטן דעם אָנפֿאַל גאַנצע זעקס טעג. ווען זיי האָבן שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן די באַלאַגערונג פֿונעם המון, האָבן זיי, די יידן, אָנגענומען די עצה פֿון זייער רבֿ ר' יום טובֿ, אַז זיי זאָלן „אויסוויילן בעסער דעם טויט איידער אַ שפֿל, דערנידעריקט לעבן". כמעט אַלע יידן האָבן זיך אַליין אויסגעשאָכטן. דער פֿרומער קריסטלעכער כראָניקער, דער

> גייסטלעכער וויליאם פון ניובורג שרייבט אין דער וויי־טערדריקער כראָניק, אַז „נאָך דער שחיטה [אין יאָרק] זײַנען די קאָנספּיראַטאָרן אַוועק אין דער קאַטעדראַלע און האָבן דורך גוואַלד־מיטלען געצוואונגען די דערשראָקענע דינער אָפּצוגעבן די רעקאָרדן פון די חובות" און זיי „צע־שטערט אין מיטן קירך", אַזוי אַרום האָבן זיי געראַבעוועט און זיך נאָך באַפרייט פון חובות צו יידן.
>
> אַ צווייטער כראָניקער, אַ מאָנאַך נייטאָן פון לעסטער גיט אָפּ צו, „אַז די היציקייט, וואָס די קריסטן האָבן אַרויס־געוויזן קעגן די יידן פון ענגלאַנד, איז ניט אויף אַן אמת געווען לשם אמונה, נאָר גיכער מחמת קנאה צו זייער עשירות." די אָנפאַלער זיינען לרוב געווען קרייצטרעגער, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געגרייט צו ווערן קרייצ־טרעגער. ריטשאַרד דער לייבן־האַרציקער האָט זיך באַטיי־ליקט אינעם דריטן קרייצצוג צוזאַמען מיטן דייטשן קייזער פרידריך באַרבאַראָסאַ און מיטן פראַנצייזישן קיניג פיליפּ אויגוסט.

די [שטיינוואָרפער] מאַשינען זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס שלאָס וועט איינגענומען ווערן. מע האָט געקאָנט זען, אַז די פאַטאַלע שעה פאַר די באַלאַ־גערטע איז נאָענט. די קומענדיקע נאַכט זיינען די באַלאַגערער געווען רואיק, זיך געפרייט מיט דער זיכערקייט פונעם קומענדיקן נצחון. די יידן, אַרומגעכאַפּט פון פחד, האָבן ניט גערוט און כסדר גערעדט צווישן זיך וואָס צו טאָן.

איז דאָרט געווען אַן אַלטער מאַן, אַ באַרימטער רב, וואָס איז געקומען מעבר לים [ר' יום טוב פון פראַנקרייך] צו לערנען מיט די ענגלישע יידן. ער איז געאַכט געוואָרן פון אַלע, אַזוי ווי ער וואָלט געווען איינער פון די נביאים. ווען מע האָט אים געפרעגט אַן עצה, האָט ער געענטפערט: „גאָט, וואָס אים קאָן קיינער ניט פרעגן: „וואָס טוסטו?" באַפעלט אונדז איצט צו שטאַרבן פאַר זיין תורה. דער טויט איז ביי דער שוועל, אויב איר האָט נאָר

ניט, רחמנא לצלן, אין זינען צו פאַרלאָזן אונדזער הייליקע תורה מחמת דעם קורצן לעבנסוועג און אויסצוקלייבן אַ שפּלדיק לעבן. דעריבער, אַזוי ווי מיר מוזן אויף זיך נעמען בעסער דעם טויט איידער אַ שפל האָבן, דאַרפן מיר אויסקלייבן דעם לייכטסטן און בכבודיקסטן טויט. אויב מיר וועלן אַריינפאַלן אין די הענט פון אונדזערע שונאים, וועלן מיר שטאַרבן לויט זייער ווילן און אויך פאַרשפּאָט ווערן פון זיי. אַזוי ווי דער באַשעפער וויל איצט צוריק די נשמות וואָס ער האָט אונדז געגעבן, טאָ לאָמיר אים זיי אָפּגעבן מיט אונדזערע אייגענע הענט".

אַ סך האָבן אָנגענומען זיין עצה, אָבער אויף אַנדערע זיינען זיינע ווערטער געפאַלן שווער. נאָכדעם האָט ער געזאָגט: „זאָלן די וואָס דער אויסוועג געפעלט זיי ניט, זיך אָפּזונדערן פון דער דאָזיקער הייליקער עדה. פאַר אונדז איז דאָס לעבן אויף דער וועלט, אַ דאַנק אונדזער ליבע צו דער תורה, גאָרניט ווערט". אַ צאָל האָט זיך אָפּגעטיילט מיט דער האָפענונג, אַז זייערע שונאים וועלן זיי מוחל זיין, און זיי וועלן ניט דאַרפן אומקומען מיט זייערע פריינט.

באַלד האָבן זיי, אויף דעם באַפעל פונעם דאָזיקן זקן, פאַר־ברענט זייער האָב און גוטס, כדי דער שונא זאָל ניט רייך ווערן פון זייער עשירות. נאָכדעם ווי דער דאַך האָט אָנגעהויבן ברע־נען האָבן זיי זיך צוגעגרייט צו קידוש השם. די וואָס זיינען געווען זייער מוטיק האָבן אומגעבראַכט זייערע פרויען. דער באַרימטער יאָקע [יעקב] האָט פריער איבערגעשניטן דעם האַלדז פון זיין גע־ליבטער פרוי, חנה, און דאַן האָט ער איבערגעשניטן די העלדזער פון זיינע זין. און ווען דאָס אייגענע האָבן אויך געטאָן די אַנדערע, האָט דער אומגליקלעכער פירער לסוף איבערגעשניטן יאָקעס האַלדז, כדי ער זאָל זיין מער געערט ווי די אַנדערע. אַלע זיינען אַזוי אַרום דערהרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט זייער פאַרפירטן פירער.

דאָס פייער, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, האָט זיך איצט געהאַט פאַרשפּרייט צום טורעם און די וואָס האָבן געהאַט באַ־שלאָסן ביי זיך צו בלייבן לעבן זיינען אַנטלאָפן צום ווייטסטן ווינקל... כאָטש האָט דער עולם זיך צוזאַמענגעקליבן צו שטורעמען

דאָס שלאָס. די אומגליקלעכע שארית הפליטה פון די יידן איז געשטאַנען ביי די טויערן און דערקלערט מיט טרערן אין די אויגן וועגן דער שחיטה פון די זייעריקע. אַראָפּוואַרפנדיק די גופים ווי אַ באַוויז, האָבן זיי אויסגערופן: „זעט, בר מיננס פון מענטשן, וואָס זיינען אליין שולדיק אין זייער טויט. מיר האָבן זיך אָפּגע־זאָגט זיי נאָכצוטאָן, פאַרלאָזנדיק זיך אויף קריסטלעך רחמנות. גאָט האָט אונדז דערהאַלטן, כדי מיר זאָלן זיך פאַראייניקן מיט אייך אין אייער אמונה. אַזוי ווי אונדזערע ליידן גיבן אונדז פאַר־שטאַנד, אָנערקענען מיר דעם קריסטלעכן אמת און מיר פאַרלאַנגען קריסטלעך מיטגעפיל. מיר זיינען גרייט, אַזוי ווי איר פאַרלאַנגט, פאַר דער הייליקער טבילה. נעמט אונדז אויף ווי ברידער, לאָזט אונדז לעבן מיט אייך אין גלויבן און אין קריסטוס-פרידן".

דערהערנדיק דאָס זיינען אַ סך פון אונדזערע ברידער [קריסטן] דערשראָקן געוואָרן פון דער משוגעת פון די טויטע און זיי האָבן באַדויערט די לעבעדיקע. אָבער די פירער, וואָס צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ געוויסער ריכאַרד מיטן פּאַסיקן צונאָמען חיה רעה [מאלאבעסטא], זיינען ניט גערירט געוואָרן. מיט גוטע רייד און מיטן צוזאָג זיי צו לאָזן געבענטשט ווערן פון דער [קריסטלעכער] אמונה זיינען די אכזריותדיקע מערדער באַפאַלן די ארויסגענאַרטע, כאָטש יענע האָבן געוואָלט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, און האָבן זיי אומגעבראַכט...

די שטאָט האָט אויסגעזען שרעקלעך און עקלדיק. אַרום דער צידאַטעל זיינען געלעגן בר מיננס, וואָס מ'האָט נאָך ניט געהאַט מקבר געווען. נאָך דער שחיטה זיינען די אויפשטאַנדיקע תיכף אַוועק אין קאַטעדראַלע און האָבן דורך גוואַלד מיטלען געצוואונגען די דערשראָקענע דינער זיי איבערצוגעבן די רעקאָרדן פון די חובות, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, און מחמת וועלכע די קריסטן זיינען אויסגענוצט געוואָרן פון די קיניגלעכע יידישע וואוכערער, און זיי האָבן די רעקאָרדן פון געמיינער [יידישער] גיריקייט צעשטערט אין מיטן קירך, מיטן הייליקן פייער, כדי זיך און אַ סך אַנדערע צו באַפרייען [פון חובות]. ווען זיי האָבן דאָס אָפּגעטאָן זיינען די

פון די פירער, וואָס האָבן אָנגענומען דעם צלם [געוואָרן קרייצ-טרעגער], אַוועק אויף זייער נסיעה, איידער עס האָט זיך אָנגע-הויבן אַן אויספאָרשונג. די איבעריקע זיינען געבליבן אין לאַנד אין שרעק פאַר דער אויספאָרשונג. אָט דאָס זיינען געווען די גע-שעענישן, וואָס זיינען געשען אין יארק אין דער צייט פונעם הארם [גאָטס] פּאַסיאָן, ד"ה, אינעם טאָג פאַר פאַלמע-זונטיק [17 מערץ, 1190].

11

דעם רמבמס בריוו צו שמואל אבן תיבון

1199

דעם בריוו האָט דער רמב"ם געשריבן אין יאָר 1199 צו דעם באַרימטן איבערזעצער שמואל אבן תיבון פון לונעל, דרום פראַנקרייך. דער רמב"ם איז דעמאָלט אַלט געווען 64 יאָר. שמואל אבן תיבון, דער זון פון דעם געלערנטן און איבערזעצער יהודה אבן תיבון, איז געגאַנגען אין די פוסטריט פון זיין פאָטער און זיך אויך אָפגעגעבן מיט איבערזעצן וויכטיקע ווערק פון אַראַביש אויף העברייאיש. ווען קיין לונעל איז אָנגעקומען דער „מורה נבוכים", וואָס איז אָריגינעל געשריבן געוואָרן אויף אַראַביש, האָבן זיך די קהילה פאָרשטייער געווענדט צו זייער בן־עיר שמואל אבן תיבון, ער זאָל דאָס ווערק איבערזעצן אויף העברייאיש. אויס יראת הכבוד פאַרן רמב"ם האָט תיבון זיך געוואָלט אָפזאָגן פון דער זייער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. „איך האָב זיי [די קהילה פאָרשטייער] דערקלערט"—שרייבט תיבון — „אַז איך קען ניט בשלימות ביידע שפראַכן. זיי האָבן אָבער אַזוי לאַנג געבעטן, ביז איך האָב איינגעוויליקט און זיך גענומען איבערזעצן". ווען תיבון האָט זיך גענומען איבערזעצן דעם „מורה נבוכים" האָט ער זיך געווענדט צום רמב"ם נאָך דערקלערונגען. דער רמב"ם האָט עס גערנוויליק געטאָן, ווייל ער אַליין האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק איבערצוזעצן דאָס ווערק אויף העברייאיש. דער אויסצוג, וואָס ווערט ווייטער געבראַכט, איז בלויז אַ טייל

פון אַ לענגערן בריוו, וואו דער רמב"ם גיט זיין איבער־זעצער אָנווייזונגען און דערקלערונגען און רעדט אים אָפּ פון באַזוכן אים.

גאָט איז מיין עדות, אַז כדי צו קאָנען דיר דאָס שרייבן האָב איך מיר געמוזט אויסזוכן אַ באַהעלטעניש, וואו מענטשן וועט ניט איינפאַלן מיך צו זוכן. טיילמאָל מוז איך זיך אָנשפּאַרן אַן דער וואַנט און טיילמאָל מוז איך זיך אַוועקלייגן, ווייל איך בין זייער אָפּגעשוואַכט. איך בין געוואָרן אַלט און שוואַך.

אָבער וואָס געהער זיך אַן דיין ווילן קומען צו מיר, קאָן איך דיר ניט זאָגן, ווי דיין קומען וואָלט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן, ווייל איך וויל באמת פאַרברענגען מיט דיר און איך וואָלט דערוואַרט דיין קומען מיט נאָך מער פרייד ווי דו. דאָך מוז איך דיר עצהן, אַז דו זאָלסט זיך ניט אויסשטעלן צו די געפאַרן פון דער נסיעה, ווייל אחוץ זען מיך ביי מיין אַרבעט, וועסטו פון דיין זיין דאָ מער גאָר־ניט האָבן. דערוואַרט ניט צו קאָנען שמועסן מיט מיר וועגן לומדות אפילו ניט קיין איין שעה ביי טאָג אָדער ביינאַכט, ווייל דאָס איז מיין סדר היום: איך וואוין אין מצרים [פאַסטאַט] און דער סולטאַן אין אַל־קהיר [קאַירא]. צווישן די צוויי שטעט איז אַ מהלך פון בערך צוויי תחומען שבת. מיינע התחייבותן צום סולטאַן זיינען זייער שווערע. איך בין מחויב אים צו זען יעדן טאָג באַלד אינ־דערפרי. און אויב ער אָדער ווער פון זיינע קינדער אָדער די באַוואוינער פון זיין הארעם זיינען ניט געזונט, דערלויב איך זיך ניט צו פאַרלאָזן אַל־קהיר, נאָר איך מוז בלייבן די גרעסטע טייל פונעם טאָג אינעם פּאַלאַץ. ס׳טרעפט אויך אָפט, אַז ווער פון די קיניגלעכע באַאַמטע און דינער ווערן קראַנק און איך מוז גע־וויינלעך אויך זיי היילן. דעריבער גיי איך אַוועק קיין אַל־קהיר באַלד אינדערפרי און קום צוריק ערשט, אפילו ווען ס׳טרעפט ניט קיין שום אויסערגעוויינלעכס, ניט פריער ווי נאָך מיטאָג. דעמאָלט בין איך שטאַרק אויסגעהונגערט. דאָרט וואַרט שוין אויף מיר אַ גרויסער עולם יידן און ניט־יידן, נאָבלליים און פשוטע מענטשן, הארן און באַאַמטע, פריינט און שונאים — אַ געמישטער עולם,

וואָס וואָרט אויף מיין קומען. איך קריך אַראָפּ פונעם אייזל, וואַש זיך די הענט, גיי צו זיי אַרוים און בעט זיי זאָלן מיר מוחל זיין ביז איך וועל עפּעס טועם זיין — דאָס איינציקע מאָלצייט וואָס איך עס דורכן מעת לעת. דערנאָך גיי איך אַרוים צו די קראַנקע, פאַר־שרייב רפואות פאַר די פאַרשיידענערליי מחלות זייערע. קראַנקע קומען און גייען אַזוי ביזן אָוונט, טיילמאָל ביז צוויי־דריי שעה אין דער נאַכט. איך רייד מיט זיי און פאַרשרייב זיי רפואות ליגנדיק, ווייל איך בין אַזוי פאַרמאַטערט, אַז כ׳קען קוים רעדן. מחמת דעם קאָן קיין ייד מיט מיר ניט רעדן ביחידות אַחוץ שבת. שבת קומען צו מיר אינדערפרי, נאָכן דאַוונען, די מיטגלידער פון דער קהילה, אָדער מינדסטנס דאָס רוב פון זיי, און איך גיב זיי די גייס־טיקע אָנווייזונגען וואָס צו טאָן די גאַנצע וואָך. מיר לערנען אַביסל צוזאַמען ביז מיטאָגצייט, דאַן גייען זיי אַוועק. טייל פון זיי קערן זיך אום און לערנען מיט מיר ביז מעריב. אַזוי פאַרברענג איך דעם טאָג. איך האָב דיר דאָ מיטגעטיילט בלויז אַ טייל דערפון, וואָס דו וואָלסט געזען, ווען דו וואָלסט געקומען צו מיר.

12

די קירך קעגן די יידן אין דרייצנטן יאָרהונדערט

די געלע לאַטע

די געלע לאַטע ווי אַ צייכן פאַר די יידן איז באַשטימט געוואָרן אויפן לאַטעראַנישן סינאָד פון 1215. דער ווייטער געבראַכטער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אינאָצענט דעם דריטן און דאָס וואָס ווערט דאָ געזאָגט, אַז יידן זאָלן ניט „געצוואונגען ווערן צו טראָגן אַזעלכע קליידער, וואָס וועלן שטעלן זייער לעבן אין געפאַר", איז מסתמא א קאָנצעסיע, וואָס יידישע שתדלנים איז געלונגען אויסצוווירקן ביים פויפסט.

די געלע לאַטע איז ניט באַלד איינגעפירט געוואָרן אין אַלע קריסטלעכע לענדער. ספּעציעל שווער איז דער קירך אָנגעקומען איינצופירן דעם צייכן אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד און אין שפּאַניע. אין שפּאַניע האָבן אפילו פערדינאַנד III פון קאַסטיליע (1219) און כואַן I פון אַראַגאָן (1220) געקראָגן דערלויבעניש פון פויפסט האָנאָריוס III מען זאָל אינגאַנצן אָפּלייגן דורכצופירן דאָס געזעץ. פערדינאַנד האָט זיך באַקלאָגט, אַז די יידן פון קאַסטיליע „אַנטלויפן בעסער צו די מורן, איידער צו דאַרפן טראָגן דעם צייכן" און אַז דאָס וועט אים פירן צו אַ „גרויס אומגליק", ווייל „אַ גרויסער טייל פון זיין הכנסה קומט פון די דאָזיקע יידן". די זעלביקע סיבה גיט אויך אָן כואַן.

א. צו די ארציבישאָפן און בישאָפן פון פראַנקרייך

איר ווערט אויפגעפאָדערט צו לאָזן די יידן טראָגן קליידער וואָס זאָלן זיי אונטערשיידן פון די קריסטן, אָבער זיי זאָלן ניט געצוואונגען ווערן צו טראָגן אַזעלכע קליידער, וואָס וואָלטן גע־שטעלט זייער לעבן אין געפאַר.

ב. דער סינאָד פון ארל, פראַנקרייך, וועגן דער געלער לאַטע

8 יולי, 1234

מיר באַשטימען, אַז אַלע יידישע מאַנספּאַרשוינען פון דרייצן יאָר אָן און עלטער מוזן, ווען זיי געפינען זיך מחוץ זייערע היימען — אויסער ווען זיי זיינען אויף אַ נסיעה — טראָגן אויף דער ברוסט פון אויבערשטן בגד אַ קיילעכדיקן צייכן, וואָס זאָל זיין אַ דריי־פינגער די ברייט. יידישע פרויען פון צוועלף יאָר אָן און עלטער זאָלן טראָגן שלייערס, ווען זיי געפינען זיך מחוץ זייערע היימען. אויב די יידן וועלן אונטער וועלכן ניט איז אויסרייד האַנד־לען אַנדערש, זאָל זיי פאַרבאָטן ווערן צו האָבן צו טאָן מיט קריסטן.

ג. דער סינאָד פון טריער פאַרבאָט יידישע דאָקטוירים צו היילן קריסטן

1 מערץ, 1227

מיר באַפעלן די לאָרדן פון דער מדינה [פראַנקרייך] צו נייטן און צווינגען די יידן דורך אַ שטראָף, אַז זיי זאָלן זיך ניט פאַרנע־מען מיט קיין הייל־קונסט און אַז זיי זאָלן ניט געבן די קריסטן קיין שום רפואות.

ד. אַ בולע פון גרעגאָר IX קעגן די גוואַלדטאַטן פון די קרייצטרעגער

5 סעפּטעמבער, 1236

צום אַרציבישאָף פון באָרדאָ און צו די בישאָפן פון פּאַטו, אַנגולעם און סעינט.

מיר האָבן פאַרנומען אַ האַרצרייסנדיק און ביטער געוויין פון די יידן, וואָס וואוינען אין דער מדינה פראַנקרייך. ס׳ווייזט

זיך אַרויס, אַז די קרייצטרעגער פון אייערע געגנטן און דיאָצע־זיעס, וואָס האָבן זיך געזאָלט האָבן מכין געווען מיט האַרץ און נשמה צו שטרייטן די שטרייטן פון גאָט און צו באַפרייען די ירושה און קריסטוסן [יעזוס קבר] פון די געצנדינער, וואָס טוען, מחמת די גרויסע זינד פון די קריסטן, פאַראומווערדיקן דעם טעמפּל פון גאָט... האָבן [גאָר] די דאָזיקע צוזאַמען מיט אַנדערע, וואָס האָבן זיך אויך געווידמעט דעם קרייץ, דורכגעפירט גאָטלאָזע מעשים קעגן די יידן. זיי פאַרטראַכטן זיך ניט וועגן דעם, אַז די באַשטעטיקונג פון דער קריסטלעכער אמונה קומט פון דער יידישער תורה. די נביאים האָבן נביאות געזאָגט, אַז זיי [די יידן] וועלן זיין ווי זאַמד ביים ברעג פונעם ים און אַן איבערבלייב פון זיי וועט גע־ראַטעוועט ווערן, ווייל גאָט וועט ניט אייביק פאַראַכטן זיין פאָלק. אָבער די קרייצטרעגער פאַרמעסטן זיך זיי אָפּצואווישן פונעם פּנים פון דער ערד.

אין אַ ניט־געהערטן אויסברוך פון אכזריות, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך, האָבן זיי געשאָכטן צוויי טויזנט און פינף הונ־דערט פון זיי [יידן], אַלט און יונג און אויך שוואַנגערע פרויען. טייל זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און אַנדערע זיינען צע־טראָטן געוואָרן, ווי קויט אונטער פערדישע פּאָדקאָוועס. זיי האָבן פאַרברענט זייערע ספרים. און כדי נאָך מער צו באַליידיקן און צו דערנידעריקן די דערהרגעטע, האָבן זיי זייערע גופים איבערגע־לאָזן ווי שפּייז פאַר די פייגל פון הימל און פאַר די חיות רעות פון דער ערד. נאָכדעם ווי זיי האָבן שענדלעך און געמיין באַהאַנדלט די וואָס זיינען געבליבן לעבן נאָך דער דאָזיקער שחיטה, האָבן זיי צוגענומען זייער האָב און גוטס און דאָס פאַרנוצט. און בכדי זיי זאָלן קאָנען פאַרבאַהאַלטן אַזאַ אוממענטשלעכן פאַרברעכן אונ־טער דעם צודעק פון קדושה און אויף אַ געווויסן אופן באַרעכטיקן די מיאוסע מעשים, זאָגן זיי אַז זיי האָבן דאָס געטאָן און וועלן נאָך ערגערס טאָן דערפאַר, ווייל די יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טויפן זיך... אָבער די, וואָס גאָט וויל זיי אַרויסווייזן זיין רחמנות, דאַרפן ניט געצוואונגען ווערן צו דער ברכה פון דער טבילה, נאָר פריי־וויליק דאַרפן זיי דאָס אָננעמען...

דעריבער האָבן די יידן, וואָס האָבן זיך געפונען ווי אונטער אַ נייער מצרישער קנעכטשאַפט, מורא געהאַט, אַז מען זאָל זיי ניט אויסראָטן און זיי האָבן אונטערטעניקסט געבעטן רחמים ביי דעם אַפּאָסטאָלישן טראָן.

דעריבער, כדי אַזאַ חוצפה זאָל ניט בלייבן אומבאַשטראָפט און ניט שעדיקן ווייטער אַנדערע, באַפעלן מיר, אַז יעדער איינער פון אייך זאָל אין אייערע דיאָצעזיעס צווינגען די באַוואוינער, וואָס באַגייען אַזעלכע פאַרברעכנס, אַז זיי זאָלן מוזן גוטמאַכן די שאָדנס פון די געגנבעטע פאַרמעגנס, און זיי זאָלן באַשטראָפט ווערן ווי געהעריק פאַר די שוין דורכגעפירטע פאַרברעכנס. נאָכדעם ווי איר וועט געבן די פּאַסיקע וואָרענונג, מעגט איר נוצן קירכלעכע שטראָף אָן אַ דערמאָנונג.

ה. דער פּויפּסט גרעגאָר IX פאָדערט אויף אַלע בישאָפן פון פראַנקרייך צו קאָנפיסקירן דעם תלמוד

דער דאָזיקער בריוו האָט געבראַכט דערצו, אַז מע האָט מיט איבער צוויי יאָר שפּעטער (1242) פאַרברענט דעם תלמוד.

9 יוני, 1239

צו די אַרציבישאָפן פון פראַנקרייך, וואָס די בריוו וועלן זיי דערגרייכן . . .

אויב דאָס, וואָס עס ווערט דערציילט וועגן די יידן פון פראַנקרייך און פון אַנדערע מדינות איז אמת, איז ניטאָ קיין גענוג האַרבע שטראָף פאַר זייער פאַרברעכן. זיי, אַזוי האָבן מיר געהערט, שטעלן זיך ניט צופרידן מיט דער תורה, וואָס גאָט האָט משהן איבער־געגעבן אין שריפט. זיי קוקן זיך אויף דעם אפילו ניט אום און זיי פאַרזיכערן, אַז גאָט האָט משהן איבערגעגעבן מינדלעך אַן אַנדער געזעץ־בוך, וואָס הייסט „תלמוד", וואָס דאָס מיינט „לערע". זיי נעמען אָן פאַלש, אַז עס איז געווען פאַרפלאַנצט אין זייערע מוחות און אומגעשריבן איז עס דאָרטן דערהאַלטן געוואָרן, ביז עס זיינען געקומען געוויסע מענטשן, וואָס זיי רופן זיי „חכמים" און „סופרים", וואָס האָבן אוים מורא, אַז דאָס אַלץ זאָל ניט פאַרגעסן ווערן, דאָס אויפגעשריבן, און דער טעקסט דערפון איז ווייט גרעסער ווי די

ביבל. אין דעם תלמוד זיינען פאַראַן אַזעלכע אומדערלאַזלעכע באַ־לייידיקנדיקע שטעלן, אַז עס פאַרשעמט די, וואָס דערמאָנען זיי און ס׳רופט אַרויס אַ גרויל ביי די וואָס הערן דאָס.

דעריבער, אַזוי ווי מען זאָגט, אַז דאָס [דער תלמוד] איז די וויכטיקסטע סיבה, וואָס האַלט די יידן אין זייער פאַלשקייט [ביי דער יידישער אמונה], האָבן מיר געדענקט, אַז אייער ברודערשאַפט דאַרף געוואָרנט און אויפגעפאָדערט ווערן. און דערמיט באַפעלן מיר אייך דורך די אַפּאָסטאָלישע בריוו, אַז דעם ערשטן שבת אינ־דערפרי פון דער קומענדיקער פאַסט־צייט [לענט, 3 מערץ 1240], ווען די יידן וועלן זיך געפינען אין זייערע שולן, זאָלט איר אויף אונדזער באַפעל פאַרכאַפּן אַלע ספרים פון די יידן, וואָס וואוינען אין אייערע געגנטן און די דאָזיקע ספרים איבערלאָזן אונטער דער אויפזיכט פון די דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער מאָנאַכן. פאַר דעם צוועק מעגט איר זיך באַנוצן מיט דער הילף פון דער וועלט־לעכער מאַכט, אויב איר וועט דאָס נייטיק האָבן. און איר מעגט אויך אַרויסרופן דעם חרם אויף אַלע, וואָס זיינען אונטער אייער השגחה, סיי פּריוואַטע פּערזאָנען און סיי גייסטלעכע, וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן אָפּצוגעבן די העברעאישע ספרים, וואָס געפינען זיך אין זייער רשות, נאָכדעם ווי זיי וועלן געוואָרנט ווערן אין די קירכן בכלל און פּערזענלעך בפרט.

13

פון „ספר החסידים"

דאָס „ספר החסידים" איז געשריבן געוואָרן אינעם צוועלפטן און דרייצנטן יאָרהונדערט. כאָטש ר' יהודה החסיד ווערט אָנגעגעבן ווי דער מחבר, ווייס מען אָבער, אַז אַ גרויסע טייל פון דעם זייער פּאָפּולערן און באַליבטן מוסר ספר האָט געשריבן ר' יהודהס פאָטער, ר' שמואל בן קלונמוס (געשטאָרבן 1126 אין שפּייער) און ר' יהודהס אַ תּלמיד, ר' אליעזר פון וואָרמס. אַחוץ דעם האָבן נאָך די שפּעטערדיקע רעדאַקטאָרן צוגעגעבן געוויסע טיילן. וועגן ר' יהודה החסיד ווייסן מיר זייער ווייניק. מען ווייסט בלויז, אַז ער איז געווען אַ תּלמיד פון רבנו תּמם אַ באַ־ליבטן תּלמיד, ר' יצחק בר' שמואל און אַז אין 1195 האָט ער געגרינדעט אַ ישיבה אין רעגנסבורג.

דאָס באַרימטע מוסר ספר איז שוין איבער זיבן הונ־דערט יאָר אַ וועגווייזער און אַ לערער ביי יידן. אין „ספר החסידים" זיינען פאַראַנען שיינע מוסטערן פון דער יידישער מאָראַל און פון דער יידישער עטיק, פון דער באַציאונג צווישן ייד און ייד, ייד און קריסט, מענטש און גאָט, פאָטער און קינד, סוחר און קונה, ריכטער און קלעגער אאַז"וו.

אַ חסיד. אַ חסיד איז נאָר יענער, וואָס באַשטייט ניט אויף דאָס זייניקע. קומען צו אים לייט, וואָס האָבן קעגן אים געהאַנדלט שלעכט, און זיי בעטן פאַרגעבונג און ווילן אַלץ פאַרגיטיקן, וואָס זיי האָבן אים געשעדיקט און זיי זיינען גרייט זיך אונטערצוואַרפן וואָס ער וועט באַשטימען — און ער איז זיי מוחל, ווען ער איז אפילו בכח נקמה צו נעמען: פאַר שלעכטס מיט שלעכטס צו באַ־צאָלן, און ער טוט דאָס ניט — ווערט ער אָנגערופן חסיד.

שוחד. נעמען שוחד איז אַ זינד, וואָס מ'קאָן קיינמאָל ניט פאַרגיטיקן. קאָן אַ שופט, וואָס לאָזט זיך אונטערקויפן, וויסן ווי ווייט עס גייט זיין איבערטרעטן דאָס געזעץ? ער שטאַרקט דאָך דעם פאַרברעכער, וואָס פון אָפּנייגן פון געזעץ טוט ער ציען דעם שלום אַז וואָס ער האָט איצטער געטאָן וועט ער אויך ביי אַנדערע קאָנען פּרובירן טאָן. דעריבער ווערט אַ פולשטענדיקע תשובה אוממעגלעך.

אַ צייט צו שווייגן און אַ צייט צו רעדן (קהלת 7:3). ווערט מען געלעסטערט אָדער געפּלוכט איז עס די צייט צו שווייגן. אויף גאוהדיקע רייד דאַרף מען ניט ענטפערן. די צייט אָבער צו רעדן איז דעמאָלט ווען מ'רעדט דברי תורה. דעמאָלט זאָל יעדער וואָס קאָן מיטהאַלטן, ניט שווייגן.

שווינדל. באַשווינדלען אָדער באַגנבענען אַ גוי איז נאָך אַ סך אַ גרעסערע זינד ווי באַשווינדלען אָדער באַגנבענען אַ יידן. ראשית איז אומערלעכקייט אַ פאַרברעכן קעגן וועמען מען זאָל דאָס ניט באַגיין. אָבער באַשווינדלען אַ גוי הייסט אַריינציען אַלע יידן אין דעם פועל יוצא. עס איז שוין אַזוי אַז דאָס פאַרברעכן פון איין יידן ווערט צוגעשריבן אַלע יידן, און דעמאָלט הייסט עס: די יידן גנבענען. דעריבער איז דאָס באַשווינדלען אַ ניט־יידן אַ פאַר־ברעכן קעגן כלל ישראל, אַ זינד ווי ביים כהן גדול — אַ פאָלק־שולד. מחמת דעם זאָל דער ייד, ניט געקוקט אויפן אַלגעמיינעם אומרעכט, זיין באַזונדערס געוואָרנט זיך צו היטן פונעם קלענסטן אָנוואונק אויף אומערלעכקייט אין זיין מגע ומשא מיט דער ניט־יידישער וועלט.

רכילות. גלייב ניט יענעם וואָס דערציילט שלעכטס וועגן מענטשן. וויים, אַז דו מעגסט אַזאַ איינעם פאַרדעכטיקן אין די זינד, וואָס ער שרייבט צו אַנדערע. אונדזערע חכמים זאָגן: „רעדט איי־נער אויפן אַנדערן שלעכטס, זיינען עס נאָר זיינע אייגענע פעלערן, וואָס ער וויל אָן אַנדערן צושרייבן".

כלל פאַרן פרט. ווען שונאים פאָדערן, אַז מע זאָל זיי אַרויסגעבן אַ יידן צו טייטן און זיי דראָען, אַז אויב מען וועט ניט דערפילן זייער פאַרלאַנג וועלן אַלע מוזן אומקומען, טאָ זאָלן אַלע אויף זיך נעמען דעם טויט און די אויספאָדערונג ניט דערפילן.

רבי און תלמיד. ביי אַן עפנטלעכן שיעור דאַרף מען נאָר שטעלן דעם רבין אַזעלכע שאלות, וואָס מען ווייסט, אַז ער הערט זיי גערן. אַבער אַנדערע ניט, ווייל מען קאָן אים נאָך ברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט מיט אַ שאלה, צו וועלכער ער איז ניט צוגע־גרייט. ביי אַזעלכע עפנטלעכע שיעורים זאָל מען זיך אָפּהיטן פון שטעלן שאלות מיט ניט קיין דרך־ארצדיקער איבערגעשפּיצטקייט, ווייל אַזאַ באַנעמען זיך איז ריינע גאוה.

„געוואוין דאָס יינגל אויף זיין וועג" [משלי 6:22]. פּאַס צו דאָס לערנען צו די אויפנעם-פעאיקייטן פון דיינע תלמידים: איינעם דאַרפסטו בלויז אָנדייטן, און ער וועט דיך פאַרשטיין; איינעם וועט אַזאַ גאַנג שאַדן טאָן, ווייל ער וועט דיך שלעכט פאַרשטיין. דעם מוזסטו אַלץ גרינטלעך און דייטלעך פאַרטייטשן און דער־קלערן. דעם איבערגעגעבענעם און שאַרפן תלמיד דאַרפסטו ניט געבן קיין לאַנגע דערקלערונגען, ווייל ס'וואָלט געווען צייט פאַר־שווענדונג. אַבער סע וואָלט גוט געווען, אַז ביי אַ שווערער שטעלע זאָלסטו אים ווייזן, אַז דאָ איז פאַראַן אַ שוועריקייט און אַז ער דאַרף זיך געבן די מי דאָס אויסצוגעפינען. האָט ער די שוועריקייט אויסגעפונען, דערקלערט אים דער רבי דעם ענין. אַזאַ גאַנג באַ־לעבט דאָס לערנען און האָט אַ גרויסן רייץ פאַרן פלייסיקן און דענ־קענדיקן תלמיד.

„אַז דיין שונא איז הונגעריק, גיב אים עסן ברויט". דער קאַר־גער, וואָס גיט די אָרעמע גאָרניט און קיין מענטש האָט קיין געניס ניט פון זיין פאַרמעגן, באַרויבט די וועלט. און וועגן אַזאַ איינעם ווערט געזאָגט: „קיינער זאָל ניט לייטזעליקן זיינע יתומים [תהלים 12:109]. וויפל נאָך ווייניקער אים אַליין?"

צדקה. פרעגט דיך ווער: „זאָל איך שרייבן אַ ספר תורה אָדער דאָס געלט אַוועקגעבן צו באַקליידן בכבודיקע אָרעמעלייט?" זאָלסטו אים ענטפערן מיט ישעיהן: „אַז דו זעסט אַ נאַקעטן, זאָלסטו אים באַדעקן" [ישעיה 7:58].

ערלעכקייט. פרעגט זיך ביי דיר נאָך אַ גוי אויף דער ערלעכקייט פון אַ יידן מחמת מסחר, ביסטו מחויב אים צו געבן אַ ריכטיקן ענטפער. אויב ס'איז נייטיק, זאָלסטו אים וואָרענען ניט צו האָבן קיין עסקים מיטן דאָזיקן יידן.

14

דער קאַלישער סטאַטוט

ווען יידן זיינען געקומען אין אַ לאַנד אָדער אין אַ שטאָט אַריין, אָדער ווען זייער צאָל איז שוין געווען מער אָדער ווייניקער אָנזעעוודיק, פלעגן זיי זיך ווענדן צום קיניג, פרינץ אָדער בישאָף פון דעם לאַנד אָדער פון דער שטאָט, אַז ער זאָל באַשטימען זייערע רעכט און די התחייבותן מצד דעם הערשער צו זיי. אַ סך מאָל פלעגט דער הערשער דאָס אליין טאָן. אַזאַ מין דעקלאַראַציע האָט מען גערופן סטאַטוט אָדער פריווילעגיע.

דער קאַלישער סטאַטוט, וואָס באָלעסלאַוו דער שעמעוודיקער האָט דעם 16־טן סעפטעמבער 1264 געגעבן די יידן פון גרויס־פוילן, איז ניט געווען קיין נייער אויפטו. מיטן אויסנאַם פון עטלעכע פאַראַגראַפן, איז ער ענלעך געווען צו די פריווילעגיעס, וואָס די יידן פון עסטרייך האָבן געקראָגן אין 1244 און די יידן פון אונגאַרן אין 1261. ענלעכע פריווילעגיעס זיינען נאָך הונדערטער יאָרן שפעטער ארויסגעגעבן געוואָרן די יידן אין פארשיידענע לענדער.

דער הויפט ציל פון אַזעלכע פריווילעגיעס איז געווען אָנצואווייזן די גרענעצן פון דעם יידנס רעכטלעך און עקאָנאָמיש לעבן און אונטערצושטרייכן, אַז ער איז מיט זיין גאַנץ האָב און גוטס דער מלוכהס אייגנטום.

אין גאָטס נאָמען, אמן. די ענינים פונעם מענטשלעכן מין, אויב זיי ווערן ניט אונטערגעשטיצט דורכן וואָרט פון עדות אָדער דורך אַ באַשטעטיקונג פון אַ כתב, לויפן שנעל אַדורך און פאַלן כמעט ארויס פונעם מענטשלעכן זכרון. דעריבער זיינען מיר, באָלעסלאַוו פון גאָטס גנאַד, פירשט פון גרויספוילן, מודיע סיי די, וואָס לעבן

איצט, סיי די שפּעטערדיקע, צו ווען דאָס דאָזיקע געשריפט וועט דערגיין, אַז די סטאַטוטן און פּריווילעגיעס פון אונדזערע יידן, וואָס וואוינען אין אַלע לענדער פון אונדזער מלוכה, וועלכע זיי האָבן פון אונדז באַקומען, זיינען וואָרט־ווערטלעך אונטן אָנגעשריבן און מיר ווילן, אַז זיי זאָלן ווערן אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופן:

1. אַ קריסט טאָר ניט ווערן צוגעלאָזט ווי אַן עדות אַקעגן אַ יידן, ביז וואַנען ער וועט עס ניט באַווייזן דורך אַ יידן און אַ קריסט.

קודם כל באַשליסן מיר, אַז בנוגע געלט אָדער בנוגע אַ וועל־כער ניט איז באַוועגלעכער אָדער ניט באַוועגלעכער זאַך אָדער בנוגע אַ קרימינעלן ענין, וועלכער איז שייך צו דער פּערזאָן אָדער צום אייגנטום פון אַ יידן, טאָר מען ניט צולאָזן קיין קריסט ווי אַן עדות קעגן אַ יידן, סיידן [ווען דער קריסט וועט אַרויסטרעטן מיט עדות] מיט אַ יידן און אַ קריסט.

2. אויב אַ קריסט לאָדט אַ יידן וועגן משכנות און דער ייד לייקנט [עס], דעמאָלט וועט דער ייד פריי זיין דורך זיין שבועה.

אויב אַ קריסט מאַכט שוועריקייטן אַ יידן, טענהנדיק, אַז ער האָט ביי אים פאַרמשכנט זאַכן, און דער ייד זאָגט, אַז ניין, און דער קריסט וועט ניט גלייבן דעם יידן אויפן וואָרט, דעמאָלט איז דער ייד מחויב צו שווערן וועגן דעם ווערט פון דער פאַרמשכנטער זאַך, און ער וועט זיין פריי.

3. אויב אַ קריסט דערקלערט, אַז ער האָט פאַרזעצט ביי אַ יידן [אַ זאַך] פאַר אַ קלענערן סכום, ווי עס זאָגט דער ייד, דאַרף דער ייד באַווייזן מיט זיין שבועה, אַז ער האָט די זאַך [באַקומען ווי אַ משכון] פאַר אַ גרעסערן סכום.

אויב אַ קריסט וועט פאַרזעצן ביי אַ יידן אַ משכון און וועט טענהן, אַז ער האָט עס פאַרזעצט ביים יידן פאַר אַ קלענערן סכום,

ווי עס איז מודה דער ייד, [דעמאָלט] זאָל דער ייד שווערן וועגן משכון, וואָס איז ביי אים פאַרזעצט, און ער וועט [דאָס] באַווייזן מיט זיין שבועה; דער קריסט טאָר זיך [דערנאָך] ניט אָפּזאָגן אים [דעם יידן] צו באַצאָלן.

4. **אויב אַ ייד וועט טענהן אַז ער האָט עפּעס געבאָרגט אַ קריסט, דאַרף זיך דער קריסט ריינוואַשן דורך אַ שבועה.**

אויב אַ ייד וועט אָן עדות טענהן, אַז ער האָט געבאָרגט אַ קריסט אַ משכון און יענער וועט זאָגן, אַז ניין, [דעמאָלט] וועט זיך דער קריסט [קאָנען] מיט זיין אייגענער שבועה ריינוואַשן פון דער דאָזיקער זאַך.

5. **אַ ייד מעג נעמען פאַר אַ משכון כלערליי זאַכן אַחוץ קירכלעכע כלים און פאַרבלוטיקטע מלבושים.**

אַ ייד מעג נעמען פאַר אַ משכון אַלץ, וואָס מען וועט ביי אים פאַרזעצן, ווי דאָס זאָל ניט הייסן, ניט מאַכנדיק וועגן דעם קיין שום אויספאָרשונג, מיטן אויסנאַם פון פאַרבלוטיקטע מלבושים און קירכלעכע חפצים, וועלכע ער טאָר פאַר קיין פאַל ניט אָננעמען.

6. **אַ ייד דאַרף אָפּגעבן אַ שבועה אַקעגן אַ קריסט, אַז בעת מען האָט ביי אים פאַרזעצט דעם משכון האָט ער ניט געוואוסט אַז דער משכון זאָל זיין געגנבעט אָדער מיט געוואַלד צוגענומען.**

אויב אַ קריסט וועט לאָדן אַ יידן [טענהנדיק], אַז דער משכון, וועלכן דער ייד האָט, איז ביי אים צוגענומען געוואָרן דורך גנבה אָדער דורך געוואַלט, דאַרף דער ייד וועגן יענעם משכון שווערן, אַז ווען ער האָט אים דערהאַלטן, האָט ער ניט געוואוסט, אַז ער איז אַ געגנבעטער אָדער אַ געגזלטער; ער דאַרף [נאָך] אַרייננעמען אין זיין שבועה [אַ דערקלערונג], פאַר וויפל [געלט] מען האָט ביי אים פאַרזעצט דעם משכון; נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַזוי אַרום ריינגעוואַשן, דאַרף אים דער קריסט געבן צו באַצאָלן דעם קרן מיט דעם וואוכער, וואָס איז אין דער צייט אָנגעוואַקסן.

7. **אויב אַ קריסט האָט עפּעס פאַרזעצט ביי אַ יידן, און דער ייד האָט צוזאַמען מיט דער זאַך אויך פאַרלוירן זיינע אייגענע זאַכן, דעמאָלט וועט דער ייד אָפּגעבן אַ שבועה און וועט זיין פריי.**

אויב ביי אַ יידן ווערן דורך אַ שרפה אָדער דורך אַ גנבה אָדער דורך אַ גוואַלדטאַט אַוועקגענומען זיינע זאַכן [צוזאַמען] מיט זיינע פאַרזעצטע משכנות און דאָס וועט זיין באַוואוסט, און דער קריסט [וועלכער] האָט ביי אים עפּעס פאַרזעצט, וועט ניט געקוקט דערויף זיך טשעפּען [צו דעם יידן], וועט יענער זיך באַפרייען [פון דער באַשולדיקונג] דורך זיין אייגענער שבועה.

8. **די שטאָט זאָל ניט אַרויסטרעטן [געריכטלעך] אַנטקעגן אַ יידן, נייערט דער מושל אָדער וואָיע־וואָדע; און דאָס רעכט צו משפּטן אַ יידישן פאַר־ברעכן געהערט בלויז צו דעם מושל.**

אויב עס וועט אויסברעכן צווישן יידן אַ סכסוך אָדער קריג, זאָל זיך דער שופט פון אונדזער שטאָט ניט נעמען קיין שום רעכט צו משפּטן צווישן זיי. נייערט מיר אליין וועלן אויספירן דאָס גע־ריכט אָדער אונדזער וואָיעוואָדע אָדער אונדזער שופט. אויב אָבער דאָס איז געווענדט אַנטקעגן דעם מענטשן גופא, דאַרף אַזאַ מין פאַל איבערגעגעבן ווערן בלויז אונדז אליין צו משפּטן.

9. **די שטראָף וואָס מען דאַרף צאָלן פאַר אַ יידישע וואונד לויט אַ פּסק־דין דאַרף געהערן דעם איבער־האַר, דעם וואָיעוואָדע, — און דעם פאַרוואונדעטן קומען די הוצאות פאַרן היילן זיך.**

אויב אַ קריסט וועט פאַרוואונדן אַ יידן אויף אַ וואָסער ניט איז אופן, דאַרף דער באַשולדיקטער אונדז און אונדזער וואָיעוואָדע באַצאָלן — לויט דעם ווי ער קאָן געווינען אונדזער גנאָד — די שטראָף וואָס דאַרף אריינגעטראָגן ווערן אין אונדזער אוצר, און דעם פאַרוואונדעטן זאָל ער צופרידנשטעלן פאַרן היילן די וואונדן

און פאַר די הוצאות ווי עס פאַרלאַנגען און פאָדערן די געזעצן פון אונדזער לאַנד.

10. **פאַר אַ יידישן קאָפּ געהערט די שטראָף דעם מושל, ד"ה, מען דאַרף פאַרקויפן די גיטער [פון דעם מערדער] לטובת דעם אוצר.**

[אויב אַ קריסט] וועט דערהרגענען אַ יידן, זאָל ער באַשטראָפט ווערן לויט אַ גערעכטן משפט, און אַלע באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער פונעם באַשולדיקטן וועלן אַריבערגיין אין אונדזער רשות.

11. **פאַר אַ ברויז־און־בלויע בייל דאַרף מען געבן דעם וואָיעוואָדע אַ שטראָף, און דעם פאַרוואונדעטן דאַרף מען צופרידנשטעלן.**

אויב אָבער אַ קריסט וועט אָנפאַלן אויף אַ יידן אזוי, אַז קיין בלוט וועט ניט רינען, דאַרף — לויטן מנהג פון אונדזער לאַנד — דער וואָיעוואָדע איינמאָנען פון דעם דאָזיקן די שטראָף און דעם צעשלאָגענעם אָדער פאַרוואונדעטן דאַרף מען צופרידנשטעלן לויט דעם, ווי מען איז זיך נוהג אין אונדזער לאַנד; אָבער טאָמער וועט דער באַשולדיקטער ניט קאָנען ברענגען קיין געלט וועט ער פאַר דער דאָזיקער טאַט באַשטראָפט ווערן לויט דער גערעכטיקייט.

12. **וועגן נעמען צאָל ביי יידן.**

וואו אַ ייד זאָל ניט אַדורכפאָרן דורך אונדזער מדינה, זאָל אים קיינער ניט מאַכן קיין שום שטערונגען, ניט שטעלן קיין שום מניעה אָדער שוועריקייט. אויב ער וועט אַדורכפירן סחורות אָדער זאַכן פון וועלכע עס קומט צאָל, זאָל דער ייד אין אַלע צאָל־ערטער אריינטראָגן בלויז דעם געהעריקן צאָל וואָס איז אַ חוב אויף יעדן בירגער פון דער שטאָט, וואו דער דאָזיקער ייד וואוינט.

13. **וועגן איבערפירן יידישע מתים.**

אויב יידן וועלן, לויט זייער מנהג, עמיצן פון זייערע טויטע אַריבערפירן פון שטאָט צו שטאָט, צי פון פראָווינץ, אָדער פון לאַנד

אין לאַנד, ווילן מיר אַז אונדזערע צינז־פּאַכטערס זאָלן גאָרנישט פון זיי נעמען מיט גוואַלד; און טאָמער וועט אַ צינז־פּאַכטער יאָ עפּעס נעמען מיט גוואַלד, ווילן מיר, אַז ער זאָל באַשטראָפט ווערן ווי אַ רוצח.

14. וועגן חרוב מאַכן אַ יידישן בית־עלמין.

מיר ווילן, אַז אויב אַ קריסט וועט זייער בית־עלמין חרוב מאַכן אָדער באַפאַלן, אויף וועלכן ניט איז אופן, זאָל ער לויטן מנהג פון אונדזער לאַנד און לויט אונדזערע געזעצן שטרענג באַשטראָפט ווערן און אַלע זיינע חפצים, ווי זיי זאָלן ניט הייסן, דאַרפן צוגע־נומען ווערן פאַר אונדזער אוצר.

15. וועגן באַפאַלן אַ יידישע שול.

מיר ווילן, אַז אויב עמיצער וועט עזותדיק ווארפן [שטיינער] אויף יידישע שולן, זאָל ער באַצאָלן 2 שטיינער פעפער אונדזער וואָיעוואָדע.

16. וועגן שטראָף פונעם יידן פאַרן שופט.

אויב עס וועט זיך טרעפן, אַז אַ ייד וועט שולדיק זיין דעם ריכטער אַ שטראָף וואָס הייסט „וואַנדעל" [אַן אַנטשעדיקונג אָדער געלט־שטראָף], וואָס איז שוין איינגעפירט פון לאַנג צוריק, זאָל ער דעם ריכטער באַצאָלן אַ שטיין פעפער ווי די דאָזיקע שטראָף.

17. מיט וועלכער שטראָף מען דאַרף קנסנען אַ יידן פאַר ניט פאָלגן.

אויב אַ ייד וועט דורך אַ באַפעל פון זיין שופט גערופן ווערן פאַרן געריכט און ער וועט צום ערשטן און צווייטן מאָל ניט קומען, זאָל ער באַצאָלן פאַר ביידע מאָל שטראָף, וואָס איז איינגעפירט פון לאַנג. אויב ער וועט ניט קומען נאָך דער דריטער לאָדונג, זאָל ער דעם דערמאָנטן שופט באַצאָלן אַ שטראָף, וואָס עס קומט דערפאַר.

18. אויב אַ ייד וועט פאַרוואונדן אַ יידן זאָל ער באַצאָלן שטראָף דעם שופט לויטן [אָנגענומענעם] איינפיר.

אויב אַ ייד וועט פאַרוואונדן אַ יידן, טאָר ער זיך ניט אָפּזאָגן צו באַצאָלן זיין שופט אַ שטראָף לויטן איינפיר פון אונדזער לאַנד.

19. ווי די יידן דאַרפן אָפּגעבן אַ שבועה.

מיר באַשטימען, אַז קיין שום ייד זאָל ניט שווערן אויף זייערע ספר־תורהס, סיידן ווען עס האַנדלט זיך וועגן וויכטיקע ענינים וואָס גרייכן ביז 50 גריוונעס זילבער אָדער ווען מיר וועלן רופן צו זיך [דעם באַשולדיקטן]; אין קלענערע ענינים דאַרף ער אָפּגעבן אַ שבועה פאַר דער שול, פאַר דער טיר פון דער דערמאָנטער שול.

20. וועגן דערהרגענען אַ יידן געהיים.

אויב אַ ייד וועט געהרגעט ווערן געהיים, אַזוי, אַז מען וועט ניט קאָנען פעסטשטעלן דורך עדות, ווער עס האָט אים דערהרגעט, און די יידן וועלן נאָך דער אויספאָרשונג האָבן אויף עמעצן אַ חשד, וועלן מיר לויטן געזעץ צוהילף קומען די יידן אַנטקעגן דעם [פאַרדעכטיקטן] אין דערהרגענען אַ יידן.

21. פאַר אַ געוואַלדטאַט וואָס מען באַגייט לגבי יידן באַשטראָפט דאָס לאַנד־געזעץ.

אויב קריסטן וועלן זיך מיט אימפּעט וואַרפן מיט די הענט אויף אַ יידן, דאַרפן זיי באַשטראָפט ווערן לויט דעם ווי דאָס פאַרלאַנגט דאָס געזעץ פון אונדזער לאַנד.

22. וועגן דער מאַכט פון [יידישן] שופט.

דער יידישער ריכטער זאָל קיין שום ענין, וואָס האָט געטראָפן צווישן יידן, ניט ברענגען פאַרן געריכט ביז וואַנען ער וועט ניט גערופן ווערן דורך אַן אָנקלאַגע. און די יידן דאַרפן געמשפט ווערן פאַר די שולן, [אָדער אין די ערטער] וואָס זיי וועלן זיך אויסקלייבן.

23. **וועגן אַנוואוקס פון וואוכער.**

אויב אַ קריסט וועט אָפּנעמען זיין משכון ביי אַ יידן און וועט ניט באַצאָלן דעם וואוכער און וועט אים ניט דעקן אין משך פון א חודש, זאָל צו יענעם וואוכער צוואוואַקסן [דער נייער] וואוכער.

24. **וועגן אויפהאַלטן זיך ביי אַ יידן.**

דער ייד זאָל קיינעם ניט געבן ביי זיך קיין קעסט און קוואר־טיר.

25. **וועגן שולד־בריוו און וועגן האַלטן אומבאַוועג־לעכע גיטער.**

מיר באַשטימען: אויב אַ ייד וועט לייען געלט אויף [אַ משכון פון] נחלאות אָדער אויף בריוו פון אומבאַוועגלעכע גיטער און דער באַלעבאָס פונעם אייגנטום וועט דאָס באַווייזן, דעמאָלט זאָגן מיר אָפּ דעם יידן [דאָס רעכט אויף] די גיטער.

26. **וועגן יידישע קינדער.**

מיר ווילן, אַז אויב עמיצער [אַ מאַן צי אַ פרוי] וועט אַוועק־רויבן אַ יידיש קינד, זאָל ער באַשטראָפט ווערן ווי אַ גנב.

27. **וועגן דער מאַכט פון [יידישן] שופט.**

אויב אַ ייד וועט נעמען ביי אַ קריסט אַ משכון און אים האַלטן במשך פון אַ יאָר [און] זיין ווערט וועט ניט אַריבערוועגן די אויס־געבאָרגטע געלט־סומע, דאַרף דער ייד ווייזן זיין שופט דעם משכון. וועט אָבער דער משכון ניט זיין קיין גוטער, זאָל ער אים ווייזן אונדזער וואָיעוואָדע אָדער זיין שופט [און] דערנאָך וועט דער ייד האָבן דאָס רעכט [אים] צו פאַרקויפן. אויב [אָבער] דער זעלביקער וועט דעם משכון ווייזן זיין שופט איידער עס וועט אָפּלויפן אַ יאָר און דער משכון וועט ביים יידן פאַרבלייבן אַ יאָר מיט אַ טאָג, דעמאָלט וועט דער ייד מער ניט טראָגן קיין אחריות [פאַר דעם משכון].

28. **די יידן זאָל מען ניט משפּטן אין זייערע יום-טובים.**

מיר ווילן, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן צו מאָנען ביי אַ יידן אַ משכון אָדער געלט פאַר אַ משכון אין יום-טוב.

29. **וועגן צונעמען מיט געוואַלט ביי יידן פאַרזעצטע חפצים.**

יעדער קריסט, וואָס וועט מיט געוואַלט אָפּנעמען זיין משכון ביים ייד אָדער וואָס וועט באַגיין געוואַלטאַטן אין זיין הויז, זאָל שטרענג באַשטראָפט ווערן, ווי אַ באַשעדיקער פון אונדזער אוצר.

30. **יידישע פאַרברעכנס זאָלן געמשפּט ווערן אין זייערע שולן.**

אַנטקעגן אַ יידן מעג מען אַרויסטרעטן געריכטלעך אין [זייערע] שולן, וואו עס ווערן געמשפּט אַלע יידן. אַן אויסנאַם זיינען מיר [דער קיניג] און אונדזער וואָיעוואָדע, וואָס האָבן דאָס רעכט זיי צו פאַרבעטן צו זיך.

31. **ווען מען וועט אַ יידן באַשולדיקן אין דערהר־געגען אַ קינד.**

לויט די פאַראָרדענונגען פונעם פויפּסט דעם הייליקן פּאָטער, פאַרבאָטן מיר צום שטרענגסטן צווישן אַנדערע צו באַשולדיקן יידן, אַז זיי באַנוצן מענטשלעך בלוט, ווייל לויט די תקנות פון [זייער] געזעץ האַלטן זיי זיך אָפּ פון [באַנוצן] יעדן מין בלוט. טאָמער וועט אָבער אַ ייד יאָ ווערן באַשולדיקט אין דערהרגענען אַ קריסט־לעך קינד, — דאַרף ער ווערן באַשולדיקט [ד"ה, זיין שולד דאַרף באַוויזן ווערן] דורך דריי קריסטן און דורך אַזויפיל יידן [ווי עדות]. אויב זיין שולד וועט אַזוי אַרום באַוויזן ווערן, זאָל דער דערמאָנטער ייד ליידן נאָר אַזאַ שטראָף, מיט וועלכער מען באַשטראָפט בדרך כלל ווען מען באַגייט אַזאַ פאַרברעך. און אויב די דערמאָנטע עדות וועלן אים ניט באַשולדיקן און ער וועט מיט אַ שבועה באַווייזן זיין אומשולד, דעמאָלט פאַרלאַנגט די גערעכטיקייט, אַז דער קריסט זאָל ליידן די שטראָף, וואָס דער ייד וואָלט געדאַרפט ליידן צוליב אַזאַ רכילות.

32. וויפל דער ייד האָט געבאָרגט אַזויפיל דאַרף מען אים אומקערן מיט וואוכער, סיי אין גאָלד און סיי אין זילבער.

מיר באַשטימען, אַז וואָס דער ייד זאָל ניט האָבן געבאָרגט, צי דאָס איז גאָלד, צי געלט, צי זילבער — פונקט אַזויפיל דאַרף מען באַצאָלן אָדער אומקערן מיט אָנגעוואקסענעם וואוכער.

33. וועגן פאַרזעצטע פערד.

מיר ווילן אַז יידן זאָלן מעגן נעמען ווי אַ משכון אַלע פערד, וועלכע זיי זאָלן ניט זיין, אָבער דאָס זאָל געשען עפנטלעך, בייטאָג; אויב מען וועט געפינען ביי אַ יידן אַ פערד, וואָס איז צוגעגנבעט געוואָרן דורך אַ קריסט, דאַרף זיך דער ייד ריינוואַשן דורך זיין שבועה, זאָגנדיק, אַז מען האָט ביי אים פאַרזעצט דאָס פערד עפנטלעך און בייטאָג פאַר אַזויפיל געלט, וויפיל ער האָט דערפאַר געגעבן און ער האָט דאָס פערד געהאַלטן פאַר ניט קיין געגנבעטס.

34. וועגן זוכן פאַלשע מטבעות ביי יידן.

מיר פאַרווערן אויך די מינצערס אין אונדזער מלוכה צו פאַר־האַלטן אויף וואָס פאַר אַ ניט איז אופן אָדער כאַפּן יידן מיט פאַלשע מטבעות אָדער מיט אַנדערע זאַכן, אַחוץ אונדזערס אַ שליח אָדער אונדזער וואָיעוואָדע אָדער בכבודיקע שטאָטס־לייט [וואָס האָבן רעכט דערצו].

35. אַז אַ ייד שרייט ביינאַכט געוואַלט.

מיר ווילן, אַז אויב אַ ייד ווערט געטריבן דורך אַ גרויסער נויט צו שרייען איבער אַ געוואַלדטאַט ביינאַכט און די קריסטלעכע שכנים וועלן זיך ניט באַמיען צו קומען אים צו הילף און וועלן ניט קומען אויף זיין געשריי: זאָל יעדער קריסטלעכער שכן דאַרפן באַצאָלן דעם שופט צו דרייסיק שעלאַנגען [אַ שילינג איז אין מיטלאַלטער געווען אַן ערך 3 גראָשן].

36. וועגן קויפן ביי יידן שפּייז פּראָדוקטן.

מיר באַשטימען אויך, אַז יידן זאָלן אַלץ פריי קויפן און פאַר־קויפן, ברויט זאָלן זיי אַנרירן גלייך מיט קריסטן און די וואָס וועלן דאָס פאַרווערן דאַרפן צאָלן שטראָף אונדזער וואַיעוואָדע.

און כדי די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע זאַכן זאָלן תמיד האָבן זייער קראַפט, האָבן מיר אונדזער איצטיקע פּריווילעגיע מיט די אויס־גערעכנטע עדות געגעבן אונדזערע דערמאָנטע יידן צוליב גערוואָרנט־קייט און פאַרטיידיקונג, און מיר האָבן עס באַפעסטיקט מיט אונדזער זיגל. און די עדות פון דער דאָזיקער זאַך זיינען: גראַף אלווערט, דער קאַלישער וואַיעוואָדע, אויך דער גראַף דער קאַשטעלאַן פון גנעזן דער גראַף יאַנקאַל, דער גראַף מאַציעי, דער קאַשטעלאַן פון לאַנד, דער גראַף סגאַרזשאַני, דער קאַלישער קאַשטעלאַן גראַף דער־סלאַוו דער לענדער [לאַנד] און אַ סך אַנדערע הערן פון אונדזער לאַנד.

דאָס איז געשען אין דער שטאָט קאַליש, אויפן צווייטן טאָג פון אריינגעמען אין הימל די געבענטשטע יונגפרוי מאַריא, דאָס יאָר פונעם האַר 1264, דעם אַכטן טאָג סעפּטעמבער.

15

דער ברעסלער סינאָד פון 1267 וועגן יידן

צום שאַרפסטן פאַרווערן מיר, אונטער אַ חרם, אַלע קריסטן זיי זאָלן [אין זייערע הייזער] ניט אויפנעמען קיין יידן אָדער יידישקעס און ניט וואוינען מיט זיי צוזאַמען, זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן צו פראַווען מיט זיי סעודות אָדער [מיט זיי] צו טרינקען, אויך טאָרן זיי זיך ניט אונטערנעמען צו טאַנצן אָדער הוליען מיט זיי אויף חתונות אָדער סעודות; קריסטן זאָלן ניט קויפן ביי יידן קיין פלייש אָדער אַנדערע שפּייז-אַרטיקלען, כדי די יידן זאָלן ניט דורך אַ כיטרער המצאה פאַרסמען צופעליק די קריסטן, וואָס זיי באַטראַכטן פאַר שונאים.

מיר זיינען מוסיף, אַז אויב די יידן וועלן, אונטער וועלכן ניט איז אויסרייד, אויספּרעסן פון די קריסטן אַ הארבן און אומבאַגרע-נעצטן וואוכער, [דאַמאָלס] דאַרפן זיך די קריסטן אָפּהאַלטן פון פאַרקער מיט זיי, ביז וואַנען זיי וועלן ניט אײַנגאַנצן געבן קיין באַפרידיקונג פאַר דעם אומבאַגרענעצטן דרוק. דעריבער, אויב מען וועט עס באַדאַרפן, זאָל דער קירכלעכער אַמט צווינגען די קריסטן זיך אָפּצוהאַלטן פון פירן מיט זיי מסחר. די פירשטן אָבער באַפעלן מיר, אַז צוליב דעם זאָלן זיי ניט זיין פיינטלעך צו די קריסטן, נאָר זיי זאָלן זיך גיכער באַמיען אָפּצוהאַלטן די יידן פון אַזעלכע באַשווערונגען.

אויך מחמת דעם וואָס ביז איצט איז דאָס פוילישע לאַנד אַ נייע פלאַנץ אינעם אָרגאַניזם פון קריסטנטום; כדי דאָס פאָלק זאָל צופעליק ניט ווערן אָנגעשטעקט מיט די אָבערגלויבנס און שלעכטע מידות פון די יידן וואָס וואוינען מיט זיי צוזאַמען; כדי די קריסט-לעכע אמונה זאָל לייכטער און גיכער ווערן איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון די גלייביקע אין די דאָזיקע מקומות, [דעריבער] באַ-פעלן מיר בפירוש: אַז די יידן, וואָס האַלטן זיך אויף אין דער-

דאָזיקער גנעזענער פּראָווינץ זאָלן ניט וואוינען אויסגעמישט מיט די קריסטן, נאָר אַז די יידישע הייזער, די וואָס שפּאַרן זיך אָן איינע אָן די אַנדערע, אָדער וואָס זיינען צווישן זיך פאַראייניקט, זאָלן זיך געפינען אין א באַזונדער שטאָט פּערטל, כדי אַזוי־אַרום זאָל דער יידישער ישוב זיין אָפּגעטיילט פון די קריסטלעכע דירות מיט א מויער אָדער אַ פּאַסע [גרובן]. מיר באַפעלן אויך אַז דער בישאָף און די דיאָצעזיע און דער דאָרטיקער הערשער זאָלן צווינגען סיי די קריסטן, סיי די יידן, וואָס זייערע הייזער זיינען צונויפגעמישט, צו פאַרקויפן זיי [די הייזער] אָדער איבערבייטן זיי, לויט דער אָפּשאַצונג פון בכבודיקע לייט. אויב דידאָזיקע פונאַנדערטיילונג וועט ניט אויסגעפירט ווערן ביזן נאָענטסטן געבוירנטאָג פונעם הייליקן יאָהאַן דעם טויפער [דעם 25־סטן יולי], זאָל דער דיאָצעזאַלער [בישאָף] פונעם [געגנבענעם] אָרט, ווי אויך דער דאָרטיקער האַר, וויסן אַז אויב זיי וועלן זיך אָפּהאַלטן פון אויספירן די פליכט פון באַפעלן אָדער פון פאַרבאָטן די וואָס פאָלגן ניט, וועט מען זיי ניט אַריינלאָזן אין דער קירך. דערווייל אָבער, אויב ס'וועט אויסקומען צו טראָגן דעם סאַקראַמענט פון אַלטאַר לעבן די יידישע הייזער זאָלן די יידן, דערהערנדיק דעם ערשטן קלונג, אַליין זיך באַהאַלטן אינעווייניק אין זייערע שטיבער און פאַרמאַכן טיר און פענצטער. מיר באַשליסן אַז נאָכן אַדורכפירן דידאָזיקע פונאַנדערטיילונג זאָלן די יידן אין יעדער שטאָט ניט האָבן מער ווי איין־און־איינציקע שול.

אויך באַפעלן מיר אַז מען זאָל צווינגען די יידן אַריינצוברענגען דעם גייסטלעכן פון דער פּאַראַפיע, וואָס די יידן פאַרבלייבן אין זיינע גרענעצן, אַלע אָפּצאָלן, לויט דעם פּסק־דין פון דער דיאָצעזיע. דער אָפּצאָל דאַרף זיין לויטן היזק וואָס זיי זיינען גורם, צוליב דעם, וואָס זיי פאַרנעמען דידאָזיקע ערטער, וועלכע די קריסטן האָבן געדאַרפט באַוואוינען. מיר פאַרווערן אויך [די יידן] אַריינצוקומען אין שטיבער, בעדער אָדער גאַסטהייזער פון קריסטן; זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן צו האַלטן אין זייערע הייזער בייטאָג צי ביינאַכט דינער אָדער דינסטן אָדער זייגערינס אָדער וועלכע ניט־איז דינערשאַפט. זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן אָנצונעמען אויף קיין שום אופן ניט קיין צאָל־אַמט און ניט קיין אַנדערן עפנטלעכן אַמט.

16

אַ בלוט בלבול אין דייטשלאַנד

1267

אַן אַלטע פרוי, וואָס איז געווען באַפריינדט מיט די יידן פון פּאַרצהיים, האָט זיי פאַרקויפט אַ זיבניאָריק מיידעלע, אַ יתומה, אַז זיי זאָלן זי טייטן. די יידן האָבן דאָס קינד אַוועקגעלייגט אויף אַ סך געפאַלחעוועטע לייוונט, האָבן עס פאַרוואונדעט אין אַלע געלענקן און האָבן דערפון מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסגעקוועטשט דאָס בלוט, וואָס זיי האָבן זאָרגפול געזאַמלט אויף דער לייוונט. דעם בר מינן האָבן זיי באַשווערט מיט שטיינער און אריינגעוואָרפן אין אַ פליסיקן טייך לעבן דער שטאָט. דער בר מנין איז דריי אָדער פיר טעג שפּעטער געפונען געוואָרן פון פישער, וואָס האָבן אים באַמערקט דורך אַ האַנט, וואָס איז געווען אויסגעשטרעקט צום הימל. דאָס פאָלק האָט גלייך באַשולדיקט די יידן אין דעם פאַרברעכן. ווען דער מאַרק־גראַף פון באַדן, וואָס האָט זיך געפונען אין יענער געגנט, איז פאַרבייגעפאָרן, האָט זיך דער בר מנין אויפגעזעצט און האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו אים, ווי ער וואָלט געפאָדערט נקמה, און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך דער בר מנין ווידער אַוועקגעלייגט. ווען די יידן זיינען פאַרבייגעפירט געוואָרן האָבן זיך די וואונדן ווידער געעפנט און האָבן אָנגעהויבן צו בלוטיקן, וואָס דאָס האָט נאָך מער גערייצט דעם נקמה־דאָרשט פונעם עולם. מען האָט די אַלטע פרוי געפונען און זי געבראַכט, ווייל איר קליינע טאָכטער האָט אַלץ אויסגעזאָגט. און קינדער און שיכורים זאָגן דעם אמת. די יידן, וואָס האָבן דאָס מיידל געטייט, האָט מען געכאַפּט, געבראָכן אויפן ראָד און צוזאַמען מיט דער אַלטער פרוי געהאַנגען.

17

אַ בריוו פון רמב״ן צו זיין זון

ר׳ משה בן נחמן אָדער ווי ער איז בעסער באַקאַנט, דער רמב״ן (1195־1270) איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע שפּאַניש־יידישע געלערנטע פונעם דרייצנטן יאָרהונדערט. ער איז געווען לאַנגע יאָרן רב אין זיין געבוירנשטאָט געראָנאַ און געהאַט אַ גרויסע צאָל תּלמידים און אָנהענגער אין אַנדערע לענדער. דער רמב״ן האָט זיך באַרימט געמאַכט מיטן וויכוח, וואָס ער האָט אין 1263 געפירט אין באַרצעלאָנאַ מיטן משומד פּאַבלאָ קריסטיאַני ביים ביוזיין פונעם אַראַגאָנישן קיניג. דער רמב״ן האָט אַזוי איבערצייגנדיק פאַרטיידיקט די יידישע אמונה קעגן דעם משומדס אָנפאַלן, אַז דער קיניג האָט אים באַלוינט מיט דריי הונדערט מאַראַוועדעס. די קאַטוילישע קירך האָט זיך אָבער געפילט באַליידיקט פונעם רמב״נס פאַרטיידיקונג און געווירקט אויפן קיניג אַז ער זאָל אים אַרויסשיקן פון לאַנד אויף צוויי יאָר. דער אַלטער געלערנטער האָט אָבער אליין פאַרלאָזן זיין געבוירנשטאָט און איז אין 1267 אַוועק קיין ארץ ישראל. פון ארץ ישׂראל האָט ער זיין זון נחמנען צוגעשיקט דעם ווייטערדיקן בריוו.

הער צו מיין זון צום מוסר פון דיין פאָטער און פאַרלאָז ניט די לערע פון דיין מוטער. געוואוין זיך צו צו רעדן איידל צו יעדן מענטשן און צו יעדער צייט. אַזוי אַרום וועסטו זיך ראַטעווען פון כעס, די שלעכטע מידה, וואָס ברענגט דעם מענטשן צו זינד...

ווען דו וועסט געראַטעוועט ווערן פון כעס וועט אין דיר אויפגיין די מידה פון ענוות, דאָס בעסטע פון אַלע גוטע זאַכן. ווייל

דער שכר פון עניוות איז יראת שמים. יראה איז אזוי אַרום די פּרוכט פון עניוות. ווייל עניוות מוז דיך ניימן צו נעמען זיך צום הארצן און געדענקען פון וואַנען דו קומסט און וואוהין דו גייסט. עניוות דערמאָנט דיך אַז אין לעבן ביסטו בלויז אַ וואָרעם און נאָך מער אזוי נאָכן טויט. עניוות וואָרנט דיך אַז דער וואָס פאַר אים וועסטו געריופן ווערן אָפּצוגעבן דין וחשבון איז דער מלך הכבוד...

און איצט מיין זון! פאַרשטייו קלאָר אַז ווער עס האַלט זיך גרויס אין הארצן קעגן אַנדערע מענטשן איז מורד במלכות שמים. אַזאַ איינער קליידט זיך אָן אין די קליידער פון גאָט, ווייל נאָר גאָט קאָן טראָגן די קליידער פון אַלמעכטיקייט ווי ס'שטייט געשריבן: „גאָט וואָס זיצט אויפן טראָן, טראָגט די מלכותדיקע קליידער". און מיט וואָס קאָן זיך דאָס גרייסן דעם מענטשנס הארץ? זאָל עס זיין מחמת עשירות? גאָט מאַכט דאָך אָרעם און רייך. איז עס מחמת כבוד. אָבער כבוד און עשירות קומען דאָך פון גאָט. און ווי אַזוי קאָן זיך אַ מענטש גרויסהאַלטן מחמת כבוד וואָס קומט פון דעם באַשעפער? האַלט ער זיך גרויס מחמת זיין חכמה. „גאָט נעמט צו דאָס לשון ביי חשובים און דעם שכל פון פירער". בקיצור אַלע זיינען גלייך פאַרן רבונו של עולם, ווייל אין זיין צאָרן דערנידעריקט ער די דערהויבענע און מיט זיין רצון דערהייבט ער די דערנידעריקטע. דעריבער זאָלסטו זיך ניט דערנידעריקן און זאָל דער אייבערשטער דיך דערהייבן.

על כן וועל איך דיר דערקלערן ווי אַזוי דו זאָלסט זיך אין דיין טאָג-טעגלעך לעבן צוגעוויינען צו דער מידה פון עניוות. רעד שטיל און גיי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זאָלן דיינע אויגן זיין געווענדט צו דער ערד און דיין הארץ צום הימל. ווענד אָפּ דיין בליק פון דעם מענטשן וואָס דו רעדסט צו אים. יעדער מענטש זאָל אין דיינע אויגן זיין וויכטיקער פון דיר. אויב ער איז רייך אָדער קלוג איז דיין חוב אים אָפּצוגעבן דרך ארץ. אויב ער איז אָרעם און דו ביסט רייכער אָדער דו ביסט קליגער פון אים, זאָלסטו זיך איבערלייגן אין דיין הארץ אַז דו ביסט דער חייב און ער איז אומשולדיקער פון דיר. אויב ער זינדיקט איז מחמת פאַרזען, אויב דו זינדיקסט איז עס געטאָן אויסגערעכנטערהייט.

און פון אַלץ וואָס דו טוסט זאָל זיך דיר תמיד אויסדאַכטן ווי דו וואָלסט געשטאַנען פאַר גאָט און די שכינה וואָלט גערוען אויף דיר, ווייל זיין [גאָטס] כבוד פילט אָן די וועלט. זאָלסט רעדן מיט אימה און מיט פאַרכט אַזוי ווי אַ קנעכט רעדט צו זיין באַלעבאָס. זאָלסט זיך צוריקהאַלטן פאַר יעדן מענטשן, און אויב מען ווענדט זיך צו דיר זאָלסטו ניט ענטפערן בקול רם, נאָר מיט אַ רואיק קול און שטיל, אַזוי ווי מען רעדט צו אַ חשובערן.

לערן תמיד די תורה כדי זאָלסט זי קאָנען דערפילן. ווען דו וועסט אויפשטיין פון ספר זאָלסטו שטאַרק נאָכקלערן וועגן דעם וואָס דו האָסט געלערנט, טאָמער איז אין דעם געלערנטן עפּעס דאָ וואָס דו קאָנסט מקיים זיין. טראַכט וועגן דיינע מעשים יעדן פרי־מאָרגן און יעדן אָוונט. און אַזוי אַרום וועלן דיינע טעג דורכגיין אין תשובה.

ווען דו בעטסט צו גאָט, טו אָפּ פון דיין האַרצן אַלע מענטשלעכע עסקים. גרייט צו דיין האַרץ פאַר גאָט, רייניק דיינע געדאַנקען און קלער נאָך איידער דו זאָגסט אַרום די תפילות. פיר זיך אַזוי אַלע דיינע טעג אין אַלע מעשים און דו וועסט ניט זינדיקן. אַזוי אַרום וועלן אַלע דיינע מעשים זיין גערעכטע און די תפילות ריינע, קלאָרע און וועלן אָנגענומען ווערן פונעם רבונו של עולם ווי סע שטייט געשריבן: „גאָט פעסטיקט דאָס האַרץ, ווען דו נייגסט צו דאָס אויער".

לייען דעם בריוו איינמאָל אַ וואָך און זע, אַז דו זאָלסט פּינקט־לעך דערפילן די געבאָטן און מיט זייער הילף גיין נאָך גאָט, כדי דו זאָלסט מצליח זיין אין אַלע דיינע וועגן און זאָלסט זוכה זיין צום גוטן, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר די צדיקים.

18

אַ באַריכט פון דער אינקוויזיציע אין שיליאָן, שווייצאַריע

וועגן דער אויספאָרשונג פון צען יידן, וואָס זיינען אין 1348 באַשולדיקט געוואָרן ווי ברונעם־פאַרסמער

דער דאָקומענט איז אַ טייל פון אַ פאַרהער פון 10 יידן אין שיליאָן, ביי דער גענפער אָזערע. דער פאַרהער איז פאָרגעקומען אין סעפטעמבער און אָקטאָבער 1348 און איז געווען אַן אָנהייב פון א שוידערלעכער אויסראָטונג־העצע קעגן די יידן אין דער שווייץ. דער משפט האָט אויך משפיע געווען אויף א סך שטעט אין דייטשלאַנד נאָכצוטאָן דער שווייץ און אויסראָטן די „ברונעם־פאַרסמער", ווי די יידן זיינען דאַמאָלס גערופן געוואָרן. דער דאָקומענט איז פונעם שטאַטהאַלטער פון שיליאָן געשיקט געוואָרן צו די שטאָט־אויטאָריטעטן פון שטראַסבורג, וואָס האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף די געשעענישן אין שיליאָן. די אויספאָרשונג האָט געדינט ווי אַ ביישפיל פאַר שטראַסבורג גלייך נאָכצוטאָן שיליאָן. דער קעניג קאַרל IV, וואָס האָט געליטן א היזק ווען מ'האָט אומגעבראַכט „זיינע" קאַמערקנעכט, די יידן, וואָס האָבן באַרייכערט די קיניגלעכע קאַסע, האָט פונדעסטוועגן באַפרייט די שטאָט שטראַסבורג פון דער שולד. די שולד איז באַשטאַנען נאָר אינעם היזק צו דער קיניגלעכער קאַסע, אָבער ניט אינעם אומברענגען די יידן.

דער שוואַרצער טויט

א. דאָס איז די ווידוי פון די יידן, וואָס מען האָט אריינגעזעצט אין תפיסה אין דער ניי־שטאָט פון שיליאָן דעם 15טן סעפטעמבער

אין דעם יאָר פון קריסטוס 1348. זיי זיינען באַשולדיקט גע־וואָרן אין פאַרגיפטן ברונעמער, קוואַלן און אַנדערע ערטער, ווי אויך עסנוואַרג און אַנדערע זאַכן און אין ווילן אויסראָטן און טייטן אַלע קריסטן.

צוערשט—באַלאַווינוס דער ייִד, אַ דאָקטער, אַ תושב פון טאָנאָן, כאָטש מען האָט אים איינגעזעצט אין שיליאָן בעת ער האָט זיך געפונען אין קאַסטעליאָן. מע האָט אים גענומען אַביסל אויפן פאַל־טער [צי־באַנק] און נאָכדעם ווי מען האָט אים אַראָפּגענומען האָט ער באריכות זיך מודה געווען, אַז ס'איז שוין אַ צען וואָכן ווי מייסטער [רבי] יעקב, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין שאַמברי און איז דאָרט אַהין געקומען נאָך אַרום פסח, האָט אים מיט אַ יידיש יינגל צוגעשיקט סם פון אַן אויג פון אַ מומיע אין אַ דין לעדערן זעקעלע און אויך אַ בריוו. אין בריוו האָט ער אים באַפוילן, אַז ער זאָל פאָלגן זייערע [יידישע] געזעצן און אונטער דער שטראָף פון חרם זאָל ער אריינלייגן דעם סם אין די גרעסערע און אין די קלע־נערע ברונעמער פון זיין שטאָט. און דאָס זאָל ער באַנוצן צו פאַרסמען אַלע די, וואָס טרינקען דאָס וואַסער פון די דאָזיקע ברונעמער. כדי ער זאָל דעם סם קיינעם ניט אָנפאַרטרויען, האָט מען אים געשראָקן מיט דער פריער דערמאָנטער שטראָף. אין דעם בריוו איז אויך געווען, אַז ער זאָל דאָס געבאָט, אויף דער באַשטימונג פון זייערע געלערנטע אָדער רבנים, אויך איבערגעבן אין אַנדערע ערטער. ער האָט זיך מודה געווען, אַז די מאָס פּולווער אָדער סם איז אין איין ברונעם פון דער לעפצונג ביי טאָנאָן אַוועקגעלייגט געוואָרן אונטער אַ שטיין. ער האָט זיך אויך מודה געווען, אַז דאָס דערמאָנטע יינגל האָט נאָך געהאַט בריוו וועגן דיזעלבע ענינים פאַר אַנדערע יידן. עטלעכע זיינען ספּעציעל געשיקט געוואָרן צו מאַסאיעט באַנדיטום און סאַמו־לעט פון ניי־שטאָט און עטלעכע אַנדערע בריוו צו מוסעט אַבראַמוס און אַקוועטוס פון מאַנטרעאַנץ — יידן פון טורעם אין וויוועי. עטלעכע אַנדערע זיינען געשיקט געוואָרן צו וויוויאַנוס יאַקאָבוס, אַקוועטוס און סאַנעטוס — יידן פון אַקוואַני. אויך עטלעכע בריוו צו אבראַם און מוסעט — יידן פון מאַנשעאָלי און נאָך פיל אַנדערע בריוו האָט

דאָס יינגל געטראָגן אין פאַרשיידענע ערטער, ווי ער [באַלאַווינוס] דערציילט, נאָר ער האָט ניט געוואוסט צו וועמען זיי זיינען געשיקט געוואָרן.

ער האָט זיך מודה געווען, אַז ווען ער האָט אריינגעלייגט דעם סם אין דעם ברונעם פון טאָנאָן, האָט ער זיין ווייב און קינדער אויסדריקלעך פאַרבאָטן צו געברויכן דאָס וואַסער פון דעם ברונעם, נאָר די סיבה דערפאַר האָט ער זיי ניט געזאָגט. דאָס פריער געזאָגטע האָט ער ביי זיין געזונט און ביי אַלע פינף ביכער פון משהן [תורת משה] צוגעגעבן, אַז אַלץ איז אמת. ביי זיין ווידוי זיינען ביי געווען אַ צאָל באַגלייבטע מענטשן.

דאָס גלייכן האָט דער דאָזיקער באַלאַווינוס צומאָרגנס אין בייזיין פון באַגלייבטע עדות פרייוויליק און ניט ליידנדיק קיין יסורים איבערגעחזרט וואָרט אין וואָרט די אויבנגעבראַכטע ווידוי און האָט נאָך פון פרייען ווילן צוגעגעבן, אַז ווען ער איז איינמאָל געגאַנגען פון טור לעבן וויוועי, האָט אים אקוועטוס פון מאַנטרעאַניץ געגעבן אַ שמאַטע מיט גיפט, וואָס ער האָט אריינגעוואָרפן אין ברונעם דע לאַ קאַנערעיד. דאָס סם איז געווען די גרייס פון אַ גרויסער נוס. ער האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן דעם יידן מאַנסיאַנוס און דעלאָסעוז, זיין זון, וואָס האָבן געוואוינט אין ניישטאָט, אַז זיי זאָלן ניט טרינקען פון דעם ברונעם. ער האָט אויך די פאַרב פונעם סם באַצייכנט: רויט און שוואַרץ.

דעם 19־טן סעפטעמבער האָט דער דערמאָנטער באַלאַווינוס, ניט געמאַטערטערהייט, זיך מודה געווען, אַז מוסוס פון ניישטאָט האָט אים געזאָגט דריי וואָכן נאָך שבועות, אַז ער האָט אריינגעלייגט סם אין דעם באַרלענער ברונעם אין ניישטאָט, אין צאָל־הויז, און אַז ער [באַלאַווינוס] זאָל דערפון מער ניט טרינקען, נאָר פון דער אַזערע. ער גיט אויך צו, אַז דער דערמאָנטער ייד מוסוס האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אויך אין שיליאָן ארונטערגעלייגט סם אונטער אַ שטיין פון דעם באַרנעלער ברונעם אין צאָל־הויז. אין דעם דאָזיקן ברונעם האָט מען נאָכגעזוכט און געפונען דעם דערמאָנטן סם. מ׳האָט פון דעם סם געגעבן אַ יידן צו עסן און ער איז דערפון געשטאָרבן. ער [באַלאַווינוס] זאָגט אויך, אַז זייערע רבנים

האָבן זיי און אַנדערע יידן באַפוילן, אַז זיי זאָלן ניט טרינקען פון די פאַרסממטע ברונעמער אין די קומענדיקע ניין טעג. ער זאָגט, אַז אַזוי שנעל ווי ער האָט אריינגעלייגט דעם גיפט, האָט ער באַלד געלאָזט וויסן וועגן דעם די אַנדערע יידן. ער דערציילט אויך, אַז ער איז מיט צוויי חדשים צוריק געווען אין עוויאַן און גערעדט מיט אַ יידן יעקב וועגן מסחר און יענער האָט אים אויך גע־פרעגט, צי ער האָט נאָך אַנדערע בריוו און סם, און ער [באַלאַ־ווינוס] האָט געענטפערט, אַז יאָ. ער האָט אויך דעמזעלבן [יעקבן] געפרעגט, צי ער וועט אויספאָלגן דעם באַפעל, אויף וואָס ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט עס [דעם סם] ניט אונטערגעלייגט [אונ־טער אַ ברונעם שטיין], נאָר איבערגעגעבן דעם יידן סאַוועטוס און יענער האָט עס אריינגעלייגט אין עוויאַן אין דעם ברונעם דע מאָרער. און ער האָט אים, באַלאַווינוסן, באַפוילן, אַז ער זאָל דורכפירן זיין שליחות ווי מ׳האָט אים געבאָטן. ער [באַלאַווינוס] זאָגט, אַז דער אַקוועטוס פון מאַנטרעאַנץ האָט אים איבערגעגעבן, אַז ער האָט פון דעם סם געלייגט [אַ חלק] אין דעם טורער ברונעם פון וועלכן ער האָט עטלעכע מאָל געהאַט געטרונקען. ער [באַלאַווינוס] גיט אי־בער, אַז סאַמולעט, האָט אים געזאָגט, אַז דעם גיפט, וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער געלייגט אין אַ ברונעם, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אָנרופן ביים נאָמען. דער דאָזיקער באַלאַווינוס זאָגט אויך, אַז אַזוי ווי ער איז אַ רופא ווייס ער, אַז ווען עמיצער ווערט אָנגעשטעקט פון אַזאַ גיפט און אַן אַנדערער רירט אים אָן ווען ער איז קראַנק און ער שוויצט, שטעקט זיך אויך יענער לייכט אָן. מע שטעקט זיך אויך אָן פונעם אָטעם פון אַן אָנגעשטעקטן, און דאָס גלייבט ער איז אמת, ווייל ער האָט דאָס געהערט פון דערפאַרענע דאָקטוירים. און ער איז זיכער, אַז אַנדערע יידן קאָנען זיך ניט אָפּוואָרפן דערפון [פון דער שולד פאַרן פאַרסמען די ברונעמער], ווייל זיי ווייסן, אַז זיי זיינען שולדיק אין די פריער דערמאָנטע באַשולדיקונגען. דעם באַלאַווינוסן האָט מען אין אַ שיפל אַריבער־געפירט איבער דער אָזערע פון שיליאָן קיין קלאַרענס, אַז ער זאָל אָנווייזן דעם ברונעם, וואוהין ס׳איז אריינגעלייגט געוואָרן דער סם, ווי ער האָט זיך מודה געווען. ווי ער איז דאָרטן אַהין געקומען

האָט מען אים געלאָזט אויסשטייגן, און ווי ער האָט דערזען דאָס אָרט וואו דער ברונעם האָט זיך געפונען, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז דער ברונעם אין וועלכן כ'האָב אריינגעלייגט דעם גיפט״. אין דעם דאָזיקן ברונעם האָט מען אין זיין קעגנוואַרט געזוכט און דאָרט געפונען דאָס לייוונטענע טוך אין וועלכן דער סם איז געווען פאַר־וויקלט. עס האָט דאָס צוגעזען דער עפנטלעכער נאָטאַריוס הײנריך גערהאַרדען און אַ גרויסער עולם. מען האָט דאָס טוך געוויזן דעם דערמאָנטן יידן און ער האָט מסכים געווען, אַז דאָס איז דאָס לייוונטענע טיכל אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער סם און אַז ער איז אריינגעלייגט געוואָרן אין אָפענעם ברונעם און ער איז געווען פון צוויי קאָלירן: שוואַרץ און רויט. דאָס לייוונטענע טיכל איז מיטגענומען געוואָרן און ווערט אויפגעהיט. דער באַלאָווינוס האָט געלאָזט ווייסן, אַז דאָס פריער דערציילטע איז אַלץ אמת און אַז ער גלייבט, אַז אין דעם סם געפינט זיך עפּעס פון דעם באַזילעוואָוס [אַ סם, געמאַכט פון באַזילי], ווייל דער דערמאָנטער גיפט האָט ניט געקאָנט פאַרפאַרטיקט ווערן אָן דער מיטהילף פון באַזילי, האָט ער געהערט און ער איז אויך דערין זיכער.

דער ייד באַנדיטוס פון ניישטאָט איז דעם 15־טן סעפּטעמבער אויך גענומען געוואָרן אַביסל אויפן פאָלטער און דערנאָך אראָפּ־גענומען געוואָרן. נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת האָט ער זיך מודה געווען, אַז דער ייד מוסוס פון טור ביי וויוועי האָט אים געגעבן אַ מאָס גיפט די גרייס אָן ערך פון אַ גרויסער נוס. און אַז ער האָט דאָס אריינגעלייגט אינעם ברונעם אין קאַרוטעט, כדי צו פאַר־גיפטן די דאָרטיקע איינוואוינער.

צומאַרגנס האָט דער דאָזיקער באַנדיטוס, ניט געפּייניקטער־הייט פרייוויליק דערקלערט, אַז זיין פריערדיקע ווידוי איז אַן אמתע, און ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ר' יעקב פון פאַשע, וואָס איז געקומען פון טאָלעדאָ און זיך באַזעצט אין שאַמברי, האָט אים געשיקט דעם גיפט, וואָס איז געווען די גרייס פון אַ גרויסער נוס. ער [ר' יעקב] האָט אים דאָס צוגעשיקט דורך אַ יידישן קנעכט [דינער] קיין פיליע, און אַ בריוו, וואו ס'איז געשטאַנען, אַז ער זאָל אונטער דער מורא פון חרם לייגן דעם סם אין די

ברונעמער. דעם גיפט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ לעדערן זעקל, האָט ער אַריינגעלייגט אין דעם ברונעם פון סערקלעטי דע ראָש. ער גיט אויך צו, אַז ער האָט געזען אַנדערע בריוו, וואָס דער דער־מאָנטער קנעכט האָט געהאַט און וואָס זיי זיינען געווען פאַר [אַנדערע] יידן. ער האָט אויך געזען, אַז דער דערמאָנטער קנעכט האָט צוגעשטעלט אַ בריוו דעם יידן סאַמולעטוס פון ניישטאָט, מחוץ דעם אייבערשטן טויער. ער זאָגט אויך, אַז דער ייד סאַמו־לעטוס האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אַריינגעלייגט סם ביי דער בריק אין וויעווי אאַז"וו.

דער דערמאָנטער ייד מאַמסאָן פון ניישטאָט איז דעם 15־טן פונעם דערמאָנטן חודש אויך געבראַכט געוואָרן אויפן פאַלטער, אָבער ער האָט זיך אין גאָרניט מודה געווען. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויים אינגאַנצן ניט דערפון. אָבער צומאָרגנס האָט ער פרייוויליק און ניט געמאַטערטערהייט זיך מודה געווען, אַז אין איינעם אַ טאָג פון דער פאַרגאַנגענער שבועות וואָך איז ער גע־גאַנגען מיט נאָך אַ יידן, מיטן נאָמען פּראָווענצאַל פון מאַנשעלאַ און בשעתן גיין האָט דער דערמאָנטער פּראָווענצאַל צו אים געזאָגט: „דו וועסט מוזן אַריינלייגן דעם גיפט, וואָס איך וועל דיר געבן, אין דעם ברונעם פון שאַבלאַי קריעז צווישן וויאַנא און כ'האָב מורא, אַז אויב ניט, וועט זיין ווי צו דיר". ער, דער מאַמסאָן, האָט גענומען אַ מאָס גיפט, וואָס איז געווען די גרייס פון אַ נוס און עס אַריינגעלייגט אינעם ברונעם און ער גלייבט, אַז וועגן דעם גיפט־ענין האָבן די יידן פון דער סביבה פון וועיאַן צוזאַמענגערופן אַ וועד ערב שבועות. ער דערציילט ווייטער, אַז דער דערמאָנטער באַלאַווינוס האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט אַריינגעלייגט סם אינעם ברונעם דע לאַ קאַנערי הינטער מיטרועז. ער זאָגט אויך, אַז קיינער פון די יידן קאָן ניט זאָגן, אַז ער איז ניט שולדיק, ווייל אַלע האָבן געוואוסט און זיינען שולדיק פּונקט ווי ער.

דער דאָזיקער מאַמסאָן איז דעם דריטן אָקטאָבער געבראַכט געוואָרן פאַר די קאָמיסאַרן און ער האָט גאָרניט געענדערט פון זיין ווידוי און ניט געזאָגט, אַז ער האָט דעם גיפט אין די אויסגע־רעכנטע ברונעמער ניט אַריינגעלייגט.

דאָס אַלץ האָבן די דערמאָנטע יידן פאַר זייער טויט ביי זייער געזעץ [תורה] צוגעגעבן [געשוואָרן], אַז ס׳איז אמת אַלץ און אַז אַלע יידן, פון זיבן יאָר אָן, דאַרף מען ניט פאַרגעבן דאָס, ווייל זיי האָבן אַלע וועגן דעם געוואוסט און זיינען דערין שולדיק.

[די אַנדערע זיבן פאַרהערן זיינען אידענטיש מיט די גע־בראַכטע, אחוץ די נעמען. ווייטער ווערט געבראַכט דער סוף פון די פאַרהערן].

ס׳זיינען אָבער נאָך דאָ פיל אַנדערע באַשולדיקונגען און באַווייזן קעגן די דערמאָנטע און אויך קעגן אַנדערע יידן און קריסטן פון אַנדערע ערטער, וואָס געפינען זיך אין דער גראַפשאַפט סאַוואָיען, וואָס זיינען שוין באַשטראָפט געוואָרן פאַר זייער גרויסן פאַרברעכן, נאָר איך האָב דאָס [די מאַטעריאַלן] ניט געהאַט צו דער האַנט און ניט געקענט מיטשיקן. און איר זאָלט וויסן אַז אַלע יידן וואָס האָבן געוואוינט אין ניישטאַט זיינען פאַרמשפט געוואָרן און פאַר־ברענט געוואָרן. אין אויגוסט איז אויך אָפּגעצויגן געוואָרן די הויט [פון די יידן] פאַרן פאַרגיפטן די קריסטן. ס׳זיינען אויך אין פיל אַנדערע ערטער געכאַפּט געוואָרן אַ סך קריסטן איבער דעם זאַך [סם]. באַזונדער אין עוויאַן, געבין, קרוסיליען און האכסטעט זיי־נען געכאַפּט געוואָרן קריסטן, וואָס האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן דעם סם, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון די יידן געלייגט [אין ברונעמער]. דידאָזיקע קריסטן זיינען געוואָרן צעפערטלט, עטלעכע זיינען אָפּגעשונדן געוואָרן און אויפגעהאַנגען געוואָרן. געוויסע קאָמיסאַריעס איז פאַראָרדנט געוואָרן זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן פון וועלכע איך גלייב, אַז ס׳איז קיינער ניט איבערגעבליבן.

אַ בריוו פון דער שטאָט קעלן צו דער שטאָט שטראַסבורג פון יאָר 1349

די פירער פון די שטעט שטראַסבורג און קעלן האָבן געזוכט צו באַשיצן די יידן פון זייערע שטעט קעגן די ווילדע בלבולים, אַז זיי פאַרסמען ברונעמער און זיינען במילא שולדיק אין דער מגיפה. די שטאָט־טאַטעס פון שטראַסבורג האָבן זיך אפילו געשטעלט קעגן דעם בישאָף זייערן בערטאלד, וואָס האָט פאַרטיידיקט די פאַרטיליקונג פון די יידן. די קעלנער שטאָטישע אויטאָריטעטן האָבן זיך געקלאַמערט אָן שטראַסבורג און געהאָפט צוזאַמען צו קאָנען ביישטיין די כוואַליע פון האַס און מאָרד, וואָס האָט אָפּגעווישט איין קהילה נאָך דער אַנדערער. די „באַוויזן" פון יידישער „שולד", ספּעציעל די „ווידוים" פון די געפּייניקטע יידן אין שילאָן האָט דעם המון צוגעגעבן מוט נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל. דער שטראַסבורגער בירגערמייסטער ווינטערטור מיט זיינע קאָלעגן זיינען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון זייער אַמט און זייערע נאָכפאָלגער האָבן נאָכגעגעבן דעם המון און געלאָזט אומברענגען די שטראַסבורגער יידן (אַ חודש נאָך דעם ווי דער וויטערדיקער בריוו איז געשריבן געוואָרן — שבת, דעם 14־טן פעברואַר 1349). קעלן האָט באַלד נאָכגעטאָן שטראַסבורג.

ב. צו די אפּוטרופּסים אאַז"ו, אאַז"ו פון שטראַסבורג ווענדן זיך מיר, די ריכטער פון קעלן. ליבע פריינד, די מגפה, וואָס האָט זיך ליידער פאַרשפּרייט איבעראַל און הערשט שטאַרק אין אַ סך ערטער האָט געפירט צו אַ גערייד וועגן די יידן, וואָס איז דערגאַנגען, אַזוי ביי אונדז ווי ביי אייך, צו דער השערה, אַז די מגפה זאָל קומען פון ברונעמער, וואָס די יידן האָבן פאַרסמט. דעריבער זיינען, ווי מיר ווערן געוואָר, אין עטלעכע שטעט און אין געוויסע געגנטן די יידן אָנגעקלאָגט געוואָרן. כדי זיך צו דערוויסן צי די נייעס און די קלאָגעס קעגן די יידן האָבן אַ גרונט אָדער ניט, האָבן

מיר געשריבן צו אייך ווי צו נאָך אַנדערע שטעט וועגן דעם, אָבער ניט דערהאַלטן קיין גענויעם ענטפער. ווי איר האָט אונדז אויך אַנומלט געהאַט מודיע געווען האָט איר נאָך ניט געהאַט דערגאַנגען דעם אמת. אויב מען זאָל דערלאָזן, אַז מע זאָל אויך אין די גרויסע שטעט די יידן פאַרפאַלגן און אומברענגען (וואָס מיר וועלן ניט דערלאָזן אין אונדזער שטאָט, ווי לאַנג מיר וועלן נאָר זיין בכוח און ווי לאַנג מיר וועלן זיין זיכער, אַז די יידן זיינען אומשולדיק אין דער מיאוסער טאַט), וועט דאָס ברענגען מיט זיך גרויסע ליידן און אַ סך שלעכטע פאָלגן. און ווען מיר זאָלן ארויסזאָגן אונדזער מיינונג וועגן דער מגפה, האַלטן מיר דידאָזיקע [די מגפה] פאַר ניט עפּעס אַנדערש ווי פאַר אַ בייטש פון גאָט. דעריבער וועלן מיר ניט דערלאָזן, אַז איבער דעם מיאוסן גערייד זאָלן די יידן פאַרפאָלגט ווערן אין אונדזער שטאָט. מיר וועלן זיי באַשירעמען און באַשיצן ווי דאָס האָבן ערלעך געטאָן די פאַר אונדז. מיר בעטן אייך, אַז איר זאָלט האַנדלען, ווי איר זייט געוואוינט ביי אַלע אַנדערע געלעגנהייטן, מיט זאָרגפעליקייט און פריינדלעכקייט, קלוג און אָפּגעהיטן, מיט רעכט און באַשייד אויך בנוגע די יידן. איר זאָלט זען אַז דער פאָלק־אויפברויז, וואָס קאָן פירן צו אַן אַלגעמיינער שחיטה אויף די יידן און אויך צו אַנדערע שלעכטע מעשים, זאָל אויפן בעסטן אופן פאַרהיט ווערן. די געמיטער פון פאָלק זאָלן ניט אָנגעצונדן ווערן קעגן די יידן. און אַזוי אַרום וועט דער צאָרן פון די נידער־ריינישע שטעט דערגיין צו אונדז אין אַ ברכה. און איר זאָלט אין אייער שטאָט, ביז איר וועט ניט דערגיין דעם אמת, באַשיצן און באַשירעמען די יידן אַזוי געטריי ווי דאָס האָבן געטאָן די פאַר אייך. ווארעם טאָמער וועט ביי אייך קומען צו אַן אָנפאַל אויף זיי, וועט דאָס אויך ווירקן אויף אַנדערע שטעט. דעריבער וועט זיין גוט, ווען מיר און איר און אַנדערע גרויסע שטעט, וועלן האַנדלען אָפּגעהיט אין דער זאַך. אויב איר האָט וואָסערע ניט איז זיכערע ידיעות פון מלכים אָדער פירשטן, זאָלט איר עס אונדז גלייך איבערשיקן דורך דעם שליח [מיט וועלכן דער בריוו איז געשיקט געוואָרן].

געגעבן דעם 12־טן יאַנואַר, 1349.

19

גזירה ממדינת עסטרייך

1421—1420

די „גזירה ממדינת עסטרייך", אָדער די „ווינער גזירה", איז אַ היסטאָרישע כראָניק פון דער צייט פונעם גרויסן אומגליק און גירוש, וואָס האָט געטראָפן די עסטרייכישע יידן בכלל און די ווינער יידן בפרט אין די יאָרן 1420־1421. דער דעמאָלסטיקער אכזריותדיקער „עסטרייכישער" הער־שער, דער הערצאָג אלבערט דער פינפטער, האָט אָפּגע־ווישט דעם גאַנצן יידישן ישוב — זיבעצן קהילות — אין עסטרייך. דער מחבר פון דער כראָניק איז אונדז ניט באַקאַנט. די מערסטע היסטאָריקער נעמען אָן, אַז דער כראָניקער איז אוודאי געווען איינער פון די פּליטים פון עסטרייך, וואָס האָט אליין איבערגעלעבט יענע מאַוימדיקע געשעענישן און שפּעטער אין אַן אַנדער לאַנד, מסתמא אונגאַרן, אויפגעשריבן זיין ווײ־געשריי.

ס'איז געווען א דוכס אין עסטרייך, וואָס איז געווען אַ מושל אין גאַנץ עסטרייך. האָט זיך איינמאָל געטראָפן אַ צייט, ווען דער דוכס האָט געוואָלט אין מלחמה ציען. אזוי האָט ער געוואָרפן אויף די יידן וואָס זיינען געווען אונטער זיין ממשלה בלויז עלילות און בלבולים, וואָס זיינען געווען פאַלש און שקר. און ער האָט גאָר פיל קהילות אונטער זיך געהאַט. ער האָט געבאָטן אַלע קהילות, וואו ער האָט געהאַט צו געוועלטיקן, צו היטן די יידן, אַז זיי זאָלן ניט אַנטלויפן. ער האָט געשוואָרן אַז אויב ער וועט דאָס מאָל ניט באַגליקן אין דער מלחמה וועט ער זיך נוקם זיין אָן די יידן און ער וועט זיך אויך נוקם זיין פאַר ישו. ער האָט אויף די יידן געמאַכט

א בלבול אַז זיי זאָלן האָבן געשיקט כלי־זיין וואָס ער דאַרף אין דער מלחמה, צו זיינע שונאים.

ער האָט באַפוילן אַלע זיינע קנעכט און האַרן אין זיין גאַנצער מדינה אַז מען זאָל אַלע יידישע אָרעמעליט פאַרטרייבן פון זיין לאַנד און די עשירים זאָל מען לאָזן זיצן. באַלד ווי דער דוכס איז אַוועק אין מלחמה זיינען געגאַנגען דעם רשעס קנעכט, די רשעים, און האָבן ביי זיי [ביי די יידן] אַוועקגענומען דאָס גאַנצע געלט, וואָס זיי האָבן געהאַט און די רשעים האָבן געלאָזט אויסרופן אינעם גאַנצן לאַנד: יעדער גוי, וואָס האָט אַ משכון ביי יידן, זאָל ער עס אויסלייזן און דאָס געלט זאָל געהערן דעם דוכס. דורך דעם האָבן זיי די יידן גרויסע צרות אָנגעטאָן. זיי האָבן געוואָלט, אַז זיי [יידן] זאָלן ווייזן זייערע אוצרות ווייל עס זיינען געווען גרויסע עשירים אין דער מדינה.

ווען ס'איז געווען ניין טאָג אין תמוז, ס'איז פונקט געווען שבת, איז געקומען דער רשע, דער מאַרשאַלעק פון דוכס, און האָט געוואָלט אַרויסטרייבן אַלע אָרעמעלייט. ס'איז שווער צוגעגאַנגען ביז מען האָט זיך געקאָנט משתדל זיין אַז מען זאָל זיי ניט אין שבת אַרויסשיקן נייערט זונטיק פרי. און ווען ס'איז געקומען זונטיק פרי האָט מען זיי פאַרטריבן מיט געוואַלט. און די יידן, וואָס מ'האָט פאַרטריבן, האָבן געמוזט שווערן און מקבל זיין אויף זיך בחרם הגדול אַז זיי וועלן ניט אין זייער לעבנסטאָג צוריקקומען קיין עסטרייך וואוינען. און דער רשע האָט צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. און ער האָט זיי געטריבן צו דעם טויער, וואו מען גייט צום טייך דאַנוי. און דאָרט זיינען געווען עטלעכע קליינע שיפן. מען האָט זיי געהייסן זיך זעצן אין זיי. דער רשע האָט ניט געוואָרט ביז זיי זיינען כסדר אַריינגעשטיגן אין די שיפלעך נייערט האָט זיי געהייסן איבעראַנאַנדער אַריינוואַרפן.

ער האָט פון זיי אַלץ אַוועקגענומען, אפילו דאָס ברויט וואָס זיי האָבן ביי זיך געהאַט. ווי זיי זיינען געבליבן אָן ברויט האָבן די קליינע קינדער, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך, געשריגן אַ ביטער געוויין נאָך ברויט. איז געווען איינער פון די רשעים וואָס האָט זיך מרחם געווען אויף די קינדער און זיי דאָס ברויט ווידער

ארייננעוואָרפן אין די שיפן... די רשעים האָבן די שיפן פון דאָרטן אָפגעשטויסן און אַזוי זיינען זיי אָן אַ פירער און אָן אַ רודער אָפגעפאָרן אויף דעם דאָנוי. און ווי זיי זיינען אַזוי געפאָרן האָבן די אנשים צדיקים ונשים וחסידות, חתנים וכלות אָנגעהויבן צו זינגען שירה און השי״ת האָט זיי געהאָלפן און [זיי] געפירט אין מדינה הגר אָדער אונגאַרן.

דער מארשאלעק האָט אַ שר צבא נאָכגעשיקט, כדי צו זען וואו זיי וועלן אַהינקומען אויפן וואַסער. און ווי די יידן זיינען צוגע־קומען צום לאַנד זיינען זיי ארויסגעשטיגן. דאָ האָבן זיי דערזען דעם שר צבא נאָכיאָגן. זיי האָבן זיך נעבעך זייער דערשראָקן. פאַר גרויס שרעק איז זיי שיר די נשמה ניט אַרויס. זיי האָבן געמיינט, אַז ער קומט אויף זיי, ער וויל זיי אַלע דערשלאָגן.

און ווי ער איז צוגעקומען צו זיי, האָט ער צו זיי אָנגעהויבן [צו רעדן]: „איך האָב אייך דעריבער נאָכגעיאָגט אַז איר זאָלט זיך אַלע שמדן. אַזוי וועל איך אייך ווידער אין אונדזער לאַנד נעמען און איר וועט ווערן גאַנצע הערן און איר וועט ווערן געערט אין גאַנצן לאַנד; און איר וועט האָבן געלט און גוטס גענוג און איר וועט מער קיין זאָרג און קיין צער ניט האָבן".

באַלד האָבן די יידן אָנגעהויבן צו שרייען: ה׳ אלהינו ה׳ אחד! דאָס איז טייטש גאָט איז איין־און־איינציקער. אַז די רשעים האָבן געהערט, אַז זיי ווילן זיך ניט שמדן, האָבן זיי געממיתט יידן אַ גאַנצן טאָג...

נאָך דעם האָט דער דוכס פון לאַגער אַ בריוו געשריבן און געבאָטן, אַז מען זאָל אויסרופן אין גאַנצן לאַנד אַז קיין גוי זאָל ניט רעדן מיט קיין יידן, גרויס אָדער קליין. נאָך איז דער דוכס אַוועק קיין נייבורג, צוויי מייל פון ווין, און האָט דאָרטן די אָרעמע־לייט פאַרטריבן און די גבירים האָט ער געלאָזט בלייבן... דער־נאָך האָט ער אין קרעמז ארום דריי הונדערט נפשות אַרויסגע־טריבן. אַ העלפט איז אַוועק מיטן דאָנוי און די אַנדערע העלפט איז אַוועק קיין מערן זיך באַזעצן...

אַזוי האָבן געהייסן די קהילות און ישובים אין עסטרייך, וואָס מען האָט פארטריבן: ווין, קרעמז, קלויסטערנייבורג הערצאָגבורג,

ליפוט, לינץ, איבס, שטייער, ענס, וועלס, לאא, מערטערסדאָרף, היינ־בורג, ציסטערסדאָרף, מארמעג, וויטים און ווינקעל.

דער דוכס האָט זיך געמוזט צוריקציען פון דער מלחמה מיט גרויס חרפה... האָט דער דוכס געבאָטן אַז מ׳זאָל אין דער קהילה ווין אַריינזעצן אין תפיסה אַלע פרנסים און מנהיגים און האָט באַפוילן, אַז מען זאָל זיי אָנטאָן יסורים... און ער האָט איינגעזעצט אין תפיסה דריי הונדערט יינגלעך און דריי הונדערט מיידלעך פון דער מדינה, און מען האָט זיי געבראַכט אין דער שטאָט ווין און מען האָט זיי איינגעזעצט אין דער שול. מ׳האָט זיי ניט געגעבן עפּעס אַנדערש צו עסן ווי טריפות. און זיי האָבן באַגערט פון די קינדער אַז זיי זאָלן זיך שמדן. דאָ האָבן די קינדער אָפּגעענטפערט: „חס ושלום! מיר זאָלן אויסבייטן עפּעס גוטס אויף עפּעס בייזס". זיי האָבן די קינדער ניט געקאָנט איבעררעדן. האָט דער דוכס געלאָזט אויסרופן אין זיין מדינה אַז ווער עס וויל קויפן יידישע קינדער, זאָל קומען קיין ווין. זיינען פיל סוחרים געקומען און האָבן געוואָלט קויפן.

און ווי די קינדער זיינען געוואָר געוואָרן אַז מען וויל זיי פאַר־קויפן און מען וועט זיי מיט דער עבודה זרה מטמא זיין, האָבן זיי די שול פאַרשלאָסן. די רשעים האָבן זיי ניט געקאָנט בייקומען ביז זיי האָבן די טיר צעבראָכן. און ווי די רשעים זיינען אַריינ־געקומען אין דער שול זיינען די קינדער איבער זיי געפאַלן און די רשעים געשלאָגן און פאַרוואונדעט. אָבער די רשעים האָבן זיי מיט געוואַלט גענומען און האָבן זיי באַצוואונגען.

און וועגן די מעשים האָט מען זיך דערוואוסט אין איטאליע און אין אַנדערע מדינות. זיינען די געלערנטע ספרדים געגאַנגען צום פּויפּסט און האָבן אים געבעטן אַז ער זאָל שרייבן דעם מלך פון אונגאַרן וואָס איז געווען דעם דוכס׳ שוועער. און [זיי האָבן געבעטן] דעם דוכס׳ שוועסטערן זון, אַ בישאָף, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין, אַז מען זאָל די קינדער ווידער אַרויסגעבן. אָבער מען האָט ביי אים [ביים דוכס] גאָרניט געקאָנט אויספירן. און פיל וויכטיקע לייט האָבן זיך דאָס מאָל געשמדט פון וועגן זייערע קינדער. זיי האָבן אַזאַ גרויסן צער פון זייערע קינדער צוגעזען, מען האָט זיי

אַזעלכע צרות אָנגעטאָן. די קינדער האָבן געוויינט און געשריגן און די רשעים האָבן געזאָגט: „דאָס זיינען ניט מער אייערע קינ־דער". דאָ זיינען די עלטערן פון וועגן צער פון די קינדער נאָכגע־גאַנגען [זיך געשמדט]. אָבער זיי זיינען חס ושלום ניט געבליבן ביי זיי, נאָר זיי זיינען צוריקגעקומען צום יידישן גלויבן מיט זייערע קינדער.

עס זיינען נאָך געווען אין דער ווינער תּפיסה נײַנציק מענער און הונדערט און צוואַנציק ווייבער. אַזוי ווי ס'איז געקומען נאָענט צו פּסח האָבן די יידן אליין געוואָלט וויסן צוליב וואָס דאַרף מען זיי האַלטן געפאַנגען. זאָל מען מיט זיי טאָן וואָס זיי באַגערן: זיי אַרויסטרייבן אָדער זיי אומברענגען.

צומאָרגנס אין דער פרי איז דער דוכּס געקומען מיט אַלע זיינע הערן און ראַטגעבער און מיט פיל פאָלק און האָט געבאָטן אַז מען זאָל די יידן פון דער תּפיסה אַרויסציען. האָבן די יידן געמיינט אַז מען נעמט זיי דעריבער אַרויס פון תּפיסה ווייל מען וויל זיי פאַרטרייבן. דאָ האָט דער דוכּס תּיכּף געבאָטן מען זאָל ברענגען זעקס און אַכציק וועגענער און די לייט דערויף זעצן. האָט מען זיי מיט די וועגענער אַרויסגעפירט פון שטאָט.

ווען מען האָט זיי אַרויסגעפירט פון שטאָט האָבן זיי אויפגע־הויבן זייערע אויגן און געזען פון ווייטן אַ בראַנד הויז, געמאַכט פון שטרוי און פעך און וואַקס. דער דוכּס האָט געבאָטן דעם אכזר [אַ משומד] ער זאָל זיי לאָזן פון די וועגענער אַרונטערנידערן און דערנאָך זאָל ער פאַר זיי אויסרופן אַז ער איז זיך נוקם פאַר ישו. און ער האָט אויך דערביי געלאָזט אויסרופן, אַז ווער עס וועט ווייטער אַ ייד געבן אַ האַרבעריק, דער זאָל אויך פאַרברענט ווערן. דערנאָך האָט ער די יידן צום בראַנד־הויז געפירט.

און ווי זיי האָבן באַלד געזען, אַז זיי גייען צו דעם טויט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו טאַנצן און צו שפּרינגען און זיינען מיט גרויס שמחה געגאַנגען צום טויט פון וועגן קידוש השם און האָבן זיך געפרייט ווי אַ חתן מיט זיין כּלה אונטער דער חופּה. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן מחילה געבעטן און האָבן צוגערופן איינער דעם אַנדערן: „נעמט אייך גאָט צום האַרצן. און אין אַ שעה

ארום וועלן מיר איינגעבונדן ווערן אין דעם בונד פונעם אייביקן לעבן".

דאָ האָט דער דוכס געלאָזט אויסרופן אַז ווער עס וויל זיך שמדן זאָל בלייבן לעבן און דער דוכס וועט אים מאַכן פאַר אַ גרויסן עושר, ווען ער וועט זיך נאָר בוקן צום צלם. דאָ האָבן די יידן אויסגעשפיגן פאַר דעם דוכס און פאַר דעם גלח. און ווי דער דוכס האָט געזען אַז ער קאָן זיי ניט איבעררעדן, האָט ער געלאָזן דאָס פייער אָנצינדן. און ווי דאָס פייער אונטער זיי האָט אָנגעהויבן ברענען האָבן זיי שטאַרק געהייליקט גאָטס נאָמען און האָבן דעם דוכס געשאָלטן און האָבן גערופן: שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד! זיי האָבן געהייליקט דעם אייניציקן גרויסן און מעכטיקן גאָט און האָבן געזאָגט ווען זיי זיינען פאַרברענט געוואָרן: „געלויבט איז זיין רום און זיין הערשאַפט אויף אייביק".

די גוים האָבן געזוכט אין אַש און האָבן געפונען פיל זילבער און גאָלד פון דעם צירונג וואָס די פרויען האָבן אויף זיך געטראָגן.

ווען די יידן אין אַנדערע מדינות האָבן געהערט ווי מען איז זיך מיט די יידן אין עסטרייך באַגאַנגען, זיינען זיי זייער דער־שראָקן געוואָרן. ס'איז אויף זיי געפאַלן אַ גרויסע אַנגסט און ברעכעניש, בפרט די יידן וואָס האָבן געוואוינט אונטער דעם מלך הגר [פון אונגאַרן], וואָס דער דוכס איז געווען זיין איידעם. דער דוכס האָט באַגערט פון זיין שווער אַז ער זאָל מיט זיינע יידן טאָן אַזוי ווי ער האָט געטאָן און האָט נאָך פיל בייז גערעדט אויף די יידן פאַר דעם מלך הגר, וואָס איז ניט צו באַשרייבן. אַז דער מלך האָט אים ניט געוואָלט הערן, איז ער ווידער אהיים געפאָרן ווייל ער איז פון וועגן דעם געקומען צום מלך.

כדי די יידן שלעכטס צו טאָן האָט ער, ווי נאָר ער איז אהיים געקומען, געשיקט זיין ווייב צו איר פאָטער דעם מלך. דער דוכס האָט געמיינט, אַז ווייל זי איז זיין טאָכטער וועט זי ביי אים עפּעס קאָנען אויספירן. אָבער הש"י האָט עס ניט געוואָלט האָבן און די טאָכטער האָט ניט געקאָנט אויספירן אַז מען זאָל זיי חס ושלום וואָס בייז טאָן, נייערט הש"י האָט זיי נאָך געגעבן חן אין מלכס אויגן.

20

אַ בולע פון פויפּסט מאַרטין V קעגן דעם בלבול, אַז יידן פאַרסמען ברונעמער און ניצן בלוט צו מצות

1422

מארטינוס, בישאָף און קנעכט, גאָטס קנעכט. אַלע קריסטן, וואָס וועלן דעם בריוו זען, הערן אָדער לייענען, שיקן מיר אונדזער גרוס און פויפּסטלעכע ברכה...

...מיר האָבן לעצטנס פאַרנומען קלאַגעס פון יידן אַז טייל פריידיקער פון גאָטס וואָרט און אויך פון דעם בעטלער [פראַנציסקאַנער?] און פון אַנדערע [מאָנאַכן] אָרדנס פריידיקן, אַז די קריסטן איז אויסדריקלעך געבאָטן צו וויכן פון די יידן, זייער געזעמל אויסצומיידן, לגמרי מיט זיי זיך ניט צו שאַפן, ניט צו קאָכן פאַר זיי, ניט צו מאַכן פאַר זיי קיין פייער, ניט אויסצופירן זייערס קיין שליחות און ניט צו זיין ביי זיי אין דינסט אָדער זיך אונטערצושטיין די קינדער זייערע צו זייגן אָדער צו קאָרמענען. די וואָס זאָגן אַזוי דאַרפן באַשטראָפט ווערן מיט דער שווערער שטראָף פון חרם אָדער קירכלעכע שטראָפן, ווייל דורך אַזעלכע הערצעם ווערן געשטאַרקט אין זייער אומגלויבן אפילו יענע יידן, וואָס ווען מען זאָל זיי באַהאַנדלען מילד און מענטשלעך, וואָלטן זיי זיך באַקערט צום קריסטנטום. אַזוי ווי מיר ווילן, אַז ס׳זאָלן ניט זיין קיין שאָדנס, באַליידיקונגען אָדער מחלוקת צווישן יידן און קריסטן, באַפעלן מיר דעריבער אַלע קריסטן, אַז זיי זאָלן די פריער־דערמאָנטע [די יידן] לאָזן זייערע פרייהייטן און זיי ניט באַרויבן פון זייער האָב און גוטס, זיי ניט באַליידיקן און ניט קרענקען מיט קיין וואָרט אָדער מיט מעשים.

אויך האָבן מיר זיך דערקונדיקט, אַז מען מאַכט אויף זיי בלבולים, אַז זיי זאָלן האָבן פֿאַרסמט די ברונעמער און אַז זיי טועַן אַריין אין זייער פּסח ברויט [מצה] מענטשנבלוט. אַזוי אָבער ווי דאָס ווערט די יידן אויפֿגעוואָרפֿן אָן גרונט, פֿאַרבאָטן מיר דעריבער אַלע קריסטן און די פֿריער דערמאָנטע גייסטלעכע און וועלטלעכע פֿריידיקער אויפֿצוהעצן די קריסטן קעגן די יידן. ווער עס וועט האַנדלען קעגן דעם וועט אַרונטערפֿאַלן אונטער דעם חרם פֿון דער הייליקער קירך. מיר פֿאַרבאָטן אויך גאָר באַזונדער אַלע געמיינדעם און בפֿרט די בישאָפֿן פֿון די לענדער און די פֿירער פֿון די דערמאָנטע אָרדנס, צו באַשולדיקן אויף להבא אין דעם אָדער אין עפּעס ענלעכס די יידן, מענער אָדער פֿרויען, וואָס וואוינען אין זייערע בישאָפֿטומען, שטעט אָדער שלעסער און וואו זיי זאָלן ניט וואוינען. מיר ווילן, אַז יעדער גייסטלעכער אָדער פֿריידיקער, פֿון וועלכן שטאַנד אָדער אָרדן ער זאָל ניט זיין, זאָל מער ניט פֿאַרשפּרייטן אין קריסטן-פֿאָלק אַזעלכע בייזוויליקע רייד. מיר ווילן אַז אַ יעדער קריסט זאָל מיט יידן פֿאַרקערן אויף אַ לייטזעליקן אופֿן און ניט אָנטאָן אים, דעם יידן קיין ליידן אָדער שלעכטס און קיין שאָדן צו זיין האָב און גוטס. און וואו עס איז זיי דערלויבט ביי קריסטן צו וואוינען, איז זיי אויך דערלויבט זיך צו העלפֿן קעגנזייטיק, פֿריינדלעך. מיט באַזונדערן גענאָד באַשטימען מיר אויך פֿאַר די יידן, אַז די פּריווילעגיעס, חסדים און פֿרייהייטן, וואָס זיינען זיי אויך לעצטנס געגעבן אָדער צוגעזאָגט געוואָרן, מוזן פֿון יעדן געהאַלטן ווערן און טאָרן ניט געבראָכן ווערן. און זאָלן די מענער און פֿרויען פֿון זיי [יידן] זיי אויסנוצן. אויך ווילן מיר, אַז די, וואָס פֿאָרשן אויס אַפּיקורסות [אינקוויזיטאָרן], זאָלן קעגן די יידן, וואָס וואוינען אונטער גייסטלעכער אָדער וועלטלעכער הערשאַפֿט, ניט אָנווענדן קיין גוואַלד-מיטלען וואָס זיינען קעגן דעם געזעץ, אָדער עפּעס אויף זיי אַרויפֿצווינגען. און זיי [די אינקוויזיטאָרן] זאָלן זיך ניט דערוועגן די יידן צו טשעפּען אָדער צו באַאומרואיקן. ווער עס וועט האַנדלען להיפּוך צו דידאָזיקע געבאָטן, וועט תיכּף אַרונטערפֿאַלן אונטערן חרם. ווען מיר זאָלן גלייבן אפֿילו אַז די יידן וועלן זיך ניט לאָזן באַקערן [צום קריסטנטום], ווילן מיר

זיי דאָך באַשיצן. אזוי ווי ס'איז ניט מעגלעך, אַז אונדזער בולע און אונדזער בריוו זאָל האָבן יעדער איינער, זאָל דעריבער אַן עפנטלעכער שרייבער און נאָטאַר מאַכן אַן אָפּשריפט פון זיי און מיט זיין שטעמפּל באַצייכענען און צעשיקן [די קאָפּיעס] צו די יידן אומעטום, וואו און ווען זיי וועלן זיי דאַרפן. און מיר באַפעלן אַז די אָפּשריפט זאָל האָבן דעם אייגענעם ווערט און די אייגענע וויכטיקייט ווי די אמתע בולע און דער ריכטיקער בריוו.

קיין רוימיש געזעץ קאָן דאָס ניט שטערן אָדער מאַכן ניט גילטיק אָדער אויף וועלכן ניט איז אופן עפּעס קעגן דעם טאָן. אויב עס וועט זיך אָבער ווער געפינען, וואָס וועט זיך דאָס דערוועגן צו טאָן, זאָל ער וויסן אַז ער וועט ארויסרופן אויף זיך דעם אומגענאָד פונעם אלמעכטיקן גאָט און פון די זעליקע אַפּאָסטאָלן פּעטער און פּאול.

געגעבן אין רוים, דעם 13-טן מערץ, דעם פינפטן יאָר פון אונדזער פּאנטיפיקאט [1422].

21

אַ תשובה פאַר אַ מערדער

אַרום מיטן פופצנטן יאָרהונדערט האָבן אין אַ שענק פון דער שטאָט לעווענבערג, שלעזיען, דייטשלאַנד, געשפּילט אין ווערפל דריי פראָסטע יונגען, וואָס האָבן געהייסן: שמחה, נחמן און ניסן. ווען זיי האָבן זיך אָנגעשיכורט און צעוואַרעמט, אריין אין אַזאַרט ביים שפיל, האָבן זיי זיך צעשלאָגן. נחמן האָט געשטאָכן ניסנען מיט אַ מעסער אין קאָפּ און שמחה האָט אים געשלאָגן מיט אַ שייט האָלץ. דער פאַרוואונדעטער ניסן איז נאָך די אייגענע נאַכט אויסגעגאַנגען פון די וואונדן, וואָס ער האָט געקראָגן. די קהילה־פאָרשטייער האָבן זיך געווענדט צו דעם רב ר׳ ישראל פון ברין (ארום 1405־1480), אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ תשובה איינעם פון די צוויי מערדער, וואָס האָט געוואָלט תשובה טאָן אויף זיינע זינד. דער צווייטער מערדער ווידער, נחמן, האָט קיין חרטה ניט געהאַט אויף זיין טאַט און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט תשובה צו טאָן. ר׳ ישראל מברונא האָט געזאָגט אַז די תשובה וואָלט געדאַרפט זיין אַ האַרבערע ווען ניסן אליין וואָלט ניט געווען קיין מיטשולדיקער, ווייל ער האָט אָנגעהויבן דאָס געשלעג. דערצו איז נאָך דער־זעלביקער ניסן, לויטן עדות זאָגן פון שטאָט באַלעבאַטים, געווען אַ „גרויסער עם הארץ און ער האָט ניט געלייגט קיין תפילין שוין זינט יאָרן און יאָרן״.

ער זאָל אַוועק אין דער פרעמד אויף אַ גאַנץ יאָר און אַזוי ארומוואַנדערן אז ער זאָל יעדן טאָג, אָדער לכל הפחות מאָנטיק און דאָנערשטיק, זיין נאָענט צו אַ שול. ער זאָל זיך לאָזן מאַכן דריי אייזערנע רינגען: צוויי פאַר די הענט, מיט וועלכע ער איז

באַגאַנגען די זינד, און די דריטע — פאַר זיין לייב. ביים אריבער־טרעטן די שוועל פון דער שול, זאָל ער אָנטאָן די רייפן און אין זיי תפילה טאָן. אין אָוונט זאָל ער קומען באַרוועסערהייט אין שול אריין, זיך זעצן פאַרן דאַווענען לעבן חזן און זיך לאָזן געבן מלקות פון דער פאַרזאַמלטער עדה. ער זאָל דערביי אויסרופן: „זייט וויסן, רבותי, אַז איך בין אַ מערדער, איך האָב ניסנען דערהרגעט במזיד און דאָס איז מיין אָפּקומעניש. בעט פאַר מיר רחמים״.

ביים ארויסגיין פון שול זאָל ער זיך אַוועקלייגן אויף דער שוועל און די עדה זאָל אַריבערטרעטן איבער אים, אָבער ניט טרעטן אויף אים. נאָך דעם מעג ער אַראָפּנעמען די אייזערנע רינגען.

ער זאָל במשך פון גאַנצן יאָר פאַסטן יעדן טאָג, אַחוץ די טעג ווען מען זאָגט ניט קיין תחנון. ער זאָל אָבער קיינמאָל ניט עסן קיין פלייש און ניט טרינקען קיין וויין און זיך ניט אָנשיכורן. בפרט זאָל ער אויסמיידן דאָס געטראַנק, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגע־שיכורט אין דעם טאָג פונעם מאָרד און וואָס האָט אים געפירט צו דער שרעקלעכער טאַט. ער זאָל ניט ליגן אויף קיין בעטן און אויף קיין קישנס, אַחוץ שבת און יום-טובים, חנוכה און פורים.

דורך דער גאַנצער צייט פון וואַנדערן זאָל ער ניט שערן די האָר פון קאָפּ און אויך ניט די באָרד. ער זאָל זיך ניט וואַשן מיט קיין הייס וואַסער, אַחוץ ערב יום-טוב, אָבער ניט ערב שבת. דעם קאָפּ זאָל ער וואַשן נאָר איין מאָל אַ חודש און זיין וועש נאָר איין מאָל אין אַ קוואַרטל.

אין קיין אכסניות זאָל ער ניט אריינגיין, ווייל אין זיי איז אויף אים געקומען דאָס שלעכטס. אויך טאָר ער זיך ניט באַטייליקן אין קיין שפּיל, ווייל מחמת דעם שפּילן איז ער געקומען צום מאָרד. זידלט מען אים און מען שרייט אים נאָך: „דו ביסט אַ מערדער!״ זאָל ער שווייגן, און פאַר ליב נעמען די שמאָך און זאָגן צו זיך: „דאָס איז מיין אָפּקומעניש״.

ער זאָל בפרט שטאַרק אַכט לייגן קיינמאָל ניט צו פאַרשפּעטיקן קיין קריאת שמע און קיין שמונה עשרה און ער זאָל דריי מאָל אַ טאָג זאָגן ווידוי. נאָך דער ווידוי זאָל ער דאָס זאָגן: „גאָט, נעם אָן מיין תשובה, איך האָב געזינדיקט, כ'האָב פאַרגאָסן אומשולדיק

בלוט. זאָלן מיינע מאַטערנישן און מיין שאַנד זיין מיין פאַרגעבונג".

נאָכן יאָר זאָל ער נאָך אַ יאָר פאַסטן מאָנטיקס און דאָנערשטיקס, אָבער זיין גאַנץ לעבן זאָל ער אַכטונג געבן אַז ווען עס קומט דער חודש און דער טאָג ווען דער מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרן, זאָל ער פאַסטן דריי טעג כסדר. דאָס איז גילטיק ווען ער איז געזונט. טאָמער איז ער אָבער שוואַך, איז צוויי טעג אויך גענוג: דעם טאָג פונעם געשלעג און דעם טאָג ווען ניסן איז געשטאָרבן.

זיין גאַנץ לעבן זאָל ער זיך אָפּגעבן מיט פדיון שבויים און מיט גמילות חסדים, ווי אַן אויסקויף פאַר דעם [וואָס ער האָט געטאָן]. ער זאָל אויך זען צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט די יורשים פונעם דערהרגעטן, אזוי אַז ער זאָל זיי העלפן זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן, און ער זאָל בעטן מחילה ביי זיי און ביי דער אלמנה.

אַזוי אַרום זאָל ער זיך אומקערן צו גאָט און ער וועט אים אויפנעמען מיט חסד.

22

דער „אָפּפּער פּעניג"

דער דאָזיקער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון מאַרקגראַף אַלבּרעכט פון בראַנדענבורג, 1463.

דער „אָפּפער פעניג" איז געווען אַ ספּעציעלער שטייער אויף די דייטשע יידן ביי דער געלעגנהייט פון אַ קרוינונג, חתונה, מלחמה אָדער ביי אַן אַנדער אויסערגעוויינלעכער געשעעניש. אַמאָל איז דער „אָפּפער פעניג" געווען אַ שטייער פון אַ דריטל, צענטל אָדער אַן אַנדער טייל פונעם יידישן פאַרמעגן און אַ סך מאָל אַ פּער־קאַפּיטאַ אָפּצאָל אָדער, ווי עס האָט געהייסן ביי לודוויק פון בייערן (1314-1347), דער „גאָלדענער אָפּפער פעניג" — אַ יערלעכער פּער־קאַפּיטאַ אָפּצאָל פון אַ גולדן פון יעדער יידן, מאַן אָדער פרוי איבער צוועלף יאָר.

עס ווערט באַקאַנט געמאַכט אין [דייטשן] רייך, אַז ווען אַ רוימישער קיניג ווערט געקרוינט, אָדער ווען ער דערגרייכט דעם קייסערלעכן כבוד און ווערט געקרוינט, מעג ער, לויט ווי עס איז אַנגענומען פון אַמאָל, אַלע יידן פאַרברענען אָדער זיי אַרויסווייזן געגנאַד דורכן נעמען דעם דריטן פעניג פון זייער פאַרמעגן. כדי זיי זאָלן זייער לעבן ראַטעווען האָט די קייסערלעכע ווערדע דאָס יידנטום באַגנאַדיקט און אונדז [דעם מאַרקגראַף אַלבּרעכט פון בראַנדענבורג, דייטשלאַנד] באַפוילן דעם דריטן פעניג פון זיי צו נעמען מחמת דער קייסערלעכער קרוינונג און זייער לעבן צו שיצן ווי אַ חסד. דעריבער פאָדערן מיר אין נאָמען פון דער קייסערלעכער מאַיעסטעט, וואָס האָט אונדז באַפולמעכטיקט דערצו, דעם דריטן טייל פון זייער פאַרמעגן. מיר האָבן אָבער באַפוילן אַ צענטל צו נעמען. די קייסערלעכע מאַיעסטעט ווייזט זיי אַרויס מער גנאַד ווי זיי פאַרדינען.

23

דן יצחק אברבנאל דערציילט ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפֿן פֿון פּאָרטוגאַל קיין שפּאַניע

1483

דן יצחק אברבנאל (1437‑1508) איז געבוירן געוואָרן אין ליסבאָן, פּאָרטוגאַל ביי פֿאַרמעגלעכע עלטערן. זיין פֿאָטער, יהודה, איז געווען דעם פּאָרטוגעזישן מלכס פֿינאַנץ מיניסטער. דן יצחק האָט געקראָגן אַ גרינטלעכע יידישע און וועלטלעכע דערציאונג. שוין גאָר פֿרי, צו צוואַנציק יאָר, האָט ער אַרויסגעוויזן שריפֿטשטעלערישן טאַלאַנט. ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן ניט קיין קלענערע פֿעאיקייטן ווי אַ פֿינאַנסיסט און שנעל איבערגענומען זיין פֿאָטערס געשעפֿטן. אברבנאל איז געווען זייער רייך און אַ מקורב למלכות, אַ פֿינאַנץ מיניסטער ביים קיניג אַלפֿאָנסאָ. נאָכן קיניג אַלפֿאָנסאָס טויט, האָט זיין זון כואַן II פֿאַרפֿאָלגט זיין פֿאָטערס מקורבים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפֿונען דן יצחק אברבנאל. אברבנאל האָט זיך געראַטעוועט קיין שפּאַניע, וואו דער קיניג פֿערדינאַנד האָט אים געבעטן צו ווערן פֿינאַנץ מיניסטער. נאָכן גירוש שפּאַניע האָט ער זיך באַזעצט אין איטאַליע, וואו ער איז אין 1508 געשטאָרבן אין ווענעציע. אין דער ווייטערדיקער באַשרייבונג גיט אברבנאל איבער ווי אַזוי ער האָט זיך 1483 געראַטעוועט פֿון פּאָרטוגאַל.

גליקלעך בין איך געווען אין מיין היים אין ליסאַבאָן, דער הויפּט שטאָט פֿון פּאָרטוגאַל. איך בין געווען רייך און חשוב, האָב

געוואוינט אין אַ שיינעם פּאַלאַץ און מיין הויז איז געווען אַ בית וועד לחכמים וואָס פון דאָרט איז פאַרשפּרייט געוואָרן תורה און יראת שמים. מצוות און מעשים טובים זיינען געטאָן געוואָרן, ווי עס איז פון אַלעמאָל געווען דער מנהג צווישן די גרויסע מענטשן אונטער דער הערשאַפט פונעם קיניג דאָן אַלפאָנסאָ, דעם העלדישן הערשער, וואָס האָט געהערשט מיט ליבע און וואָס אים האָט דאָס מזל באַגלייט אויף אַלע וועגן... די יידן האָבן געלעבט אין גליק און אין פרידן, און אויך איך האָב פאַרבראַכט אונטער דעם קיניגס שוץ. איך בין געווען נאָענט צו אים. ער האָט זיך באַנוצט מיט מיין הילף און ווי לאַנג ער האָט געלעבט, בין איך ביי אים געווען אַ יוצא ונכנס. עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון נויט און שטראָף איבער זיין [גאָטס] גאַנץ פאָלק און איבער זיין ירושה, די קינדער פון יעקב. אַ טאָג פון פינצטערניש, פון אומגליק, און געווען איז עס ווען דער קיניג איז קראַנק געוואָרן און דער טויט איז אריין אינעם פּאַלאַץ. די יידן האָבן פאַרלאָרן זייער שוץ און זיינען פון וויטאָג איבערגעוועלטיקט געוואָרן. געוויין און יללות האָבן אָנגעפילט זייערע גאַסן. פּאַסטנדיק און יאָמערנדיק זיינען זיי ווי צעמישטע אַרומגעגאַנגען. איך בין קראַנק געוואָרן, מיינע יסורים זיינען געווען ניט צו פאַרטראָגן.

זיין זון דאָן כואַן איז אַרויף אויף דער כסא מלוכה. אָן צו־טרויען און פיינטלעך האָט ער זיך באַצויגן צו די דינער פון זיין פאָטער — קעגן די גרויסע און איידעלע, וואָס זיינען געווען זיין פאָטערס פריינד; קעגן די, וואָס זיינען געווען פלייש פון זיין פלייש אוןביין פון זיין ביין, האָט ער געצאָרנט: „איר פאַרדינט געטייט צו ווערן, ווייל איר האָט זיך געשטעלט קעגן מיר — מיך און מיין לאַנד דעם קיניג פון שפּאַניע איבערצוגעבן!"...

אויך אויף מיר, וואָס איך האָב קיין שום אומגערעכטע אָדער אָפּנאַרערישע זאַך ניט געטאָן, האָט דער קיניג געצאָרנט, ווייל איך בין אין די בעסערע צייטן געווען טיף־פריינדלעך פאַרבונדן מיט די איצט־פאַרפאָלגטע פירשטן, וואָס האָבן זיך אָפט שואל עצה געווען מיט מיר. דעריבער האָט דער קיניג אויך זיין צאָרן אויסגע־גאָסן אויף מיר, ווייל ער האָט געגלייבט אַז איך געהער אויך צו

די וואָס האָבן געאייניקט אינטריגירט קעגן אים, ווייל די לעצטע וואָלטן זיכער גאָרניט געטאָן אַז זיי זאָלן מיך, זייער בעסטן פריינד, ניט באַקענען מיט זייערע פּלענער. שפּלע מענטשן, וואָס האָבן מיך געוואָלט פאַרשטויסן כדי צו פאַרכאַפּן מיין פאַרמעגן, האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן מיר. זיי האָבן אַנגעשפּיצט זייערע צינגער ווי די שלאַנגען און האָבן אָנגערעדט אויף מיר שלעכטס, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט בדעה צו טאָן.

אין מיטן דער צעטומלעניש האָב איך געקראָגן אַ באַפעל תיכף זיך צו מעלדן צום קיניג. און איך האָב זיך גלייך געגרייט אין וועג אריין וואוהין דער קיניג האָט מיך גערופן. איך בין געווען זיכער אין מיין אומשולד. אונטערוועגנס איז אין דער אכסניא אריינגעקומען אַ מאַן און האָט מיר געזאָגט: „גיי ניט ווייטער, ראַטעווע דיך, ס׳איז אַן אומגליקלעכע צייט!“ אַזוי ווי איך האָב נאָר דערהערט אַז מ׳האָט זיך פאַרמאָסטן אויף מיין לעבן, און איך האָב געזען, אַז געטריישאַפט, ליבע און גאָטספאַרכטיקייט איז פונעם לאַנד פאַרשוואונדן, און מיינע אייגענע אויגן זיינען געווען עדות, ווי מען האָט פרומע און מעכטיקע לייט פאַריאָגט און זיי האָבן געמוזט אַנדערע איבערלאָזן זייערע פאַרמעגנס, האָב איך דעמאָלט צו זיך אליין געזאָגט: „וואוהין?“

איך ווייס דאָך אַז מען האָט חשק צו מיין פאַרמעגן; דער קיניג שטרעקט אויס זיין האַנט נאָך מיר, טאָ צו וואָס נוצט מיר דאָס גאָלד און זילבער, וואָס העלפן מיר וויינבערג און לאַנד! זאָלן מיינע שונאים דאָס אַלץ צווישן זיך פאַרטיילן. מיין עשירות איז מיין אומגליק. איך וויל מיין לעבן ראַטעווען, ווען איך זאָל שוין אפילו מיין גאַנץ לעבן בלייבן אָרעם און עלנד. אַזוי האָב איך פאַרלאָזן ווייב, קינדער און פאַרמעגן און בין אַנטלאָפן ביינאַכט אָן מיטלען און אָרעם, אַנטלאָפן פונעם אומגליק וואָס האָט זיך פּלוצים אויסגעגאָסן אויף מיר. ווען ס׳איז טאָג געוואָרן האָט זיך שוין געהאַט דערטראָגן אין קיניגלעכן פּאַלאַץ אריין די נייס פון מיין אַנטלויפן. אויפן קיניגס באַפעל זיינען נאָכגעשיקט געוואָרן סאָל-דאַטן מיך נאָכצויאָגן און צוריקצוברענגען לעבעדיק אָדער טויט.

דעם דאַזיקן גאַנצן טאָג און די נאַכט האָבן זיך נאָך מיר געיאָגט רייטער, אָבער גאָטס באַרמהאַרציקייט האָט מיך געשיצט אַזוי, אַז זיי האָבן מיר ניט געקאָנט טאָן קיין שלעכטס. אין מיטן נאַכט בין איך אַריבער די גרענעץ פון מצרים, דאָס הייסט די גרענעץ פון פּאָר־טוגאַל, און בין אָנגעקומען אין דער גרענעץ־שטאָט פון דער מלוכה קאַסטיליע, סעגורא דעלא ארדען. אַז דער קיניג האָט געזען אַז מיך וועט ער ניט קענען כאַפּן, האָט ער פאַרכאַפּט מיין גאַנץ האָב און גוטס, מיין גאַנץ פאַרמעגן, דאָס באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע פאַרמעגן.

24

עובדיה מברטנורא

1486

עובדיה ירא מברטנורא איז געווען אַ באַרימטער משנה דערקלערער און אַ מגיד. ער איז אין 1486 אַוועק פון איטאַליע קיין ארץ ישראל. זיין נסיעה האָט געדויערט אַנ־דערהאַלבן יאָר. ער איז געפאָרן דורך גריכנלאַנד און מצרים. אין זיינע בריוו פון ארץ ישראל גיט ער אַ בולט בילד פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן אין די לענדער, וואָס ער האָט באַזוכט. זיינער אַ תלמיד, וואָס איז כמעט אין דער אייגענער צייט געקומען פון איטאַליע קיין ירושלים, שרייבט וועגן זיין רבין, אַז „דער גרויסער תלמיד חכם רבי עובדיה האַלט בלויז צוויי אָדער דריי דרשות אַ יאָר: פסח, שבועות און סוכות. טיילמאָל אויך אין די עשרת ימי תשובה. ערשט ניט לאַנג צוריק, האָט ער מיט זיין אָנגענעם קול געלאָזט הערן גאָטס וואָרט. אַלע, פון קליין ביז גרויס, זיינען דאָרט געווען און אַלע זיינען געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן אָטעמען".

די יידן אין ארץ ישראל האָבן דעמאָלט געלעבט אונטער אַ טאָפּלטן יאָך, אונטער די האַרצלאָזע מאַמעליוקן, די הער־שער פונעם לאַנד און אונטער די אייגענע „מוסרים" די זקנים, די עלטסטע, וואָס האָבן געדריקט און געשטיקט אַלע די, איבער וועמען זיי האָבן געהאַט צו זאָגן. שפּעטער האָט ר' עובדיה איבערגענומען די פירערשאַפט און איז געוואָרן אַ פאָטער און אַ פאַרטיידיקער פון די געדריקטע און געפּיי־ניקטע יידן.

א. פון עובדיה מברטנוראס בריוו:

פאַלערמאָ (איטאַליע)

פאַלערמאָ איז די הויפּט-שטאָט פון סיציליע. ס׳וואוינען דאָ אַן ערך אַכט הונדערט און פופציק יידישע משפחות, אַלע אין איין גאַס, וואָס געפינט זיך אינעם בעסטן קוואַרטאַל פון דער שטאָט. זיי זיינען האַנטווערקער ווי קופער- און אייזן-שמידן, לאַסט-טרעגער און פּויערים. די קריסטן פאַראַכטן זיי, ווייל זיי גייען אַרום אָפּגעריסן און שמוציק. זיי מוזן אָנטייען אויף זייערע קליידער, אויף דער ברוסט, אַן אָפּצייכן, אַ רויט שטיק טוך, די גרייס פון אַ גאָלדענער מטבע. די קיניגלעכע צינזן זיינען אַ גרויסע לאַסט. די יידן מוזן טאָן פאַרן קיניג יעדע אַרבעט, וואָס מאַכט זיך. אַזוי מוזן זיי אַריינשלעפּן די שיפן אין האַפן, בויען דאַמבעס און דאַסגלייכן. זיי זיינען אויך די אויספירער פון לייב און טויט-שטראָף. מוסרים זיינען צווישן זיי דאָ אַ גרויסע צאָל. טאָג-טעגלעך הערט מען פון מסירות, עס דערגייט שוין אַזוי ווייט אַז מסירה ווערט שוין מער ניט באַטראַכט ווי קיין פאַרברעכן.

אַלעקסאַנדריע (עגיפּטן)

אין אַלעקסאַנדריע זיינען דאָ אַרום פינף און צוואַנציק משפחות און צוויי אַלטע שולן. איינע איז אַ זייער גרויסע, אַביסל אָפּגע-לאָזן, די אַנדערע איז קלענער. די גרעסטע צאָל [יידן] דאַוונט אין דער קלענערער שול, ווייל זי ווערט צוגעשריבן דעם נביא אליהון, וואָס האָט זיך געזאָלט האָבן באַוויזן צו וועמען אין דרום-מזרח-ווינקל וואו עס ברענט איצט כסדר אַ נר תמיד. מען זאָגט מיר, אַז מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער זיך ווידער באַוויזן צו אַן אַלטן מאַן. גאָט אַליין ווייס דעם אמת. אין אַלע אַראַבישע מדינות גייט קיינער ניט אַריין אין שול אַריין מיט די שיך אויף די פיס. אפילו ווען מען גייט צו גאַסט צו וועמען לאָזט מען אויך איבער די שיך אין דרויסן, ביי דער טיר, און יעדער זיצט אויפן דיל אויף דיוואַנען.

אַלעקסאַנדריע איז אַ זייער גרויסע שטאָט אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט און לענגאויס דעם ים. צוויי דריטל פון דער שטאָט איז איצט פאַרוויסט און אַ סך הייזער זיינען אומבאַוואוינט. די באַוואוינטע הייף זיינען אויסגעפלאַסטערט מיט מאָזאיק, פלוימען און טייטל־ביימער זיינען פאַרפלאַנצט אין מיטן פון די הייף. אַלע הייזער זיינען גרויס און שיין, אָבער די באַפעלקערונג איז אַ קליינע, מחמת דעם אומגעזונטן אויר, וואָס פילט זיך דאָ זייט פילע יאָרן. מ׳זאָגט אז די וואָס זיינען ניט צוגעוואוינט צו דער לופט און בלייבן דאָ, שטאַרבן, אָדער זיי ווערן קראַנק. די גרעסטע צאָל איינוואוינער ליידן פון אויגן־קראַנקהייטן. סוחרים קומען דאָ אַהער פון אַלע עקן וועלט און איצט געפינען זיך דאָ פיר קאָנסולן: פון ווענעדיק, גענוא, קאַטאַלאָניע און אנקאנא. און די סוחרים פון אַלע פעלקער האָבן מיט זיי צו טאָן. די קריסטן מוזן זיך איינשליסן אין זייערע הייזער יעדן אָוונט. די אַראַבער פאַרמאַכן נאָך אלץ די גאַסן פון אויסנווייניק און עפענען זיי יעדן פרימאָרגן. ס׳איז דאָס אייגענע אויך פרייטיק פון מיטן טאָג ביזן אָוונט, ווען די אַראַבער געפינען זיך אין די מאָשעיען. דאַמאָלס מוזן די קריסטן זיין אין זייערע הייזער און ווער פון זיי ס׳באַווייזט זיך אויף דער גאַס און ער ווערט באַלייִדיקט, איז ער אליין שולדיק דערין.

קאַירא (עגיפּטן)

אין קאַירא געפינען זיך היינט־צו־טאָג אַרום זיבן הונדערט יידישע משפחות: פופציק שומרונישע, וואָס רופן זיך אויך כותים, הונדערט און פופציק קאַראימישע און די איבעריקע רבנישע. די שומרונים האָבן בלויז דעם חומש און האָבן אַן אַנדער שריפט, ניט אונדזער הייליקע שריפט... אַ סך פון זיי זיינען מיט אונדז געפאָרן פון קאַירא כדי צו ברענגען דעם קרבן פסח אויפן הר גריזים, וואו זיי האָבן אַ טעמפל. זיי האַלטן שבת פון פרייטיק מיטאָג ביז זונטיק מיטאָג. ס׳איז נאָך פאַראַן בלויז אַ קליינע צאָל פון זיי. ווי מען הערט זאָלן אינגאַנצן זיין פינף הונדערט משפחות.

די שומרונים זיינען די רייכסטע פון אלע יידן אין קאירא און זיי פאַרנעמען הויכע אַמטן — זיי זיינען חלפנים און פאַרוואַלטער. ס'איז דאָ איינער פון זיי וואָס זאָל פאַרמאָגן צוויי הונדערט טויזנט גאָלדשטיק.

די קאַראימער זיינען רייכער ווי די רבנישע יידן, ס'זיינען אָבער אויך פאַראַן פאַרמעגלעכע צווישן די רבנישע יידן. יידן וואָס וואוינען אין די אַראַבישע לענדער, זיינען געוואוינט זיך תמיד צו האַלטן אָרעם. זיי גייען אָרום ווי די בעטלער און באַקלאָגן זיך שטענדיק פאַר די אַראַבער. די קאַראימער זיינען ניט קיין בעלי-צדקה. זיי מישן זיך מיט די רבנישע יידן און זוכן זיי צו דערנענטערן צו זיך.

עס זיינען אין קאירא פאַראַן אָרום פופציק משפחות אנוסים, בעלי תשובה פון שפּאַניען. די מערסטע זיינען אָרעם, זיי האָבן פאַרלאָזן זייער האָב און גוטס און זייערע עלטערן און זיינען געקומען לעבן אונטערן שוץ פון גאָט פון ישראל. זייערע עלטערן האָבן געדינט דער קריסטלעכער אמונה, אָבער זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אונטער די פליגלען פון דער שכינה.

צווישן די יידן אין קאירא זיינען דאָ חלפנים און קרעמער; דאָס לאַנד איז גרויס און ס'איז פאַראַן פאַר יעדן פון וואָס זיך צו דערנערן. פאַר האנדל איז ניטאָ קיין בעסערער פּלאַץ אין דער וועלט ווי קאירא. דאָ קאָן מען נתעשר ווערן. דעריבער קאָן מען דאָ אָנטרעפן אַן אַ צאָל פרעמדע פון אַלע פעלקער און שפּראַכן. מען קאָן דאָ אַרומשפּאַצירן ביינאַכט ווי בייטאָג, ווייל אַלע גאַסן ווערן באַלויכטן מיט שטורקאַצן. די מענטשן דאָ שלאָפן פאַר די קראָמען אויף דער ערד.

דער נגיד [פירשט—פירער פון די יידן] וואָס וואוינט אין מצרים, הערשט איבער אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אונטער דעם עגיפּטישן קיניג. ער האָט די פולמאַכט פונעם קיניג צו באַשטראָפן מיט געלט, לייב און תפיסה שטראָפן אַלע די וואָס פאָלגן ניט זיינע באַפעלן. ער באַשטימט די דיינים אין יעדער קהילה. דער איצטיקער נגיד האָט געוואוינט אין ירושלים און ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון דאָרט איבער די זקנים, די לשון-הרע טרייבער און מוסרים. ער הייסט ר' נתן הכהן, איז רייך, קלוג און פרום און שטאַמט פון בער-

בעריע... אלע רבנים און תלמידי חכמים, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין ירושלים, האָבן אין גרויס געאייל פאַרלאָזן די שטאָט, כדי זיך צו שיצן קעגן באַדריקונגען מצד די זקנים. אלע יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין ירושלים — אַרום דריי הונדערט נפשות — זיינען פון דאָרט אַוועק איבער די אומגעווייניטלעכע ציַנזן און לאַסטן, וואָס די רבנים האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט. דאָרט זיינען פאַרבליבן נאָר די אָרעמעלייט און די פרויען.

ירושלים

די דאָזיקע זקנים, די רשעים, האָבן אַזוי געווילדעוועט אַז זיי האָבן אַזש פאַרקויפט די ספרי תורות מיט די פּרוכתן און די זיל־בערנע רימונים און דערהויפּט די גאָלדענע כלים, וואָס האָבן זיך געפונען אין ירושלים, צו קריסטן, וואָס האָבן די זאַכן אַוועקגעפירט אין ווייטע לענדער. אויך אַלע ספרים, אַ גרויסע צאָל תלמודים און פוסקים, וואָס די אשכנזים האָבן געהאַט געבראַכט מיט זיך, און וואָס האָבן זיך געפונען אין הקדש, האָבן זיי אויך פאַרקויפט. אַזוי, אַז ס'איז ניט געבליבן קיין שום זאַך, וואָס איז עפּעס ווערט, וואָס זיי זאָלן ניט האָבן אַרויסגענומען פון הקדש...

די גרעסטע טייל ירושלים איז וויסט און חרוב. איך דאַרף ניט נאָכאַמאָל דערמאָנען אַז זי איז ניט אַרומגערינגלט מיט קיין וואַנט. די צאָל איינוואוינער זאָל זיין, ווי מען גיט מיר איבער, פיר טויזנט משפחות. וואָס געהער די יידן זיינען איבערגעבליבן אַרום זיבעציק משפחות פונעם אָרעמסטן שטאַנד. ס'איז כמעט ניטאָ קיין משפחה, וואָס ס'זאָל איר ניט פעלן דאָס נייטיקסטע. ווער ס'איז באַזאָרגט מיט ברויט אויף אַ יאָר, ווערט באַטראַכט פאַר אַן עושר. עס זיינען דאָ אַ סך פאַרלאָזענע אלמנות פון אשכנז [דייטשלאַנד], ספרד [שפּאַניע] און פון אַ סך אַנדערע לענדער...

די יידן ווערן אין די [אַראַבישע] לענדער ניט אונטערגעדריקט פון די אַראַבער. איך בין אין דעם לאַנד אַרומגעפאָרן אין דער לענג און אין דער ברייט און קיינער האָט מיך אין וועג ניט געטשעפּעט אויף דאָס מינדסטע. זיי [די אַראַבער] זיינען זייער פריינדלעך

צו פרעמדע און ספעציעל צו די וואָס קאָנען ניט זייער שפּראַך. עס ברענגט זיי ניט אריין אין כעס ווען זיי זעען אַ גרעסערע צאָל יידן צוזאַמען.

ב. פון אַן אַנאָנימען בריוו פון עובדיה מברטנוראס אַ תלמיד

ירושלים

די הייזער אין ירושלים זיינען פון שטיין און זיי זיינען ניט קיין הויכע ווי ביי אייך [אין איטאַליע]. זיי האָבן אויך ניט קיין באַלקנס און דערהויפּט זעט מען ניט קיין האָלץ אויף זיי. האָלץ איז דאָ זייער טייער און ס׳ווערט פאַרקויפט אין די קראָמען אויפן פונט. דעריבער גלייב איך, בויט מען דאָ ניט קיין הויכע הייזער. יעדער הויז האָט פינף-זעקס חדרים, אַלע פון ציגל. ס׳זיינען אויך ניטאָ קיין ברונעמער מיט קוואַלוואַסער, נאָר אין יעדן הויף געפינט זיך אַ באַסיין, וואָס פילט זיך אָן מיט רעגנוואַסער. און אַזוי געשעט אָפט, אַז די אַראַבער פאַלן אָן אויף אונדז און צעברעכן אונדזערע פעסער און גיסן אויס דעם וויין, ווייל זיי זאָגן אַז איבער די זינד פון די וויינטרינקער רעגנט ניט.

25

גירוש שפּאַניע

דער עדיקט וואָס דער קיניג פערדינאַנד און די קיניגין איזאַבעלאַ האָבן אַרויסגעגעבן אַרויסצוטרייבן די יידן פון שפּאַניע

1492

די שפּאַנישע אַרמיי האָט איינגענומען די לעצטע מאַכמעדאַנישע פעסטונג, גראַנאַדאַ, אין נאָוועמבער 1491. דעם 2טן יאַנואַר 1492 זיינען דער קיניג פערדינאַנד און די קיניגין איזאַבעלאַ אָנגעקומען קיין גראַנאַדאַ צו פייערן זייער זיג איבער די מאַכמעדאַנער, וואָס האָבן באַהערשט שפּאַניע קרוב צו אַכט הונדערט יאָר (זינט 711). דעם 30טן מערץ האָבן די שפּאַנישע הערשער פון דעם באַרימטן אלהאמבראַ פּאַלאַץ אין גראַנאַדאַ אַרויסגעגעבן דעם עדיקט צו פאַר־טרייבן די יידן פון שפּאַניע, וואו זיי האָבן געלעבט איבער טויזנט יאָר. דער רב הכולל פון שפּאַניע און שטייער־פאַכטער אברהם סעניאָר (וואָס איז געצוואונגען געוואָרן זיך צו שמדן מיט זיין משפּחה) איז צוזאַמען מיט דון יצחק אברבנאַל אוועק צום קיניג אויסבעטן, אַז די גזירה זאָל בטל געמאַכט ווערן און זיי האָבן אים דערפאַר צוגעזאָגט אַ גרויסע סומע געלט פון דער יידישער באַפעלקערונג. די פאַנאַטישע קיניגין איז געווען קעגן די יידן און מען דער־ציילט, אַז אין מיטן די פאַרהאַנדלונגען האָט זיך אין פּאַלאַץ אַריינגעריסן דער גרויס אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ (זינט 1480 איז די אינקוויזיציע געווען איינגעפירט אין שפּאַניע)

> און געשריגן, אַז דער קיניג איז ווי יודאַס גרייט צו פאַר־קויפן יעזוסן פאַר דרייסיק שטיק זילבער. אזוי ווי דער עדיקט האָט די יידן געגעבן בלויז דריי חדשים צו פאַר־בלייבן אין לאַנד, האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן זייער היימ־לאַנד סוף יולי. די רעגירונג האָט געצוואונגען די יידן צו באַצאָלן פאַר אַ יאָר שטייערן אין פאָראויס, קירכן און מוניציפּאַליטעטן האָבן קאָנפיסקירט יידיש פאַרמעגן אונטער פאַרשיידענע אויסריידן און דערצו זיינען יידן באַרויבט געוואָרן פונעם המון, גרענעץ באַאמטע און שיף־פיראַטן. אַזוי האָט דער זיגרייכער קאַטאָליציזם געפייערט דעם זיג איבערן יידנטום.

א. היות ווי מיר ווערן אינפאָרמירט געפינען זיך אין אונדזערע פּראָווינצן טייל שלעכטע קריסטן, וואָס האָבן זיך יודאַיזירט [אָנגע־נומען דעם יידישן גלויבן] און זיך אָפּגעזאָגט פון אונדזער הייליקן קאַטוילישן גלויבן און אז די הויפּט סיבה דערפון איז געווען דער פאַרקער צווישן יידן און קריסטן, האָבן מיר אין דעם קאָרטעס (פּאַר־לאַמענט) וואָס מיר האָבן צונויפגערופן אין דער שטאָט טאָלעדאָ אין 1480 באַפוילן צו פאַרטרייבן די דאָזיקע יידן פון אַלע דערפער, שטעט און פון אַנדערע פּלעצער פון אונדזערע פּראָווינצן און פאָסעסיעס און זיי אָפּצוטיילן אין אָפּגעזונדערטע פּלעצער [געטאָס], וואו זיי זאָלן זיך געפינען און וואוינען. מיר האָבן געהאָפט אויף אַזאַ אופן צו קאָנען היילן דאָס שלעכטס. ווייטער האָבן מיר באַפוילן, אַז די אינקוויזיציע זאָל איינגעפירט ווערן אין אונדזערע דערמאָנטע שטאָטן, וואָס ווי ס׳איז באַקאַנט איז זי שוין טעטיק די לעצטע צוועלף יאָר, און דורך איר זיינען אַ סך שולדיקע אַנטדעקט געוואָרן. די אינקוויזיטאָרן, גייסטלעכע און ציווילע פּערזאָנען לאָזן אונדז אויך וויסן, אַז ס׳איז ארויסגעקומען און ס׳קומט נאָך ארוים אַ סך שלעכטס דערפון, וואָס קריסטן מישן זיך מיט יידן, ווייל ווי ס׳ווייזט אויס, זוכן זיי אויף יעדן מעגלעכן אופן צו צעשטערן אונדזער הייליקע אמונה און אָפּציען פרומע קריסטן פון זייער גלויבן און זיי פאַרפירן

צו זייער שעדלעכן גלויבן. זיי לערנען זיי [די קריסטן] די צערע־מאָניעס און מנהגים פון זייער אמונה. זיי האַלטן אָפּ אסיפות, וואו זיי לייענען פאַר זיי און לערנען זיי אַלץ וואָס זיי גלייבן און וואָס זיי דאַרפן אָפּהיטן לויט זייער אמונה. זיי ווילן זיי און זייערע קינדער יידישן. זיי גיבן זיי סידורים פון וועלכע זיי קאָנען מתפלל זיין און זיי דערקלערן זיי די תעניתים, וואָס זיי דאַרפן אָפּריכטן. זיי קומען זיך צונויף מיט זיי און לערנען זיי די מעשות פון זייער תורה. זיי לאָזן זיי וויסן ווען די יום־טובים וועלן אויספאַלן און זיי לערנען זיי, וואָס זיי זאָלן טאָן און ווי אַזוי זיי זאָלן די יום טובים פייערן. זיי ברענגען פאַר זיי פון זייערע הייזער מצות און כשר פלייש. זיי זאָגן זיי אָן וועלכע שפּייזן זיי זאָלן ניט עסן און אויך אַנדערע ענינים, וואָס זיינען נייטיק כדי ריכטיק אָפּצוהיטן זייער אמונה און אָנהאַלטן זיך אָן תורת משה. זיי גיבן זיי צו פאַרשטיין, אַז אַחוץ דעם [דער יידישער תורה] איז ניט פאַראַן קיין אַנדער געזעץ אָדער יושר. דאָס באַווייזן זיי מיט אַ סך יידישע דערקלע־רונגען און באַווייזן אויך מיט ראיות פון יענע וואָס זיינען פאַר־דאַרבן און אָפּגענאַרט געוואָרן פון זיי. דאָס האָט שטאַרק דער־נידעריקט און געשעדיקט אונדזער הייליקע קאַטוילישע אמונה.

ניט געקוקט דערויף וואָס מיר זיינען מיט די דאָזיקע מערסטע ידיעות געווען באַקאַנט נאָך פון פריער, און מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס זיכערסטע מיטל צו פאַרהיטן פון אַזעלכע פעלערן און שאָדנס איז זיי, די דערמאָנטע יידן, אָפּצוטיילן פון וועלכן ניט איז פאַרקער מיט קריסטן און זיי צו פאַרטרייבן פון אַלע אונדזערע שטאָטן, האָבן מיר זיך אָבער געוואָלט צופרידנשטעלן דערמיט וואָס זיי וועלן פאַרלאָזן די דערפער, שטעט און אַנדערע פלעצער [אַנדאַלוזיע וואו ס'האָבן זיך געפונען די גרעסטע צאָל יידישע לאַנד־אייגנטימער] וואו זיי האָבן געזאָלט האָבן אָפּגעטאָן דעם גרעסטן שאָדן. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס וועט זיין גענוג, און אַז די פון זיי פון אַנדערע דערפער, שטעט און פון אַנדערע פלעצער וועלן אויפהערן זיך אָפּ־געבן מיט דידאָזיקע זאַכן [מגייר זיין קריסטן].

מען האָט אונדז אָבער איבערגעגעבן, אַז ניט דאָס [דער גירוש אַנדאַלוזיע] און אפילו ניט דאָס אומברענגען טייל יידן, וואָס זיינען

געפונען געוואָרן שולדיק [דורך דער אינקוויזיציע] אין די דאָזיקע פאַרברעכנס קעגן אונדזער הייליקן קאַטוילישן גלויבן, איז געווען גענוג כדי אײַנגאַנצן אָפּצושטעלן און צו באַזייטיקן דעם גרויסן שאָדן און די באַליידיקונג פאַר דעם קאַטוילישן גלויבן.

אַזוי ווי מען האָט אויסגעפונען אַז די דאָזיקע [יידן] וואו נאָר זיי וואוינען און וואו נאָר זיי פאַרזאַמלען זיך גיבן זיי זיך אָפּ אַלץ מער מיט זייערע שעדלעכע מעשים, דאַרף זיי ניט געגעבן ווערן מער קיין מעגלעכקייט צו שעדיקן אונדזער הייליקע אמונה און אַלע יענע [קריסטן] וואָס גאָט האָט געוואָלט פאַרהיטן [פון יידישן גלויבן] און אויך די, וואָס זיינען אומגעקומען [דורך דער אינקוויזיציע], נאָר זיי האָבן תשובה געטאָן און זיינען צוריקגעבראַכט געוואָרן אין דער שוים פון דער מוטער-קירך. דער יצר הרע פירט כסדר מלחמה מיט אונדז און קאָן גרינג בייקומען די שוואַכע נאַטור פונעם מענטשן, אויב די הויפּט סיבה זאָל ניט באַזייטיקט ווערן, וואָס דאָס באַטייט, אַז די יידן מוזן אַרויסגעטריבן ווערן פון אונדזער מלוכה.

ווען טייל אָנגעהעריקע צו אַ וועלכן העכערן לערן-אַנשטאַלט באַגייען אַ מיאוסן פאַרברעכן איז רעכט אַפילו אַזאַ אַנשטאַלט צו צעשטערן און זאָל די מערהייט ליידן פאַר די געציילטע [זינדיקע] און זאָל איינער באַשטראָפט ווערן פאַרן אַנדערן. און די וואָס שטערן דעם וואוילזיין און דאָס נאָרמאַלע לעבן אין די שטעט און שטעטלעך און וואָס קאָנען אָנשטעקן [מיט יידישקייט] און שאַדענען אַנדערע דאַרפן אוודאי אַרויסגעטריבן ווערן פון די דאָזיקע שטעט און שטעטלעך. זיי דאַרפן אַרויסגעטריבן ווערן אַפילו פאַר ווייניקער וויכטיקע מעשים, וואָס זיינען שעדלעך פאַרן שטאַט און אוודאי פאַר דעם גרעסטן און אַנשטעקנדיקסטן פאַרברעכן.

דעריבער באַשטימען מיר, נאָכדעם ווי מיר האָבן אויספירלעך באַטראַכט דעם ענין און מיט דער הסכמה פון טייל גייסטלעכע און הויכע נאָבלליים פון אונדזערע שטאַטן און פון אַנדערע פערזאָנען פון אונדזער ראָט, אַז אַלע די דאָזיקע יידן און יידישע פרויען, ווי אַלט זיי זאָלן ניט זיין, און וואָס וואוינען אין אונדזערע שטאַטן און פאָסעסיעס [ווי סאַרדיניע און סיציליע] און וואָס זיינען דאָרט

געבוירן געוואָרן אָדער זיינען מחמת וועלכער ניט איז סיבה געקומען וואוינען דאָרט, מוזן ביים סוף פון דעם קומענדיקן חודש יולי פון דעם היינטיקן יאָר 1492 פאַרלאָזן אַלע אונדזערע דערמאָנטע פּראָווינצן. זיי און זייערע זין, טעכטער, דינער, דינסטן און יידישע אַנגעהעריקע, קליין און גרויס, פון וואָס פאַר אַן עלטער זיי זאָלן ניט זיין. זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן צוריקצוקומען אָדער צו וואוינען אין דעם לאַנד, אָדער אין וועלכן ס׳איז ניט טייל פונעם לאַנד, ווי איינוואוינער, רייזנדער אָדער ווי עפּעס אַנדערש. אויב זיי וועלן דאָס יאָ טאָן און מען וועט זיי געפינען וואוינען אין אונדזערע שטאָטן אָדער פּאָסעסיעס וועלן זיי באַשטראָפט ווערן מיט טויט און זייערע פאַרמעגנס וועלן קאָנפיסקירט ווערן פאַר אונדזער שאַצקאַמער. די שטראָף וועט דורכגעפירט ווערן גלייך אָן אַ משפּט, אָן אַ וואָרענונג און אָן אַ דערקלערונג.

מיר באַפעלן און פאַרבאָטן יעדן איינעם פון אונדזער לאַנד, פון וואָס פאַר אַ ראַנג אָדער שטאַנד ער זאָל ניט זיין, ניט עפנטלעך און ניט אין געהיים אויפצונעמען, באַהאַלטן, פאַרהיטן אָדער פאַרטייַדיקן וועלכן ניט איז יידן, אָדער יידישע פרוי, נאָך דעם דאָזיקן טערמין פון סוף יולי. זיי טאָרן זיך ניט געפינען אויף זייער לאַנד, אין זייערע הייזער אָדער אין אַ וועלכן ניט איז טייל פון אונדזער מלוכה. פון דעמאָלט אָן און ווייטער טאָר זיך דאָרט ניט געפינען קיין ייד. טאָמער יאָ, וועט זייער [די שפּאַניערס] שטראָף זיין צו פאַרלירן זייער אייגנטום, וואסאלן, שלעסער און אנדער פאַרמעגן, און נאָך מער, זיי וועלן מוזן איבערגעבן אין אונדזער שאַצקאַמער זייער געלט, וואָס זיי האָבן אָדער וואָס זיי קריגן פון אונדז.

און כדי די דערמאָנטע יידן און יידישע פרויען זאָלן במשך פון דער געגעבענער צייט, ביזן סוף פונעם דערמאָנטן חודש יולי, קאָנען וואָס גיכער אויספאַרקויפן זייערעווירטשאַפטן און זייער אייגנטום, נעמען מיר זיי אונטער אונדזער שוץ און מיר וועלן זען, אַז זיי און זייערע פאַרמעגנס זאָלן במשך פון דער דאָזיקער צייט זיין געזיכערט און אַז זיי זאָלן מעגן פאַרקויפן, אויסבייטן און אוועק-

געבן זייער גאַנץ באַוועגלעך און אומבאַוועגלעך אייגנטום פריי, ווי זיי ווילן.

במשך פון דער דאָזיקער צייט זאָל זיי ניט געשען קיין שלעכטס. אויב עס וועט עפּעס וואָס קעגן געזעץ געשען זיי אָדער זייער פאַרמעגן, זאָלן די שולדיקע באַשטראָפט ווערן ווי פאַרלעצער פון קיניגלעכער שוץ.

מיר דערלויבן און גיבן אויך דאָס רעכט די דערמאָנטע יידן און יידישע פרויען אַרויסצופירן זייער פאַרמעגן און אייגנטום פון אונדזער מלוכה דורכן ים און דורך דער יבשה, נאָר מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלן ניט אַרויספירן קיין גאָלד, זילבער, געלט אדער אנדערע חפצים, וואָס עס איז פאַרבאָטן דורכן געזעץ פון אונדזער לאַנד [אַרויסצופירן].

מיר פאָדערן אויף אַלע ריכטער פון אונדזערע פּראָווינצן, אַז זיי זאָלן זען, אַז אַלץ וואָס ווערט דאָ דערמאָנט זאָל דורכגעפירט ווערן און אַז זיי זאָלן ניט האַנדלען קעגן דעם. אויב זיי וועלן וועמען ניט איז טאָן ספּעציעלע טובות, וועלן זיי אַראָפּגעזעצט ווערן פון זייער אַמט און זייער פאַרמעגן וועט צוגענומען ווערן פאַר דער קיניגלעכער שאַצקאַמער.

אַ באַריכט פון דעם גירוש שפּאַניע פון אַן אומבאַקאַנטן שרייבער פון יענער צייט

ב. און אין יאָר רנ״ב [1492] פונעם אלף הששי האָט גאָט ווידער באַשטראָפט דאָס איבערבלייב פון זיין פאָלק און ער האָט אים פאַרטריבן אין די טעג פונעם קיניג פערדינאַנד. נאָכדעם ווי דער קיניג האָט איינגענומען די שטאָט גראַנאַדאַ פון די מאַכמעדאַנער דעם זיבעטן יאַנואַר [גראַנאַדאַ איז איינגענומען געוואָרן דעם צווייטן און ניט דעם 7־טן יאַנואַר] פונעם נאָר וואָס דערמאָנטן יאָר, האָט ער באַפוילן, אַז אַלע יידן פון אַלע טיילן פון זיין מדינה — זאָלן פאַרטריבן ווערן פון קאַסטיליע, קאַטאַלאָניע, אַראַגאָן, גאַליציע, מאַיאַרקאַ,

מינארקא, די באסק פּראָווינצן, די אינדזלען סארדיניע און סיציליע און פון וואלענסיע. נאָך פאַר דעם האָט די קיניגין באַפוילן זיי צו פאַרטרייבן פון אנדאלוזיע. דער קיניג האָט זיי געגעבן דריי מאָנאַטן צייט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. מען האָט דאָס אויסגערופן עפנטלעך אין יעדער שטאָט דעם ערשטן מאַי, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם נײַנצנטן טאָג פונעם עומר און די צייט האָט זיך געענדיקט אַ טאָג פאַר תשעה באב. וועגן דער צאָל איז ניטאָ קיין הסכם, אבער נאָך אַ סך נאָכפאָרשונגען זיך האָב איך אויסגעפונען, אַז די לרוב אַנגענומענע צאָל איז פופציק טויזנט משפחות. זיי האָבן פאַרמאָגט הייזער, פעלדער, ווײַנגערטנער און פי, און דאָס רוב זײַנען זיי געווען בעלי מלאכות. צו יענער צייט האָבן עקזיסטירט אין שפאַניע אַ סך ישיבות און די [ראשי ישיבות] פון עטלעכע פון די גרעסטע צווישן זיי זײַנען געווען ר׳ יצחק אבוהב אין גוואדלאכארא, ר׳ יצחק ביצדו אין ליאָן און ר׳ יעקב חביב אין סאלאמאנקא. אין דער לעצטער שטאָט איז געווען אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער און ווען ס׳איז געווען אַ ספק אין געוויסע מאַטעמאַטישע פראַגעס אין דער קריסטלעכער אַקאַדעמיע אין יענער שטאָט, האָבן זיי זיך געווענדט צו אים. זײַן נאָמען איז געווען זקודו [זאקוטאָ] . . .

אין די דריי חדשים, וואָס מען האָט זיי געגעבן, האָבן זיי זיך משתדל געווען און באַמיט זיך צו קאָנען בלײַבן אין לאַנד, און זיי האָבן געהאָפט אַז דאָס וועט זיי געלינגען. זייערע מנהיגים זײַנען געווען דער רב, דון אברהם שניאור [סעניאָר], דער פירער פון די שפאַנישע קהילות, וואָס איז געפאָרן אין דער באַגלייטונג פון דרײַסיק אייזלען, ר׳ מאיר המלמד, דעם קיניגס אַ סעקרעטאר [און סעניאָרס אן איידעם] און דון יצחק אברבנאל, וואָס איז אַנטלאָפן פון קאַסטיליע פונעם פּאָרטוגעזישן קיניג און האָט שפּעטער פאַרנומען פונקט אזא חשוב אָרט אינעם שפאַניש־קיניגלעכן הויף, דער זעלביקער, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן קיין נעאַפּאָל און איז זייער געאַכט געוואָרן פונעם נעאַפּאָלער קיניג. דער פריער דערמאָנטער רבי יצחק פון ליאָן פלעגט רופן דעם דון אברהם שניאור — שונא אור, ווייל ער איז געווען אן אפיקורס. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען גערעכט, ווייל ער [שניאור] האָט זיך

געשמדט צו אַכציק יאָר מיט זיין גאַנצער משפחה [זיין ברודער שמואל האָט זיך ניט געשמדט] און אויך ר׳ מאיר. דון אברהם האָט דורכגעפירט דעם שידוך צווישן דעם קיניג און דער קיניגין. די קיניגין איז געווען די יורשטע פונעם טראָן און דער קיניג פונעם שפּאַנישן אדל. מחמת דעם איז דון אברהם באַשטימט געוואָרן ווי דער רב איבער די יידן, אָבער אָן זייער צושטימונג.

אָן אָפּמאַך, אַז זיי זאָלן פאַר א גרויסער סומע געלט קאָנען בלייבן אין לאַנד, איז שוין כמעט געווען געשלאָסן, ווען ער איז געשטערט געוואָרן דורך א באַאַמטן [ס׳איז אָנגענומען אַז דאָס איז געווען טאָרקוועמאדאַ, דער גרויס־אינקוויזיטאָר], וואָס האָט דערמאָנט אָן דער מעשה פונעם צלם [מסתמא געמיינט דעם פאַרראַט פון יודאסן]. דעמאָלט האָט די קיניגין געגעבן די יידישע פאַר־טרעטער אַן ענטפער, וואָס איז ענלעך צו שלמה המלכם שפּרוך: „בעכן וואַסער איז דעם מלכם הארץ אין גאָטס האַנט, וואוהין נאָר ער וויל, נייגט ער עס” [משלי, כ״א, 1]. זי האָט נאָך צוגעגעבן: „גלייבט איר, אַז דאָס קומט אויף אייך פון אונדז? גאָט האָט דאָס אריינגעגעבן אין קיניגס הארץ”. זיי האָבן דאַן געזען, אַז דער קיניג איז אַנטשלאָסן זיי שלעכטס צו טאָן און זיי האָבן אויפגע־געבן די האָפענונג צו פאַרבלייבן. ס׳איז פאַרבליבן ווייניק צייט [צום גירוש] און זיי האָבן געמוזט צואיילן זייער אויסוואַנדערונג. זיי האָבן פאַרקויפט זייערע הייזער, זייערע לענדערייען און זייערע פי פאַר זייער קליינע סכומים, כדי זיך צו ראַטעווען. דער קיניג האָט זיי ניט דערלויבט ארויסצופירן קיין גאָלד אָדער זילבער פון לאַנד, אַזוי אַז זיי זיינען געניים געוואָרן אויסצובייטן זייער זילבער און גאָלד אויף טוך, פעל און אַנדערע זאַכן.

הונדערט און צוואַנציק טויזנט פון זיי זיינען אוועק קיין פּאָר־טוגאַל לויט אַן אָפּמאַך, וואָס ס׳האָט געשלאָסן א חשובער מאַן, א געוויסער דון ווידאל בר בענווענעסטי דעל קאוואלעריא [אוודאי אַן אייניקל פונעם קאַסטילער רב דון אברהם בענווענעסטי] מיטן פּאָר־טוגעזישן קיניג. און זיי [די יידן] האָבן באַצאָלט איין דוקאַט פאַר יעדן נפש און א פערטל פון די סחורות, וואָס זיי האָבן דאָרט [קיין פּאָרטוגאַל] אַהין געבראַכט. און ער האָט זיי דערלויבט צו בלייבן

אין לאַנד זעקס חדשים. דער קיניג האָט געהאַנדלט אַ סך ערגער קעגן זיי, ווי דער שפּאַנישער קיניג, ווייל נאָכדעם ווי די זעקס מאָנאַטן זיינען אַריבער, האָט ער אַלע פאַרבליבענע געמאַכט פאַר שקלאַפן און האָט פאַרטריבן זיבן הונדערט קינדער אויף אַ ווייטן אינדזל [סט. טאָמאַס] זיי דאָרט צו באַזעצן, און אַלע קינדער זיינען דאָרט געשטאָרבן. טייל זאָגן, אַז ס׳איז געווען צוויי מאָל אַזוי פיל [קינדער]. אויף זיי איז מקוים געוואָרן: „דיינע זין און טעכטער וועלן אָוועקגעגעבן ווערן אַן אַנדער פאָלק״ [דברים כ״ח — 32]. ער האָט אויך באַפוילן דער קהילה אין ליסאַבאָן ניט צו דאַוונען הויך, כדי גאָט זאָל ניט הערן זייער קלאָגן זיך אויף די צרות, וואָס מען טוט זיי אָן.

אַ סך פון די גולי ספרד זיינען אַוועק אין מאַכמעדאַנישע לענ-דער, קיין פעז, טלעמצען און אין די בערבער פּראָווינצן, וואָס געפינען זיך אונטער דער ממשלה פון טוניסער מלך. דאָס רוב מאַכמעדאַנער האָבן זיי ניט אַריינגעלאָזט אין זייערע שטעט און אַ סך פון זיי זיינען געשטאָרבן אין די פעלדער פון הונגער, דאָרשט און פון ניט האָבן קיין שום זאַך. די לייבן און בערן, וואָס מע גע-פינט דאָרטן לרוב, האָבן טייל פון זיי דערהרגעט, ווען זיי זיינען געלעגן פאַרהונגערטע אויסער די שטעט. אַ ייד פון טלעמצען מיטן נאָמען אברהם, דער שני למלך, וואָס האָט רעגירט איבערן לאַנד, האָט אַ טייל פון זיי אַריינגעלאָזט אין דער מדינה און ער האָט אויס-געגעבן אַ מטמון געלט זיי צו העלפן. די יידן פון צפון אַפריקע האָבן זיי אַ סך גוטס געטאָן. אַ טייל פון די וואָס זיינען אַוועק קיין צפון אַפריקע און זיי האָבן ניט געפונען קיין רו און קיין פּלאַץ, וואָס זאָל זיי אויפנעמען, זיינען צוריקגעקומען קיין שפּאַניע און האָבן זיך געשמדט. און דורך זיי איז ירמיהס נביאות מקוים געוואָרן: („ער האָט פאַרשפּרייט אַ נעץ פאַר מיינע פיס, ער האָט מיך אַהינטער געקערט״. איכה, א—13). פריער זיינען זיי אַנטלאָפן צו הייליקן גאָטס נאָמען — בלויז אַ קליינע צאָל האָט זיך געשמדט אין אַלע גרענעצן פון שפּאַניע — זיי האָט ניט געאַרט זייערע פאַרמעגנס, יאָ, אפילו עלטערן זיינען אַנטלאָפן, ניט אַכטנדיק אויף זייערע קינ-דער.

ווען דער עדיקט איז באַקאַנט געוואָרן אין אַנדערע לענדער, זיינען פון גענוא געקומען שיפן אוועקצופירן די יידן. די מאַטראָזן פון די שיפן האָבן זיך באַנומען שלעכט און געמיין צו די יידן, האָבן זיי באַרויבט און האָבן טייל פון זיי איבערגעגעבן צו דעם באַרימטן פיראַט פון יענער צייט, וואָס מען האָט גערופן קאָרסעיר פון גענוא. די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און זיינען אָנגעקומען אין גענוא, האָט די באַפעלקערונג באהאנדלט אומברחמנותדיק און האָט זיי אונטערגעדריקט און באַרויבט. און דאָס שלעכטס פון זייערע געמיינע הערצער איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז זיי האָבן אוועקגעריסן קינדער פון זייערע מוטערס בריסט [צום שמד].

אַ סך שיפן מיט יידן פון סיציליע זיינען אוועק קיין נעאַפּאָל ביים ים. דער קיניג פונעם לאַנד איז געווען פריינדלעך צו די יידן, און האָט זיך באַנומען מיט רחמים צו זיי און ער האָט זיי געהאָלפן מיט געלט. די יידן פון נעאַפּאָל האָבן זיי באַזאָרגט מיט עסן, אויף ווי ווייט זיי האָבן געקאָנט, און האָבן אַרויסגעשיקט [שליחים] אין אַנדערע טיילן פון איטאַליע צו זאַמלען געלט. די מאַראַנען אין דער שטאָט האָבן געבאָרגט בלויז אויף גוטזאַגונגען, אָן פּראָצענט. אפילו די דאָמיניקאַנער האָבן זיך באַנומען מענטשלעך צו זיי. אָבער דאָס אַלץ איז ניט גענוג געווען זיי צו דערהאַלטן ביים לעבן. טייל פון זיי זיינען געשטאָרבן פון הונגער, אַנדערע האָבן פאַרקויפט זייערע קינדער צו קריסטן צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. צום סוף האָט אויסגעבראָכן אַ מגפה צווישן זיי און זיך פאַרשפּרייט אין נעאַפּאָל. און אַזויפיל פון זיי זיינען געשטאָרבן אַז די לעבעדיקע זיינען מיד געוואָרן צו באַגראָבן די טויטע.

טייל פון די גולי ספרד זיינען אוועק מיטן ים קיין טערקיי. טייל פון זיי זיינען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואַסער אריין און דערטרונקען געוואָרן. אָבער די וואָס זיינען דאָרט אַהין אָנגעקומען האָט דער קיניג פון טערקיי זיי אויפגענומען פריינדלעך, ווייל זיי זיינען געווען בעלי מלאכות. ער האָט זיי געבאָרגט געלט, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן אויף אַן אינדזל און ער האָט זיי געגעבן פעלדער און נחלאות.

אַ קליינע צאָל פון די פּליטים איז געווען צעשפּרייט איבער די מדינות פון איטאַליע, אין דער שטאָט פעראַראַ, אין די מדינות פון ראָמאַנאַ, לע מאַרש [אַנקאָנאַ], אין פּאַטרימאָניום און אין רוים.

פאַרן גירוש האָט דער קיניג פון שפּאַניע אויסגעשטרעקט זיין האַנט קעגן די מאַראַנען און האָט אונטערגעזוכט זייערע סודות, ווייל זיי האָבן אָפּגעהיט געוויסע מצוות בסתר. און ער האָט באַפוילן די יידן אין יעדער שטאָט אויסצורופן אין די שולן, אַז אויב ס'ווייסט ווער פון אַ מאַראַן, וואָס האָט געשאָנקען אייל אין אַ שול אַריין אָדער געלט אויף אַ הייליקן צוועק, מוז ער לאָזן וויסן זיין נאָמען, אַניט וועט מען אים אַריינלייגן אין חרם. אַזוי האָבן די דרשנים אויסגערופן דאָס אין די שולן אין בייזיין פון קיניגלעכע באַאַמטע און זיי האָבן דאָס פאָלק באַשוואָרן מיט די ווערטער: „אויב ער האָט ניט געזאָגט" [פון ויקרא: ונפש כי תחטא ושמעה קול אלה והוא עד או ראה או ידע אם לוא יגיד ונשא עונו]... און מיט דעם באַפעל פונעם קיניג מודה צו זיין זיך וועגן זיי [די מאַראַנען]. און זיי האָבן אויסגערופן דעם חרם אויף יעדן איינעם, וואָס האָט ניט געוואָלט לאָזן וויסן. אוי, ווי די שווערד פון חרם האָט גע־בראַכט צרות אויף די שפּאַנישע יידן, וואָס האָבן אָנגעטראָפן אומ־גליק און ליידן וואו זיי האָבן זיך געווענדט! אויף אַזאַ אופן האָט דער שפּאַנישער קיניג געלאָזט פאַרברענען עטלעכע טויזנט מאַ־ראַנען און קאָנפיסקירט זייערע פאַרמעגנס אָן אַ צאָל, באַנוצנדיק דאָס געלט אויף דער מלחמה קעגן גראַנאַדאַ. עס זעט אויס, אַז דאָס איז געווען פון גאָט אומצוברענגען די מאַראַנען, וואָס האָבן זיך באַוועגט צווישן צוויי גלויבנס, אַזוי ווי זיי וואָלטן באַשאַפן פאַר זיך אַ נייע תורה. זייער סוף ווייזט אַז זיי האָבן ניט געהייליקט גאָטס נאָמען אין דער שעה פון זייער טויט. ווען זיי [די שפּאַניער] האָבן זיי געפרעגט אין וועלכן גלויבן זיי ווילן שטאַרבן, האָבן זיי אויסגעקליבן די קריסטלעכע אמונה, כדי צו שטאַרבן מיט אַ גרינ־גערן טויט, און זיי זיינען געשטאָרבן מיט אַ קרייץ אין זייערע הענט. בלויז אַ פּאָר זיינען געשטאָרבן ווי יידן, און פון די פּאָר זיינען דאָס רוב געווען פרויען.

אַ שפּאַנישער גלח וועגן גירוש

אנדרעאַס בערנאַלדעז איז געווען אַ שפּאַנישער גלח פון דער שטאָט לאָס פּאַלאַציאָס און אַ באַרימטער כראָניקער פון דער צייט פון איזאַבעלאַ און פערדינאַנד. ער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע כראָניקעס, ספּעציעל מיט זיינע אויספירלעכע באַשרייבונגען פון אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו קאָלומבוסעס אַנטדעקונג פון אַמעריקע. דער פרומער קאַטוילישער גלח האָט אויך ניט פאַרגעסן די יידן. כאָטש בערנאַלדעז האָט געהאַלטן אַז די יידן האָבן פאַרדינט די שטראָף, דעם גירוש, מערקט זיך אָבער אין זיין טאָן סימפּאַטיע פאַר די אומגליקלעכע.

ג. במשך פון דער צייט [דריי חדשים] וואָס דער עדיקט האָט זיי געגעבן, האָבן זיי פאַר קליינגעלט פאַרקויפט צו די קריסטן אַ גרויסע צאָל פון זייערע ווירטשאַפטן, רייכע הייזער און לאַנד. זיי [די יידן] זיינען אַרומגעגאַנגען און געבעטן זיך, אַז מען זאָל קויפן ביי זיי, נאָר זיי האָבן ניט געפונען קיין קונים. זיי האָבן אַוועקגעגעבן אַ הויז פאַר אַן אייזל און אַ ווייגאָרטן פאַר אַ שטיקל געוואַנט אָדער לייוונט, ווייל מען האָט זיי ניט דערלויבט אַרויסצופירן קיין גאָלד אָדער זילבער און ספּעציעל קיין קרוזאַדאָס [מטבעות] און דוקאַטן. זיי האָבן זיי [די מטבעות] צעביסן און דעפאָרמירט און איינגעשלונגען, אויסצומיידן די שטרענגע שמירה ביי די גרע־נעצן און ביי די פּאָרטן פון די באַאַמטע, וואָס זיינען ספּעציעל באַשטימט געוואָרן פאַר דעם צוועק. פרויען ספּעציעל האָבן איינ־געשלונגען מער ווי מענער. איינע פון זיי האָט איינגעשלונגען אַזש דרייסיק דוקאַטן. די רייכע יידן האָבן ברייטהאַרציק אויסגעהאַלטן די אָרעמערע מיט הוצאות, אַזוי, אַז ווייניק פון זייערע נויטבאַדערפ־טיקע האָבן זיך געוואָלט שמדן. זיי זיינען געווען פאַרגלייבט אין זייער בלינדקייט [אמונה], האָבן זיי אויסגעוויילט די שווערקייט פון וועג [וואַנדערן] און האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד פון זייער גע־בוירן. קליין און גרויס, יונג און אַלט, צו פוס, אויף אייזלען און אויף אַנדערע בעלי חי און אויף פערד האָבן זיי געוואַנדערט צו די

פּאָרטן פון וועלכע זיי האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן. זיי האָבן געוואַנ־דערט איבער די וועגן און איבער די פעלדער מיט גרויס שוועריקייט און סכנה: טייל זיינען אוועקגעפאַלן, טייל האָבן זיך אויפגעהויבן, טייל זיינען געשטאָרבן, טייל זיינען געבוירן געוואָרן און טייל זיינען קראַנק געוואָרן. ס'איז ניט געווען קיין קריסט, וואָס זאָל ניט האָבן קיין רחמנות אויף זיי. וואו זיי זיינען ניט געקומען האָט מען זיי פאַרגעלייגט אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן און טייל האָבן אין זייער נויט זיך געטויפט און געבליבן. זייער ווייניק האָבן דאָס אָבער געטאָן און זייערע רבנים האָבן זיי כסדר דערמוטיקט און זיי האָבן געהייסן די פרויען און די קינדער זינגען און שפּילן אויף טאַמבורינען כדי אויפצוהייטערן דעם עולם...

די וואָס זיינען אוועק [צו די האפנס] קיין על פּוערטאָ דע סאַנטאַ מאַריאַ און קיין קאַדיז, האָבן, אַזוי שנעל ווי זיי האָבן דערזען דעם ים, אָנגעהויבן בעטן און שרייען. מענער און פרויען, דערוואַקסענע און קינדער האָבן תפילה געטאָן און געבעטן רחמים ביי גאָט. זיי האָבן געמיינט, אַז גאָט וועט זיי באַווייזן נסים און שפּאַלטן פאַר זיי דעם ים. אַז ס'זיינען אַוועק עטלעכע טעג און זיי האָבן געזען, אַז זיי קאָנען גאָרניט דערוואַרטן אַחוץ אומגליק, האָבן טייל פון זיי זיך געוואונטשן, אַז הלוואי וואָלטן זיי ניט געבוירן געוואָרן.

אַ כראָניקער פון גענוא באַשרייבט שפּאַנישע פּליטים

דער כראָניקער סענאַגעראַ האָט געזען אַ צאָל שפּאַ־נישע פּליטים אין זיין שטאָט גענוא (איטאַליע), וואו יידן האָבן ניט געטאָרט וואוינען. אויס רחמנות האָט די רעגירונג פון גענוא דערלויבט די פּליטים צו לאַנדן אויף עטלעכע טעג ביים האַפן, אין אַן אָפּגעזונדערט אָרט, וואו זיי האָבן זיך געזאָלט אָפּרוען אויפן וועג צו אַנדערע איטאַ־ליענישע שטעט, וואָס האָבן יאָ ארייננגעלאָזט יידן.

ד. קיין מענטש האָט ניט געקאָנט צוזען די ליידן פון די יידישע פּליטים און ניט גערירט ווערן. א סך פון זיי, ספּעציעל די יינגערע

קינדער, זיינען אומגעקומען פון הונגער. מאַמעס, וואָס האָבן אליין ניט געהאַט גענוג כח זיך צו האַלטן אויף די פיס, האָבן געטראָגן זייערע אויסגעהונגערטע קינדער אויף די הענט און געשטאָרבן צו־זאַמען מיט זיי. אַ סך זיינען אומגעקומען פון קעלט און אַנדערע פון דאָרשט און די שוועריקייטן פון אַ ים-נסיעה צו וועלכער זיי זיינען ניט געווען געוואוינט, האָבן נאָך פאַרערגערט זייערע חולאתן. איך וועל זיך דאָ ניט פאַרשפּרייטן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געליטן פון דער אכזריות און גייציקייט פון די קאַפּיטאַנען פון די שיפן, וואָס האָבן זיי געפירט פון שפּאַניע. טייל [יידן] זיינען דער־הרגעט געוואָרן איבער זייער לוסט [געלט-גייציקייט פון די קאַפּי־טאַנען], אַנדערע זיינען געצוואונגען געוואָרן צו פאַרקויפן זייערע קינדער צו באַצאָלן פאַר דער נסיעה.

זיי זיינען אָנגעקומען קיין גענוא אין מחנות, נאָר מען האָט זיי ניט דערלויבט צו בלייבן דאָ לאַנג, ווייל די שטאָט האָט אַן אַלט געזעץ, וואָס דערלויבט ניט קיין יידן זיך אויפצוהאַלטן לענגער ווי דריי טעג. מען האָט זיי אָבער דערלויבט אויסצושטאַטן די שיפן און זיך אָפּצורוען עטלעכע טעג פון דעם וועג.

מ'האָט זיי געקאָנט אָננעמען פאַר שאַטנס, אַזוי אויסגעצערט זיינען זיי געווען. זיי האָבן אויסגעזען ווי בר מיננס און מיט אַזעלכע טיף־פאַרזונקענע אויגן, אַז מען האָט זיי קוים געקאָנט אונטערשיידן פון טויטע אַחוץ אפשר דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך נאָך קוים, קוים געקאָנט באַוועגן. אַ סך האָבן געחלשט און זיינען אויסגעגאַנגען אויף דעם האַפן, וואָס איז אינגאַנצן געווען אַרומגערינגלט מיט וואַסער. דאָס איז געווען דער איינציקער פּלאַץ, וואו מען האָט די אומגליקלעכע וואַנדערער דערלויבט זיך אויפצוהאַלטן. מ'האָט ניט גלייך באַנומען, אַז אַזאַ מחנה פון טויטע און שטאַרבנדיקע פאַר־שפּרייט אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. ווען דער ווינטער איז אַוועק האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן געשווירן, און די חולאת וואָס איז אַ צייט געהאַנגען איבער דער שטאָט, האָט דעם קומענדיקן יאָר אויס־געבראָכן אין אַ מגפה.

26

מאַרטין לוטער, דער באַגרינדער פונעם פּראָטעסטאַנטיזם, וועגן יידן

1523

אונדזערע שוטים די פּויפּסטן, בישאָפן, סאָפיסטן און מאָנאַכן, וואָס האָבן גראָבע אייזלקעפּ, האָבן ביז אַהער אַזוי באַהאַנדלט די יידן, אַז ווער ס׳איז געווען אַ גוטער קריסט, האָט געוואָלט ווערן אַ ייד, און ווען איך וואָלט געזען אַזאַ געזינדל פון דער קריסטלעכער אמונה און לערע, וואָלט איך בעסער געוואָלט זיין אַ חזיר איידער אַ קריסט... זיי האָבן די יידן באַהאַנדלט ווי זיי וואָלטן געווען הינט און ניט קיין מענטשן. זיי האָבן ניט מער געטאָן, ווי זיי געשאָלטן ווען זיי זיינען געווען יידן, און זיי געטאָן טובות ווען זיי האָבן זיך געטויפט... איך האָף, אַז ווען מען וועט יידן פריינדלעך באַהאַנדלען און זיי אויף אַ פיינעם אופן דערקלערן די הייליקע שריפטן, וועלן אַ סך פון זיי ווערן קריסטן און ווידער זיך דערנענטערן צו זייערע אבות, די נביאים און פּאַטריאַרכן, פון וועלכע זיי האָבן זיך אַביסל אָפּגעקערט... און כאָטש מיר באַרימען זיך, זיינען מיר דאָך נאָך היידן, די יידן אָבער קומען פון דעם שטאַם וואָס יעזוס קומט. מיר זיינען שוואָגערס און פרעמדע און זיי זיינען בלוטפריינד, פעטערס און ברידער פון אונדזער האַר. דעריבער, ווען מען וויל מיט בלוט און פליייש זיך רימען, זיינען די יידן נעענטער צו יעזוסן ווי מיר.

1546

מיט די יידן איז עס אַזוי אַז זיי לעסטערן און שענדן טאָג־טעגלעך אונדזער האַר יעזוס. אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז זיי טוען דאָס, ווילן מיר דאָס ניט ליידן. ווען איך זאָל פאַרטראָגן ביי מיר דעם

וואָס שענדט און לעסטערט מיין האַר יעזוס קריסטוס, ווער איך אַ מיטבאַטייליקטער אין פרעמדע זינד, און איך האָב מיינע אייגענע זינד גענוג. דעריבער זאָלט איר זיי ניט פאַרטראָגן, נאָר אַוועקטרייבן. ווען זיי וועלן זיך אָבער טויפן, זיך אָפּזאָגן פונעם וואוכער און אָננעמען קריסטטוסן, וועלן מיר זיי גערן האַלטן פאַר אונדזערע ברידער. אַנדערש וועט גאָרניט ווערן דערפון, ווייל זיי טוען דאָס [לעסטערן יעזוסן] צו שטאַרק. זיי זיינען אונדזערע אָפענע שונאים... און ווען זיי וואָלטן געקאָנט אונדז טייטן, וואָלטן זיי אונדז גערן געטויט; און זיי טוען דאָס אויך גאַנץ אָפט, ספּעציעל די פון זיי, וואָס גיבן זיך אַרויס פאַר דאָקטוירים, וואָס העלפן אויך צייטנווייז; צום סוף פאַרחתמעט אָבער דער טייוול.

פון דוד ראובנים ספר הזכרונות

1524

דוד ראובני איז ביז היינט צו טאָג אַ כמעט לעגענדאַרע פערזענלעכקייט. לויט זיינע אייגענע רייד זאָל ער האָבן געשטאַמט פון אַ קריגערישן שבט אין דער מדבר חבור (כאיבאר), צענטראַל אַראַביע, וואו זיין ברודער יוסף איז געווען קיניג. זיין משפחה זאָל ציען איר יחוס אַזש פון שלמה המלך. דוד ראובני איז געווען א מענטש מיט אַוואַנטוריסטישע נייגונגען און אויף זיין שרייבן וואָלט מען זיך אוודאי קנאַפּ וואָס געקאָנט פאַרלאָזן, ווען ניט דאָס, וואָס אַ גאַנצע ריי דאָקומענטן פון יענער צייט באַשטעטיקן אַז געוויסע טיילן פון ראובנים „ספר הזכרונות" זיינען היסטאָריש ריכטיק. ער האָט געהאַט אַ ממש פענאָמענאַלן דערפאָלג ביי דעם פויפסט קלעמענטיוס VII און האָט אויך אויסגענומען ביים פאָרטוגעזישן קיניג, וואָס איז גרייט געווען צו שליסן מיט אים אַ בונד אין נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטער מלוכה, וואָס האָט זיך געזאָלט געפינען אין דער מדבר כאיבאר. דער פאָרטוגעזישער קיניג האָט שוין אפילו געהאַט צוגעגרייט אַכט שיפן מיט פיר טויזנט ביקסן, האַרמאַטן, פולווער און מיליטערישע אינסטרומענטן, וואָס האָבן געזאָלט העלפן דוד ראובנים ברודער באַזיגן די טערקישע חיילות אין אַראַביע און אין מצרים. דער פלאַן איז צעשטערט געוואָרן דורך דעם מאראַן און קיניגלעכן סעקרעטאר דיעגאָ פירעס (שלמה מולכו), וואָס האָט אין צווישן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. דער פאַל פירעס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם פאָרטוגעזישן אַמבאַסאַדאָר ביים

וואַטיקאַן אין רוים דאָן מיגועל (ראובני רופט אים דאָן מיקעל), וואָס האָט געאַרבעט קעגן ראובני, צו באַאיינפלוסן דעם קיניג אינגאַנצן אָפּצוּבּרעכן דעם בּתר. שלמה מולכו און דוד ראובני זיינען אין 1532 אַוועק קיין רעגנסבורג, דייטשלאַנד, צום קייסער קאַרל V צו בּעטן זיין מיטהילף, נאָר ער האָט זיי געלאָזט שמידן אין קייטן און אָפּפירן קיין איטאַליע, וואו שלמה מולכו איז אין זעלביקן יאָר פאַר־ברענט געוואָרן פון דער אינקוויזיציע אין מאַנטוא. דוד ראובני איז אפנים אומגעקומען אין לאָרענאַ, שפּאַניע אין 1540.

ביים פויפסט

איך דוד, דער זון פון קיניג שלמה זצ"ל, פון מדבר חרוב, האָב דערגרייכט די טיר פון מדינת רוים, דעם פופצנטן טאָג פון חודש אדר אין יאָר רפ"ד (1524). און עס איז צוגעגאַנגען צו מיר אַ גוי פון ווענעציע און גענומען ריידן מיט מיר אַראַביש, בין איך אין כעס געוואָרן אויף אים. און איך בין אַוועק צום הויף פון פויפסט און איך האָב געריטן אויף אַן אַלט ווייס פערד, און מיין משרת ביי מיר און אויך די יידן זיינען געקומען מיט מיר. און איך בין אריין אין הויף פון פויפסט רייטנדיק אויפן פערד. און נאָכדעם בין איך אריינגעגאַנגען צום קאַרדינאַל גוליא [עדזשידאָ די וויטערבאָ] און עס זיינען געקומען אַלע קאַרדינאַלן און הארן מיך זען. און ביים קאַרדינאַל גוליא הנ"ל האָט זיך געפונען כמהר"ר יוסף צרפתי, וואָס איז געווען דער לערער פון דעם דאָזיקן קאַרדינאַל. און פאַר אונדז איז געקומען כמהר"ר החכם יוסף צרפתי און איך האָב גערעדט צום קאַרדינאַל, און מיין דאָלמעטשער איז געווען דער חבר, וואָס איז געקומען מיט מיר, און די יידן האָבן געהערט אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט צום קאַרדינאַל הנ"ל:

— איך וועל ריידן מיט דיר קורצע רייד און איך וועל דער־גאַנצן אַלע מיינע רייד פאַרן פויפּסט...

דער קאַרדינאַל גוליא הנ"ל האָט געשיקט נאָכן דערמאָנטן כמהר"ר יוסף צרפתי און דער דאָזיקער איז נאָכדעם געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז דער פּויפּסט האָט באַפוילן דעם קאַרדינאַל, איך זאָל צו אים קומען זונטיק עלף אַזייגער על כל פנים, און אַז דער פּויפּסט האָט זיך דערפריייט זייער שטאַרק און גלוסט מיך צו זען. און אינדערפרי פאַרן דאַוונען, האָט מען מיר געגעבן אַ פערד און איך בין אַוועק אויפן בורגעט שאַנט גילע אין הויז פון אַ זקן, וואָס זיין שוואָגער איז געווען משה צרפתי, און איך האָב דאָרטן געדאַוונט. אויך אַהער זיינען געקומען צו מיר אַ סך יידן, זאָל הקדוש ברוך הוא זיי היטן און זיי מערן טויזנט מאָל אַזוי פיל. אַכט אַזייגער בין איך געגאַנגען אין פּויפּסטס הויז. איך בין אַריין אין הויז פון קאַרדינאַל גוליא צוזאַמען מיט צוועלף יידן זקנים און נכבדים, אָן די יונגע לייט. און תיכף ווי דער קאַרדינאַל האָט מיך דערזען, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין שטול און מיר זיינען ביידע געגאַנגען, איך און ער, אין דער דירה פון דעם פּויפּסט [קלעמענטיוס VII]. איך האָב גערעדט מיט אים [מיטן פּויפּסט] און ער האָט אָנגענומען מיינע רייד בסבר פנים יפות און האָט געזאָגט:

— פון גאָט איז אַרוים די זאַך.

און איך האָב געזאָגט צו אים:

— דער קיניג יוסף און זיינע זקנים האָבן מיר באַפוילן, איך זאָל ריידן צו דיר, דו זאָלסט מאַכן שלום צווישן דעם קייסער [קאַרל V] און דעם פראַנצייזישן קיניג [פראַנסואַ I] על כל פנים, דען עס איז גוט פאַר דיר און פאַר זיי, אויב דו וועסט מאַכן אָט דעם שלום. און דו זאָלסט פאַר מיר שרייבן אַ כתב צו די צוויי מלכים הנ"ל, זיי זאָלן אונדז זיין צו הילף. און זאָלסט שרייבן פאַר מיר אויך צום קיניג פּעטרי כואַן [כואַן III, קיניג פון פּאָרטוגאַל].

און דער פּויפּסט האָט געענטפערט:

— וועגן די צוויי מלכים, וואָס דו האָסט געזאָגט, איך זאָל מאַכן שלום צווישן זיי, — קען איך דאָס ניט טאָן. נאָר ווען דו וועסט דאַרפן הילף — וועט דער קיניג פון פּאָרטוגאַל דיר זי געבן. איך וועל צו אים שרייבן, און ער וועט אַלץ טאָן. אויך איז זיין לאַנד נעענטער צו דיין לאַנד, און דורכן ים הגדול זיינען זיי געוואוינט

צו גיין אַהין אַלע יאָר מער ווי די צוויי מלכים, וואָס דו האָסט אָנ־גערופן . . .

און דער פויפּסט האָט צו זיי [צו די בכבודיקע יידן] אַזוי געזאָגט:

— אויב איר וועט אים אָנטאָן כבוד, וועל איך אייך באַצאָלן פאַר אַלע הוצאות, וואָס איר וועט מאַכן.

און איך האָב געזאָגט צום פויפּסט:

— איך וועל קומען צו דיר איין מאָל אין צוויי טעג צו זען דיין פּנים, ווי צו זען דאָס פּנים פון אַ מלאך אלהים.

און דער פויפּסט האָט מיר געענטפערט, אַז ער באַפעלט דעם קאַרדינאַל גוליאַן, וואָס יעדער מאָל, ווען ער וועט קומען מיך זען זאָל ער קומען מיט דיר, און ער וועט דורכפירן אַלע דיינע עסקים.

...דער פויפּסט האָט גערופן ר׳ דניאל פון פּיזא און האָט מיט אים גערעדט וועגן מיר און וועגן דעם, אויב איך וויל פאָרן [קיין פּאָרטוגאַל], דען ער גיט מיר רשות. און ער האָט אים פאַרזאָגט, איך זאָל קומען צו אים אין אַכצן שעה אַרום. און איך בין געגאַנגען צו אים צוזאַמען מיט ר׳ דניאל, און איך האָב פאַר־בראַכט ביי אים צוויי שעה, און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— איך האָב געמאַכט פאַר דיר אַ כתב צום קיניג פּעטרי כואַן, און איך האָב אויך באַזונדער געשריבן צום קיניג פון פּאָרטוגאַל, גם האָב איך געשריבן צו אַלע קריסטן, צו וועמען דו וועסט גיין, זיי זאָלן דיר זיין צו הילף און דיר כבוד אָפּגעבן פון וועגן דער ליב־שאַפט פון גאָט און פון וועגן מיין ליבשאַפט.

און דער פויפּסט האָט צוגעגעבן:

— זיי שטאַרק און פעסט און האָב קיין מורא ניט, דען גאָט איז מיט דיר.

און איך האָב צו אים געזאָגט:

— פאַר מיר איז ניטאָ קיין אַנדערער נייערט גאָט און דו, און איך בין גרייט צו דיינע באַפעלן מיין גאַנץ לעבן. און אויך דער קיניג יוסף מיין ברודער און אַלע זין פון אונדזער פאָלק זיינען גרייט צו דיר.

און דער פויפּסט האָט באַפוילן, מ'זאָל מיר געבן אַ סימן און אַ שילד, כדי איך זאָל קענען ווייזן אים דעם קיניג יוסף מיין ברודער. און אַזוי איז געווען דער אופן פון געבן: איך בין געשטאַנען פאַר דעם פויפּסט, און דער פויפּסט האָט זי [די שילד] דערלאַנגט אין האַנט צו ר' דניאל און ר' דניאל האָט זי געגעבן אין מיין האַנט פאַר די אויגן פון דעם פויפּסט.

און דער פויפּסט האָט צו מיר געזאָגט:

דו וועסט די דאָזיקע שילד מיינע ווייזן דעם קיניג יוסף דיין ברודער. דערצו האָט ער מיר געגעבן הונדערט דוקאַטן גאָלד, נאָר איך האָב ניט געוואָלט נעמען און אָננעמען דאָס געלט בתורת מתנה, האָט ער צו מיר געזאָגט:

נעם עס פאַר די משרתים דיינע.

און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם פויפּסט צו זיך אין הויז בשלום און מיט פרייד און מיט אַ גוט האַרץ...

אין פּאָרטוגאַל

אין יעדער שטאָט, וואוהין איך פלעג אריין, פלעגן קומען מאַ־ראַנען, קליינע קינדער און דערוואַקסענע, ווייבער און מאַנסבילן, און קושן מיר די הענט פאַר די קריסטן אין די אויגן. און די קריסטן פלעגן אין כעס ווערן אויף די אנוסים פאַר זייער קושן מיינע הענט, און זיי פלעגן האַלטן דרשות וועגן דעם און זאָגן:

— טוט אים אָן גרוים כבוד, אָבער קושט אים ניט די הענט, נייערט די האַנט פון דעם מלך פון פּאָרטוגאַל אליין.

און אַנדערע פלעגן נאָך שטאַרקן זייער האַרץ, דען זיי האָבן אין מיר געגלייבט באמונה שלמה, ווי די בני ישראל האָבן געגלייבט אין משה רבנו ע"ה. און איך זאָג זיי אין יעדן אָרט, וואוהין מיר קומען אָן, אַז איך בין דער זון פון קיניג שלמה, און איך בין ניט געקומען צו אייך מיט אותות, ניט מיט מופתים און ניט מיטן דרך פון קבלה, נייערט איך בין אַ בעל־מלחמה פון מיין יוגנט אָן און ביז איצט, און איך בין געקומען צו הילף דעם קיניג און גלייך אייך צו

הילף, און מיר וועלן זען ווי וועט זיין דער וועג, וואָס השם יתברך וועט מיך מיט אים פירן קיין ארץ ישראל...

און אויפן גאַנצן וועג, וואָס איך בין אויף אים געטראָטן, פלעגן צו מיר קומען די מאראנען פון אלע זייטן און פון אלע ווינקעלעך און פלעגן מיך באַגלייטן און געבן מיר מתנות, און אויך פיל פון די חסידים פון די קריסטן, ביז איך בין געקומען נאָענט צום קיניג פון פּאָרטוגאַל, אַ מהלך פון צוויי מייל. דער קיניג איז געווען אין אַלמארינו, דען ער איז אַנטלאָפן פון דער פּעסט, וואָס איז געווען אין ליסאַבאָנאַ. האָב איך אוועקגעשיקט צום קיניג:

— איך האָב דערגרייכט דאָס אָרט ניט ווייט פון דיר און איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט, ביז דו וועסט מיר מודיע זיין דעם וועג, וואָס דיין כבוד וועט אים באַטרעטן...

אָבער דאָן-מיקעל, דער שונא מיינער פון רוים אָן ביז אַהער, וואָס איך האָב געוואָלט אין רוים אים טייטן מיטן שווערד — ער איז דאָס געשטאַנען פאַרן קיניג און ער האָט עס גערעדט כנגד מיר פאַרן מלך און פאַר די שליחים, וואָס איך האָב געשיקט צום קיניג...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער איז געקומען חרוב מאַכן דיין מלוכה און מאַכן די מאראנען צוריק פאַר יידן. און אויב דו וועסט שיקן אים אַנטקעגן דיינע האַרן, זיי זאָלן אים באַגלייטן, וועלן אַרויסגיין אים אַנטקעגן אַלע מאראנען, זיי און זייערע ווייבער מיט זייערע זין און טעכטער, און וועלן אים אויך באַגלייטן, וועלן ווערן צוריק יידן און צווישן זיך אָן עצה האַלטן קעגן די קריסטן...

שלמה מולכו

און דער קיניג האָט מיך גערופן פיר מאָל אין משך פון צוויי טעג פון וועגן די מאראנען און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— זיי אַ קלוגער, — וואָס טוסטו מיט זיי?

און ווידער האָט ער צו מיר געזאָגט:

— ווי איז דאָס געשען, — דען איך האָב געהערט, אַז דו האָסט געיידישט מיין סעקרעטאַר [דיעגאָ פּירעס — שלמה מולכו].

האָב איך אים געענטפערט:

— דאָס איז ניט אמת, חס ושלום. איך בין ניט געקומען טאָן אזוינע מעשים, און דו זאָלסט ניט עפֿענען דיין אויער פֿאר מלשינים.

און איך האָב גערעדט מיטן קיניג אויפגעבראַכט און איך האָב געזאָגט צו אים:

— צי ווערסטו הערן דעם שקר און ווערסט אים גלייבן?...

און עס איז צו מיר געקומען דער סעקרעטאר, וואָס האָט זיך באַהאַלטענערהייט געיידישט — דען ער האָט געהאַט זיך באַהאַלטן אין א דירה פֿון אנוסים — און האָט גערעדט מיט מיר אין דער דאַזיקער נאַכט, און איך האָב אויף אים געכעסט און געזאָגט צו אים:

— זע, וואָס דו האָסט אונדז גורם געווען. גיי זיך דיר קיין ירושלים, אנטלויף פֿון קיניג, דען אויב ניט — ווערט ער דיך פֿאר־ברענען אָדער אנדערש טייטן.

און ער איז פֿון מיר אוועקגעגאנגען.

און אָט דער דאָזיקער סעקרעטאַר איז געקומען צו מיר נאָך דענסטמאָל, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל זיך פֿאַרגעשטעלט דעם קיניג, און ער האָט מיר דערציילט, אַז אים האָט זיך געחלומט א חלום, ווי ער האָט זיך אליין געיידישט, און ער האָט זיך געבעטן ביי מיר:

— טו מיט מיר דעם דאָזיקן חסד און יידיש מיך אָדער באַפֿעל דעם שלמה הכהן [דוד הראובנים א בעל יועץ] ער זאָל מיר עס טאָן.

און איך בין אויף אים אין כעס געוואָרן און האָב געזאָגט צו אים:

— דו זאָלסט ניט טאָן די זאַך אין אָט דער צייט, דען דערפֿון וועט זיין דיר א סכנה, און אויך אונדז. אויב עס וועט באַקאַנט ווערן די זאַך, וועט מען זאָגן, אַז איך האָב עס געטאָן.

און איך האָב אים געראָטן און געזאָגט צו אים:

— שטיי אויף דיין פּאָסטן פֿארן קיניג ביז הקדוש ברוך הוא וועט עפֿענען די טיר, דען ער ווייסט די מחשבות פֿון דעם מענטשן, און דו זאָלסט זיך היטן ניט צו טאָן די זאַך אין אָט דער צייט, ווייל

דו און איך און אלע אנוסים — מיר אלע וועלן זיין אין א גרויסער סכנה.

און ער איז אַוועק פון מיר און ער האָט מיט זיך אליין און איבער זיך אליין דורכגעפירט זיין זאַך.

און ער איז אַ סעקרעטאַר און א מכבוד פארן פנים פונעם קיניג. און עס האָט זיך דערוואוסט דער מלך פון פּאָרטוגאַל און אלע שרים און אלע אנוסים און אַלע קריסטן — און זיי ווייסן, אז ער אליין האָט עס געטאָן און ער איז אַנטלאָפן און פאַרשוואונדן אָט דער סעקרעטאר, און דער מלך און די שרים און אַלע זיינע קנעכט האָבן געזאָגט, אַז איך האָב גורם געווען דער סעקרעטאַר זאָל עס טאָן, הגם איך אליין בעצם ידי האָב אים ניט געיידישט.

28

אָנווייזונגען פון דער אינקוויזיציע ווי אויסצוגעפינען מאַראַנען

אין מיטן זעכצנטן יאָרהונדערט האָט די אינקוויזיציע אין שפּאַניע אַרויסגעגעבן פאַרשריפטן ווי אַזוי צו דערקענען יענע מאַראַנען וואָס היטן אָפּ בסוד די יידישע אמונה. ווייטער ווערן געבראַכט אַ צאָל פון די דאָזיקע אָנווייזונגען.

...אויב זיי היטן אָפּ שבת, פאַרשפּרייטן ריינע אָדער יום־טובדיקע טישטעכער, טוען אָן ריינע, געוואַשענע העמדער; אָדער בעסערע קליידער, ראַמען אויף זייערע וואוינונגען פרייטיק נאָכמיטאָג און צינדן אין אָוונט אָן ליכט מיט וואקסענע קנויטן און שטורצאַקן פריער ווי אַלע אָוונטן פון דער וואָך; קאָכן אין די דערמאָנטע פרייטיקן אַזעלכע מאכלים, וואָס זיינען גייטיק אויף שבת, און דעם קומענדיקן טאָג [שבת] עסן זיי דאָס פלייש וואָס איז געקאָכט פרייטיק, ווי ס'איז דער מנהג ביי יידן; האַלטן פון יידישע תעניתים, רירן זיך ניט צו צו קיין שפּייז דעם גאַנצן טאָג ביזן אָוונט, און בפרט אין תענית אסתר און אין דעם הויפּט פאַסט־טאָג סונקופור [יום כיפור] און אַנדערע יידישע תעניתים דורך דער וואָך, בפרט מאָנטיקס און דאָנערשטיקס, וואָס ווערן ביי זיי אָפּגעהיט ווי פרומע תעניתים און אין אָוונט פון די דאָזיקע טעג עסן זיי פלייש און אַנדערע מאכלים, וואָס זיינען פאַרשפּרייט ביי יידן; און ווען זיי בעטן אין אַזעלכע תעניתים מחילה איינער פונעם אַנדערן אויף א יידישן אופן: די יינגערע פון די עלטערע און די עלטערע לייגן ארויף זייערע הענט אויף די קעפּ פון די יינגערע. אָבער מאַכן ניט דעם צייכן פון קרייץ...

האַלטן די תעניתים און ימים טובים פון די יידן און ספּעציעל פּסח וואָס קומט אוים אין דער הייליקער וואָך (פּאסיאָנס וואָך), ווען זיי עסן ניט קיין געזייערט ברויט און הייבן אָן זייער מאָלצייט [סדר] מיט סאַלאַטע און סעלער; האַלטן דעם יום טוב סוכות, וואָס פאַלט אוים אינעם חודש סעפּטעמבער; און זאָגן יידישע תפילות... זאָגן זיי מיטן פּנים צו דער וואַנט, שאָקלען זיך אַזוי ווי יידן טוען; שניידן די נעגל און באַהאַלטן, פאַרברענען אָדער באַגראָבן די אָפּשניצלעך; רייניקן אָדער לאָזן אָרומרייניקן דאָס פלייש, שניידן אָוועק דאָס פעטס און אָדערן פון פיס; שניידן איבער דעם האַלדז פון עופות ווי די יידן טוען, זאָגן דערביי געוויסע ווערטער און פּרובירן אוים דעם חלף אויפן נאָגל, שעכטן אָקסן ווי די יידן שעכטן און פאַרדעקן דאָס בלוט מיט אַש אָדער מיט ערד; מאַכן פאַרן עסן אַ יידישע בענטשונג, וואָס מע רופט באראכא [ברכה]; זאָגן געוויסע ווערטער איבער אַ בעכער אָדער באָקאַל וויין, און זופּן אַראָפּ אַביסל, ווי די יידן פירן זיך; עסן ניט קיין חזירים, קראָליקעס, דערוואָרגענע פייגל אויך ניט קיין אאלן אָדער אַנדערע פיש אָן שופּן, וואָס זיינען פאַרבאָטן פון דער יידישער תורה; און ביים טויט פון עלטערן און אַנדערע עסן זיי אויף דער ערד אָדער אויף זייער נידעריקע טישן און עסן אַזעלכע זאכן ווי האַרטע אייער, אָליוון און אַנדערע שאַרפע מאכלים וואָס די יידן עסן... גיסן וואַסער פון עמער און קרוגן ווען ס'שטאַרבט ווער, גלייבנדיק, אַז די נשמות פון די מתים ווען זיך קומען באָדן אין וואַסער; און די פרויען ווען זיי קנעטן ברויט וואַרפן זיי אריין אין פייער שטיקלעך טייג, וואָס זיי רופן עס חלה [חלה-נעמען]; מאַכן פאַראוםזאָגונגען (בריתן) פאַר קינדער דעם זיבעטן טאָג נאָך זייער געבוירן ווערן; טויפן זיי ניט און ווען זיי ווערן שוין יאָ געטויפט, ווישן זיי אָפּ דעם געהייליקטן אייל, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעגאָסן געוואָרן בעת דער טויפונג... אויב זיי גיבן זייערע קינדער ביבלישע נעמען און בענטשן זיי אַרויפלייגנדיק זייערע הענט [אויף די קעפּ]; אויב די פרויען באַזוכן ניט די קירך פערציק טעג נאָך דער קימפּעט; אויב די שטאַרבנדיקע קערן זיך אום צו דער וואַנט;

אויב זיי וואַשן אַ בר מינן מיט היים וואַסער ; אויב זיי זאָגן תהילים און גיבן ניט צו צום סוף „גלאָריאַ פּאַרטי״, אויב זיי זאָגן, אַז משהס געזעצן וועגן טויט זיינען גוט און קאָנען ברענגען זייער דערלייזונג, און אויב זיי היטן אָפּ אַנדערע מנהגים און צערעמאָניעס פונעם זעלביקן מין . . .

29

אויספֿאָרשונג פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע

אַן אויספֿירלעכער באַריכט

1567

די אינקוויזיציע איז געווען אַ קירכלעך געריכט, וואָס האָט געדאַרפֿט משפּטן יענע קריסטן וואָס האָבן מיט עפּעס זיך פֿאַרשולדיקט קעגן דער קאַטוילישער אמונה. ביזן דרייצנטן יאָרהונדערט האָט די אינקוויזיציע כּמעט אינגאַנצן ניט פֿונקציאָנירט. אין דרייצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך גענומען שטאַרק פֿאַרשפּרייטן אַנטי־קאַטוילישע קריסטלעכע סעקטעס און די קירך האָט מיט איר גאַנצער מאַכט גענומען פֿאַרפֿאָלגן די אָפּטריניקע קריסטן. דעמאָלט האָט זיך די אינקוויזיציע גענומען אויסשפּרייטן איבער פֿאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע און שפּעטער אויך אין אַמעריקע. די אינקוויזיציע האָט זיך באַרימט, אַז ביי איר איז זיך יעדער מודה. דאָס איז געווען אַ טרויעריקער אמת, ווייל די אינקוויזיציע טריבונאַלן זיינען געווען מאַרטער־קאַמערן, וואו מ'האָט די באַשולדיקטע אָנגעטאָן די אומגעמענטשלעכסטע ליידן, ווי געברענט דאָס לייב מיט אָנגעגליטע אייזנס, געצויגן פֿינגער פֿון די הענט אָדער פֿיס, געלאָזט טריפֿן הייס וואַסער אויפֿן קאָפּ אָדער גאָר אויפֿגעהאַנגען דעם קרבן אויף אַ האַנט אָדער אויף אַ פֿוס מיטן קאָפּ אַראָפּ און נאָך ענלעכע עינויים. די באַשולדיקטע פֿלעגן זעלטן ווען אויסהאַלטן די שרעקלעכע יסורים און זיך מודה זיין אין אַלץ וואָס די אינקוויזיטאָרן האָבן געוואָלט. דער טויט פֿלעגט

אין אַזאַ פאַל זיין אַ דערלייזונג. די אינקוויזיציע איז געשאַפן געוואָרן פאַר קריסטן, אָבער זייער פרי איז זי אויך באַנוצט געוואָרן פאַר יידן און מיט דער צייט זיינען יידן, ספּעציעל מאַראַנען, געוואָרן אירע גרעסטע קרבנות. דער ווייטערדיקער באַריכט איז פון אַן אינקוויזיציע אויספאָרשונג אין טאָלעדאָ. די באַשולדיקטע איז געווען די מאַראַנישע פרוי ע ל ו ו י ר א ד ע ק א מ פ א. עלווירא דע קאַמפּאַ איז פון דער אינקוויזיציע באַשולדיקט געוואָרן, אַז זי לייגט אויס ריינע טישטעכער אום שבת און אַז זי עסט ניט קיין חזיר.

מ׳האָט זי אַריינגעטראָגן אין דער מאַרטער קאַמער און מ׳האָט איר געהייסן זאָגן דעם אמת און זי האָט געענטפערט, אַז זי האָט גאָרניט וואָס צו זאָגן. מ׳האָט זי אויסגעטאָן און מ׳האָט זי ווידער דערמאָנט, אָבער זי האָט געשוויגן. ווען מען האָט זי אויסגעטאָן האָט זי געזאָגט: „סעניאָרן, איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס מען זאָגט אויף מיר און איך זאָג פאַלש עדות קעגן זיך, ווייל איך וויל זיך ניט זען אין אַזעלכע צרות. אוי, גאָט, איך האָב גאָר ניט געטאָן". מען האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל ניט זאָגן פאַלש עדות קעגן זיך, נאָר זאָל זאָגן דעם אמת. מען האָט אָנגעהויבן בינדן אירע הענט און זי האָט געזאָגט: „איך האָב געזאָגט דעם אמת און איך האָב גאָרניט וואָס צו זאָגן". איין שטריק איז געווענדט געוואָרן צו אירע אָרעמס און מען האָט אים געדרייט און מען האָט איר געזאָגט זי זאָל זאָגן דעם אמת, אָבער זי האָט געזאָגט, זי האָט גאָרניט צו דערציילן. דערנאָך האָט זי אויסגעשריען און געזאָגט: „איך האָב געטאָן אַלץ וואָס זיי זאָגן". מען האָט איר געהייסן דערציילן באַריכות, וואָס זי האָט געטאָן, האָט זי געזאָגט: „איך האָב דאָך שוין דערציילט דעם אמת". דערנאָך האָט זי אויסגעשריגן און געזאָגט: „זאָגט מיר וואָס איר ווילט, ווייל איך ווייס ניט וואָס צו דערציילן". מען האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל דערציילן וואָס זי האָט געטאָן, ווייל זי ווערט געמאַטערט מחמת דעם וואָס זי האָט געטאָן און מען האָט באַפוילן נאָך ענגער איינצוציען דעם שטריק.

זי האָט געשריגן: „מאַכט לויז, סעניאָרן, און זאָגט מיר, וואָס איך זאָל זאָגן. איך ווייס ניט, וואָס איך האָב געטאָן. אוי, גאָט, האָב רחמנות אויף מיר, א זינדיקע!" מען האָט נאָך א דריי געטאָן [דעם שטריק] און זי האָט געזאָגט: „מאַכט לויז אביסל כדי כ'זאָל זיך דערמאָנען, וואָס איך האָב צו דערציילן. איך ווייס ניט, וואָס איך האָב געטאָן. איך האָב ניט געגעסן קיין חזיר, ווייל עס האָט מיר פאַרשאַדט; איך האָב געטאָן אלץ. מאַכט מיך לויז און איך וועל אייך דערציילן דעם אמת". מען האָט באַפוילן נאָך א דריי צו טאָן [דעם שטריק] און זי האָט געזאָגט: „מאַכט מיך לויז און איך וועל דערציילן דעם אמת. איך ווייס ניט וואָס איך האָב אייך צו דער־ציילן — מאַכט מיך לויז, ווי גאָט איז אייך ליב — זאָגט מיר וואָס איך זאָל זאָגן. איך האָב עס געטאָן, איך האָב עס געטאָן — זיי טוען מיר וויי! — מאַכט מיך לויז און איך וועל עס אייך דערציילן". מען האָט איר געזאָגט זי זאָל דערציילן און זי האָט געזאָגט: „איך ווייס ניט, וואָס איך דאַרף דערציילן — סעניאָר, איך האָב עס געטאָן — איך האָב גאָרניט צו דערציילן—אוי, מיינע אָרעמס! באַפרייט מיך און איך וועל דערציילן". מען האָט איר געזאָגט זי זאָל דער־ציילן וואָס זי האָט געטאָן און זי האָט געזאָגט: „איך ווייס ניט, איך האָב ניט געגעסן, ווייל איך האָב ניט געוואָלט". מען האָט זי געפרעגט פאַרוואָס זי האָט ניט געוואָלט און זי האָט געענטפערט: „אוי, מאַכט מיך לויז, נעמט מיך אַראָפּ פון דאַנען און איך וועל דערציילן, ווען מען וועט מיך אוועקנעמען — איך זאָג איך האָב ניט געגעסן". מען האָט איר באַפוילן רעדן און זי האָט געזאָגט: „איך האָב עס ניט געגעסן, איך ווייס ניט פאַרוואָס". מען האָט באַפוילן ווידער צו פאַרציען דעם שטריק און זי האָט געזאָגט: „סעניאָר, איך האָב עס ניט געגעסן, ווייל איך האָב ניט געוואָלט — באַפרייט מיך און איך וועל אייך זאָגן". מען האָט איר באַפוילן צו דערציילן וואָס זי האָט געטאָן, וואָס איז קעגן אונדזער הייליקן קאַ־טוילישן גלויבן. זי האָט געזאָגט: „נעמט מיך אראָפּ פון דאַנען און זאָגט מיר וואָס איך האָב צו זאָגן — זיי טוען מיר וויי — אוי מיינע אָרעמס!" זי האָט דאָס איבערגעחזרט אסך מאָל און ווייטער געזאָגט: „איך געדענק ניט — זאָגט מיר וואָס איך דאַרף זאָגן — אוי, אומ־

גליקלעכע וואָס איך בין! — איך וועל דערציילן אַלץ וואָס מען וויל, סעניאָרן — זיי צעברעכן מיר די אָרעמס — מאַכט מיך לויז אביסל — איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס מען זאָגט אויף מיר". מען האָט איר באַפוילן צו דערציילן באריכות וואָס זי האָט געטאָן. זי האָט געזאָגט: „וואָס וויל מען פון מיר איך זאָל זאָגן? איך האָב אַלץ געטאָן — מאַכט מיך לויז, ווייל איך קאָן ניט געדענקען וואָס איך דאַרף דער־ציילן — זעט איר דען ניט וואָס פאַר אַ שוואַכע פרוי איך בין? אוי מיינע אָרעמס צעברעכן זיך". מען האָט באַפוילן נאָך מער צו פאַר־ציען [די שטריק] און ווען מען האָט פאַרצויגן האָט זי געשריגן: „אוי, אוי, מאַכט מיך לויז, ווייל איך ווייס ניט וואָס איך דאַרף זאָגן — אויב איך וואָלט עס געטאָן וואָלט איך עס דערציילט". מען האָט באַפוילן שטאַרק איינצוציען די שטריק און זי האָט געזאָגט: „סעניאָרן, האָט איר גאָר קיין רחמנות ניט אויף אַ זינדיקער פרוי?" מ'האָט איר געזאָגט אַז יאָ, אויב זי וועט דערציילן דעם אמת. זי האָט געזאָגט: „סעניאָר, זאָג מיר וואָס, זאָג מיר וואָס?". די שטריק זיינען ווידער פאַרצויגן געוואָרן און זי האָט געזאָגט: „איך האָב דאָך שוין געזאָגט אַז איך האָב עס געטאָן". מען האָט איר באַפוילן צו דערציילן באריכות, אויף וואָס זי האָט געענטפערט: „איך ווייס ניט, סעניאָר, ווי אַזוי צו דערציילן, איך ווייס ניט". נאָכדעם זיינען די שטריק צעטיילט געוואָרן און מען האָט זיי געציילט און מען האָט געהאַט זיי פאַרדרייט זעכצן מאָל און ביים געבן דעם לעצטן דריי האָט דער שטריק געפּלאַצט.

דערנאָך האָט מען באַפוילן זי ארויפצולייגן אויף דער פּאָרטאָ [אַ צי באַנק]. זי האָט געזאָגט: „סעניאָרן, פאַרוואָס ווילט איר מיר ניט זאָגן וואָס איך האָב צו דערציילן? סעניאָר, לייגט מיך אויף דער ערד — האָב איך דען ניט געזאָגט, אַז איך האָב אַלץ געטאָן?" מען האָט איר באַפוילן צו דערציילן וואָס זי האָט געטאָן — „איך געדענק ניט — נעמט מיך אוועק — איך האָב געטאָן וואָס די עדות זאָגן". מען האָט איר געזאָגט זי זאָל דערציילן באריכות, וואָס די עדות האָבן [וועגן איר] דערציילט. זי האָט געזאָגט: „סעניאָרן, אַזוי ווי איך האָב אייך געזאָגט, בין איך ניט זיכער דערין. איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס די עדות זאָגן. סעניאָרן באַפרייט

מיך, ווייל איך געדענק עס ניט". מען האָט איר באַפוילן צו דער־ציילן. זי האָט געזאָגט: „איך ווייס עס ניט. אוי, אוי, זיי צערייסן מיך אויף שטיקער — איך האָב געזאָגט, אז איך האָב עס געטאָן — לאָזט מיך אָפּ!" מען האָט איר געזאָגט זי זאָל דערציילן. זי האָט געזאָגט: „סעניאָרן, עס העלפט מיר ניט ווען איך זאָג אַז איך האָב עס געטאָן, און ניט דאָס מודה זיין אַז דאָס וואָס איך האָב געטאָן האָט געבראַכט אויף מיר צרות — סעניאָר, איר ווייסט דעם אמת — סעניאָר, ווי גאָט איז אייך ליב, האָט רחמנות אויף מיר. אוי, סעניאָר, נעמט אַראָפּ אָט די זאַכן פון מיינע הענט — סעניאָר, באַפרייט מיך. זיי דערהרגענען מיך!"

מען האָט זי צוגעבונדן צו דער פּאָרטאָ מיט אַ שטריק און מען האָט זי געוואָרנט אַז זי זאָל זאָגן דעם אמת און די גאראָטן [אינ־סטרומענטן צו דערשטיקן] האָט מען באַפוילן איינצוציען. זי האָט געזאָגט: „סעניאָר, איך האָב עס געטאָן, ווי גאָט איז אייך ליב, לאָזט מיך אָפּ!" מען האָט איר געזאָגט זי זאָל דערציילן. זי האָט געזאָגט: „סעניאָר, דערמאָנט מיך וואָס איך האָב ניט געוואוסט. סעניאָרן האָט רחמנות אויף מיר — לאָזט מיך אָפּ, ווי גאָט איז אייך ליב — זיי האָבן ניט קיין רחמנות אויף מיר — איך האָב עס געטאָן — נעמט מיך אַוועק פון דאַנען און איך וועל זיך דערמאָנען וואָס איך קאָן ניט געדענקען דאָ". מען האָט איר געזאָגט זי זאָל זאָגן דעם אמת, אז ניט וועלן די שטריק צוזאַמענגעצויגן ווערן. זי האָט געזאָגט: „דערמאָנט מיך, וואָס איך האָב צו זאָגן, ווייל איך ווייס ניט — איך האָב געזאָגט אז איך האָב ניט געוואָלט עסן [חזיר] — איך ווייס נאָר, אז איך האָב עס ניט געוואָלט עסן" און דאָס האָט זי איבערגעחזרט אַסך מאָל. מען האָט זי געפרעגט אז זי זאָל זאָגן פאַרוואָס זי האָט עס ניט געוואָלט עסן. זי האָט געזאָגט: „מחמת דעם וואָס די עדות דערציילן — איך ווייס ניט ווי אזוי דאָס איבער־צוגעבן. — אומגליקלעכע וואָס איך בין, איך ווייס ניט ווי אזוי עס איבערצוגעבן. איך זאָג איך האָב עס געטאָן, גאָט! ווי אזוי קאָן איך עס דערציילן. — זיי ווילן זיך ניט צוהערן צו מיר — די מענטשן ווילן מיך דערהרגענען — באַפרייט מיך און איך וועל אייך זאָגן דעם אמת". מען האָט זי ווידער געוואָרנט אז זי זאָל דערציילן דעם אמת.

זי האָט געזאָגט: „איך האָב עס געטאָן, איך ווייס פאַרוואָס איך האָב עס געטאָן — איך האָב עס געטאָן מחמת דעם וואָס די עדות דער־ציילן — לאָזט מיך אָפּ — איך האָב פאַרלאָרן מיין פאַרשטאַנד און איך ווייס ניט ווי אַזוי צו דערציילן — מאַכט מיך לויז און איך וועל דערציילן דעם אמת". דאַן האָט זי געזאָגט: „סעניאָר, איך האָב עס געטאָן, איך ווייס ניט ווי אַזוי איך זאָל דערציילן, אָבער איך דערצייל עס ווי די עדות. נעמט מיך אַראָפּ פון דאַנען, איך וויל דערציילן. סעניאָר, וואָס די עדות זאָגן זאָג איך אויך און איך בין זיך מודה". מען האָט איר געזאָגט זי זאָל דאָס עפּנטלעך דערקלערן. „איך ווייס ניט ווי אַזוי דאָס צו זאָגן. איך האָב ניט קיין זכרון מער — גאָט, דו ביסט מיין עדות, אַז אויב איך וואָלט געוואוסט נאָך עפּעס, וואָלט איך געזאָגט. איך ווייס ניט מער וואָס צו זאָגן און גאָט איז מיין עדות". זי האָט אסך מאָל געזאָגט: „סעניאָרן, סעניאָרן, קיין זאַך העלפט מיר ניט. דו, גאָט, הער, אַז איך זאָג דעם אמת און איך קאָן מער ניט זאָגן — גיי ארויס מיין נשמה — באַפעל זיי מיך לויז צו מאַכן". דערנאָך האָט זי געזאָגט: „איך זאָג ניט אַז איך האָב עס געטאָן — איך האָב מער ניט געזאָגט". דערנאָך האָט זי געזאָגט: „סעניאָר, איך האָב עס געטאָן אַפּצוהיטן דאָס גרעזעץ". מען האָט זי געפרעגט וואָסער געזעץ, און זי האָט געזאָגט: „דאָס געזעץ וואָס די עדות זאָגן — איך זאָג אַלץ עפּנטלעך, וואָס די עדות זאָגן און איך געדענק ניט, וואָס פאַר אַ געזעץ עס איז געוועזן — אוי, אומגליקלעך איז געוועזן די מאַמע, וואָס האָט מיך געבוירן". מ'האָט זי געפרעגט וואָס איז דאָס געוועזן פאַר אַ געזעץ וואָס זי מיינט און וועגן וועלכן די עדות דערציילן. דאָס האָט מען כסדר איבער־געחזרט, אָבער זי האָט געשוויגן. ענדלעך האָט זי געזאָגט אַז זי ווייס ניט. מען האָט איר געזאָגט אַז זי זאָל דערציילן דעם אמת, אויב ניט וועלן די גאַראָטן פאַרצויגן ווערן אָבער זי האָט ניט געענט־פערט. מען האָט באַפוילן נאָך איינצוציען די גאַראָטן און מען האָט זי געוואָרנט, אַז זי זאָל זאָגן וואָס פאַר א געזעץ עס איז געוועזן. זי האָט געזאָגט: „אויב איך וואָלט געוואוסט וואָס צו זאָגן וואָלט איך געזאָגט. אוי, סעניאָר, איך ווייס ניט וואָס איך דאַרף זאָגן — אוי, אוי, זיי דערהרגענען מיך! — זיי וואָלטן מיר נאָר געזאָגט וואָס

[צו זאָגן] — אוי, סעניאָרן! אוי מיין הארץ!״ דאַן האָט זי געפרעגט פאַרוואָס זיי ווילן אז זי זאָל דערציילן עפּעס וואָס זי קאָן ניט דער־ציילן און זי האָט געשריגן כסדר: „אוי, אומגליקלעכע וואָס איך בין!״ דערנאָך האָט זי געזאָגט: „גאָט, זיי אַן עדות, אַז זיי דערהרגענען מיך און זיי לאָזן מיך אפילו זיך ניט מתוודה זיין.״ מען האָט זי געפרעגט צי זי וויל זאָגן דעם אמת איידער מען גיסט אין איר דאָס וואַסער, זאָל זי דאָס טאָן און ריין מאַכן איר געוויסן. זי האָט געזאָגט אַז זי קאָן ניט רעדן און אַז זי איז א זינדיקע. דערנאָך איז די לייוונטענע לייקע אריינגעשטעלט געוואָרן [אין איר מויל אריין] און זי האָט געשריגן: נעמט עס אוועק, איך שטיק זיך און איך לייד בויך־ווייטיק. א קרוג וואַסער איז אראָפּגעגאָסן געוואָרן און נאָכ־דעם האָט מען איר געהייסן זאָגן דעם אמת. זי האָט געבעטן מתוודה צו זיין זיך זאָגנדיק אז זי שטאַרבט. מען האָט איר געזאָגט, אַז דאָס מאַטערן [זי] וועט אָנהאַלטן ביז וואַנען זי וועט ניט זאָגן דעם אמת. און זי איז געוואָרנט געוואָרן צו זאָגן דעם אמת. אָבער כאָטש זי איז כסדר אויסגעפרעגט געוואָרן האָט זי דאָך געשוויגן. דערנאָך האָט דער אינקוויזיטאָר, זעענדיק ווי פאַרמאַטערט זי איז פונעם פייניקן, באַפוילן אויפצוהערן.

30

די ערשטע יידן אין נעדערלאַנד

איינצלנע יידן האָבן נאָך געלעבט אין האָלאַנד אין פֿערצנטן יאָרהונדערט. זייער מצב איז אָבער געווען זייער אַ שווערער און אַ געדריקטער. ביזן סוף זעכצנטן יאָרהונדערט זיינען די געציילטע יידן און מאַראַנען שטאַרק פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן פֿון דער שפּאַנישער מאַכט. אין 1579 האָט זיך האָלאַנד באַפֿרייט פֿון שפּאַניע און געעפֿנט פֿריי אירע טויערן פֿאַר די פֿאַרפֿאָלגטע שפּאַנישע מאַראַנאָן וואָס האָבן תיכּף אָנגעהויבן אָנקומען אין גרעסערע צאָלן אין דעם לאַנד, וואו זיי האָבן זיך געקאָנט פֿראַנק און פֿריי צוריקקערן צום יידישן גלויבן. האָלאַנד איז שנעל געוואָרן אַ מקלט פֿאַר אנטווישטע מאַראַנאָן און פֿאַרפֿאָלגטע יידן. ביז מיט הונדערט יאָר צוריק איז אמסטערדאַם, די הויפּטשטאָט פֿון האָלאַנד, געווען די גרעסטע און רייכסטע יידישע קהילה אין אייראָפּע.

די ווייטערדיקע כראָניק באַשרייבט די נסיעה און די ליידן פֿון דער ערשטער גרופּע מאַראַנען, וואָס זיינען אָנגעקומען אין דער באַפֿרייטער האָלאַנד.

אין יאָר שמ״ט [1589] האָט א שטורעם געבושעוועט אין דער אומגעבונג פֿון דער שטאָט עמדען. צו דעם שטורעם אויפֿן ים זיינען געווען אויסגעזעצט צוויי שיפֿן, וואָס זיינען געפֿאָרן פֿון שפּאַניע. אויף דידאָזיקע שיפֿן האָבן זיך געפֿונען צען חשובע און רייכע מאַראַנען מיט זייערע פֿרויען און קינדער. זיי האָבן געהאַט מיט זיך טייערע חפֿצים, קאָסטבאַרע זאַכן, געשטיקטע געוואַנטן, און גאָלד און זילבער אָן א צאָל. די שיפֿן האָבן זיי געדונגען אריבערצופֿאָרן אין דער שטאָט אַמסטערדאַם. ווי נאָר דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן און

ער האָט געוואָרפן די שיפן אַהין און אַהער, האָבן די מאַראַנען גערופן צו גאָט וואָס פּראָוווט דאָס האַרץ און דאָס אינגעווייד, אַז ער זאָל זייער עלנט צוזען. זיי האָבן זייער היימלאַנד פאַרלאָזן, כדי צו שליסן אַ בונד מיט גאָט און ניט זיין געניייט אפילו לפנים צו דינען צו אַ פרעמדן גאָט. גאָט האָט זייער עלנט און די אויפריכטיקייט פון זייערע הערצער צוגעזען, ער האָט זיך דערבאַרעמט איבער זיי און ער האָט זיי געהאָלפן אין זייער נויט. ער האָט איינגעשטילט דעם שטורעם און די כוואַליעס פון ים האָבן זיך באַרויִקט.

ווען דער ים האָט זיך איינגעשטילט האָבן די מאַטראָזן און די שיף-פירער באַטראַכט די שיף און אויסגעפונען אַז דאָס געוועדק פון די פּוגעס איז געווען אַראָפּגעשרויפט און זיי האָבן באַמערקט אויך אַנדערע שאָדנס וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אַז עס זאָל אַריינ־רינען אין די שיפן. זיי האָבן דערציילט די פאַסאַזשירן אַז זיי זיינען אין אַ סכנה, אויב זיי וועלן די שיפן גלייך ניט פאַרקירעווען צו דער יבשה. דאָס איז זיי, די מאַטראָסן, באַוויליקט געוואָלן און דער אויבערשטער האָט זיי בשלום געבראַכט צו די ברעגן פון עמדען.

ווען זיי [די מאַראַנען] זיינען אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריין זיינען זיי פאַרפאָרן מיט זייערע געפּעק אין שיינע הייזער אויף איבער דער צייט וואָס די שיפן וועלן דאַרפן פאַרריכט ווערן. דורך דער צייט וואָס זיי האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן, האָט עטלעכע פון זיי אָנגענומען אַ חשק זיך דורכצוגיין איבער דער שטאָט כדי צו זען די שיינקייטן אירע. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך אַ קליין יינגל פאַר אַ וועג-ווייזער. אויפן וועג האָבן זיי געזען אין אַ פענצטער פון הויז הענגען אַ שיינע, פעטע גאַנדז, אויף וועלכער עס איז געווען אַ צעטל מיט אומבאַקאַנטע שריפטצייכנס. זיי האָבן חשק געקראָגן צו אַזאַ גוטן ביסן און ווען זיי זיינען אַהיים געקומען האָבן זיי דער־ציילט דעם באַלעבאָס וואָס זיי האָבן געזען. האָט ער זיי געענט־פערט: „ גוט, היינט מיטאָג וועט איר האָבן געבראָטנס אויפן טיש״. ער האָט באַפוילן דעם יינגל שנעל צו לויפן און צו קויפן די גאַנדז. דאָס יינגל האָט זיך געאיילט און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער געזאָגט צו איינעם פון די מענער: „זעט, איך האָב די גאַנדז

געקויפט ביי דעם יידן אורי הלוי און דאָ איז נאָך דאָס העברעאישע צעטל אויף איר".

ווען די מענער [די מאראנען] האָבן דאָס דערהערט זיינען זיי זייער דערשטוינט געוואָרן און האָבן געפרעגט: „וואָס האָבן מיר דאָ געהערט? איז אמת, אז דאָ וואוינען יידן?" דער באַלעבאָס [וואָס איז אליין געווען אַ ייד] האָט זיי געענטפערט: „אמת. אין יאָר 1581 ווען די זיבן פראָווינצן האָבן זיך אָפּגעריסן פון שפּאַניע, איז אַרויס אַן עדיקט פון די גענעראַל־שטאַטן, אז עס ווערט דער־לויבט יעדן איינעם, פון וועלכער אומה ולשון ער זאָל ניט זיין, דאָ זיך צו באַזעצן און דינען צו זיין גאָט פריי און אומגעשטערט אחוץ די קאַטאָליקן וואָס קאָנען אויסשפּינען טונקעלע אינטריגעס כדי ווידער צו קומען צו דער מאַכט. מיר לעבן דאָ גליקלעך און פריי; מיר זיינען אָנגעלייגט ביי דער מאַכט און די חשובים און דינען פריי, פאַר אַלעמענס אויגן, צו אונדזער גאָט". האָבן געענטפערט די לייט: „מאָרגן אינדערפרי ווילן מיר צוגיין צו דעם מאַן [אורי הלוי], מיר דאַרפן אים עפּעס זאָגן אונטער פיר אויגן".

צומאָרגנס איז דער באַלעבאָס, צוזאַמען מיט צוויי עלטערע מענער, וואָס האָבן ביי אים געוואוינט, אוועק צו משה אורין, וואָס איז זיי אָנטקעגן געגאַנגען. ער האָט זיי באַמערקט ביי זיין טיר, און זיי פריינדלעך באַגריסט. ווי זיי האָבן נאָר אָנגעהויבן צו אים צו רעדן אין שפּאַניש, וואָס משה אורי האָט ניט פאַר־שטאַנען, האָט ער אריינגערופן איינעם פון זיינע זין אז ער זאָל זיין דער דאָלמעטשער. זיי האָבן דאַן געזאָגט צו אים אויף שפּאַניש: „מיר ווילן דיר פאַרטרויען אַ גרויסן סוד: פיר אונדז אין אַ ווייטן צימער פון דיין וואוינונג וואו מיר זאָלן דיר דאָס קאָנען דערקלערן". דאָרט האָבן זיי געזאָגט: „איצט קאָנען מיר דיר אַנטפּלעקן אז דו ביזט אונדזערס אַ ברודער; אַזוי ווי איר, די בני ישראל, זאָגן מיר אויך מיט ליבע צוויי מאָל אין טאָג „שמע ישראל". מיר זיינען אַנטלאָפן מיט אַ שיף פון דער אינקוויזיציע אין קאַסטיליע נאָר כדי צו קאָנען דינען דעם גאָט פון אונדזערע אבות מיט הארץ און נשמה און מיט אונדזער האָב און גוטס אין דער שטאָט אמסטערדאַם. מיר האָבן געהערט אז מיר קאָנען דאָרט, מיט דער הסכמה פונעם

דאָרטיקן מושל, פריי זיך באַוועגן פאַר די אויגן פון אַלעמען, נאָר דער שטורעם האָט אונדז דאָ אַהער געבראַכט. דעריבער שטרעבן מיר און אונדזערע זין דערצו אַז מיר זאָלן אין ברית אברהם אַריינטרעטן און קריגן אַ רב און אַ מלמד וואָס זאָל מיט אונדז די תורה לערנען, און ער זאָל אויך זיין אונדזער חזן וואָס וועט ברענגען דריי מאָל אַ טאָג די תפילות אונדזערע [פאַר גאָט] ווי די קרבנות וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן דריי מאָל אַ טאָג אין בית המקדש. ווער עס וועט ווערן אונדזער מרא דאתרא, דעם וועט גאָרניט פעלן, ווייל מיר גיבן אויס גערן; גאָט האָט אונדז מיט רייכקייט און גיטער באַשאָנקען".

יענער [אורי הלוי] האָט געענטפערט: „געלויבט זאָל זיין גאָט, וואָס האָט אייך אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג צו אונדזערע הייזער. שטאַרקט זיך און זייט מוטיק; עס איז אונדז שטאַרק געלעגן אייערע וואונטשן צו דערפילן. דאָ אָבער קאָנען מיר זיך ניט אונטערנעמען אייך צו יידישן ווייל די מערסטע איינוואוינער דאָ זיינען לוטעראַנער. פאַרט דעריבער קיין אַמסטערדאַם אַזוי שנעל ווי די שיפן וועלן פאַרריכט ווערן, און דאָרט אַהין וועלן אויך מיר קומען מיט אונדזערע משפחות כדי צו זיין צוזאַמען מיט אייך... מיט דעם צוזאָג האָבן זיי זיך געפרייט און מיט אַ קעגנזייטיקן „שלום עליכם" האָבן זיי זיך געזעגנט און זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

ווי נאָר די שיפן זיינען פאַרריכט געוואָרן, האָבן זיי זיך צוגעאיילט און אָפּגעפאָרן מיט די משפחות און מיט זייער האָב און גוטס. אין עטלעכע טעג אַרום זיינען זיי אָנגעקומען בשלום אין אַמסטערדאַם.

כ' ניסן שנ"ג [דעם 22טן אַפּריל 1593] האָבן זיי זיך געדונגען אַ דירה אויף דער גאַס און אין דעם הויז, וואו משה אורי האָט זיי אָנגעגעבן, און זיי האָבן צוגעקניפּט אַ רויטע שנור צו אַ פענצטער. נאָך איידער עס זיינען אַוועק דריי וואָכן האָט משה אורי פאַרקויפט זיינע שטוב-זאַכן און איז מיט זיין משפחה געקומען קיין אַמסטערדאַם, וואו זיי האָבן אויפגעזוכט די פרעמדע און האָבן אין דעם רויטן שנור דערקענט דעם ציל פון זייער נסיעה. מיט האַרציקער פרייד זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן און זיי האָבן זיך אַרומגענומען מיט

אויפריכטיקע הערצער. גלייך אויפן צווייטן טאָג האָבן זיך עטלעכע [מאראנען] געלאָזט יידישן כדי צו באַווייזן זייער באַגער אויסצו־פירן גאָטס געבאָט. דער ערשטער איז געווען דער זקן דאָן יעקב טיראַדאָ און אים האָבן נאָכגעטאָן אין די ווייטערדיקע טעג די צען מענער מיט זייערע זין [דאָס ערשטע קינד, וואָס איז געיידישט געוואָרן צו די אַכט טעג איז געווען אהרן צרפתי]. מען האָט איינ־געריכט א שיין צימער פאַר אַ בעט־זאַל און דאָרט האָט דער חזן משה אורי געדאַוונט לויטן נוסח אשכנז און געזונגען טייטשע ניגונים.

און עס איז געווען אין יאָר שנ"ז [1596] ווען די גאַנצע קהילה איז געווען פאַרזאַמלט יום כיפור צו בעטן מחילה אויף אירע זינד. זינט די ידיעה פון זייער באַזעצן זיך אויף דער היגער ערד האָט זיך געהאַט פאַרשפּרייט זיינען נאָך אַ סך גלויבנס־ברידער געקומען פון שפּאַניע. ווען די שכנים האָבן געזען א גרויסן עולם פאַרזאַמלט און זיי האָבן געהערט די קולות פון די מתפללים, האָבן זיי חושד געווען די פאַרזאַמלטע אַז זיי זיינען אין בונד מיט די אַראַניער, די באַזיגטע קאַטאָליקן, וואָס באַדראָען דעם פרידן פון לאַנד. האָבן זיי געלאָזט וויסן דעם אויבערריכטער: „מיר האָבן באַמערקט אין אונדזער שכנהשאַפט אַ מחנה פאַרדעכטיקע מענטשן וואָס געפינען זיך דאָרטן פון פרימאָרגן ביז איצט, און זיי ווילן אוודאי שטערן דעם פרידן און רו פון אונדזערע פרייע פּראָווינצן וואָס מיר האָבן מיט שווערד און וואָפן אויסגעקעמפט פון די קאַטאָליקן. זיי טראַכטן אוודאי ווי אַזוי אונדז ווידער אונטערטעניק צו מאַכן אונטערן שפּאַנישן יאָך וואָס האָט אונדז פאַרניכט און צעמאָלן".

אין יענעם [דעם אויבערריכטער — געמיינט מסתמא בירגער־מייסטער] האָט זיך אָנגעצונדן דער צאָרן און ער האָט געשיקט באַאַמטע און אייניקע לייט פון זיין הויזוואַך דאָרט אַהין כדי די פאַרזאַמלטע פונאַנדערצוטרייבן און די פירער זייערע אריינצוואַרפן אין תפיסה אריין. ווען זיי זיינען אַהין געקומען, האָבן זיי אָנגע־קלאַפּט אין טיר, וואָס איז געווען פאַרמאַכט, ווייל די מתפללים האָבן נאָך אַלץ געציטערט פאַר דער אינקוויזיציע. זיי [די סאָלדאַטן] האָבן געוואָלט אריינגיין, אָבער אַזוי ווי מען האָט זיי ניט געעפנט זיינען זיי אריינגעדרונגען מיט געוואַלט. דער ליאַרעם האָט גע־

נייט די מתפללים זיך אומצוקוקן, נאָר איידער וואָס־ווען האָבן די סאָלדאַטן שוין געהאַט אריינגעדרונגען און די מתפללים, איינגע־הילטע אין טליתים, זיינען אנטלאָפן ווער דורך דער טיר און ווער דורך א פענצטער. פון די אָבער, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט ראַ־טעווען, האָט מען די מאַנטלען אַראָפּגעריסן, אַרומגעטאַפּט די טליתים און זייערע קעשענעס און געשריגן צו זיי: „גיט אַהער אייערע בילדער! גיט אַהער די האָסטיע מיט דער מאָנסטראַנץ, דעם צלם און די געבעטביכער!" מען האָט זיי גאָרניט געקאָנט ענטפערן ווייל קיינער [פון די מאַראַנען] האָט ניט פאַרשטאַנען די לאַנד־שפּראַך. די סאָלדאַטן האָבן דורכגענישטערט דאָס גאַנצע צימער נאָר זיי האָבן ניט געפונען קיין זאַך אויסער סידורים. דאַן האָט מען גענומען דעם זקן משה אהרן און אים אָפּגעפירט אין תפיסה אריין.

אָבער זייער פירער, דער לייבנמוטיקער יעקב טיראַדאָ, איז אומ־דערשראָקן אַוועק צום אויבערריכטער, זיך פאַר אים פאַרנייגט און זיך געווענדט צו אים אויף לאַטייניש, די שפּראַך וואָס ער האָט באַהערשט מייסטערהאַפט: „מיין האַר, זיי מיר מוחל. זאָל דיין דינער דערלויבט זיין זיך צו ווענדן צו דיר. טו אָפּ דיין גרימצאָרן פון דיין דינער. וואָלט עס ווער געקאָנט גלייבן ווען מען וואָלט אים דערציילט אַז אַזאַ גערעכטער שופט ווי דו האָט געלאָזט פאַר־נאַנדערטרייבן און אריינזעצן אין תפיסה פרומע מתפללים און אומ־שולדיקע מענטשן וואָס האָבן היינט געפאַסט פון זון אויפגאַנג ביז זון אונטערגאַנג און האָבן זיך געפייניקט אין דעם גרויסן און הייליקן תענית, כדי צו דעם גאָט פון הימל און ערד צו דינען — וואָלט ווער געגלייבט, אַז דו האָסט זיי געלאָזט פונאַנדערטרייבן און אַרעס־טירן ווייל די שכנים האָבן זיי חושד געווען און באַרעדט? וואו האָבן זיי בילדער, האָסטיעס, צלם און געבעטביכער? וואָלט דיין הויך־וואוילגעבוירנקייט אויסגעפאָרשט דעם ענין געזעצלעך און גע־רעכט וואָלט דיין הויכוואוילגעבוירנקייט דאָס ניט געדאַרפט טאָן און ניט געדאַרפט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט די פוסטע רייד פון ליגנערישע צינגער. און איצט, מיין האַר, בלויז דעם אמת וויל איך ארויסברענגען, ער וועט זיך אליין אַנטפּלעקן. זיי ווייסן

מיין האַר אַז מיר זיינען יידן און מיר זיינען דאָ אַהער געקומען כדי ניט צו דאַרפן דינען צו אַ פרעמדן גאָט נאָר קאָנען דינען גאָט אליין. מיר האָבן געהערט, אַז די גענעראַל־שטאַטן האָבן ארוים־געלאָזט אַן עדיקט אַז יעדערן, פון וואָסער אומה ולשון ער זאָל ניט זיין, ווערט געגעבן די פרייהייט אָפּצוהיטן זיין אמונה. אַזוי אָבער ווי מיר האָבן נאָך אַלץ מורא פאַר דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אין געהיים מתפלל צו זיין. פון די פלאַמען פון די שייטערהויפנס, וואָס פאַרצערן שפּאַניעס באַוואוינער, האָבן מיר אַסך רייכטימער געראַטעוועט, און אונדזערע ברידער, וואָס געפינען זיך נאָך דאָרטן, פאַרמאָגן אויך אַסך האָב און גוטס, טאָ וועלן מיר זיי שרייבן ווי ליבלעך און גוט מיר זיינען אויפגענומען געוואָרן דאָ, דאַן וועלן אוודאי איבער פופציק משפחות אַהער קומען מיט זייער האָב און גוטס במשך פון אַ יאָר. פון זייער ברייטער באַקאַנטשאַפט און גרויסער דערפאַרונג אין האַנדל וועט דאָס לאַנד אַ סך לערנען און האָבן גרויס נוצן און אַזוי אַרום וועט איר דאָס עשירות פון לאַנד שטאַרק פאַרגרעסערן. מיר וועלן ביזן לעצטן אָטעמצוג טריי דינען אונדזער האַר און וואוילטוער. זאָלן די וועכטער דיינע גלייך אונדז פּנים אל פּנים זאָגן וואָס זיי האָבן ביי אונדז און ביי די איבעריקע געפאַנגענע פונעם פאַרזאַמלטן עולם געפונען פון קאַטוילישע חפצים אָדער עפּעס וואָס זאָל אָנווייזן אַז מיר האָבן געוואָלט שטערן די רו פון דעם לאַנד״.

די ווערטער זיינען דעם אויבעררריכטער וואוילגעפעלן געוואָרן און ער האָט געלאָזט רופן די סאָלדאַטן און זיי האָבן מסכים געווען אַז אַלץ וואָס דער פאַרשטייער האָט גערעדט איז אמת און ער [דער אויבעררריכטער] האָט זיך אויף זיי מרחם געווען און ער האָט די געפאַנגענע באַפרייט. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו טיראַדאָן און צו די איבעריקע: „איר זייט אומשולדיק, קערט אייך אום צו אייערע געצעלטן, פאַרזאַמלט די עדה, ווייל דער טאָג איז נאָך גרויס גענוג מתפלל צו זיין צו גאָט, אַז ער זאָל אייער תפילה דערהערן און אייך רייניקן פון זינד. זייט אויך מתפלל פאַר מיר, פאַרן וואוילזיין פון דער שטאַט און פון מלכות. גייט אויפן דרך הישר וועלן מיר אייך באַשיצן״.

זיי האָבן זיך פאַרנייגט און האָבן זיך צוריקגעקערט, פאַרזאַמלט זייערע ברידער און זיי דערציילט בקיצור וואָס מיט זיי איז געשען. זיי האָבן געדאַוונט מנחה און געזאָגט דעם „הנותן תשועה" פאַר מלכות און האָבן פאַרענדיקט נעילה און מעריב מיט פריידיקע הערצער. ווען די שטערן האָבן זיך באַוויזן האָבן זיי זיך אומגע־קערט אין זייערע הייזער. צומאָרגנס באַגינען האָבן זיי זיך פאַר־זאַמלט צו שחרית און איצטער האָבן זיי בקול רם און אין אַ פריי־דיקער און יום־טובדיקער שטימונג געדאַוונט.

דערנאָך האָבן זיי געבעטן דעם נשיא טיראַדאָ אַז ער זאָל גיין צום אויבערריכטער און אים דאַנקען אין אַלעמענס נאָמען פאַרן חסד וואָס ער האָט מיט זיי געטאָן. ער איז אַהין געגאַנגען באַגלייט פון אורי הלוין און זיין זון. און ווען ער האָט געזען ווי פריינדלעך און בכבודיק דער אויבערריכטער האָט זיי מקבל פנים געווען, האָט ער געזאָגט: „זאָל מיין האַר ניט נעמען פאַר אומגוט וואָס איך דערלויב זיך צום צווייטן מאָל צו בעטן פאַר מיר און פאַר מיינע ברידער וואָס זיינען דאָ אַהער געקומען צו דינען גאָט אונטער דיין שוץ. זיי פאַר אונדז אַ מליץ יושר ביי די האַרן פון די פראָווינצן אַז זיי זאָלן מיט אַ געחתמטן בריוו אונדז געבן די דערלויבעניש אויפצובויען אין דער דאָזיקער שטאָט אויף אַן עפנטלעכן פלאַץ אַ שיינע שול". גאָט האָט אונדז געלאָזט געפינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן, עס זיינען אים געפעלן געוואָרן די רייד, און ער האָט געענטפערט: „אייער בקשה איז אַ יושרדיקע, איך וועל זיך איינ־שטעלן פאַר דיר און פאַר דיין פאָלק ביי די האַרן פון לאַנד. און איצטער קערט זיך אום מיט פרידן אין אייערע היימען".

ער האָט געהאַלטן וואָרט און אין דריי חדשים אַרום האָבן זיי געקראָגן די פריילעכע בשורה, אַז אויף דער בקשה פונעם הויפט־ריכטער האָבן די האַרן פון דער מלוכה באַשטימט זיי און זייער קהילה צו שיצן פונקט אַזוי ווי אַלע איינוואוינער פון דער שטאָט און ווי אַלע, וואָס געפינען זיך אונטער זייער ממשלה. דערנאָך האָט דער הויפט ריכטער איבערגעשיקט זיי די באַשטעטיקטע דער־לויבעניש צו בויען [אַ שול]. אויפן סמך דערפון האָבן זיי געקויפט אַ פלאַץ און אויפגעבויט אויף דער האָמאַט גראַכט אַ שול און זי

אָנגערופן מיטן נאָמען בית יעקב [דער דאָזיקער נאָמען איז אויס-געקריצט אויף מירמלשטיין איבער דעם ארייננאַנג], וואָס באַצייכנט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און באַזונדער פאַראייביקט עס דעם נאָמען פון יעקב טיראַדאָ. די דאָזיקע ערשטע שול פון דער ספרדישער קהילה איז אויפגעבויט געוואָרן פון נדבות פון אלע מיטגלידער פון דער קהילה און איז געעפנט געוואָרן אין א יום-טובדיקער שטימונג ראש השנה ביינאכט אינעם יאָר שנ"ח [1597]. רב איז געווען ר׳ יוסף האַרדאָ און חזן איז געווען דער למדן און פייטן ר׳ יוסף שלום. אויך ר׳ משה אורי הלוי און זיין זון האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט הייליקער ארבעט: דער פאָטער האָט געדרשנט אין טייטש (יידיש) און ער האָט געלערנט. און דער זון זיינער האָט פאַר די צוהערער און די תלמידים דאָס איבערגעגעבן אויף שפּאַניש. דעם זון וואָס איז געווען זייער באַליבט, האָט די קהילה באַשטימט אין יאָר ש"ע [1610] ווי א געהילף חזן אין דער צווייטער שול.

31

תקנות

די ייִדן האָבן אין די פֿאַרשיידענע לענדער וואו זיי האָבן געוואוינט געזוכט צו רעגולירן זייער אייגן לעבן דורך פֿאַרשריפֿטן, תקנות, וואָס זיינען געווען בינדנדיק פֿאַר אַלע ייִדן פֿון דער געגעבענער שטאָט, פּראָווינץ אָדער לאַנד. די וויכטיקסטע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אָרגאַניזאַציע איז געווען דער פּוילישער וועד ארבע הארצות (פֿון ארום 1550־1764), וואָס פֿון אים זיינען בלויז פֿאַרבליבן געציילטע תקנות. דער צווייט וויכטיקער, נאָכן פּוילישן וועד, איז געווען דער ליטווישער וועד (פֿריער איז ליטע געווען פֿאַרטראָטן אינעם פּוילישן וועד), וואָס פֿון זיינע פֿאַרהאַנדלונגען איז פֿאַרבליבן דער פֿולשטענדיקער פּנקס (פֿון די יאָרן 1623־1761). אַנדערע פֿון דייטשלאַנד, איטאַליע, שפּאַניע און פֿון אַנדערע לענדער זיינען שוין געווען פֿון אַ קלענערן פֿאַרנעם אָדער גאָר פֿון אַ לאָקאַלן כאַראַקטער. די תקנות פֿון די פֿאַרשיידענע מקומות שפּיגלען אָפּ די מורא און די שרעק פֿאַר דער אויסערלעכער וועלט וואָס פֿילט זיך אַזוי שטאַרק אין די באַשרענקונגען אויף צירונג און טייערע קליידער, כדי ניט אויפֿצורייצן די ניט־ייִדן אַרום. אין די תקנות קאָן מען אויך מערקן די אינערלעכע קלאַסן־צעטיילונגען ביי ייִדן, וואו דעם רייכן ווערט, למשל, געגעבן מער פֿרייהייט סיי אין קליידונג, און סיי אין איינאָרדענען שמחות (ליטע, העסן, פּראַג). דעם קאַמף וואָס די קהילות האָבן געהאַט צו פֿירן קעגן מוסרים און שווינדלער (קאַסטיליע און קרעטע) און אויך אחריות לגבי די פֿון אַנדערע לענדער, ווי למשל לגבי די פּליטים פֿון די כמעלניצקי פּאָגראָ־

מען און לגבי די קינדער (יתומים מסתמא) פון דייטשלאַנד, וואָס זיינען געקומען קיין ליטע אין דער צייט פון דרייסיק יעריקן קריג (1618־1648). די תקנות ווייזן אונדז אויך דעם שווערן שטייער לאַסט וואָס יידן האָבן געהאַט צו טראָגן און וואָס די קראָקע האָט געמיינט פאַר אָרעמעלייט (סאָקאָלאָוו), און לסוף קאָן מען אויך זען ווי די תקנות זיינען אויסגענוצט געוואָרן אפילו פאַר ריין פּראָפּעסיאָ־נעלע צוועקן (קיידאַן). די תקנות וואָס ווערן ווייטער גע־בראַכט זיינען פון צוויי לענדער (קאַסטיליע און ליטע), צוויי פּראָווינצן (קרעט און העסן), פון איין גרופּע קהילות (מאַינץ, וואָרמס און שפּייער) און פון פינף איינצלנע קהילות (קראָקע, באַמבערג, פּראָג, סאָקאָלאָוו און קיידאַן). די ווייטערדיקע תקנות זיינען כמעט אַלע בלויז מוסטערן פון ענלעכע פאַר־שריפטן אין אַ סך אַנדערע קהילות.

א. מאַינץ, וואָרמס און שפּייער, דייטשלאַנד, 1220־1223.

1. קיין ייד טאָר ניט טראָגן קיין גויישע קליידער און קיין דורכגעלעכערטע שניר־אַרבל. ער טאָר אויך ניט טראָגן קיין פרעמדע האָר און ניט שערן זיך די באָרד מיט קיין שער אָדער מיט עפּעס ענלעכס.

2. מע טאָר ניט לייען קיין געלט, אַחוץ ווען מען איז אַ שותף צום מלווה אויף העלפט, סיי צו דעם ריווח און סיי צו דעם היזק.

3. קיינער טאָר ניט שלאָגן דעם אַנדערן. פאַרמסרט איינער דעם אַנדערן ביים קיניג אָדער בישאָף און דער פאַרמסרטער ליידט דורך דעם אַ היזק, וואָס ער איז ניט בכוח צו טראָגן, מוז אים די גאַנצע קהילה קומען צו הילף.

4. קיין ייד טאָר ניט שפּילן [אין קאָרטן אָדער ביינדלעך] אויף געלט מיט יידן אָדער מיט גויים. חול ומועד און אויף חתונות

מעג מען שפּילן, אָבער בלויז אויף עסנוואַרג וואָס מען קאָן שפּע־טער ניט פאַרקויפן.

5. מען זאָל ניט רעדן אין שול, נאָר זיצן [רואיק] און דינען מיט פאַרכט און אימה אונדזער פאָטער אין הימל.

ב. קאַסטיליע, שפּאַניע, 1432.

1. אַזוי ווי לויטן דין טאָר קיין מלמד ניט לערנען מיט מער ווי מיט פינף און צוואַנציק קינדער, נאָר ער קאָן האָבן א באַהעל־פער וואָס זאָל אים ארויסהעלפן, באַשטימען מיר דעריבער, אז קיין מלמד טאָר ניט לערנען קיין חומש מיט מער ווי מיט פינף און צוואַנציק קינדער. אויב ער האָט א באהעלפער, וואָס העלפט אים אַרוים ווי עס ווערט אָנגעזאָגט אין תלמוד, קאָן ער האָבן ביז פער־ציק קינדער. אויב אין דער קהילה געפינען זיך פופציק קינדער אין חדר־עלטער, דאַרף די קהילה אָנשטעלן צוויי מלמדים. אַזוי דאַרף די קהילה אויך טאָן ווען עס זיינען דאָ מער ווי פערציק קינדער.

2. ווען אַ ייד איז עפּעס מודיע אונדזער האַר קיניג וואָס איז אים, דעם קיניג, לטובה, איז ווען דאָס איז אַפילו קעגן אַ יידן געווענדט איז ער פריי פון שטראָף, אויב די מיטטיילונג איז אמת. זיין טאָט זאָל דעמאָלט עפנטלעך אנערקענט ווערן. איז אָבער די מיטטיילונג וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם קיניג קעגן א יידן אַ ליגן, זאָל זיין [דעם מוסרס] שטראָף זיין אַ זייער האַרבע ווייל ער האָט זיין האַר קיניג אָפּגענאַרט און ער איז דעריבער אַ פאַלשער עדות און א פאררעטער. דעריבער זאָלן אויף אים ארויפגעלייגט ווערן אַלע מעגלעכע שטראָפן. אַלע קהילות פון קאַסטיליע שטימען צו צו דער תקנה.

ג. קראָקע, פוילן, 1595.

1. די ממונים [אויפזעער] זאָלן קאָנען באַפעלן, אז ער [דער באַלעבאָס] זאָל אַכטונג געבן, אז מען זאָל ניט ווארפן קיין מיסט

איבער דער מויער הן בייטאָג והן ביינאַכט; אויך, אז מען זאָל ניט פון די הייזער אָדער פון די פענצטער פון דער הייך אראָפגיסן, אָדער וואַרפן מיסט אָדער אומריין וואַסער ומכל שכן שטינקענדיקס, הן בייטאָג והן ביינאַכט.

2. מען זאָל אויך ניט פאַרטראָגן לאַטערן־שפּילער אָדער קרעטשמעס אָדער כל דבר וואָס איז ניט גוט.

3. מען זאָל ניט גיין ביינאַכט איבער דער גאַס מיט כלי זמרים. אויך זאָל מען ניט טאָרן שרייען אָדער יאָכצן אין דער גאַס, הן באַלעבאַטים, הן בחורים, הן יינגלעך. אויב מען טוט אזעלכע זאַכן אָדער עס ווערט אַ געשלעג ביינאַכט, אָדער מען טוט א באַלעבאָס אַ כוח אָן [מען באַפאַלט אים], זיינען די מחויב אויפצואוועקן איינעם אָדער צוויי פון די ממונים. און זיי זיינען מחויב תיכף אויפצושטיין און מזהיר צו זיין די לייט אז זיי זאָלן אהיים גיין. אויב זיי האָבן אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל האָבן זיי [די ממונים] די מאַכט צו לאָזן זיי איינזעצן ביז אין דער פרי, ביז די ראשים [הויפּט באַאַמטע פון דער קהילה], גאָט זאָל זיי באַשיצן, וועלן זיי משפּטן.

ד. ליטווישער פנקס, 1637.

1. פרויען טאָרן בכלל ניט טראָגן קיין גאָלדענע קייטלעך, רינ־גען אָדער האַלדזבענדער. מיידלעך איז פאַרבאָטן צו גיין ביינאַכט מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, אחוץ ווען זיי טראָגן א בערטל [אַ מין בערעט—קאָפּ־פוץ].

2. סע ווערט פאַרבאָטן זיך אויסצונייען אויף אויבערקליידער גאָלדענע, זילבערנע אָדער נאָכגעמאַכטע סטראַקאַשן. און אויב אַ פרוי האָט שוין אזעלכע אָנגענייט אויף אירע קליידער, דאַרף זי זיי אַראָפּנעמען.

3. קיינער, וואָס צאָלט ווייניקער ווי פיר טויזנט גילדן סכום [שטייער], טאָר זיך ניט מאַכן פון איצטער אָן און ווייטער קיין אַטלעסענע אָדער דאַמאַסקענע זשופּיצע.

4. מענער און פרויען, בחורים און מיידלעך ווערט שטרענג פארבאָטן צו טראָגן אזשורענע שיך מיט הילצערנע אָפּצאַסן.

1639

5. פון דייטשלאנד קומען א סך פליטים קינדער, יינגלעך און מיידלעך. אין יעדער קהילה וואוהין זיי קומען דאַרף באַשטימט ווערן אַ מאַן וואָס זאָל זיי אויספרעגן וועגן זייערע נעמען, עלטערן, משפחה און וועגן אָרט פון וואנען זיי קומען. אַלץ דאַרף פאַרשריבן ווערן אין פנקס, כדי צו פאַרהיטן, אז עס זאָל חס ושלום ניט קומען דערצו אז אַ ברודער זאָל חתונה האָבן מיט אַ שוועסטער.

1650

6. אַזוי ווי פאַר אונדזערע גרויסע זינד האָט גאָט האַנט אונדז באַרירט [געמיינט גזירות ת"ח ות"ט] און א סך זין פון אונדזער פאָלק, פון גאָטס פאָלק, זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע וואוינערטער און נחלאות און קאָנען זיך נאָך ניט אומקערן אויף זייערע ערטער צו לעבן דאָרט אין מנוחה, ווייל עס איז נאָך דאָרט ניט געענוג רואיק און זיכער, אַז די פאַרטריבענע זאָלן זיך קאָנען אומקערן אין זייער געבוירנלאַנד און זיך פאַרנעמען מיט זייערע פרנסות, — דעריבער זאָגן מיר, אַז זיך צו פאַרנעמען מיט דעם ענין פאָדערט פאַרכט פאַר גאָט, דעם מלך עליון, ווייל די וועלט שטייט אויף לייטזעליקייט. דאָס האָבן מיר פאַרשריבן לזכרון אין ספר [אין פנקס], אַז די פאַרטריבענע, וואָס געפינען זיך אין אונדזערע מקומות מעגן זיך פאַרנעמען מיט משא ומתן ביזן יאָר תו"א [1651] און די קהילות אָדער דער ציבור פון דער שטאָט אָדער שטעטל טאָר זיי ניט פאַרווערן דאָרט צו בלייבן וואוינען... וואָס איז שייך די אָרעמע פליטים, וואָס ציען איצטער אַהער אין אונדזערע מקומות און בפרט פרויען, מיידלעך און שוואַכע זקנים, האָבן מיר באַשטימט אַזאַ סדר: יעדע קהילה אין אונדזער מדינה [ליטע], וואו עס איז דאָ אַ מנין אין אַ יום טוב, איז מחויב אויס-

צוהאַלטן כּאַטש איין אָרעמאַן. דאָרט וואו עס איז פאַראַן מער ווי איין מנין מוז די קהילה אויסהאַלטן נאָך אַן אָרעמאַן אויף יעדע ווייטערדיקע צוויי מנינים. דאָרט וואו עס זיינען דאָ מער ווי צען מנינים דאַרף די קהילה ניט אויסהאַלטן מער ווי זעקס אָרעמעלייט.

7. מיר האָבן אויף זיך גענומען צו טרויערן אויף די צרות [גזירות ת״ח ות״ט]. אין קיין שום יידיש הויז זאָלן ניט געהערט ווערן קיין כלי־זמר אַ גאַנץ יאָר, דהיינו ביז פּסח תי״א [1651] אפילו ניט צו דערפרייען קיין חתן כלה, אחוץ אין דער חופה־נאַכט און בשעתן באַדעקנס. נאָכדעם איז דאָס שפּילן פאַרבאָטן און בכלל טאָרן קיין כלי־זמר ניט שפּילן אפילו בשעת דער חופה, אחוץ אויפן שול־הויף בעת דעם חופה־שטעלן.

ה. באַמבערג, דייטשלאַנד, 1678.

1. דאָס ראָד פון מזל דרייט זיך איבער דער וועלט: איינעם הייבט עס אויף און א צווייטן נידערט עס אַראָפּ. דעריבער האָבן מיר מתקן געווען די תקנה: ווען איינער איז געוואָרן אַ יורד און ער קאָן זיין טאָכטער ניט מאַכן קיין באַלעבאַטישן אויסשטייער און ער הייבט אויף זיינע אויגן מיט געבעט צו זיינע קרובים און זיי קערן זיך אָפּ פון אים, זאָל אַזאַ באַלעבאָס קומען צו דער אסיפה פון די פּרנסים מיטן רב און דאָרט דערציילן וועגן זיין מצב און ארויסברענגען די זאַך. די דאָזיקע אסיפה זאָל צוציען צו זיך די צוויי רייכסטע קרובים פון זיין משפחה און מיט א רוב שטימען זאָלן זיי אָפּשאַצן מיט וויפיל יעדער קרוב, ביז דער דריטער מדרגה, דאַרף אים ארויסהעלפן.

2. ס'איז אַן אַלטער מנהג ביי חתונות, אַז נאָך דעם ווי מען האָט געגעסן, געטרונקען און מען איז געוואָרן אויפגערוימט זאָלן די אונטערפירער פאַרטיילן צוקערוואַרג כדי צו דערפרייען חתן כלה. איבער די שיכורים ווערט אָבער אַ קריגעריי, אַ רייסעריי און עס קומט אָפט צו געשלעגן וואָס צעשטערט די גאַנצע שמחה. כדי דעם גראָבן מיסברויך אָפּצושטעלן האָבן מיר מתקן געווען אַז

דאָס צוקערוואַרג זאָל פאַרטיילט ווערן ביים אָנהייב פון דער סעודה, צווישן פיש און פלייש, ווייל דעמאָלט זיינען די מחותנים נאָך ניכטער.

ז. וועד פון דער פּראָווינץ העסען, דייטשלאַנד, 1719

1. וועגן ווייבערשע קליידער זאָל זיין גילטיק ווי מען איז וויטער מודיע: פראַנצייזיש-צייג און שטאָף טאָר מען לגמרי ניט טראָגן סיי שבת, סיי אין דער וואָכן. דאָסגלייכן סאַמעט פון יעדער פאַרב טאָר מען אויך אינגאַנצן ניט טראָגן. דאַמאַסק פון א טונקעלן קאָליר מעג מען טראָגן שבת און יום-טובים, אָבער ניט אין דער וואָכן. רויטן, גרינעם, פלייש-קאָלירטן, מאָן-פאַרביקן, געלן, איינפאַרביקן אָדער צוויי פאַרביקן [דאַמאַסק] טאָר מען לגמרי ניט טראָגן.

2. קיין מאַן, פרוי, יינגל אָדער בחור טאָר ניט טראָגן קיין גאָלד אָדער זילבער שמוק-זאַכן אָדער באַצירונגען. אויך טאָרן יינגלעך ניט טראָגן קיין זיידענע זאָקן.

3. פרויען טאָרן ניט טראָגן אויף די שטערנטיכלעך אָדער אויף דער נאַכט-וועש קיין שפּיצן, וואָס קאָסטן טייערער ווי א רייכסטאָלער אן אייל.

4. קיין פרוי טאָר זיך ניט שמינקען; אויך טאָרן זיך פרויען ניט פאַרקליידן אין מענערשע קליידער.

5. דינער און דינסטן טאָרן זיך ניט קליידן אין קיין דאַמאַסק און זיי טאָרן ניט טראָגן קיין מאָדישע היט, וואָס זיינען באַצירט מיט גאָלד אָדער זילבער, און אויך ניט קיין פאַנטאָפל, וואָס זיינען באַצירט מיט גאָלד אָדער זילבער און לחלוטין ניט קיין דימענטן.

6. עס ווערט באַשטימט, אז מען טאָר ניט שפּילן קיין קאָרטן אָדער אן ענלעכע שפּיל קיין גאַנץ יאָר, דאָס הייסט, אין די טעג ווען מען זאָגט תחנון. שאָך, אָבער, מעג מען יאָ שפּילן א גאַנץ יאָר. אַנדערע שפּילן זיינען פאַרבאָטן.

ז. פראַג, 1767.

1. אויף אַ סעודת בר־מצווה זאָל דער גרעסטער אָדער קלענס־טער שטייערצאָלער ניט פאַרבעטן מער ווי צען מאַנספּאַרשוינען, אַחוץ דעם בעל סעודה, דעם בר־מצווה און די אַנדערעליידיקע [ניט חתונה געהאַטע] קינדער. אַנדערע פריינד זאָלן אָבער פאַררעכנט ווערן ווי פּסולע עדות [זאָלן ניט גערעכנט ווערן אַחוץ די צען] און זאָלן גערעכנט ווערן אין די צען פּאַרשוין, אַחוץ די סאַרוועד, דער חזן און געסט, וואָס זיינען געקומען מחוץ לפּראַג צו דער סעודה. קיין ווייבער זאָלן דורכאַוים ניט קומען אויף קיין סעודת בר־מצווה, אויסער דעם בעל־סעודה, זיינע טעכטער, שניר, מוטער, שוויגער. עס זאָלן דורכוים ניט זיין קיין כלי־זמרים אָדער שאַלקן [בדחנים]. און ווער עס צאָלט ניט יערלעך קיין 400 גולדן שטייער אַחוץ זיין געוויינטלעכן באָרדאָן [הכנסה און געשעפט שטייער] זאָל ניט טאָרן טראַקטירן מיט קיין אַנדערע סאָרט פיש אויסער קאַרפּן און מיט קיין אַנדער פלייש ווי אָקסן־פלייש און פון עופות נאָר גענדז אָדער הינער, אָבער ניט ביידע סאָרטן. אָבער קיין קאַלאַטשן [אַ מין שטרודל], קיכל אָדער אַנדער געבעקס זאָלן ניט סערווירט ווערן נאָכן טיש [מאָלצייט]. בנוגע דעם געטראַנק זאָל אַזוי זיין: ווער עס צאָלט ניט קיין הונדערט גולדן יערלעך, זאָל ביי אים אויף דער סעודת בר־מצווה ניט געטרונקען ווערן קיין ווייַן. ווער עס צאָלט איבער הונדערט, ביז פיר הונדערט, איז אים דער־לויבט די פאַרבעטענע געסט צו געבן ביז דריי פינט [אַ האַלבע קוואָרט] וויין, אָבער ניט מער. ווער אָבער עס צאָלט מער ווי פיר הונדערט גולדן יערלעך איז ער פריי צו טראַקטירן עסן און טרינקען ווי עס געפעלט אים אליין. דאָך ניט מער [געסט] ווי עס איז אויבן אָנגעגעבן. אָבער יעדן בעל סעודה, אויך [פון] דעם נידעריקסטן קלאַס איז דערלויבט להמברך ברכת המזון צו געבן אַ כוס ווייַן. ביי קיינעם זאָל אויך ניט געטרונקען ווערן קיין קאַווע אויף קיין בר־מצווה סעודה.

ח. סאָקאָלאָוו, פוילן, 1766־1775.

1. היטלמאַכערס וועלן צאָלן פון אַלע סחורות וואָס ווערן אומעטום געקויפט איין גילדן פון יעדן הונדערטער פאַר דער קאַ־ראַבקע. פון יעדן פאַרטיקן היטל דאַרף ער געבן איין גראָשן.

2. שניידערס פון די פאַרדינסטן אין דער היים — דריי גראָשן פון יעדן גילדן; פון די פאַרדינסטן מחוץ דער שטאָט — צוויי גראָשן פאַר דער קאַראָבקע.

3. בעלי עגלות, נאָך דעם ווי זיי וועלן אָפּרעכענען זייערע הוצאות, דאַרפן צאָלן פון דער ריינער הכנסה צוויי גראָשן פון יעדן גילדן.

4. יעדער ייד, אַ באַלעבאָס, וועט צאָלן אונטער אַ חרם, לויטן אַלטן מנהג פאַר פלייש פון יעדן סאָרט פאַרן אייגענעם געברויך — דריי קופּערנע גראָשנס פון יעדן גילדן.

5. יעדער באַלעבאָס, וואָס גיט זיין טאָכטער אַ נדן אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין אָדער פירט אַרויס אַ זון מיט אַ פאַרמעגן, דאַרף איבערלאָזן אונטער אַ חרם אַ צענטן חלק פון דער סומע וואָס ער פירט אַרויס פון דער שטאָט. ווער עס וועט וועלן זיך אַרויס־ציען פון שטאָט און פאַרקויפן די הויזווירטשאַפט, דאַרף ער אָפּגעבן 15 גראָשן פון יעדע הונדערט גילדן פון זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַר דער קאַראָבקע. פאַרקערט, ווער עס וועט קויפן הייזער אין שטאָט דאַרף באַצאָלן פאַר דער קאַראָבקע פינף גראָשן פון יעדן הונדער־טער.

ט. קיידאַן, ליטע, 1810.

1. ווען אַ פריץ גייט אין מאַרק אַריין טאָר קיין בעל מלאכה [שניידער] ניט נאָכגיין. אויב דער פריץ האָט ביי דעם בעל מלאכה זיך נאָכגעפרעגט אויף אַרבעט און געוואונט מעג ער נאָכגיין. אויב דער פריץ האָט כלל ניט געפרעגט און ער גייט יאָ מיטן בעל מלאכה אין קראָם און ער געפינט דאָרט בעל מלאכות, דאַרף דער בעל מלאכה [וואָס גייט מיטן פריץ] מקבל זיין בחרם [שווערן], אַז דער פריץ

האָט אים יאָ געפּרעגט. לפי התיקון האָט ער זוכה געווען און אויב ניט איז ער א חבר [שותף] מיט די וואָס זיינען אין קראָם... ווען א בעל מלאכה באקומט א פּריץ אין אַנדערע גאַסן, ניט אין מארק, און ער רעדט אים איבער צו גיין מיט אים. זיינען די בעלי מלאכות וואָס אין קראָם ניט קיין חברים [שותפים].

2. ווען א בעל מלאכה איז ניט אין שטאָט אָדער ער איז ניט אין דער היים מעג זיין ווייב, ווי איר מאַן, אָננעמען אַרבעט און אויך אָפּטראָגן צום פּריץ מיט אַ באַגלייטער. אויך אויב זי באַקומט א סוחר אָדער פּריץ אין גאַס און אין הארבעריק טאָר קיין בעל מלאכה איר קיין שאָדן ניט טאָן.

32

אוריאל דאַקאָסטאַ

זיין לעבנסגעשיכטע

אוריאל דאקאָסטא (1585־1640) האָט געשטאַמט פון אַ זייער רייכער מאַראַנישער משפחה פון פּאָרטוגאַל. ער האָט געקראָגן אַ גוטע דערציאונג און איז געווען אַזוי פרום־קאַטויליש, אַז ער איז געוואָרן אַ קאַסירער פון אַ קירך. ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן דערפילן אַ בענקשאַפט צום יידנטום, וואָס האָט אים סוף כל סוף געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל זיך אַנטשליסן צו פאַר־לאָזן דעם קאַטוילישן גלויבן און ווערן אַ ייד. ארום 1615 איז ער צוזאַמען מיט זיין משפחה געקומען קיין אַמסטער־דאַם. ער און זיינע פיר ברידער זיינען דאָרט געיידישט געוואָרן. אוריאל דאקאָסטא, וואָס האָט זייער וויניק גע־וואוסט וועגן דער יידישער אמונה און וועגן יידן בכלל, איז שנעל אנטוישט געוואָרן אין זיין נייעם גלויבן. ער האָט אָנגעשריבן א טראַקטאַט ווי צו רעפאָרמירן אָדער אָפּשאַפן געוויסע רעליגיעזע פירונגען, ווי למשל דאָס לייגן תפילין, און די רבנים פון האמבורג (וואו דאקאָסטא האָט זיך דער־מאָלט געפונען) און פון ווענעציע האָבן אים דערפאַר ארייג־געלייגט אין חרם (1618). ער האָט שפּעטער תשובה געטאָן. ער איז צוריק געקומען קיין אמסטערדאם, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן פון זיינע פלענער, און אין זיין פערזענלעכן לעבן האָט ער זיך ניט אויפגעפירט ווי קיין גלייביקער ייד. דערמיט האָט ער אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די אמסטערדאמער רבנים, וואָס האָבן

אים צוערשט געוואָרנט און שפּעטער מחרים געווען. דאַ־קאָסטא האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגן דעם חרם, די איזאָלירטקייט פון פריינט און באַקאַנטע און ער האָט ווידער תשובה געטאָן. די דערנידעריקונג וואָס ער האָט געליטן אין דער אַמסטערדאַמער שול בעתן בעטן מחילה האָט אים אַזוי דערשלאָגן, אַז ער איז אהיים געגאַנגען, אָנגעשריבן זיין לעבנסגעשיכטע „אַ ביישפּיל פון אַ מענטש־לעך לעבן" (וואָס ווערט ווייטער געבראַכט מיט קיצורים), און האָט זיך גענומען דאָס לעבן (1640).

געבוירן געוואָרן בין איך אין פּאָרטוגאַל אין דער שטאָט פּאָרטאָ. מיינע עלטערן זיינען געווען פון נאָבעלן שטאַנד, זיי האָבן געשטאַמט פון יענע יידן, וואָס מען האָט אין יענעם לאַנד אַמאָל געצוואונגען אָנצונעמען די קריסטלעכע אמונה. מיין פאָטער איז געווען אַ גלייביקער קריסט און דערצו נאָך אַ פיינלעך שטרענגער ערנמאַן, וואָס האָט געלייגט די גרעסטע אַכט אויף שטאַנד און ראַנג. אין זיין הויז בין איך דערצויגן געוואָרן אזוי ווי עס האָט דעם דאָזיקן שטאַנד געפּאַסט. עס האָבן ניט געפעלט קיין באַדינער און אויך ניט קיין איידעלע שפּאַנישע פערד אין שטאַל צו קאָנען זיך אויף זיי לערנען רייטן. מיין פאָטער איז געווען א מייסטער אין רייטן און איך האָב גאָר יונג אים נאָכגעטאָן אין דעם. נאָכדעם ווי מען האָט מיך געלערנט געוויסע קונסטן, וואָס די יונגעלייט פון מיין שטאַנד האָבן זיך מיט זיי אָפּגעגעבן, האָב איך זיך געווידמעט דער יוריספּרודענץ. בטבע בין איך געווען זייער געפילפול און אזוי גענייגט צו מיטגעפיל אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט צוריק־האַלטן פון וויינען, ווען איך האָב געהערט ווענן א פרעמד אומגליק. דאָס ערנגעפיל איז מיר אזוי אריין אין בלוט אז איך האָב זיך ניט געשראָקן פאַר קיין זאַך אַזוי ווי פאַר אַ באַליידיקונג פון מיין כבוד... לויטן אויפפיר אין יענעם לאַנד בין איך דערצויגן געוואָרן אין דער רוימיש־קאַטוילישער אמונה, און אזוי ווי איך האָב אין מיין יוגנט שטאַרק מורא געהאַט פאַרן כף הקלע, בין איך געווען גענייגט אלץ גענוי צו באַטראַכטן. איך האָב מיך פאַרנומען מיטן

לייענען דעם עוואַנגעליום און אַנדערע רעליגיעזע ספרים, איך האָב דורכגעלייענט די עיקרים פון דער אמונה און וואָס מער איך האָב זיך אין זיי פאַרטיפט אַלץ גרעסערע שוועריקייטן זיינען פאַר מיר דורכדעם אויסגעוואַקסן. לסוף בין איך אריינגעפאַלן אין אַ צעמי־שעניש: מורא און שרעק, אומעט און וועיטאָג האָבן מיך פאַרצערט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך צו קאָנען תשובה טאָן אויף די זינד, ווי עס איז דער רוימישער מנהג, כדי אַלץ זאָל מיר פאַרגעבן ווערן, און עס האָט מיר אויסגעזען פאַר אוממעגלעך צו קאָנען דערפילן אַלץ וואָס ווערט פאַרלאַנגט... ביי דעם אינער־לעכן צווייפל בין איך געבליבן שטיין און איך האָב באַשלאָסן, אַז ווי איך זאָל ניט ווערן וועל איך אויף דעם דאָזיקן אופן ניט קאָנען דערלייזן מיין נשמה. דאַמאָלט האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט געזעץ־שטודיום און איך בין צו פינף און צוואַנציק יאָר ביי אַ געלעגנהייט דערוויילט געוואָרן צו אַ קירכלעכן אַמט, איך בין געוואָרן קאַסירער פון אַ קירך.

אַזוי ווי איך האָב אין דער רוימיש־קאַטוילישער אמונה ניט געקאָנט געפינען קיין מנוחה, און איך האָב געשטרעבט צו געפינען אַן אַנהאַלט אין אַ וועלכער עס איז אמונה, האָב איך איבערגעלייענט דעם חומש און די נביאים, ווייסנדיק וואויל אַז צווישן יידן און קריסטן ווערט געפירט אַ גרויסער וויכוח. דאָרט האָב איך געפונען טייל זאַכן וואָס האָבן פולשטענדיק סותר געווען דעם נייעם בונד [נייעם טעסטאַמענט]. וואָס דאָרט ווערט געזאָגט אין נאָמען פון גאָט פאָדערט ווייניקער שוועריקייטן. דערצו נאָך גלייבן אין אַלטן בונד סיי קריסטן און סיי יידן, בעת אין נייעם בונד גלייבן בלויז די קריסטן. אַזוי ווי איך האָב לסוף געגלייבט משהן, האָב איך זיך אַנטשלאָסן, אַז איך מוז זיך צוהערן צו דער אמונה...

אַזוי זיינען מיר אויפגעשטיגן אויף דער שיף אונטער אַ גרוי־סער סכנה [די וואָס האָבן געשטאַמט פון יידן, האָבן ניט געטאָרט פאַרלאָזן דאָס לאַנד אָן אַ קיניגלעכער דערלויבעניש]. מיין מוטער און איך צוזאַמען מיט מיינע ברידער, וואָס איך האָב זיי מיט ברידערלעכער ליבע מיטגעטיילט אָט די ניי־געוואונענע איבערציי־גונגען ניט געקוקט אויף טייל ספקות. דאָס איז געווען אַ געוואַגט־

קיט, וואָס האָט מיך געקאָנט טייער קאָסטן, ווייל עס איז געפערלעך אין דעם דאָזיקן לאַנד צו רעדן וועגן אַזעלכע ענינים. נאָך אַ פאַר־צווייגענער ים־נסיעה זיינען מיר לסוף אָנגעקומען קיין אמסטערדאם וואו מיר האָבן געפונען די יידן פריי, און כדי צו דערפילן דאָס יידישע געזעץ האָבן מיר זיך גלייך געלאָזן יידישן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך שוין געקאָנט באַמערקן אַז די זיטן און פירונגען פון די יידן שטימען לגמרי ניט מיט די וואָס משה האָט געבאָטן... איך האָב מיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן, ווייל איך האָב געגלייבט אַז איך טו אַ זאַך וואָס איז גאָט וואויל געפעלן, ווען איך האָב אָפן און פריי פאַרטיידיקט דאָס געזעץ. די היינטיקע יידישע חכמים האָבן איבערגענומען זייערע (די פרושימס) מידות ווי אויך זייער אומפריינדלעכן כאַראַקטער. האַרטנעקיק האָבן זיי געשטריטן פאַר דער סעקטע פון די אָפּגעזונדערטע פרושים און אירע פירונגען. ניט אָן אייגענעם נוצן, האָבן זיי דאָס געטאָן, ווי מען האָט זיי דאָס פאַרגעהאַלטן, נאָר כדי מיט אָפּשיי צו פאַר־נעמען אין טעמפּל די ערשטע פלעצער און אין מאַרק צוערשט באַגריסט צו ווערן. זיי האָבן בשום אופן ניט דערלאָזט אַז איך זאָל אויף דאָס מינדסטע אָפּווייכן פון זיי, פאַרקערט, איך האָב געדאַרפט זיי אין אַלץ נאָכטאָן. אויב ניט האָבן זיי מיך געדראָט מיט אויסשליסן פון דער געמיינדע און מיט חרם, וואָס זאָל חל זיין סיי אויף געטלעכע, סיי אויף מענטשלעכע ענינים. עס האָט זיך אָבער ניט געפּאַסט פאַר אַ מאַן וואָס האָט זיין היימלאַנד און אַלץ אויפגעגעבן פאַר דער פרייהייט, אַז ער זאָל זיך לאָזן דורך אַזעלכע דראָאונגען אָנשרעקן. און עס וואָלט אויך אונטער אַזעלכע אומ־שטענדן ניט געווען מענטשלעך און ניט יושרדיק זיך אונטער־צוואַרפן מענטשן וואָס האָבן אפילו ניט געהאַט קיין געזעצלעכע רעכט דערויף. האָב איך דעריבער באַשלאָסן צו נעמען ליבער אַלץ אויף זיך אָבער ביי מיין מיינונג צו בלייבן. אַזוי האָבן זיי מיך אין חרם אריינגעלייגט און אפילו מיינע ברידער, וואָס איך בין געווען זייער לערער, זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי מיר און האָבן ניט געוואָגט מיך צו באַגריסן אויף דער גאַס, אויס מורא פאַר יענע [די רבנים].

אין דעם מצב האָב איך מיך אַנטשלאָסן צו שרייבן אַ בוך, כדי צו באַווייזן די גערעכטיקייט פון מיין זאַך און פון דער תורה אליין, צו באַווייזן די נישטיקייט פון די פרושימשער טראַדיציע און פון דער פירונג; און די סתירות צווישן זייערע טראַדיציעס און מנהגים און צווישן תורת משה...

כדי צו ציען אויף מיר די שנאה פון די קריסטן, האָבן זיי, נאָך איידער מיין פאַרהאַסט בוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, פאַרעפנטלעכט אַ ווערק פון אַ דאָקטאָר אונטערן טיטל „איבער דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה". אין דער שריפט האָט מיך יענער דאָקטאָר אָנגערופן אַן אָנהענגער פון עפיקורן. די קינדער פון די רבנישע יידן, געלערנט פון זייערע עלטערן, פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אויף דער גאַס, שרייען, שעלטן און מיך אויפרעגן מיט פאַרשיידענע קללות און האָבן מיך גערופן אפיקורס, אומגלייביקער. זיי פלעגן זיך אויך צוזאַמענקלייבן פאַר מיין טיר און וואַרפן שטיינער. זיי האָבן געטאָן אַלץ מיר צו שטערן, כדי איך זאָל אפילו אין מיין אייגן הויז קיין מנוחה ניט האָבן.

נאָכדעם ווי יענע שריפט קעגן מיר איז דערשינען, האָב איך מיך גלייך צוגעגרייט צו פאַרטיידיקן זיך און איך האָב אָנגעשריבן אַן ענטפער וואו איך האָב באַקעמפט מיט מיין גאַנצער מאַכט דעם געדאַנק וועגן אומשטערבלעכקייט און איך האָב אויך אגב אורחא אָנגעוויזן אין וואָס די פרושים וייכן אָפּ פון [תורת] משה. ווי נאָר די שריפט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינען זיך צוזאַמענ-געקומען די זקנים און פרנסים און האָבן מיך אָנגעקלאָגט פאַר דער שטאָטישער מאַכט און זיי האָבן דערקלערט אז איך האָב געשריבן אַ בוך וואו איך פאַרלייקן די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה און ניט נאָר ריר איך אָן די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה אליין נאָר די קריסטלעכע אמונה אויך. אויף זייער מסירה בין איך אַרעסטירט געוואָרן, אָבער אין אכט-צען טעג אַרום האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט אויף ערבות. דער ריכטער האָט מיר אַרויס-געגעבן אַ תשובה און מען האָט מיך פאַרמשפּט צו 300 גולדן שטראָף און צו פאַרלירן מיינע ביכער...

לסוף בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז די תורה שטאַמט ניט פון משהן, נאָר זי איז אַזאַ מענטשלעכער אויפטו ווי אַן אַ שיעור אַנדערע אויפטוען אין דער וועלט... נאָך דעם ווי איך בין זיכער געווען דערין, האָב איך מיר געזאָגט; צו וואָס העלפט עס, וואָלט מיר בעסער קיינמאָל אַזאַ געדאַנק ניט געקומען אויפן זינען, וואָלט איך ביזן טויט געבליבן אויסגעשלאָסן פון דער געמיינדע פון יענע גייסטלעכע און פון יענעם פאָלק [יידן]. איך בין דאָך אַ פרעמדער אין יענעם לאַנד און איך האָב קיין מגע ומשא ניט מיט זיי און איך קאָן דאָך אפילו ניט זייער לשון? עס וועט בעסער זיין ווען איך וועל זיך אומקערן אין זייער קהילה און נאָכטאָן זייער ביישפּיל ווי זיי ווילן, און ווי מען זאָגט, זיין אַ מאלפּע צווישן מאַלפּעס. מיט דער הנחה האָב איך מיך צוריקגעקערט אין זייער עדה און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מיינע רייד און האָב אונטערגעשריבן וואָס מען האָט מיך געהייסן. פופצן יאָר זיינען שוין געהאַט פאַרגאַנגען זינט איך האָב זיך פון זיי געהאַט אָפּגעשיידט. מיינס אַ פעטער איז אין אַ געוויסן זין געווען דער פאַרמיטלער ביי דער פאַרשטענדעניש.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך איבער אַ יינגל, מיין שוועסטערן זון, געשטרויכלט געוואָרן ביים צוגרייטן עסן, פון וואָס מען האָט געדרונגען, אַז איך בין קיין ייד ניט. איבער דעם פאַרקלאָגן מיך איז אַנטשטאַנען אַ נייער פאַרביטערטער קריג קעגן מיר. דער פעטער, וואָס האָט, ווי געזאָגט, פאַרמיטלט ביי מיין חוזר בתשובה זיין, האָט געמיינט, אַז מיין אויפפירן קאָן אים נאָך אויפגעוואָרפן ווערן, און אַזוי ווי ער איז געווען זייער שטאָלץ און דערצו נאָך זייער אומוויסנדיק און חוצפּהדיק, האָט ער אויפגערודערט אַן אָפענע מלחמה קעגן מיר. ער האָט געקראָגן מיינע ברידער אויף זיין זייט און האָט קיין זאַך ניט אויסגעמיטן וואָס האָט געקאָנט פירן מען זאָל מיך פולשטענדיק רואינירן, מיין כבוד, מיין פאַרמעגן, וואָס האָט אויך געקאָנט מאכן אַ סוף צו מיין לעבן.

אַרום דעם משפחה־קרייז אַזוי צו זאָגן איז אָנגעגאַנגען אַן עפנטלעכער קריג מצד די רבנים און מצד דעם פאָלק, וואָס האָבן מיך אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן מיט באַנייטער שנאה און זיי זיינען באַגאַנגען

אזויפיל מיאוסקייטן קעגן מיר, אז עס כאַפּט מיר אַזש אָן אַ באַ־רעכטיקטער עקל קעגן זיי.

בינו לבינו איז געשען עפּעס נייס. צופעליק האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט צוויי לייט, איינער אַן איטאַליענער און דער אַנדערער אַ שפּאַניער, — קריסטן פון ניט-יידישן אָפּשטאַם, וואָס זיינען געקו־מען פון לאָנדאָן קיין אַמסטערדאַם. ווען זיי האָבן מיר איבערגעגעבן וועגן זייער מצב, האָבן זיי מיך געפרעגט אַן עצה מכוח מגייר זיין זיך. איך האָב זיי געהייסן זיך אָפּהאַלטן דערפון און פאַרבלייבן וואָס זיי זיינען, ווייל זיי ווייסן ניט וואָס פאַר אַ יאָך זיי וועלן אויף זיך נעמען. גלייכצייטיק האָב איך זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן ניט דער־ציילן די יידן וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט. זיי האָבן מיר דאָס צוגעזאָגט. די מיאוסע נפשות האָבן מיך פאַרראַטן און זיך אויס־געשטעלט אויפן שענדלעכן געווינס צו פאַרדינען דעם דאַנק פון מיינע ליבע פריינד, די פּרושים. באַלד זיינען זיך די פּרנסים צו־זאַמענגעקומען, די רבנים האָבן געברענט פון צאָרן און די צעפלאַ־סטענע מאַסע האָט געשריגן: קרייציקט אים! מ'האָט מיך גערופן צו דעם גרויסן ראַט [בית דין]. מען האָט מיר געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטער, טרויעריקער שטימע, ווי עס וואָלט געגאַנגען וועגן לעבן, וואָס מען האָט קעגן מיר און מען האָט מיר געמאָלדן לסוף, אַז איך מוז, אויב איך בין אַ ייד, זייער פּסק אָננעמען און דערפילן, אויב ניט וועלן זיי מיך מוזן נאָכאַמאָל אַריינלייגן אין חרם אריין... דערנאָך האָט מען פאַרגעלייענט אַ שריפט, וואו עס איז געשטאַנען, אַז איך מוז קומען אין שול אריין אין טרויער קליידער [תכריכים] און מיט אַ שוואַרץ ליכט אין דער האַנט און געוויסע העכסט־באַליידיקנדיקע ווערטער, וואָס זיי וועלן מיך הייסן, וועל איך דאַרפן זאָגן ביי דער אסיפה. דאָרט וועלן אויסגערעכנט ווערן מיינע הימל־שרייענדיקע מעשים, דערנאָך זאָל איך זיך אין שול לאָזן שלאָגן מלקות מיט אַ לעדערנעם קאַנטשיק אָדער מיט אַ שטעקן און נאָכ־דעם זיך אויסציען אויף דער שול-שוועל אַז אַלע זאָלן קאָנען איבער מיר אַריבערשפּרייזן און דערצו נאָך פאַסטן אין באַשטימטע טעג. נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלייענט די שריפט האָט אין מיר אויפגעקאָכט אַ ברענענדיקער צאָרן. איך האָב זיך באַהערשט און

האָב געענטפערט אַז איך קאָן אזוינס ניט דורכפירן. ווי זיי האָבן פאַרנומען מיין ענטפער האָבן זיי באשלאָסן מיך ווידער מחרים צו זיין, און נאָך ניט זייענדיק צופרידן דערמיט, האָבן א סך פון זיי, אויך זייערע קינדער אויף מיר געשפיגן ווען זיי האָבן מיך געטראָפן אויף דער גאַס. זיי האָבן מיך בלויז ניט פאַרשטיינערט, ווייל עס האָט זיי געפעלט דאָס רעכט דאָס צו קאָנען טאָן.

דער שטרייט האָט ווידער געדויערט זיבן יאָר, אַ צייט פון אומגלייבלעכע ליידן פאַר מיר. צוויי פראָנטן האָבן געקעמפט, ווי געזאָגט, קעגן מיר, איינער, דאָס פאָלק און דער צווייטער, די משפחה, וואָס האָבן מיך געוואָלט דערנידעריקן, כדי נקמה צו נעמען פון מיר. זיי האָבן ניט גערוט ביז זיי האָבן מיר דעם באָדן פון די פיס אוועקגענומען...

און עס איז ווירקלעך געקומען דער טאָג... וואָס איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל דערפילן אַלץ, וואָס איר וועט אויף מיר ארויפלייגן...

איך בין אריין אין דער שול, וואָס איז געווען פול מיט מענער און פרויען וואָס זיינען געקומען ווי צו אַ שפּיל. ווי עס איז געקומען די צייט בין איך ארויף אויף דער בימה... און האָב געלייענט מיט אַ שוואַך קול אַ שריפט וואָס זיי האָבן געהאט צוזאַמענגע־שטעלט און וואו עס האָט זיך געפונען מיין תשובה: איך בין ווערט אַ טויזנטפאַכן טויט פאַר דעם וואָס איך בין באַגאַנגען. דהיינו, מחלל שבת געווען, אומגעטריי געווען צו דער אמונה וואָס איך האָב אזוי מחלל געווען, אַז איך האָב אפילו אנדערע אָפּגערעדט זיך מגייר צו זיין. ווי אַ תשובה זאָל איך מיך זיי אונטערוואַרפן און אַלץ דערפילן, וואָס מען לייגט ארויף אויף מיר. אין דער איבעריקער טייל האָב איך צוגעזאָגט מער אַזעלכע נישטיקייטן און פאַרברעכנס ניט צו באַגיין. נאָכן לייענען בין איך אראָפּ פון דער בימה און דער ראש הפרנסים פון דער קהלה איז צוגעקומען צו מיר איינ־צורוימען מיר אין אויער אַז איך זאָל זיך שטעלן אין אַ ווינקל. איך בין אַוועק אין אַ ווינקל און דער שמש האָט געזאָגט אַז איך זאָל אויפדעקן מיין לייב ביזן גאַרטל. ער האָט מיר ארומגעבונדן אַ טוך איבערן קאָפּ, האָט אויסגעטאָן מיר די שיך און איך האָב

אויסגעשטערקט די אָרעמס, מיט וועלכע איך האָב אָנגעהאַלטן א מין זייל. דערויף איז צוגעקומען דער חזן מיט א לעדערנעם קאַנט־שיק און האָט מיר געגעבן די טראַדיציאָנעלע ניין און דרייסיק מלקות... דערנאָך, אז דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, האָב איך מיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד און דער מגיד אָדער חכם (ווי לע־בערלעך זיינען מענטשלעכע מעשים) איז צוגעקומען צו מיר און האָט מיך באַפרייט פונעם חרם און דערמיט געעפנט פאַר מיר די טויערן פון הימל, וואָס זיינען פריער געווען פאַרשלאָסן פאַר מיר מיט די שטאַרקסטע ריגלען און האָבן מיך אויסגעשלאָסן פון דער שוועל פונעם ·אַריינגאַנג. האָב איך ווידער אָנגעטאָן מיינע קליי־דער און בין אוועק צו דער שוועל פון דער שול און מיך דאָרט אוועקגעלייגט און דער שמש האָט אונטערגעהאַלטן מיין קאָפּ. זיינען דעמאָלט אלע אַריבערגעטרעטן איבער מיר... יינגלעך ווי אַלטע (קיין מאָלפּע האָט דעם מענטשן ניט געקענט באַווייזן קיין אויפפיר און זשעסטן וואָס זיינען מער לעכערלעך און אָן געשמאַק). נאָכדעם ווי די זאַך איז געווען פאַרענדיקט און עס איז שוין קיינער מער ניט געווען, האָב איך זיך אויפגעהויבן און דער שמש, וואָס איז לעבן מיר געשטאַנען, האָט מיך אָפּגערייניקט פון שטויב (קיי־נער זאָל ניט זאָגן, אז זיי האָבן מיך ניט באַהאַנדלט מיט דרך ארץ, ווייל כאָטש זיי האָבן מיך אפילו ערשט געשלאָגן מלקות האָבן זיי מיך דאָך באַקלאָגט און אפילו מיר געגלעט דעם קאָפּ) און איך בין אוועק אַהיים...

איין זאַך וואונדערט מיך זייער, ווי קאָנען די דאָזיקע פּרושים, וואָס לעבן צווישן קריסטן, געניסן אַזויפיל פרייהייט אז זיי זאָלן אפילו קאָנען דורכפירן זייערע פּסק דינים. באמת מוז איך זאָגן אז ווען היינט זאָל ישוע הנוצרי, וואָס די קריסטן פאַרערן אזוי, וועלן פריידיקן אין אמסטערדאַם און עס וואָלט זיך פאַרוואָלט די פּרושים אים צו געבן מלקות, ווייל ער באַקעמפט זייער תורה און ער שפּאָט פון איר אָפּ, וואָלטן זיי דאָס געקאָנט טאָן אומגעשטערט. זיכער איז עס א חרפה און עס דאַרף ניט דערלאָזט ווערן אין קיין פרייען שטאָט וואָס רימט זיך אז ער שיצט זיינע איינוואוינער אין פריי־

הייט און אין שלום, און דאָך שיצט ער זיי ניט קעגן דעם אומרעכט פון די פּרושים. און ווען איינער האָט ניט קיין פּאַרטיידיקער און קיין נקמה-נעמער, איז ניט קיין וואונדער וואָס ער פּאַרטיידיקט זיך אליין און ער זוכט אליין נקמה צו נעמען.

דאָ האָט איר די אמתע געשיכטע פון מיין לעבן. און וואָס פאַר אַ ראָלע איך האָב געשפּילט אין דעם נישטיקן וועלט-טעאַטער אין מיין נישטיק און אומרואיק לעבן, האָב איך דאָ איבערגעגעבן. נו, טיילט אויס גערעכטיקייט, איר מענטשנקינדער, און אָן ליידנשאַפט גיט מיר אַרויס אַ יושרדיקן אורטייל. אַזוינס געשעט נאָר מיט מענטשן, וואָס זיינען באמת מענטשן. געפינט איר עפּעס וואָס רופט אַרויס אייער מיטלייד דערמאָלט באַקלאָגט דעם מענטשלעכן גורל וואָס אין אים האָט איר אויך אַ חלק.

זאָל דאָ ניט פעלן מיין נאָמען, וואָס איך האָב געטראָגן ווען איך בין געווען אַ קריסט אין פּאָרטוגאַל, און וואָס איז געווען גאַבריעל אַ קאַסטאַ, און ביי די יידן — הלוואי וואָלט איך קיינמאָל צו זיי ניט געווען געקומען — איז געווען דער נאָמען, מיט אַ קליינער ענדערונג: אוריאל.

33

גזירות ת״ח ות״ט

יון מצולה פון נתן האַנאָווער — אַ כראָניק פון די כמעלניצקי פּאָגראָמען

ר׳ נתן נטע האַנאָווער, דער מחבר פון „יון מצולה״ האָט געשטאַמט פון אַ משפחה, וואָס האָט סוף זעכצנטן יאָרהונדערט איינגעוואַנדערט קיין אוקראַינע פון האַנאָווער, דייטשלאַנד. ער איז געבוירן געוואָרן אין אָסטראָה, וואָלין מסתמא אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן פונעם 17טן יאָרהונדערט. ווען די כמעלניצקי פּאָגראָמען האָבן אויס־געבראָכן איז ער געווען אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר. ר׳ נתן נטע האַנאָווערס פּאָטער איז אוודאי געווען אַ רב, ווייל אונדזער מחבר טיטולירט אים כסדר מוהר״ר. די בילדונג האַנאָווערס איז געווען אַ ברייטע, און ניט נאָר אַן ענג ייִדישע, אויף וואָס ס׳זאָגן עדות זיינע חיבורים. ווי אַזוי אונדזער מחבר מיט זיין פאַמיליע האָט זיך געראַטעוועט (זיין פאָטער איז מסתמא אומגעקומען, ווייל ער טיטולירט אים „הקדוש״) ווייסן מיר ניט, ווייל ער רעדט וועגן זיך גאָרניט. מיר ווייסן נאָר אַז ער האָט זיך צערשט באַוויזן אין דייטשלאַנד און פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין האָלאַנד און פון האָלאַנד קיין איטאַליע, וואו ער איז געווען רב אין ליוואָרנאָ און אין ווענעציע און אַ פירער צווישן די דאָרטיקע מקובלים. פון איטאַליע איז אונדזער מחבר אַוועק קיין וואַלאַכיע (רומעניע) און פון דאָרטן קיין אונגאַריש־בראָד, וואו ער איז געווען דיין און

מגיד. דער וואַנדערנדיקער קראָניקער אונדזוערער איז אינעם יאָר 1685 דעם 14טן יולי אומגעקומען אין דער לעצט דערמאָנטער שטאָט אויף קידוש השם ווען ס'האָט זיך אין אונגאַריש־בראָד, אין דער היץ פון דער מלחמה מיטן טערק, אריינגעריסן א ווילדע באַנדע סאָלדאַטן פונעם אונגאַרישן עמעריק טעקעלי און אויסגעשאָכטן אַלע יידן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין דער שול צו שחרית. צווישן די קדושים איז אויך געווען ר' נתן נטע האַנאָווער. צווישן ר' נתן נטע האַנאָווערס חיבורים געפינט זיך אויך א פויליש־לאַטייניש־דייטש־איטאַליעניש ווערטערבוך „שפה ברורה". „יון מצולה" האָט ער אָנגעשריבן אין 1652 אין ווענעציע.

א. אני הגבר... איך האָב געזען די נויט וואָס גאָט האָט אָנגע־שיקט אין זיין גרימצאָרן אויף זיין פאָלק ישראל, זיין בכור. פון הימל האָט ער צו דער ערד א שליידער געטאָן די שיינע מדינה פוילן, ער האָט אָן רחמנות פאַרלענדט די געצעלטן פון יעקב...

און ס'איז געווען אין יאָר ת"ח לפ"ק אין זעכצנטן יאָר פון וולאַדיסלאַווס [IV] מלוכה, האָט געלעבט אין דער שטאָט טשיהירין דער קאָזאַק חמי"ל ימח שמו, אַזוי האָט ער געהייסן אין רייסיש, און אין פויליש האָט מען אים גערופן חמילעצקי [כמעלניצקי] ימח שמו, און ער איז געווען א סאָטניק, א הונדערט־פירער, ביי די קאָזאַקן און א גרויסער עושר ביז גאָר אין שאָף און רינדער און אַנדערע בהמות. און ער איז געווען א חכם אויף שלעכטס צו טאָן, קאָפּאַבל אויף אַלערליי שפּיצלעך און א העלדישער שטרייטער אין דער מלחמה. געוואוינט האָט ער אין דער שטאָט טשיהירין, וואָס געפינט זיך אין רשות פון דעם שר איבערן פוילישן חייל קאָניעצפּאָלסקי. און דער דאָזיקער שר האָט גוט געקאָנט דעם פאַרשוין חמיל און זיין טבע צו רעדן גלאַטע און ווייכע רייד, בעת דאָס הארץ פאַר־טראַכט זיבן נבלות, ווי דער שטייגער איז פון אַלע יוונים, וואָס ווייזן זיך אויס ווי גוטע פריינד פאַר יידן, זאָגן זיי שיינע און גוטע טרייסט־ווערטער, פאַרפירן מיט ווייכע רייד, נאַרן אָפּ מיט זייער

מויל, לייגן מיט דער צונג, ווארים מיט זייער הארץ איז מען קיינ־מאל ניט זיכער און אויף זייער צוזאג און חברשאפט טאר מען זיך ניט פארלאזן...

און בעת עס איז געקומען די צייט פארן שר [קאניעצפאלסקי] צו שטארבן, האט ער גערופן זיין זון און אים געלאזט א צוואה איבער פארשיידענע תכסיסי מלחמה, ווארעם זיין זון איז דעמאלט געווען א כאראנזשי, דאס מיינט מען א פאנען־טרעגער פארן מלך אין דער מלחמה, און דערפאר טאקע האט מען אים גערופן כאראנזשי ביזן היינטיקן טאג. אויך האט ער אים באפוילן וועגן חמיל ימח שמו: „דו ווייסט דאך — האט ער אים געזאגט — דעם פארשוין חמיל און זיינע מעשים, זע זשע, געפין אים אויף אים עפעס א בילבול און לאז אים צונעמען פון דער וועלט"...

און אין א שיינעם טאג זיינען זיך געזעסן קאזאקן — חמיל ימח שמו מיט זיינע גוטע פריינט — און האבן געהוליעט ביי דעם יידן הנ"ל, דעם תקיף פון שטאט, און האבן זיך טרינקענדיק אנגע־שיכורט. דער וויין אריין און דער סוד ארויס. וואס ביי א ניכטערן אויפן לונג, איז ביי א שיכורן אויפן צונג. און חמיל ימח שמו האט דערציילט פאר זיינע פריינט, ווי ער האט נקמה גענומען פונעם שר [האט זיך פארשטענדיקט מיט די טאטערן אנצופאלן אויף די פאליאקן], ווייל ער האט אים געגזלט די בהמות, און ווי די גאנצע מעשה איז זיך פארלאפן. און דער ייד הנ"ל איז זיך געזעסן ביי א צווייטן טיש, פארנומען מיט זיינע חשבונות, און האט די מעשה דערהערט און דערנאך זי אנטפלעקט פארן שר. האט דער שר גענו־מען חמילן ימח שמו און אריינגעזעצט אים אין תפיסה... בעת זיינע חברים די הונדערט־פירערס זיינען געקומען אים מבקר זיין אין תפיסה, האט ער זיי געזאגט: „ביז וואנען וועט איר שווייגן? זייט וויסן, אז די פוילישע אומה שטארקט זיך וואס פון טאג און פארשקלאפט אונדז מיט שווערער פראצע, וואס ווייטער אלץ מער. און ניט גענוג וואס די פוילישע הארן געוועלטיקן איבער אונדז אפילו די דאזיקע אומה, וואס איז מער געפאלן פון אלע אנדערע אומות [יידן], האט אויך איבער אונדז די דעה. היינט טוט מען מיט מיר דאס, וואס איר זעט, און מארגן וועט מען טאן דאס אייגענע

מיט אייך. און דערנאָך, אז מען וועט פאַרענדיקן מיט אונדז אלע־מען, וועט מען מיט אונדזער פאָלק גראָבן די ערד אזוי ווי מען אַקערט די פעלדער מיט אָקסן. בכן, ווען איר ווילט אויסהערן מיין עצה, גייט צום טויזנט־פירער און בעט ביי אים, ער זאָל מיך אָפּלאָזן אויף אייערע ערבות צו דער שמחה, וואָס איר מאכט מאָרגן, און אין דער נאַכט וועלן מיר אלע אינאיינעם אַנטלויפן צום שוואַרצן ים און דאָרטן זיך אַן עצה האַלטן, וואָס צו טאָן קעגן פוילן". און אזוי האָבן טאַקע די הונדערט־פירער געטאָן... און האָבן געשיקט בריוו אין אלע ערטער וואו יוונים וואוינען און געבעטן, אז מען זאָל קומען אהין צו זיי. און פון די ערטער איז מען טאַקע געקומען צו זיי, א פולע ליידאַקעס, און סע האָט זיך צענויפגעקליבן אַן ערך צוואַנציק טויזנט מאַן... און דער אָנהייב פון דער מרידה איז געוועזן פאַר פורים ת"ח לפ"ק. און חמיל מיט זיין חייל האָט זיך פאַרקליבן לעבן שוואַרצן ים, כדי זיך מיישב צו זיין, און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָלק... פאָלגט מיין עצה: לאָמיר שלום מאַכן מיט אונדזערע שונאים, מיט די טאָטערן, לאָמיר ביידע אינאיינעם מלחמה פירן קעגן די פּאָליאַקן. און די יוונים האָבן געענטפערט: זאָל זיין ווי דו זאָגסט. איז געגאַנגען חמיל ימח שמו מיט זיין גאַנץ חייל צום מלך פון די טאָטערן און האָט געמאכט מיט אים שלום און אָפּגערעדט אַנצופאַלן ביידע אינאיינעם אויף דער פוילישער מדינה. אויך זיינען זיי אפריער מוסכם געוואָרן צווישן זיך וועגן דעם זאַק רויב פון דער מלחמה: די געפאַנגענע מענטשן און אַפּגענומענע בהמות געהער צו די טאָטערן און די קאָזאַקן נעמען פאַר זיך דאָס גאָלד און זילבער און די קליידער...

דעם ערשטן טאָג שבועות האָבן יידן פון דער זייט דניעפּער דערהערט וועגן די דאָזיקע צוויי געשעענישן [אז דער קיניג וולאַדיסלאַוו איז געשטאָרבן און אז די טאָטערן און אוקראַאינער האָבן צעשלאָגן דאָס פוילישע חייל און גענומען עטלעכע פּריצים געפאַנגען] און זיינען אום שבועות טאַקע אַנטלאָפן, ניט געשאָנעוועט זייער גאָלד און זילבער, אַבי נאָר צו ראַטעווען די נשמה. גאָר דער קאַנט, וואָס ארום דער קהילה קדושה אסטראהא מיט אלע קהילות וואָס האָבן א שייכות צו אים, ווי א שטייגער ביאַלאָצערקאָוו און

ק״ק פאוואלאטש און ק״ק טשודנאוו און ק״ק ליובארטאוו און אלע קהילות, וואס שפארן זיך אן אויף זיי — אלע זיינען זיי אנטלאפן: א טייל פון זיי קיין פאלאנע, א טייל קיין זאסלאוו און א טייל אין דער הויפטשטאט אסטראה, א טייל ווידער קיין ק״ק קאנסטאנטין, ווארעם אלע דאזיקע שטעט זיינען געווען שטארק באפעסטיקטע פונקטן.

און דער קאנט ארום לוואו, וואס אין דער רייסישער מדינה און אלע קהילות, וואס האבן א שייכות צו אים, ווי א שטייגער די סביבה פון דער קהילה קדושה נעמיראוו, איז געלאפן קיין נעמיראוו, און די סביבה פון דער קהילה קדושה טולטשין איז געלאפן קיין טולטשין, און די סביבה פון די קהילה קדושה באר, ווי א שטייגער וויניצע, שאריגאראד און ק״ק קארשון מיט אלע נאענטע קהילות זיינען אלע געלאפן קיין באר. און ווער ס׳איז פארבליבן אדער ניט געקאנט אנטלויפן, איז ביי יענעם זיין בלוט פארגאסן געווארן. און אפילו קהילות פון יענער זייט דניעפער, וואס זיינען געווען נאענט צום שלאכט, ווי א שטייגער ק״ק פערעיאסלעוו, ק״ק בארשפאל, ק״ק פיריאטין, ק״ק לובען און ק״ק לאכוויץ מיט די קלענערע קהילות, וואס האבן ניט געקאנט אנטלויפן, זיינען מיט מיתות משונות גע־הרגעט געווארן אויף קידוש השם, ביי א טייל האט מען די הויט פונעם לייב אראפגעצויגן און זייער פלייש פאר די הינט געווארפן, ביי אנדערע ווידער האט מען די הענט און די פיס אפגעהאקט און דערנאך די לייבער אויפן שליאך געווארפן און מיט פערד און וואגן איבער זיי געטראטן. א טייל ווידער האט מען געמאכט א פולע וואונדן, נאר מיט אזוינע מסוכנע אויף צו שטארבן דערפון, און מען פלעגט זיי ארויסווארפן אויף דער גאס, וואו זיי האבן זיך געצאפלט אין זייער בלוט, ביז די נשמה איז ארויס. אפולע זיינען באגראבן געווארן לעבעדיקערהייט. קינדער האט מען צעריסן ווי פיש און געשטאכן אין שוים פון דער מוטער...

פון יענער זייט דניעפער זיינען געהרגעט געווארן אפולע טויזנ־טער יידן, און עטלעכע הונדערט יידן זיינען געגייט געווארן צו בייטן זייער גלויבן, ספר־תורות האט מען צעריסן אויף שטיקער און געמאכט פון זיי זעק און שוכווארג, און מיט די רצועות פון תפילין פלעגן זיי

זיך די פּיס ארומבינדן, און אין די גאַסן פלעגן זיך וואַלגערן תפילין און מיט אנדערע הייליקע ספרים פלעגן זיי די גאַסן אויסדעקן און א טייל האָבן זיי פאַרנוצט אויף צו פאַרשטאָפּן מיט זיי די ביקסן: ווער ס׳האָט פון זייערע מעשים געהערט ביי יענעם האָט אין די אויערן געקלונגען...

די גזירה פון דער קהילה קדושה נעמיראָוו

און דער צורר חמיל ימח שמו האָט דערהערט, אז א פולע יידן האָבן זיך פאַרקליבן אין נעמיראָוו און האָבן ביי זיך א סך גאָלד און זילבער, אחוץ דעם, וואָס נעמיראָוו אליין איז געווען זייער רייך, א גרויסע און חשובע קהילה, פול מיט חכמים און סופרים, אן אָרט פון גערעכטיקע דינים — און אצינד א בית עולם פאַר גע־הרגעטע. בכן האָט חמיל ימח שמו געשיקט א קאָזאַקן־פירער, א צורר היהודים, אנטקעגן דער שטאָט, אן ערך זעקס הונדערט שטריי־טער, און האָט אויך געשריבן צו די שטאָטלייט, אז זיי זאָלן קומען העלפן. און די שטאָטלייט האָבן שוין אפריער אָפּגערעדט זיי צו העלפן מיט אלע כוחות, ניט אזוי פון וועגן דער ליבשאפט צו די קאָזאקן, ווי פון וועגן זייער שנאה צו די יידן. און ס׳איז געווען אום מיטוואָך, דעם צוואַנציקסטן סיוון, האָבן זיך די קאָזאקן דער־נעענטערט צו דער שטאָט נעמיראָוו, און וויבאַלד נאָר נעמיראָווער יידן האָבן דערזען דאָס חייל פון דערווייטנס, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרן, נאָר זיי האָבן נאָך אלץ ניט געוואוסט צי דאָס איז א פוילישע צי א קאָזאַקיש חייל. פונדעסטוועגן האָבן זיך אלע יידן מיט ווייבער און קינדער, מיט זייער גאָלד און זילבער פאַרקליבן אין דער ציטאדעל־פעסטונג פון שטאָט, פאַרשלאָסן און פאַרריגלט די טירן און זיך געגרייט צו האַלטן מלחמה. וואָס־זשע האָבן געטאָן די רשעים, די קאָזאקן? זיי האָבן ארויסגעשטעלט פוילישע פאָנען, כדי אויסצומעקן דעם חילוק צווישן זיך און די פאָליאקן. און די שטאָט־לייט האָבן געוואוסט וועגן דער דאָזיקער פאַלשקייט און האָבן גע־זאָגט צו די יידן, וואָס אין פעסטונג: עפנט דעם טויער, וואָרעם דאָס איז דאָס פוילישע חייל, וואָס איז געקומען אהער, בכדי אייך

אַרויסצוראַטעווען פון די הענט פון אייערע שונאים, אויב זיי וועלן נאָר קומען. און די יידן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך אויפן מויער, האָבן דערזען די פוילישע פאָנען און ביי זיך געטראַכט, אַז די שטאָטלייט זיינען באמת געראַטעוועט, און האָבן תיכף געעפנט דאָס טויער, און אָט איז שוין דאָס טויער געשטאַנען אָפן און די קאָזאַקן זיינען אַריין מיט די שווערדן אין די הענט און מיט זיי די שטאָטלייט, באַוואָפנט מיט שווערדן און שפּיזן, מיט מעסערס און אַקעראייזנס, און אַ טייל מיט שטעקנס, און האָבן געמאַכט צווישן די יידן אַ גרויסע שחיטה... טייל פרויען און מיידלעך זיינען אַראָפּגעשפּרונגען אין וואַסער, וואָס אַרום פעסטונג-גראָבן, כדי די ערלים זאָלן זיי קיין שלעכטס ניט טאָן, און זיינען דאָרטן דערטרונקען געוואָרן, און אויך אַפּולע מאַנסביל, וואָס האָבן געקאָנט שווימען, זיינען אַראָפּגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין, מיינענדיק, אַז זיי וועלן זיך דערמיט ראַטעווען פון דער שחיטה, נאָר די קאָזאַקן זיינען זיי נאָכגעשוואומען און האָבן מיט די שווערדן געקוילעט די שווימענדיקע, און אַ טייל פלעגן שיסן מיט די ביקסן אין וואַסער אַריין, אַזוי, אַז דאָס וואַסער איז רויט געוואָרן פון בלוט פון די דערהרגעטע...

מעשות וועגן צוויי פרויען

און ס'איז זיך פאַרלאָפן אַ מעשה מיט אַ שיין מיידל, אַ מיוחסת און אַ גבירטע, האָט אַ קאָזאַק זי גענומען אין געפאַנגעניש און חתונה געהאַט מיט איר... האָט זי געזאָגט צו אים מיט גענאַר: איך האָב אַזאַ סגולה, אַז קיין כלי-זיין קאָן מיך ניט מזיקן. אויב דו ווילסט, קאָנסטו דאָס אויספּרואוון: שיס אויס אין מיר פון אַ ביקס און איך וועל בלייבן לעבן. און דער קאָזאַק, איר מאַן, האָט געגלייבט אין אירע רייד און האָט, ניט מיינענדיק קיין בייז, אויסגעשאָסן: און די פרוי איז געפאַלן אַ טויטע אויף קידוש השם, כדי דער גוי זאָל זי ניט פאַראומריינִיקן. דער אייבערשטער וועט פאַר איר בלוט נקמה נעמען. און ווידער איז זיך אַ מעשה פאַרלאָפן מיט איינער אַ יפת תואר, וואָס אַ קאָזאַק האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, האָט זי געבעטן, אַז ער זאָל זי מקדש זיין אין קלויסטער,

וואָס הינטערן בריק. און ער האָט געטאָן, ווי זי האָט געוואָלט, און האָט זי געפירט אַהין אויף קדושין אין שיינע קליידער, מיט פויקן און מיט טענץ. און באַלד ווי זיי זיינען געקומען אויפן בריק, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען אין וואַסער אריין און איז דערטרונקען געוואָרן אויף קידוש השם. גאָט וועט פאַר איר בלוט נקמה נעמען. און אַזעלכע פרויען זיינען געווען אַפולע, און ס'איז ניט מעגלעך אַלצדינג אויסצושרייבן...

די גזירה פון דער קהילה קדושה טולטשין

און ס'איז געשען נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעטאָן אין נעמיראָוו אַלדאָס בייז, לויט זייער האַרץ־געלוסט, זיינען זיך צענויפגעקומען די ליידאַקעס אין אַ גרויסער צאָל, אַן ערך צען טויזנט מאַן, און זייער פירער איז געווען דער צורר היהודים קריוואָנאָס, ימח שמו וזכרו. און זיי זיינען אַוועק צו דער קהילה קדושה טולטשין, וואָרעם דאָרטן אין פעסטונג זיינען געווען אַ זעקס הונדערט העלדישע שטרייטער פון די פוילישע שררות און אויך האָבן זיך אַהין פאַרקליבן אַן ערך צוויי טויזנט יידן און צווישן זיי זיינען געווען מוטיקע שטרייטער, געניטע אין פירן מלחמה. די יידן און די פוילישע שררות האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט צו העלפן איינער דעם אַנדערן און מלחמה האַלטן קעגן זייערע שונאים, און האָבן געגעבן אַ שבועה ניט צו פעלשן איינער דעם אַנדערן און זיי האָבן פאַרשטאַרקט די פעסטונג ביז גאָר. יידן זיינען אַרום באַוואָפנטע מיט כלערליי כלי־זיין. און אויפן מויער זיינען געשטאַנען יידן און פוילישע שררות און ווי־באַלד נאָך די יוונים פלעגן זיך דערנעענטערן צו דער פעסטונג, פלעגט מען פון מויער אַראָפּשיסן אויף זיי מיט פיילן און ביקסן און הרגנען אַפולע פון די יוונים און די יוונים זיינען אַנטלאָפן פון די יידן, און יידן האָבן זיך געשטאַרקט און האָבן זיי נאָכגעיאָגט און געהרגעט פון זיי עטלעכע הונדערט מאַן. זיינען זיך די יוונים נאָכאַמאָל צונויפגעקומען אינאיינעם, אַלע פויערים פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך, אַ המון פון צענדליקער טויזנטער מיט ברעכ־אייזנס אויף איינצווואַרפן די מויער... די קאָזאַקן האָבן זיך אַרום־

געזען, אז סע געדויערט צו־לאַנג, האָבן זיי בייזיך אָפּגעמאַכט שיקן שלום־בריוו צו די פּוילישע שררות אין פעסטונג אריין און זיי פאָרלייגן פארענדיקן דעם שטרייט בתנאי, אז זיי זאָלן ארויסגעבן אַלע יידן, ווי אַן אויסלייז פאַר זייער לעבן. און אַזוי האָבן זיי געטאָן. די פּוילישע שררות האָבן תיכּף מסכים געווען און האָבן דורך איינעם פון די יידן געלאָזט אָפּנעמען ביי זיי די כּלי־זיין און צונויפ־קלייבן אויף איין אָרט. יידן האָבן פאַרשטאַנען די פאַלשקייט פון די פּאָליאַקן און תחילת געוואָלט זיי אלעמען אויסהרגענען, וואָרעם זיי [די פּאָליאַקן] האָבן זייער אָפּמאַך ניט געהאַלטן. האָט דער ראש ישיבה פון ק"ק טולטשין מוהר"ר אהרון אָנגעשריען אויף די יידן און אַזוי געזאָגט צו זיי: „הערט, ברידער, און געדענקט, אַז מיר זיינען אין גלות ביי די פעלקער, ווען איר וועט אייער האַנט אויפהייבן קעגן פּוילישע שררות, וועלן די מלכי־אדום נאָך, חלילה וחס, נקמה נעמען פון אַלע אונדזערע ברידער אין גלות. לאָמיר מקבל זיין אין פריידן אונדזער שטראָף... דענסטמאָל האָבן די פּוילישע שררות ארויסגעשטופּט די יידן פון דער פעסטונג, בכדי זיי זאָלן זיך ניט אָנצינדן פון זייער בראַנד. און די יידן זיינען ארויס פון דער פעסטונג דערשלאָגענע און מיט א צעבראָכן הארץ, און די קאָזאַקן האָבן זיי פאַרשפּאַרט אין א גאָרטן, פאַרשלאָסן פון אַלע זייטן, כדי זיי זאָלן ניט קענען אַנטלויפן... און נאָך די דאָזיקע געשעענישן איז געקומען צו זיי א פאַרמיטלער פון די קאָזאַקן, האָט אריינגעשטעלט א פאָן אין דער ערד און געזאָגט צו זיי אויפן קול: „ווער סע וויל בייטן זיין גלויבן, זאָל קומען און זיך זעצן אונטער דער דאָזיקער פאָן, ער וועט בלייבן לעבן". און קיינער האָט אים מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט. און די אייגענע ווערטער האָט ער אויסגעשריען דריי מאָל נאָכאַנאַנד, נאָר קיינער האָט אים ניט געענטפערט. האָט ער תיכּף געעפנט דאָס טויער פון גאָרטן און די קאָזאַקן זיינען אריין מיט גרימצאָרן און האָבן אויסגעשאָכטן אַן ערך טויזנט פינף הונדערט נפשות מיט אַלע מיתות משונות, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נאָר... און נאָך דער שחיטה, וואָס זיי האָבן געמאַכט צווישן יידן, זיינען זיי געגאַנגען אונטער דער פעסטונג בכדי מלחמה צו האַלטן און זי איינצונעמען. האָבן די פּוילישע

שררות צו זיי געזאָגט: איר זייט דאָך מיט אונדז אריין אין אַן אָפּמאַך, טאָ וואָס זשע ווילט איר אים אַצינדער ניט איינהאַלטן? און די קאָזאַקן האָבן אָפּגעענטפערט די פּוילישע שררות: „אַזוי ווי איר האָט אייער אָפּמאַך ניט איינגעהאַלטן מיט די יידן, פּונקט אַזוי וועלן מיר טאָן מיט אייך און אייך באַצאָלן מידה כנגד מידה״. האָט מען פון טויער אָנגעהויבן שיסן אויף זיי, האָבן זיך די קאָזאַקן געקליגט און אונטערגעצונדן די פעסטונג און געמאַכט אַ שחיטה צווישן די פּוילישע שררות און צעראַבירט זייער האָב און גוטס.

איך מיט מיין הויזגעזינד, מיט מיין שווער כה״ר אברהם פון זאסלאוו מיט זיין הויזגעזינד און זיינע קרובים, זיינען מיר אלע אַנטלאָפן קיין מעזעריטש...

יידן שטעלן זיך אַנטקעגן

און אין דער באַפעסטיקטער שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אין די קהילות קדושות יאזלוויץ, בוטשאַט, קאַמאַרני, בעלז, סאָקאָל און קלויסטער, האָבן דאָרטן די פּריצים צוזאַמען מיט די יידן אינעם קלויסטער זיך געשטעלט אַנטקעגן. און מען האָט אַראָפּגעשאָסן אויף זיי [די יונים] פון האַרמאַטן און אויסגעהרגעט אַפילו לײדאַ־קעס און קיין איינציקער פון די אויסגערעכנטע פעסטונגען האָבן די לײדאַקעס ניט געקאָנט איינגעמען און זיי זיינען אַוועק פון דאָרטן מיט חרפה און מיט בושה, מען האָט אפילו מיט קיין געלט ניט געוואָלט דורכקומען מיט זיי און מען האָט זיי גאָרנישט ניט געגעבן. אָבער אַ מגפה און אַ הונגער זיינען געווען אין אלע די דאָזיקע שטעט און אפילו טויזנטער יידן זיינען אויסגעשטאָרבן...

און צווישן די יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן אויף יענער זייט ווייסל, איז ארומגעגאַנגען אַ קרענק אין אלע ערטער, וואו זיי האָבן געוואוינט, און זיי פלעגן וואַרפן זייערע מתים אינמיטן נאַכט אויפן בית־עלמין, כדי די גויים זאָלן ניט דערשפּירן און זאָלן זיך ניט פרייען, בעת זיי וועלן דערזען אַ קבר. און די מתים זיינען געווען משונהדיקע, פון אַ קרענק, וואָס מען רופט זי חו״ם וואָס שטאַמט פון מאַטערנישן אין וועג און פון בהלה. און אפולע אָרעמעלייט,

וואָס די גויים האָבן ניט אריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב, זיינען גע־שלאָפן אין די גאסן און געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. איינער האָט דעם אנדערן ניט געהאָלפן, א פאָטער האָט קיין רחמנות ניט געהאט אויפן זון, און פון דער קרענק זיינען אויסגעשטאָרבן מער ווי הונדערט טויזנט נפשות, זאָל אונדז גאָט באַהיטן און באַשיצן...

כ׳ סיוון אַ תענית ציבור

און מען האָט מתקן געווען א תענית ציבור פאר דער גאַרער מדינה פוילן דעם צוואנציקסטן טאָג אין חודש סיוון אויף אייביקע צייטן. דעם אייגענעם טאָג, ווען ס׳איז געווען די שחיטה פון נעמי־ראָוו, ווי ס׳איז באַוואוסט, אַז זי איז געווען די ערשטע קהילה, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש־השם. איר זכות זאָל אונדז ביישטיין און דער אייבערשטער זאָל נקמה נעמען פאר זייער בלוט...

געפאַנגענע און פליטים אין פרעמדע לענדער

אין איטלעכן אָרט וואוהין זיי זיינען נאָר געקומען צווישן אחינו בני ישראל, האָט מען זיי גרויסע טובות געטאָן. קודם כל האָט מען געהאָלפן אונדזערע ברידער, וואָס זיינען געווען אין געפענגעניש ביי די טאָטערן. האָבן זיי די טאָטערן אָפגעפירט קיין קאָנסטאנטינאָפאָל, וואָס איז געווען אַ גרויסע, חשובע שטאָט בישראל, און אין דער שיינער באַרימטער שטאָט סאלאָניקי און אין אַנדערע מדינות און תפוצות ישראל — האָט מען זיי אויסגעלייזט פאר גוט געלד. און ביז צום היינטיקן טאָג [1653] האָט מען דאַרטן ניט אָפגעלאָזט די הענט און מען לייזט אוים אַלע געפאַנגענע, וואָס מען ברענגט זיי יעדן טאָג. זאָל זיי דער אייבערשטער געבן זייער געצאָלט. און אַלע אַנטרונענע פון דעם שונאס שווערד, וואָס זיינען אַוועק קיין מערן, צי עסטרייך, צי בעמען, אין דייטשלאַנד און איטאַליע, האָט מען זיי אומעטום פריינטלעך אויפגענומען, געגעבן עסן און טרינקען און געלעגער מיט מלבושים און אַ פולע מתנות, איטלעכן לויט זיין חשיבות,

און מען האָט זיי געטאָן אַ פולע אַנדערע טובות. און מער פון אַלע־מען האָט מען געטאָן אין דייטשלאַנד, מער וויפיל זיי האָבן געקאָנט.

ב.

אַ פאָלקסטימלעך ליד וועגן דער קאָזאַקן שחיטה אין יאָר 1648

ווער פון אונדז, יידישע קינדער,
ווייסט נישט פון די קאָזאַקן מלחמות ?
ווער פון אונדז אַ יעדער באַזונדער
ווייסט נישט פון די היידאַמאַקן נקמות ?

דענסטמאָל אין דער ביטערער צייט
שטייט אין באר קריוונא [קריוואָנאָס] דער קאָזאַקן־העלד,
לעבן אים ליסענקא מיט די גוטע לייט,
און אַ צלם האָבן זיי אַנידערגעשטעלט.

פאַרחושכט, מיט צעבראָכענע גלידער,
פון אַ וויסטן גרוב, אַ פינצטערע נעסט,
פירט מען אונדזערע אומגליקלעכע ברידער,
און קריוונא האָט זיי מיט די דיבורים געטרייסט :

„כ׳האָב שוין געשמועסט מיט אייערע ראשים און גבירים״
רופט ער זיך אָן און טוט דערביי אַ לאַך.
„אַצינד זאָג איך אייך מיינע לעצטע דיבורים
פאַר מיינע לייט און פאַר אייך.

„גענוג האָט איר און אייער ווייב און קינד
געליטן פיל צרות, הונגער, דאָרשט און קעלט, —
בוקט זיך צום צלם און זייט נישט בלינד,
וועט איר לעבן גליקלעך אויף דער וועלט !״.

„שטום דו, רשע, און רעד נישט מער אַ וואָרט!"
האָבן אַלע יידן געענטפערט אַזוי:
„טייט אונדז בעסער דאָ אויפן אָרט,
אָבער בייטן אונדזער אמונה — לאָ, לאָ!

„אונדזער אמונה שיינט ווי די זון,
ס'וועט דיר, רשע, גאָר נישט געראָטן,
קיין אַנדער אמונה נעמען מיר ניט אין זין,
מעגסט אונדז האַקן און ברענען און בראָטן!"

באַלד האָט מען געזען אַ שרעקלעך בילד,
אויף קידוש השם זיינען זיי אַלע געשטאָרבן.
דאָס אָרט איז געבליבן פּוסט און ווילד,
פול מיטביינער פונעם יידישן קרבן.

34

שבתי צבי

1626—1676

שבתי צבי, דער פֿאַלשער משיח, וואָס האָט אויפֿגע־רודערט די גאַנצע יידישע וועלט, ווי קיינער פֿון די משיחישע פּרעטענדענטן פֿאַר אים, אָדער נאָך אים, איז ניט פֿון די היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס מיר ווייסן וועגן זיי ווייניק. וועגן שבתי צבי ווייסן מיר זייער אַ סך, נאָר די מערסטע היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן אים זיינען אָדער פֿון זייער הייסע אָנהענגער אָדער פֿון זייער שאַרפֿע קעגנער זיינע. ווען עס קומט ווידער צו ניט יידישע דאָקומענטן, שטאַמען זיי דאָס רוב פֿון מענטשן, וואָס זיינען געווען זייער אויבנאויפֿיק אינפֿאָרמירט וועגן דעם גאַנצן ענין און האָבן אָפֿט פֿאַרדרייט פֿאַקטן און געשעענישן.

סער פּאול ריקאוט (1628—1700), וואָס איז פֿון 1661 ביז 1667 געווען סעקרעטאַר פֿון דער ענגלישער אַמ־באַסאַדע ביים אָטאָמאַנישן הויף און פֿון 1667 ביז 1668 קאָנסול אין סמירנע, שבתי צבים געבורטשטאָט, איז איינער פֿון די אומפּאַרטייאישסטע און אינפֿאָרמירטסטע מענטשן פֿון יענער שטורעמדיקער צייט.

ריקאוט האָט אויספֿירלעך באַשריבן דעם גאַנצן ענין, פֿאַרשריבן אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און וואָס ער האָט אויסגעפֿונען ביי חשובֿע יידן און ניט יידן. דאָס אַלץ האָט ער צוערשט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ פּאַמפֿלעט און שפּעטערצו דאָס איינגעשלאָסן אין זיין „געשיכטע פֿון טערקיי״, וואָס איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט געוואָרן און האָט אויסגעהאַלטן אַ סך אויפֿלאַגעס.

מיר וועלן אָנהייבן דאָס היינטיקע יאָר מיט די מאָדנע קלאַנגען און מיט דער סומאטאָכע ביי די יידן וועגן שבתי צבי, זייער כלומרשטיקן משיח... לויט די נביאותן פון עטלעכע קריסטלעכע שרייבער, בפרט פון די וואָס פאַרנעמען זיך מיט קאָמענטירן אויפן אפּאָקאליפּס האָט דאָס יאָר 1666 געזאָלט זיין אַ יאָר פון מופתים און מאָדנע מהומות אין דער וועלט בכלל, און באַזונדערס האָט דאָס יאָר געזאָלט ברענגען אַ ברכה פאַר די יידן אין שייכות מיט זייער באַקערונג צום קריסטנטום, אָדער אין שייכות מיט דער רעסטאַווראַציע פון זייער מלוכה. דער קלאַנג איז אַזוי געווען פאַרשפּרייט און אָנגענומען אין פּראָטעסטאַנטישע לענדער... אַז ס'האָבן זיך אַרומגעטראָגן מאָדנע ידיעות וועגן וואַנדערונגען פון מחנות מענטשן פון אומבאַקאַנטע פּלעצער אין די פאַרוואָרפנסטע מדבריות פון אַראַביע, וואָס האָבן געדאַרפט זיין די צען און אַ האַלב פאַרלוירענע שבטים וואָס זיינען פאַרשוואונדן שוין זינט הונדערטער יאָרן; וועגן אַ שיף וואָס מען האָט געזען אַרום די צפון ברעגעס פון שאָטלאַנד, אַ שיף מיט אַ פאָן און זעגלען פון זייד, געפירט פון מאַטראָזן וואָס האָבן גערעדט בלויז העברעאיש און אויף זייערע זעגלען איז געווען די אויפשריפט: „די צוועלף שבטים פון ישראל". די קלאַנגען, וואָס האָבן כמעט געשטימט מיט די פריערדיקע, האָבן דעם לייכטגלייביקן עולם פון דער וועלט אַריינגעבראַכט אין אַ דערוואַרטונג, אַז דאָס יאָר וועט ברענגען מאָדנע געשעענישן, בפרט אין שייכות מיט דער יידישער מלוכה.

אין אַזאַ מצב האָבן זיך געפונען מיליאָנען מענטשן ווען שבתי צבי האָט זיך באַוויזן אין סמירנע און האָט זיך דערקלערט פאַרן יידישן משיח. ער האָט נביאות געזאָגט וועגן דער גרויסקייט פון דער קומענדיקער מלוכה און ווי אַזוי גאָט וועט זיי [די יידן] באַפרייען פון דער קנעכטשאַפט און זיי אויפזאַמלען פון אַלע עקן וועלט. עס איז געווען מאָדנע צו זען ווי זיין איינרעדעניש האָט געווירקט און ווי שנעל עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן בכל תפוצות ישראל די נייס וועגן שבתי צבי און זיינע מעשים. אַזוי שטאַרק זיינען יידן איינגעגלייבט געוואָרן אין דער נייער מלוכה און אין [דער קומענדיקער]

עשירות, אַז אַ סך פון זיי האָבן אין פאַרשידענע מקומות, פון קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל ביז בודא, פאַרלאָזן מלוכה שטעלעס, כבוד און אַנזען.

איך האָב באַמערקט אַז די יידן זיינען געווען אין אַן אויסטערלישן ווירוואַר און קיינער פון זיי האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט קיין מסחר, אַחוץ מיט אויספירן פריערדיקע קאָנטראַקטן און צוגרייטן זיך און זייערע משפחות צו דער נסיעה קיין ירושלים. אַלע זייערע שמועסן, חלומות און דאָס באַפרייען זיך פון זייערע געשעפטן האָבן ניט געהאַט קיין אַנדערן צוועק ווי צו דערגרייכן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד און צוזען די גרויסקייט, גלאָריע, חכמה און לערע פון משיחן, וואָס וועגן זיין אָפּ־שטאַם, געבוירן און דערציאונג דאַרפן מיר ערשט איצט דערציילן.

שבתי צבי איז געווען דער זון פון מרדכי צבי, אַ תושב און אַ געבירטיקער פון סמירנע. ער [מרדכי] האָט געצויגן חיונה דערפון וואָס ער איז דאָרט געווען אַ מעקלער פאַר אַן ענגלישן סוחר. פאַר זיין טויט האָט ער געליטן פון אַן אָנטצינדונג אין די געלענקען און פון אַנדערע קראַנקהייטן וואָס האָבן אים אָפּגעשוואַכט קערפּערלעך. זיין זון שבתי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען און איז געוואָרן שטאַרק באַהאַוונט אין דער העברעאישער און אַראַבישער שפּראַך, אין דער תורה און אין דער קבלה, און ער איז געווען אַזאַ פּעאיקער אויסטייטשער, אַז ער האָט געשאַפן אַ שיטה און צוגעצויגן אַזויפיל אָנהענגער, אַז דאָס האָט איינמאָל געבראַכט צו אַ טומל אין דער שול, און די חכמים [רבנים] האָבן אים דערפאַר אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט...

און איצט ווען ער איז געווען פריי פון פאַמיליע זאָרגן [שבתי צבי האָט געהאַט אָפּגעגט זיין צווייטע פרוי] האָט אים זיין וואַנדערנדיקער קאָפּ געפירט דורך מארעא, פון דאָרט קיין טריפּאָלי, וואָס געפינט זיך אין סיריע, קיין גזה און קיין ירושלים. אויפן וועג האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ ליוואָרנער פרוי, וואָס איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פּוילישן אָדער פון אַ דייטשן רב [געמיינט שרהן]. איר יחוס און איר לאַנד איז ניט אַזוי באַקאַנט.

אין ירושלים האָט ער אָנגעהויבן צו רעפאָרמירן זייערע [די יידנס] געזעצן און ער האָט אָפּגעשאַפט דעם תענית [פון שבעה עשר בתמוז]. דאָרט [אין גזה] האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ

געווויסן יידן, נתן, וואָס איז געווען דער פּאַסיקער מענטש פּאָפּולער צו מאַכן זיין געדאַנק. ער [שבתי צבי] האָט אים דערציילט וועגן זיין מצב, זיין לעבנסוועג און וועגן זיין ווילן זיך צו דערקלערן ווי דער אויסלייזער פון דער וועלט, וואָס אויף אים קוקן די יידן שוין אַזוי לאַנג אַרויס. דער דאָזיקער פּלאַן איז וואווילגעפעלן נתנען, און אַזוי ווי לויט דער תורה און לויט די נביאות פון אַמאָל האָט אליהו הנביא זיך געדאַרפט באַווייזן פאַר משיחן, פּונקט ווי יוחנן המטביל האָט זיך באַוויזן פאַר ישון, האָט נתן ניט געקאָנט געפינען קיינעם וואָס זאָל זיך אַזוי פּאַסן פאַר דער ראָליע ווי ער טאָקע אַליין. נאָך איידער שבתי צבי האָט זיך דערקלערט פאַר משיח, האָט שוין נתן געהאַט אַנטדעקט אין זיך דעם נביא [אליהו] און האָט פאַרבאָטן די יידן פון ירושלים אָפּצוהיטן די תעניתים. ער האָט צו וויסן געטאָן, אַז אַזוי ווי דער חתן [משיח] איז געקומען דאַרף נאָר הערשן שמחה און גדולה. דאָס זעלביקע האָט ער אויך געשריבן צו אַלע יידישע קהילות, כדי זיי אַריינצופירן אין דעם גלויבן.

און איצטער, אַז דער רים איז שוין געמאַכט געוואָרן און אַ סך יידן האָבן באמונה שלימה געגלייבט אין דעם צו וואָס זיי האָבן אַזוי געגאַרט, האָט נתן זיך אָנגענומען מיט מוט און געוואַגטקייט און האָט נביאות געזאָגט אַז פון כ״ז כסלו אין אַ יאָר אַרום וועט זיך משיח באַווייזן פאַרן סולטאַן און אַראָפּנעמען די קרוין פון זיין קאָפּ און אים פירן געשמידט אין קייטן ווי אַ געפאַנגענעם.

שבתי צבי האָט פאַר די יידן אין גזה געפּריידיקט אַז זיי זאָלן תשובה טאָן און זיין אונטערטעניק צו אים און צו זיינע געבאָטן, משיח וועט זיך באַלד אַנטפּלעקן. דאָס איז אַזוי געפעלן געוואָרן די יידן פון יענע מקומות אַז זיי האָבן זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן צו תשובה, תפילה און צדקה. כדי צו פאַרשפּרייטן דעם גלויבן [אין משיחן] איז די בשורה פון גזה פאַרשפּרייט געוואָרן בכל תפוצות ישראל. די בשורה איז אַזוי אויפגענומען געוואָרן, אַז פון אַלע מדינות וואו עס האָבן געלעבט יידן זיינען אָנגעקומען בריוו וואָס האָבן פריידיק באַגריסט זייער דערלייזונג און דעם סוף פונעם גלות מיט משיחס קומען...

די יידן פון די טערקישע שטעט זיינען איצטער אינגאנצן געווען אריינגעטאָן אין ווארטן אויף משיחן. קיין שום ארבעט איז ניט געטאָן געוואָרן. יעדער האָט זיך געריכט אז די טעגלעכע הצתרכותן, עשירות, כבוד און אַ מלוכה זאָלן זיי געגעבן ווערן אויף אַ וואונדערלעכן אופן. אַ ביישפיל דערפון האָט מען געקאָנט זען ביי די סאלאָניקער יידן וואָס זיינען געווען אזוי זיכער אין דער באַנייאונג פון זייער מלוכה אז זיי האָבן געפילט ווי אַ חוב אויף זיך צו פאַרטאָפּלען זייערע תפילות און צו רייניקן זייערע מוחות פון שלעכטע מחשבות, וואָרעם זיי קאָנען נאָך חלילה באַמערקט ווערן פון אים וואָס איז איצטער געקומען אריינדרינגען אין יעדער מחשבה און אין יעדן דמיון פון דער מענטשהייט. . זיי האָבן זיך תיכף גענומען פאַסטן, און טייל אויף אַן אופן וואָס איז איבער דער מענטשלעכער טבע: זיי האָבן במשך פון זיבן טעג גאָרניט געגעסן, זיי האָבן זיך פאַרהונגערט.

אַנדערע האָבן זיך איינגעגראָבן נאַקעטערהייט אין דער ערד אריין אז מען האָט בלויז געקאָנט ארויסזען זייערע קעפּ, און אין שמוציקע גריבער זיינען זיי געלעגן אזוי לאַנג ביז זייערע גופים זיינען פאַרשטייפט געוואָרן פון קעלט און פייכטקייט. אַנדערע האָבן געלאָזט אראָפּטריפן וואקס פון זייערע אַקסלען, אָדער זיי האָבן זיך געקייקלט אין שניי אָדער אין קאַלטסטן ווינטער וועטער אריינגעשפּרונגען אין ים אריין אָדער אין פאַרפרוירענע טייכן. אָבער דער פאַרשפּרייטסטער נוסח פון סגופים איז געווען צוערשט זיך שטעכן די פּלייצעס און די זייטן מיט דערנער און דערנאָך זיך לאָזן געבן ניין און דרייסיק מלקות. דער גאַנצער מסחר האָט זיך אָפּגעשטעלט, קיינער האָט ניט געאַרבעט און קיינער האָט ניט געעפנט קיין קראָם, אַחוץ אויסצופאַרקויפן זיין סחורה פאַר יעדן פרייז. ווער עס האָט געהאַט אַ סך הויז אַרטיקלען, האָט זיי פאַרקויפט פאַר וויפל נאָר מען האָט געגעבן...

אין דער היץ פון דעם טומל איז שבתי צבי [1664] געקומען אין זיין געבוירן־שטאָט סמירנע, וואו דער אידישער המון האָט אויף אים שטאַרק אויסגעקוקט, אָבער ער איז שלעכט אויפגענומען געוואָרן פון די חכמים [רבנים] וואָס האָבן ווייניק וואָס אָדער לגמרי ניט געגלייבט אין זיין אַנשטעל און האָבן זיך געשראָקן פאַר זיין נביאות

וועגן אַ נייער יידישער מלוכה וואָס קאָן ברענגען גאָט וויים וואָסערע צרות...

שבתי צבי איז געוואָרן טאָג־טעגלעך מער באַליבט און דער ראש הרבנים [אהרן לפפא] און זיינע אָנהענגער האָבן פאַרלוירן דעם צוטרויען און די ליבע פון דעם עולם און ער [דער רב] האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם כסא רבנות. דער נאָכפאָלגער זיינער [חיים בענוועַ־נעסטי] איז שוין געווען צוגעלאָזענער און פריינדלעכער צום נייעם נביא... עס איז ניט געפּראַוועט געוואָרן קיין חתונה אָדער ברית וואו שבתי צבי איז ניט געקומען באַגלייט פון אַ מחנה אָנהענגער זיינע. די גאַסן זיינען געדעקט געוואָרן פאַר אים מיט דיוואַנען אָדער מיט טייערן געוואַנט, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי באַשיידן אַז ער האָט זיך אָנגעבויגן און די דיוואַנען אָפּגערוקט אָן אַ זייט...

ניט געקוקט דערויף איז די צאָל פון שבתי צבים נאָכפאָלגער ניט געווען זייער גרוים. אַ סך האָבן זיך געשטעלט קעגן אים און אים עפנטלעך דערקלערט פאַר אַ שווינדלער וואָס זוכט צו פאַרפירן דאָס פאָלק. איינער פון שבתי צבים קעגנער איז געווען שמואל פעניא, אַ רייכער און אָנגעזעענער מאַן פון סמירנע, וואָס האָט אין דער סינאַגאָגע געלאָזט וויסן אַז די צייכנס פון דער צייט, סיי לויט די הייליקע שריפטן און סיי לויט די אָנווייזונגען פון די רבנים, ווייזן ניט אויף משיחס קומען. זיין קעגנערשאַפט האָט אויפגעהויבן אַזאַ טומל אין דער שול וואָס ניט נאָר האָט עס זיינע אַרגומענטן, נאָר זיין לעבן געשטעלט אין סכנה, ווען ער וואָלט זיך ניט באַצייטנס אָפּגע־טראָגן און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט פונעם המונס הענט...

אָבער בקרוב איז פעניא באַקערט געוואָרן און ער האָט גע־פריידיקט פאַר שבתי צבין, גאָטס זון און דעם דערלייזער פון די יידן. און ניט נאָר ער אַליין, נאָר זיין גאַנצע משפחה. זיינע טעכטער האָבן נביאות געזאָגט מיט אַ מאָדנער התפעלות. און ניט נאָר זיין משפחה, נאָר איבער פיר הונדערט מענער און פרויען האָבן נביאות געזאָגט [אין סמירנע] וועגן דער קומענדיקער מלוכה פון שבתי צבי. און יונגע קינדער וואָס קאָנען קוים אַרויסברענגען אַ קלאַנג צו זייערע מוטערס, האָבן נאָכגעזאָגט קלאָר דעם נאָמען שבתי צבי, דעם משיח און נביא פון גאָט...

ווען שבתי צבי האָט שוין געהאַט אינגאַנצן באַהערשט סמירנע און ער האָט אויך אין אַנדערע ערטער געהאַט פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן זיך, האָט ער געגלאָזט ווייסן אַז גאָט האָט אים גערופן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל וואו ער דאַרף אָפּטאָן די וויכטיקסטע מעשים זיינע. ער איז אין חודש יאַנואַר 1665 אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף אַ טערקישער שיף אין דער באַגלייטונג פון בלויז עטלעכע נאָענטע. ער האָט איבערגעלאָזט די מחנה נאָכפאָלגער און די וואָס האָבן אים געוואָלט באַגלייטן, כדי זיך אויסצוהיטן פון אַ סכנה מצד די טערקן, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן אויפגעבראַכט צו ווערן פון די ידיעות וועגן אים און זיין נביאות. אָבער כאָטש שבתי צבי האָט מיט זיך אויף דער שיף מיטגענומען בלויז עטלעכע מענטשן, האָבן מחנות יידן געוואַנדערט אויף דער יבשה קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי אים דאָרט צו טרעפן...

דער גרויס-וויזיר איז דעמאָלט אויך געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט געהערט וועגן דעם מאַן און וועגן דער מהומה און משוגעת, וואָס ער האָט אויפגעהויבן ביי די יידן, האָט ער אַרויסגעשיקט צוויי שיפן אַריינצופירן דעם אַרעסטאַנט [שבתי צבין] אין האַפן. ווען מען האָט שבתי צבין געבראַכט, האָט מען אים לויטן באַפעל [פון גרויס-וויזיר] אַריינגעזעצט אין דער שמוציקסטער און פינצטערסטער תפיסה אין דער שטאָט. דאָרטן האָט ער געדאַרפט בלייבן וואַרטן אויפן וויזירס שטראָף.

די יידן זיינען ניט געווען דערשלאָגן דערפון וואָס זייער נביא ווערט שלעכט באַהאַנדלט, נאָר פאַרקערט — זיי האָבן נאָך געזען דערין אַ שטאַרקונג אין זייער גלויבן, ווייל דאָס האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז עס ווערן מקוים יענע סימנים וואָס דאַרפן זיך אָנטפּלעקן פאַר זיין [משיחס] אויפשטייג און הערשאַפט [משיח דאַרף דורכמאַכן שווערע ליידן]. די חשובסטע יידן האָבן זייערע באַזוכן און שריפטלעכע בקשות געמאַכט מיט דערזעלבער צערעמאָניע און דרך ארץ אין דער טורמע, ווי זיי וואָלטן דאָס געטאָן, ווען ער וואָלט געווען געזעסן דערהויבן אויף דעם טראָן פון יהודה. עטלעכע פון זיי — צווישן זיי איינער מיטן נאָמען אנאקאגא, אַ חשובער ייד — האָבן אים באַדינט אַ גאַנצן טאָג מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן, געבויגענע

קעפ און פארלייגטע הענט (וואס דאס זיינען אין מזרח סימנים פון אונטערטעניקייט). דער קוויטיקער פלאץ און זיין איצטיקע געפאנ־גענשאפט האבן אויף קיין האר ניט געמינערט זייער גרויסן דרך ארץ פאר אים...

אזוי ארום האט שבתי צבי פארבראכט צוויי חדשים אין קאנ־סטאנטינאפאלער תפיסה. נאך די צוויי חדשים האט דער גרויס־וויזיר געהאט באשטימט זיך ארויסצולאזן אויף זיין עקספעדיציע קיין קאנדיא [קרעט] און זעענדיק דעם טומל וואס שבתי צבי האט ארויס־גערופן אין קאנסטאנטינאפאל האט ער געהאלטן פאר ניט ראטזאם צו לאזן אים דא, ווען ער און דער סולטאן זיינען ניטא. דעריבער האט ער זיין [שבתי צבים] תפיסה פארביטן אויף די דארדאנעלן, וואס ווערן אויך גערופען דער שלאס פון אבידאס, וואס געפינט זיך אויף דער אייראפעישער זייט פון העלעספאנט...

ווען מען האט שבתי צבין אריבערגעפירט פון דער שלעכטער תפיסה אין א בעסערע, לופטיקערע, האט דאס די יידן צוגעגעבן אמונה אין זייער משיחישער אויסדערוויילטקייט, ווייל [האבן זיי געזאגט] וואלט דער וויזיר, אדער וואלטן די אנדערע טערקישע באאמטע, געווען בכוח אומצוברענגען אים וואלטן זיי אים בשום אופן ניט געלאזט לעבן ביז איצטער...

מיט דעם גלויבן זיינען די יידן געקומען אין מחנות צו דעם שלאס וואו ער איז געזעסן. ניט נאר פון די שכנותדיקע מקומות זיינען זיי געקומען, נאר פון פוילן, דייטשלאנד, ליוואָרנע, ווענעציע, אמסטער־דאם און פון אנדערע לענדער, וואו עס האבן געוואוינט יידן. די עולי רגלניקעס האבן ווי א באלוינונג פאר זייערע הוצאות, און פאר די שוועריקייטן וואס זיי האבן געהאט אויסצושטיין, געקראגן ברכות פון שבתי צבין און הבטחות אויף עשירות אינעם הייליקן לאנד. אזוי גרויס איז געווען דער אנפאר פון יידן אויף דעם פלאץ, אז די טערקן האבן אויסגענוצט דעם שעת הכושר און האבן ניט נאר געהעכערט די פרייזן אויף דירות, שפייז און אנדערע לעבנס־מיטלען, נאר זיי האבן זיך אפגעזאגט ווען ניט איז צוצולאזן צו שבתי צבין אן געלט. זיי האבן א סך מאל גערעכנט אזוי הויך ווי פינף און צען טאלער פאר א מענטשן...

מיר וועלן זיך איצט אומקערן צו שבתי צבין. מיר טרעפן אים נאָך אַלץ אין דעם שלאָס פון אבידאָס אַ געפאַנגענעם, געאַכט און געליבט פון זיינע ברידער נאָך מער ווי פריער און [אַרומגערינגלט מיט] עולי רגל פון אַלע עקן [וועלט], וואוהין דער אָנזאָג פון משיחס קומען איז דערגאַנגען. צווישן זיי איינער פון פוילן מיטן נאָמען נחמיה כוהן. ער איז געווען זייער אָנגעלייגט, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער למדן און מקובל. אויף אים האָט מען געזאָגט, אַז אויב שבתי צבי וואָלט זיך ניט דערקלערט פאַר משיחן, וואָלט ער געקאָנט דאָס טאָן...

ווען די צוויי גרויסע רבנים [נחמיה און שבתי צבי] זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער וויכוח צווישן זיי: כוהן האָט געטענהט אַז לויט דער תורה און לויט די חכמים דאַרפן זיין צוויי משיחים, איינער בן אפרים און איינער בן דוד... נחמיה האָט זיך געהאַלטן פאַרן ערשטן און שבתי צבי איז איינגעגאַנגען דערויף. אָבער נחמיה האָט אים באַשולדיקט אַז ער האָט זיך דערקלערט פאַר משיח צו פרי, נאָך איידער בן אפרים האָט זיך אַנטפּלעקט... דער וויכוח איז געוואָרן זייער היציק און אָן אַן אויס־וועג... און אַזוי ווי שבתי צבי איז געווען דער גרעסערער בר סמכא, האָט מען נחמיהן מחרים געווען ווי אַן אַפּטריניקן און ווי אַ שונא פון משיחן. און דאָס האָט זיך שפּעטער אויסגעוויזן צו זיין דער באַרג־אַראָפּ פון זיין [שבתי צבים] אָפּנאַרעריי. ווען נחמיה, וואָס איז געווען אַ חשובער און אַ שטאָלצער מענטש איז אַזוי פאַרשעמט געוואָרן, האָט ער וועגן קיין זאַך ניט געקלערט, נאָר ווי אַזוי צו נעמען נקמה. כדי דאָס אויסצופירן [זיך נוקם צו זיין] איז ער אַוועקגע־פאָרן קיין אַנדריאַנאָפּאָל און דאָרט געלאָזט וויסן די הויפּט מיניסטאָרן פון לאַנד און די באַאַמטע פון קיניגלעכן הויף (וואָס האָבן גאָרניט געוואוסט, מחמת דער הכנסה, וואָס די טערקן האָבן געהאַט פון זייער געפאַנגענעם אין שלאָס ביים העלעספּאָנט) וועגן דעם אַנגעלייף פון מענטשן און וועגן דער נביאות אַז די יידן וועלן מאַכן אַן אויפ־שטאַנד און ניט וועלן זיין אונטערטעניק צום סולטאַן...

איצטער האָט גאָרניט געפעלט צו משיחס קומען, נאָר אליהו [הנביא] וואָס אויף אים האָבן די יידן אָנגעהויבן אַרויסקוקן יעדע שעה און

מיט אַזויפֿיל האָפֿענונג און ערנסטקייט אַז פֿון יעדן חלום, יעדער פֿאַנ־טאַזיע, איז אין אַ שוואַכן קאָפּ אויסגעוואַקסן אליהו. מען האָט דערציילט, אַז מען האָט אים געזען אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען און געשטאַלטן. פֿאַרשטייט זיך, ער קאָן זיך ניט אַנטפּלעקן ביז משיחס קומען. איין ייד האָט געלאָזט וויסן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַז ער האָט געטראָפֿן אליהון אין גאַס און אַז ער איז געווען געקליידט ווי אַ טערק. ער האָט מיט אים געהאַט אַ לאַנגן שמועס און ער [אליהו] האָט אים אָנגעזאָגט אָפּצוהיטן עטלעכע שוואַך־אָפּגעהיטענע מנהגים ווי [דאָס טראָגן] ציצית... און פּאות. ווי נאָר עס איז באַקאַנט געוואָרן אַז אליהו האָט זיך באַוויזן האָט יעדער גענומען תּיכּף טראָגן ציצית... און יעדער האָט זיך געלאָזט וואַקסן פּאות וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פֿון די היטלען, און דערמיט האָבן זיי זיך אונטערשיידט פֿון די כּופֿרים... [אַזוי האָט מען גערופֿן די וואָס האָבן ניט געגלייבט אין שבתי צבין].

דער סולטאַן איז געוואָרן שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין שבתי צבין, ווייל ער האָט שוין געהאַט געהערט אַ סך וועגן דער יידישער משוגעת און וועגן שבתי צבים פּרעטענזיעס. אַזוי שנעל ווי ער איז נאָר געקומען קיין אַדריאַנאָפּאָל האָט מען שבתי צבין גלייך געבראַכט פֿאַר אים. שבתי צבי איז געווען שטאַרק דערשלאָגן, אָן דעם מוט און קוראַזש וואָס ער האָט באַוויזן אין דער סינאַגאָגע. דער סולטאַן האָט אים געשטעלט עטלעכע פֿראַגעס אין טערקיש, אָבער שבתי צבי האָט זיך אויף אַזויפֿיל ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן אויף זיין משיחישער העלדישקייט אַז ער האָט ניט געוואָלט רעדן קיין טערקיש. האָט ער געבעטן מען זאָל רופֿן אַ געווויסן דאָקטער [אַ ייד וואָס איז געוואָרן אַ מאַכמעדאַנער] אַז ער זאָל זיין דער דאָלמעטשער. מען האָט אים דערלויבט... אָבער דער סולטאַן האָט זיך ניט געלאָזט פֿאַררעדן אָן אַ מופֿת, און עס מוז זיין אַ מופֿת, וואָס ער אַליין וועט אויסקלייבן, דהיינו, אַז מען זאָל שבתי צבין אויסטאָן נאַקעט און אים אַוועקשטעלן ווי אַ צילברעט פֿאַר זיינע, דעם סולטאַנס, פֿיילשיסער. אויב די פֿיילן וועלן ניט דערגרייכן זיין לייב און זיין קערפּער וועט אים זיין ווי אַ וואָפֿן, וועט ער אים דעמאָלט גלייבן אַז ער איז משיח און דער מענטש

וואָס גאָט האָט אים באַשאַפן פאַר דער מאַכט און דעם אָנזען צו וועלכע ער פּרעטענדירט.

אָבער שבתי צבי האָט ניט געהאַט גענוג אמונה בייצושטיין דעם נסיון. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעם רעכט צו מלכות און צו הערשאַפט און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ געוויינלעכער חכם [רב] און אַ פּשוטער ייד פּונקט ווי אַלע אַנדערע און ער אונטערשיידט זיך מיט גאָרניט פון אַנדערע.

דער סולטאַן איז אָבער, ניט געקוקט דערויף, ניט געווען צופרידן. ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער [שבתי צבי] האָט עפנטלעך באַליידיקט די גלייביקע מאַכמעדאַנער, און ער האָט מורד געווען קעגן זיין, דעם סולטאַנס, סואווערענע רעכט דורך דעם וואָס ער האָט פּרעטענדירט אָפּצורייסן אַזאַ וויכטיקן טייל פון זיין לאַנד ווי ארץ ישראל, קאָן מען זיין פאַרראַט און פאַרברעכן ניט אַנדערש פאַרגעבן ווי נאָר דורך דעם וואָס ער וועט אָננעמען די מאַכמעדאַנישע אמונה. אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן [אָנצונעמען דעם איסלאַם] איז דער שייטערהויפן פאַרן פּאַלאַץ טויער גרייט פאַר אים...

שבתי צבי... האָט געענטפערט מונטער אַז ער איז וויליק צו ווערן אַ טערק און אַז דאָס טוט ער ניט אוים צוואַנג נאָר מיטן אייגענעם ווילן; און אַז שוין אַ לאַנגע צייט ווי ער קלייבט זיך אַריינצוטרעטן אין דער געהויבענער אמונה. ער פילט זיך זייער געערט וואָס ער קאָן זיך באַקערן צו דער [מאַכמעדאַנישער] אמונה אין בייזיין פונעם סולטאַן...

די בשורה אַז שבתי צבי איז געוואָרן אַ טערק, אַז משיח איז געוואָרן אַ מאַכמעדאַנער, האָט זיך שנעל צעטראָגן איבער אַלע עקן פון טערקיי. די יידן זיינען שטאַרק דערשלאָגן געוואָרן פון דער ידיעה און האָבן זיך פאַרשעמט פאַר זייער ערלעכער איינגעגלייבטקייט און פאַר די טענות מיט וועלכע זיי פלעגן צורעדן אַנדערע, אפילו אין זייערע אייגענע משפחות. אין אַנדערע לענדער האָט מען פון זיי אָפּגעלאַכט, די יינגלעך האָבן זיי נאָכגעשריען, און ס׳איז אין סמירנע געשאַפן געוואָרן אַ ניי וואָרט [פּאוסטאַי] וואָס יעדער האָט אַרויסגעזאָגט מיט ביטול און פאַראַכטונג, ווען מען האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ יידן.

אזוי איז דאָס אָפּגענאַרטע פאָלק געווען אַ לאַנגע צייט צעמישט, גייסטיק דערדריקט. און דאָך האָט דאָס רוב פון זיי געהאַלטן אַז שבתי צבי איז ניט געוואָרן קיין טערק, ווייל בלויז זיין שאָטן געפינט זיך אויף דער ערד און גייט אַרום מיט אַ ווייסן קאָפּ [מיט אַ טורבאַן] ווי אַ מאַכמעדאַנער, אָבער זיין גוף און זיין נשמה געפינען זיך אין הימל, ביז עס וועט קומען די צייט צו באַווייזן דאָס וואונדער. אָט די מיינונג איז שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אַזוי ווי דאָס פאָלק וואָלט באַשטימט קיינמאָל זיך ניט צו באַפרייען פון דער אָפּנאַרעריי. זיי האָבן געדאַוונט לויטן נוסח פון זייער מאַכמעדאַנישן משיח. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז די רבנים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן אַז דער דאָזיקער טעות וועט אויסוואַקסן צו דער גרייס פונעם פריערדיקן טעות [ישו הנוצרי] און זיי האָבן מזהיר געווען אַלע די וואָס גלייבן אַז שבתי צבי איז משיח און זיי געוואָרנט זיך צוריקצוקערן צום אַלטן נוסח אין דאַוונען, אויב זיי ווילן ניט אַריינגעלייגט ווערן אין חרם...

אין דער צייט פון די דאָזיקע געשעענישן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סמירנע, אבידאָס ביים העלעספּאָנט און אין אדריאַנאָפּאָל, האָבן די יידן אויפגעגעבן זייער גאַנצן מסחר און אָנגעפילט זייערע בריוו קיין איטאַליע און אין אַנדערע לענדער מיט גאָרניט מער ווי נאָר די וואונדער און מופתים פון משיחן, ווי למשל, אַז ווען דער סולטאַן האָט געשיקט נאָך אים, האָט ער [שבתי צבי] אַלע סאָלדאַטן וואָס זיינען געקומען נאָך אים, אומגעבראַכט; זיי זיינען אַלע אַוועקגעפאַלן טויט אויף זיין באַפעל. אַזוי ווי ער האָט זיי געוואָלט מחיה מתים זיין, האָט ער דאָס באַלד געטאָן און ער האָט געבראַכט צום לעבן בלויז יענע וואָס זיינען געווען טערקן, אָבער נישט די וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער אמונה. זיי האָבן אויך געלאָזט וויסן, אַז ער איז געגאַנגען אין טורמע אַריין מיטן אייגענעם ווילן, און כאָטש די טירן זיינען געווען פאַרשלאָסן מיט שטאַרקע שלעסער האָט מען, ניט געקוקט דערויף, געזען שבתין אַרומגיין אין גאַס מיט אַ גרויסער צאָל באַגלייטער. ווען מען האָט אים אָנגעטאָן קייטן אויף די פיס און אויפן האַלדז האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין גאָלד, און דאָס גאָלד האָט ער אַוועקגעגעבן זיינע איבערגעגעבענע נאָכפאָלגער...

די יידן זיינען ווידער געקומען צום שכל און האָבן זיך צוריקגענומען צום האנדל און פאַרמיטלונג ווי פריער, נאָר שטילער און מיט גרעסערע האָפענונגען ווי די האָפענונגען צוריקצוקריגן זייער פאַרשפּראָכן לאַנד. און אַזוי האָט זיך געענדיקט די ווילדע משוגעת וואָס וואָלט די יידן געקאָנט קאָסטן זייער טייער אויב שבתי צבי וואָלט זיך ניט געווען אָפּגעזאָגט פון זיין משיחישער ראָלע ביי מאהאמעטן [דעם סולטאן] . . .

שבתי צבי האָט געלעבט אין אטאמאנישן הויף און געלערנט טערקישע תורה פון דעם געלערנטן גאמאליעלוואני עפענדי . . . אויף אַזאַ אופן האָט שבתי צבי פאַרבראַכט זיינע טעג אין סולטאנס פּאַלאַץ אַזוי ווי משה אַמאָל אין קיניגלעכן הויף אין מצרים... ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאַרן דערלייזער, נאָר געווען מער אָפּגעהיט, און כדי ער זאָל ניט אויפרעגן די טערקן האָט ער דערקלערט אַז ווי לאַנג יידן וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער טעותדיקער תורת משה און ניט אָננעמען די מאַכמעדאַנישע אמונה — און נאָך ענלעכע עצות וואָס אים איז איינגעפאַלן פאַרצולייגן — וועט ער קיינמאָל ניט קאָנען משפּיע זיין אַז גאָט זאָל זיי אריינפירן אינעם לאַנד פון זייערע אבות.

[ווען זיי האָבן דאָס געהערט] זיינען אַ סך יידן געקומען פון אַזוי וווייט ווי בבל און ירושלים און פון אַנדערע ווייטע מקומות און האָבן איינגעוויליקט אַראָפּצואוואַרפן זייערע היטלען אויף דער ערד אין בייזיין פון סולטאַן און האָבן זיך דערקלערט פאַר מאַכמעדאַנער. דורך שמדן זיך איז שבתי צבי געוואָרן חשוב אין די אויגן פון די טערקן און מען האָט אים דערלויבט צו באַזוכן זיינע ברידער אויף אַ פריינדלעכן אופן. ער האָט דאָס אויסגענוצט מל צו זיין זייערע קינדער אויפן אַכטן טאָג און צו פּריידיקן זיין נייע תורה וואָס דורך דעם האָט ער געווירקט אַז אַ סך זאָלן גלייבן אַז ער איז משיח...

ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1676.

35

פון גליקל פון האַמעלס זכרונות

1647—1719.

גליקל פון האמעלס מעמוארן זיינען איינציק אין זייער מין אין דער יידישער מעמואַר־ליטעראַטור. מרת גליקל האָט געשטאַמט פון אַ רייכער און חשובער משפחה. זי האָט געקראָגן אַ גוטע יידישע דערציאונג, אויף וואָס עס זאָגן עדות אַ סך שטעלן אין די מעמואַרן. אונדזער מעמואַריסטין האָט אויך געמוזט קריגן אַ גוטע אַלגעמיינע דערציאונג ווייל זי דערציילט אַז אירס אַ שטיפשוועסטער האָט גערעדט פראַנצייזיש און געשפּילט פּיאַנע. זי איז געווען אַן אשת חיל אינעם שענסטן און בעסטן זינען פונעם וואָרט. מרת גליקל האָט אָנגעהויבן שרייבן אירע מעמואַרן אין 1689, ווען זי איז אַלט געווען 44 יאָר. דאָס איז געווען נאָך איר מאַנס טויט וואָס האָט זי שטאַרק דערשלאָגן. „מיין ליבע קינדער", שרייבט גליקל פון האמעל, „איך האָב דיזעס אָנגעפאַנגען בס"ד צו שרייבן נאָך דעם טויט פון אייער פרומען פאָטער דאָס עס מיר איזט געוועזן לקצת לנחת רוח, ווען מיר די מאלקאָלישע [מעלאנכאָלישע] געדאַנקען זיינען געקומען און פון שווערע דאגות שהיינו כצאן בלא רועה און מיר אונדזערן געטרייען הירטען האָבן פאַרלאָרן. אַלזאָ, איך מענעכע לילה שלאָפלאָז צוגעבראַכט און איך באַזאָרג דאָס איך ח"ו אין מאלעקאָלע געדאַנקען זאָלטע קומען. אַלזאָ איך אָפט בלילה אויפגעשטאַנדן און די שלאָפלאָזן שעות דערמיט צוגעבראַכט".

אין די מעמוארן געפינט זיך אַ שלל אינפאָרמאַציע וועגן דעם לעבן פון די יידן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, דענמאַרק, האָלאַנד און פוילן.

...איך בין געבוירן געוואָרן אין האַמבורג, אָבער ווי איך האָב געהערט פון מיינע ליבע עלטערן און אויך פון אַנדערע, בין איך נאָך ניט אַלט געווען קיין דריי יאָר, ווען מען האָט אַלע יידן אַרויסגעטריבן פון האַמבורג [דעם 16־טן אויגוסט,1648] און זיי האָבן געמוזט זיך אַריבערקלייבן קיין אַלטאַנע, וואָס געהערט דעם מלך פון דענע־מאַרק יר״ה און צוועלף יידן [משפחות] האָבן פון אים שיין פּרנסה געהאַט.

פון אַלטאַנע קיין האַמבורג איז בלויז אַ פערטל שעה. אין אַלטאַנע האָבן עטלעכע באַלעבאַטים, אַרום פינף און צוואַנציק הויזגעזינדן, געוואוינט, און דאָרט האָבן מיר אויך געהאַט די שול און דאָס בית החיים. האָבן מיר אַ צייט לאַנג געוואוינט אין אַלטאַנע. ענדלעך האָט מען אויסגעפועלט אין האַמבורג אַז מען זאָל די יידן פון אַלטאַנע געבן פּעסער אַז זיי זאָלן קאָנען קומען קיין האַמבורג האַנדלען. אַ פּאַס איז גוט געווען אויף פיר וואָכן. דעם פּאַס האָט מען באַקומען פון דער הויפּט פון דער רעגירונג אין האַמבורג און ער האָט געקאָסט אַ דוקאַט. און ווען דער פּאַס איז אויסגעגאַנגען האָט מען ווידער געמוזט נעמען אַ נייעם. אָבער פון די פיר וואָכן זיינען אָפט געוואָרן אַכט וואָכן, אויב לייט האָבן געהאַט באַקאַנטשאַפט מיטן הויפּט אָדער מיט דער פּאָליציי. עס איז די לייט [די יידן] גאָר שווער געפאַלן, ווייל זיי האָבן געמוזט האַנדלען אין האַמבורג. בפרט איז עס שווער געפאַלן אויף די עניים און אביונים. טייל האָבן אפילו געוואַגט זיך אַריינצוגנבענען אין דער שטאָט אַריין אָן אַ פּאַס. ווען די פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט האָט מען זיי אַרעסטירט און עס האָט דעמאָלט געקאָסט אַ סך געלט און זיי האָבן געהאַט צרות ביז מען האָט זיי באַפרייט.

פאַרטאָג, גלייך ווי זיי [די יידן] זיינען געקומען פון דער שול, זיינען זיי געגאַנגען קיין האַמבורג און פאַרנאַכט, ווען מען האָט דאָס טויער געדאַרפט צומאַכן האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין אַלטאַנע. און ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, נעבעך, איז דאָס לעבן אָפט ניט זיכער געווען פון רשעות פון בייזע לייט, גאַסניונגען און לומפּן. יעדע פרוי האָט געדאַנקט גאָט אַז זי האָט איר מאַן ווידער בשלום געהאַט ביי זיך.

פליטים פון די כמעלניצקי פּאָגראָמען

...נאָכדעם זיינען די ווילנער געלאָפן פון פוילן און זיינען געקומען קיין האַמבורג. זיי האָבן געליטן פון אַן אַנשטעקנדיקער קראַנקייט און קיין הקדש אָדער הייזער וואו מען זאָל די קראַנקע קאָנען באַליינגן זיינען ניט געווען. האָבן מיר אויף אונדזער בוידעם געהאַט ליגן צען קראַנקע וואָס מיין פאָטער זצ"ל האָט אויסגעהאַלטן. עטלעכע פון זיי זיינען געזונט געוואָרן און עטלעכע זיינען געשטאָרבן... מיין פרומע באָבע ע"ה איז אומגעגאַנגען מיט די קראַנקע און געזען אַז קיינעם זאָל גאָרניט פעלן, כאָטש מיינע עלטערן האָבן דאָס ניט גערן געוואָלט ליידן. זי [די באָבע] האָט זיי ניט געוואָלט פאַרלאָזן און יעדן טאָג איז זי געגאַנגען דריי אָדער פיר מאָל אויפן בוידעם צו די קראַנקע. ענדלעך איז זי אויך קראַנק געוואָרן און געלעגן צען טעג. דערנאָך בשם טוב ובשיבה טובה געשטאָרבן.

שבתי צבי

...אין דערזעלביקער צייט [ווען גליקל פון האַמעלן איז געלעגן אין קימפעט] האָט מען אָנגעפאַנגען צו רעדן וועגן שבתי צבין. אָבער ווייַ איז אונדז ווייל מיר האָבן געזינדיקט און מיר האָבן ניט דערלעבט [די דערלייזונג]. און ווי מיר האָבן געהערט און ווי מיר האָבן זיך געהאַט איינגערעדט... די שמחה וואָס איז געווען ווען מען האָט געקראָגן בריוו, דאָס איז ניט צו באַשרייבן. דאָס רוב בריוו [וועגן שבתי צבי] האָבן געקראָגן די ספרדים. זיי זיינען אַלעמאָל אין זייער שול געגאַנגען און דאָרט זיי פאָרגעלייענט. זיינען די דייטשע [אשכנזים] יונג און אַלט, אויך געגאַנגען אין זייער שול אַריין. די פּאָרטוגעזישע [ספרדישע] בחורים האָבן זיך אַלעמאָל אָנגעטאָן אין זייערע בעסטע קליידער און יעדערער האָט זיך אַרומגעבונדן מיט אַ ברייטן זיידענעם באַנד — דאָס איז געווען שבתי צבים קליידונג. אַזוי זיינען זיי אַלע בתופים ובמחולות געגאַנגען מיט שמחה אין זייער שול אַריין און די בריוו געלייענט. טייל האָבן פאַרקויפט אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט,

הויז און הויף, און האָבן אַלץ געהאַפּט אַז זיי וועלן אַ ליאַדע טאָג דער־לייזט ווערן. מיין שווער ע״ה האָט געוואוינט אין האַמעלן, איז ער פון וועגן דעם אַוועק פון דאָרט און זיין הויף, הויז און אַ שטוב מיט אַלעם גוטן, איבערגעלאָזן און אַוועק וואוינען אין דער שטאָט היל־דעסהיים. אונדז האָט ער געשיקט קיין האַמבורג צוויי גרויסע פעסער מיט אַלערליי לייוונצייג און פאַרשיידענע שפּייזן, ווי אַרבוזן, אַרבעס און צעשעניטענע געטריקנטע פּרוכטן — אַלץ זאַכן, וואָס קאָנען זיך האַלטן. דער גוטער מאַן ע״ה האָט געמיינט אַז מען וועט גלייך פון האַמבורג פאָרן אין דעם הייליקן לאַנד אַריין. די־דאָזיקע פעסער זיינען געשטאַנען אין מיין הויז מער ווי אַ יאָר. ענדלעך האָבן זיי מורא געהאַט אַז דאָס פלייש און אַנדערע זאַכן וועלן קאַליע ווערן, האָבן זיי אונדז געשריבן אַז מיר זאָלן די פעסער אויפמאַכן און אַרויסנעמען דאָס עסנווארג. נאָר דאָס לייוונצייג וואָלט ניט קאַליע געוואָרן ווען עס זאָל אַפילו שטיין דריי יאָר. און ער [דער שווער] האָט געמיינט עס צו נוצן אויף זיין נסיעה. אָבער דעם אייבערשטן איז עס נאָך ניט געפעלן געווען [צו דערלייזן די יידן].

אַ חתונה

... אין טאָג פון דער חתונה [פון גליקלס טאָכטער] איז באַלד נאָך דער חופּה צוגעגרייט געוואָרן אַ חשובע וועטשערע פון פאַר־שיידענע קאָנפעקטן און אַלערליי טייערע פרעמדע וויינען און פרוכטן. נו, קאָן מען זיך וואויל פאָרשטעלן וואָס פאַרא מהומה עס איז געווען און ווער עס איז אַלץ דאָרט געווען און דער מחותן ר׳ אלי ע״ה און אַלע זיינע לייט זיינען געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיטן טראַקטירן און אקאָמאָדירן [געניגנטאָן] די חשובע לייט [אויף דער חתונה זיינען געווען אַ סך נאָבללייט, צווישן זיי פרידריך דער דריטער, קורפירשט פון בראַנדענבורג] אַז מיר האָבן אַפילו ניט קיין צייט געהאַט איינער דעם אַנדערן איבערצוגעבן די נדנים און זיי איבערצוציילן ווי דער מנהג איז... ווי די חשובע לייט האָבן געהאַט פון די קאָנפעקטן געגעסן און אויך וואויל פון די וויינען געטרונקען האָט מען דעם טיש

אַרויסגענומען און עם זיינען אַריינגעקומען פאַרשטעלטע און זיך שיין פּרעזענטירט און פאַרשיידענע קונצן געמאַכט, וואָס האָבן געהאָלפן צו דער הייטערקייט. צום סוף האָבן די פאַרשטעלטע געטאַנצט אַ טויטן-טאַנץ וואָס איז זייער שיין געווען. אויף דער חתונה זיינען אויך געווען אַ סך חשובע פּאָרטוגעזן [ספרדים, שפּאַניש פּאָרטוגעזישע יידן].

36

די ערשטע ייִדן אין צפֿון אַמעריקע

.1654

אין סעפּטעמבער 1654 זײַנען מיט דער שיף סט. טשאַרלס אָנגעקומען קײן נײַ־אַמסטערדאַם (נױ־יאָרק) דרײַ און צוואַנציק ייִדן. געקומען זײַנען זײ פֿון בראַזיל, וואו די פּאָרטוגעזער האָבן ביז 1631 געהערשט און איצט ווידער פֿאַרכאַפּט. די ייִדן זײַנען אַלע געווען האָלענדישע אונטערטאַנען. פּעטער סטײַוועסענט, דער דעמאָלטיקער גובערנאַטאָר פֿון נײַ־האָלאַנד, האָט ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן די אימיגראַנטן זיך צו באַזעצן אין נײַ־אַמסטערדאַם. די ייִדן זײַנען אָבער באַשטאַנען אויף זײער רעכט. סטײַוועסענט האָט דעם 22־טן סעפּטעמבער 1654 אָפּגעשיקט אַ בריוו צו די דירעקטאָרן פֿון דער וועסט אינדיע געזעלשאַפֿט אין אַמסטערדאַם, וואָס זײ זײַנען געווען די בעלי בתּים פֿון נײַ־האָלאַנד, און געזוכט צו קריגן זײער הסכּמה ניט אַרײַנצולאָזן קײן ייִדן אין דער קאָלאָניע. ייִדישע אַקציאָנערן פֿון דער וועסט אינדיע געזעלשאַפֿט פֿון אַמסטערדאַם האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם בריוו און זײ האָבן גלײַך צוגעשטעלט אַ פּעטיציע צו די דערמאָנטע דירעקטאָרן און באַוויזן אַז אַ סך ייִדן האָבן פֿאַרלוירן גרויסע פֿאַרמעגנס אין די ווערטפּאַפּירן פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט און אַז בכלל ווערן ייִדן אין אַלע טעריטאָריעס, וואָס שטײען אונטער האָלענדישער יוריסדיקציע, באַהאַנדלט ווי גלײַכע בירגער. די דירעקטאָרן האָבן קעגן זײער ווילן געמוזט לאָזן וויסן פּעטער סטײַוועסענטן אַז ער זאָל די ייִדן דערלויבן זיך צו באַזעצן אין נײַ־אַמסטערדאַם. ווײַטער ווערט געבראַכט די פֿריער דער־

מאַנטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז גענומען געוואָרן פון די „פּאַבליקיישאָנס" פון דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט (ב. 18).

א. אַ בריוו פון גובערנאַטאָר סטייוועסענט פון 22טן סעפּטעמבער 1654 צו די דירעקטאָרן פון דער וועסט אינדיע געזעלשאַפט אין אַמסטערדאַם

די יידן, וואָס זיינען אָנגעקומען, וואָלטן כמעט אַלע געוואָלט פאַרבלייבן דאָ. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן אויסגעפונען אַז זיי (מיט זייער נאַטירלעכן וואוכער און אָפּנאַרערישן האנדל מיט קריסטן) זיינען דערווידער די קלענערע באַאַמטע און אויך דעם פאָלק, וואָס האָט גרויסע ליבע צו אייך; און אַז די קירכנפאַרוואַלטונג [וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן די אָרעמע] שרעקט זיך אויך אַז מחמת זייער איצטיקער אָרעמקייט [די יידן זיינען געווען באַרויבט געוואָרן פון פּיראַטן] וועלן זיי דעם קומענדיקן ווינטער נאָך פאַלן צו לאַסט — האָבן מיר, פאַר דער טובה פון דעם דאָזיקן יונגן לאַנד, וואָס האַלט זיך אין אַנטוויקלען, געהאַלטן פאַר ניצלעך צו פאַרלאַנגען פון זיי אויף אַ פריינדלעכן אופן, אַז זיי זאָלן אַוועקפאָרן. אין שייכות דערמיט בעט איך מיט דער גאַנצער ערנסטקייט פאַר אונדז און אויך פאַר דעם ישוב בכלל פון אייערע דורכלויכטן, אַז דעם באַטריגעריש פאָלק — די שטאַרקע שונאים און גאָטלעסטערער פון יעזוסעס נאָמען — זאָל ניט דערלויבט ווערן אָנצושטעקן און שעדיקן די נייע קאָלאָניע, פאַרלוימדן אייערע דורכלויכטן און באַאומרואיקן אייערע ליבע אונטערטאַנען.

ב. אַמסטערדאַמער יידן שטעלן זיך איין פאַר די מאַנהעטענער אימיגראַנטן. — פּעטיציע פון דעם יידישן פאָלק

יאַנואַר, 1655.

צו די חשובע לאָרדן, די דירעקטאָרן פון דער לעגאַליזירטער וועסט אינדיע געזעלשאַפט, קאַמער פון דער שטאָט אַמסטערדאַם:

די סוחרים פון דעם [יידיש] פּאָרטוגעזישן פֿאָלק [ספרדים] וואָס וואוינען אין דער שטאָט [אַמסטערדאַם] ווילן מיט דרך ארץ ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אייערע וואוילגעבוירנקייטן אַז זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז די חשובע הערן מאַכן שוועריקייטן ביים ארויסגעבן דערלויבענישן אָדער פּאַספּאָרטן צו די פּאָרטוגעזישע יידן וואָס ווילן זיך באַזעצן אין ניי-נעדערלאַנד. אויב דאָס זאָל אָנהאַלטן וועלן די יידן שטאַרק ליידן דערפון. די געזעלשאַפט וועט אויך דערפון קיין נוצן ניט האָבן, נאָר פאַרקערט, גיכער שאָדן.

עס זיינען פאַראַן אַ סך פון דעם פאָלק וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער פאַרמעגן אין פערנאַמבוקאַ [בראַזיל] און זיינען אָנגעקומען פון דאָרט אָן מיטלען. טייל פון זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן. אייערע פּעטיציאָנערן האָבן געמוזט אויסגעבן אַ סך געלט אויף לעבנסמיטלען און אַזוי ווי זיי האָבן זיך ניט מיט וואָס צו באַשעפ-טיקן, קאָנען ניט אַלע פאַרבלייבן דאָ [אין האָלאַנד]. אַזוי ווי זיי קאָנען ניט, מחמת דער אינקוויזיציע, צוריקפאָרן קיין שפּאַניע אָדער פּאָרטוגאַל איז אַ גרויסער טייל פון דידאָזיקע מענטשן געצוואונגען אַוועקצופאָרן אין יענע טעריטאָריעס וואָס געהערן זייערע דערהויבנ-קייטן די גענעראַל שטאַטן [דעם האָלענדישן פּאַרלאַמענט] און זייערע געזעלשאַפטן, כדי דאָרט דורך זייער פלייס און מי צו קאָנען לעבן אונטערן שוץ פון אייערע חשובע דירעקטאָרן, וואָס זייערע באַפעלן און געזעצן וועלן זיי אָפּהיטן.

עס איז אייך חשובע הערן וואויל באַקאַנט, אַז דאָס יידישע פאָלק אין בראַזיל איז תמיד געווען געטריי און האָט אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד [קעגן די פּאָרטוגע-זער], שטעלנדיק דערביי אין קאָן זיינע פאַרמעגנס און זיין בלוט.

דאָס דאָזיקע לאַנד [ניי-נעדערלאַנד] איז גרויס און רחבותדיק. וואָס מער ערלעכע מענטשן עס פאָרן דאָרט אַהין זיך באַזעצן, איז אַלץ בעסער פאַר די תושבים פון יענעם לאַנד סיי אין שייכות מיט מסחר בכלל אָדער אין שייכות מיט אימפּאָרטירן פאַרשיידענע נויט-ווענדיקע סחורות בפרט.

חשובע הערן, איר זאָלט זיך אויך רעכענען מיט דעם וואָס די חשובע לאָרדן, די בירגערמייסטערס פון דער שטאָט און די חשובע,

דערהויבענע מעכטיקע לאָרדן פון די גענעראַל שטאַטן, האָבן ביי פּאָליטישע געלעגנהייטן באַשיצט די יידן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע איינוואוינער און בירגער. אין דעם אָפּמאַך מיטן שפּאַנישן קיניג [1648] ווערט אויסדריקלעך געזאָגט אַז די יידן זאָלן געניסן פון די זעלביקע פריהייטן וואָס אַנדערע באַוואוינער פון דעם לאַנד.

די חשובע הערן זאָלן אויך אַזוי גוט זיין און האָבן אין זינען אַז אַ סך יידן זיינען וויכטיקע אַקציאָנערן אין דער [וועסט אינדיע] געזעלשאַפט. זיי האָבן זיך תמיד באַמיט און אָנגעשטרענגט פאַר דער געזעלשאַפט און אַ סך יידן האָבן פאַרלאָרן גרויסע פאַרמעגנס אין אירע ווערטפּאַפּירן און אָבליגאַציעס [מחמת דעם, וואָס די פּאָרטו־געזער האָבן פאַרכאַפּט בראַזיל האָט די געזעלשאַפט געהאַט גרויסע פאַרלוסטן].

די געזעלשאַפט האָט דורך אַן אַלגעמיינעם באַשלוס געהאַט מסכים געווען דערצו אַז אַלע די וואָס ווען זיך באַזעצן אין דער קאָלאָניע זאָלן קאָנען פאַרנעמען בחינם געוויסע שטחים לאַנד. פאַר־וואָס זאָלן געוויסע אונטערטאַנען פון דעם לאַנד ניט קאָנען דאָרט אַריינפאָרן און ניט קאָנען דאָרט וואוינען? די פראַנצויזן דערלויבן די פּאָרטוגעזישע יידן צו וואוינען און צו האַנדלען אין מאַרטינעק, [סעינט] קריסטאָפער און אין זייערע אַנדערע טעריטאָריעס. ווי איר, חשובע הערן, ווייסט זיינען פון דאַנען אפילו טייל אַוועקגעפאָרן דאָרט אַהין. די ענגלענדער דערלויבן אויך איצטער דעם פּאָרטו־געזישן און יידישן פאָלק [געמיינט: שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן] צו פאָרן פון לאָנדאָן זיך באַזעצן אין באַרבאַדאָס, וואוהין טייל זיינען שוין אַוועקגעפאָרן.

ווען פרעמדע פעלקער דערלויבן דעם יידישן פאָלק צו וואוינען און צו האַנדלען אויף זייערע פּאָסעסיעס, טאָ ווי קאָנען די חשובע הערן דאָס פאַרבאָטן און אָפּזאָגן איינצוואַנדערן [קיין ניי־נעדער־לאַנד] דעם פּאָרטוגעזישן פאָלק וואָס איז שוין דאָ אַ תושב פאַר אַן ערך זעכציק יאָר? אַ סך פון זיי זיינען שוין דאָ געבוירן געוואָרן און זיינען באַשטעטיקטע בירגער. ווי אַזוי קאָן מען זיי פאַרבאָטן צו פאָרן אין דעם לאַנד אַריין וואָס נייטיקט זיך אין מענטשן כדי צו וואַקסן?

די פּעטיציאָנערן בעטן מחמת די אויבן אויסגערעכנטע סיבות, (און אויך מחמת אַנדערע, וואָס זיי מיידן אוים כדי ניט מאריך צו זיין), אַז די חשובע הערן זאָלן אַזוי געפעליק זיין און ניט אויסשליסן דאָס יידישע פאָלק פון דעם לאַנד, נאָר פאַרקערט, אים דערלויבן צו פאָרן דאָרט אַהין און אים אויך געבן דאָרט וואוינרעכט, ווייל אויב נישט, וועט דאָס זיך אָפּרופן שלעכט אויף זיין גוטן נאָמען. און עס זאָל אויך דורך אַן אַפּאסטיל [מאַרגינעס באַמערקונג] און דורך אַ באַשטימונג דערלויבט ווערן דעם יידישן פאָלק, צוגלייך מיט אַלע איינוואוינער, צו האַנדלען דאָרט און צוזאַמען מיט אַלעמען צו גע־ניסן פון דער פרייהייט, מיטן תנאי אַז זיי זאָלן ביישטייערן ווי אַנדערע.

ג. דער ענטפער פון דער וועסט־אינדיע געזעלשאַפט צו סטייוועסענטן, דעם 26־טן אַפּריל, 1655.

חשובער, קלוגער, פרומער, טייערער, איבערגעגעבענער [סטיי־וועסענט] . . .

מיר וואָלטן גערן געוואָלט דערפילן אייערע וואונטשן און אייער פאַרלאַנג, אַז עס זאָל ניט דערלאָזט ווערן צו פאַרפעסטן די נייע מקומות מיט יידן ווייל מיר זעען אויך פאָראויס די זעלבע שוועריקייטן פאַר וועלכע איר שרעקט זיך. אָבער נאָך דעם ווי מיר האָבן ווידער באַטראַכט און באַהאַנדלט דעם ענין זעען מיר איין אַז אַזאַ האַנדלונג וואָלט געווען אומיושרדיק ביז אַ געוויסער מאָס, בפרט מחמת דעם וואָס דאָס פאָלק [יידן] האָט גלייך מיט אַנדערע, געליטן אַ באַדייטנדיקן שאָדן דורכן איינגעמען בראַזיל, און אויך מחמת דעם גרויסן קאַפּיטאַל וואָס זיי האָבן נאָך איצטער ליגן אין ווערט־פּאַפּירן פון דער געזעלשאַפט. דעריבער האָבן מיר נאָך לאַנגע פאַר־האַנדלונגען ענדגילטיק באַשטימט צו אַפּאָסטילירן [באַמערקן אויפן מאַרגינעס] אַ געוויסע פּעטיציע, וואָס איז אונדז איבערגעגעבן גע־וואָרן פון די דערמאָנטע פּאָרטוגעזישע יידן, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק מעג אַרומפאָרן און האַנדלען מיט און אין ניי־נעדערלאַנד און אויך דאָרט בלייבן וואוינען, נאָר מיטן תנאי אַז די אָרעמלייט צווישן זיי

זאָלן ניט פאַלן צו לאַסט דער געזעלשאַפט אָדער דער שטאָט, נאָר זאָלן געשטיצט ווערן פון זייער אייגן פאָלק. איר וועט איצטער זיך מעכטיקן אין הסכם דערמיט.

די דירעקטאָרן פון דער וו[עסט] א[ינדיע] געזעלשאַפט.
אַמסטערדאַמער אָפּטיילונג.
אמסטערדאם, דעם 26-טן אפּריל, 1655.

דער חרם אויף ברוך ספינאָזא

אויסגערופן אין אַמסטערדאַם דעם 27טן יולי, 1656

ברוך ספינאָזא (1677—1632), דער באַרימטער יידישער פילאָזאָף, איז געבוירן געוואָרן אין אַמסטערדאַם ביי שפּאַניש פּאָרטוגעזישע עלטערן, וואָס האָבן געשטאַמט פון מאַראַנען. נאָך גאָר יונג האָט ספינאָזא אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו פילאָזאָפיע. דאָס האָט אים געפירט צו פאַרברענגען אין קרייזן פון קריסטלעכע גרופּעס און סעקטעס, וואָס זיינען ניט נאָר ביי יידן, נאָר אויך ביי קריסטן באַטראַכט געוואָרן פאַר אפיקורסים, ניט גלייביקע, כאָטש זיי זיינען געווען ווייט דערפון. עס האָבן זיך אָנגעהויבן דערטראָגן קלאַנגען וועגן יונגן ברוך ספינאָזא אויך צו דעם ועד הקהילה פון אַמסטערדאַם. מען האָט אים גערופן אויף אַ פאַרהער. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און אויסגעמידן צוזאָגן אַז ער וועט זיך שוין אויפפירן ווי אַלע פרומע לייט ווילן און זיך אָפּקערן פון די קריסטלעכע פילאָזאָפירנדיקע קרייזן. מען האָט אים געוואָלט געבן געלט אַז ער זאָל פאַרלאָזן האָלאַנד נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. ווען די פירער פון דער קהילה האָבן געזען, אַז זייער מוסר העלפט ניט, האָבן זיי דעם פיר און צוואַנציק יעריקן ספינאָזא אַריינגעלייגט אין חרם ווי אַ וואָרענונג פאַר אַנדערע יונגעלייט וואָס וועלן אפשר וועלן נאָכטאָן זיין ביישפיל. די רבנים וואָס האָבן ספינאָזען מחרים געווען זיינען געווען: שאול מאָרטייראָ און יצחק אבוהב. דער דריטער מיטגליד פון בית־דין, מנשה בן ישראל, איז דעמאָלט געווען אין ענגלאַנד.

די יידישע איבערזעצונג פון דעם חרם איז גענומען פון ד״ר י. שאַצקים ווערק „ספינאָזא און זיין סביבה“.

די באַלעבאַטים פון מעמד לאָזן אייך וויסן אַז זיי האָבן שוין פון אַ לאַנגער צייט ידיעות וועגן די שלעכטע מעשים און מחשבות פון ברוך דע עספּינאָזא און זיי האָבן זיך באמת דורך פאַרשיידענע מיטלען און הבטחות אים אַרויפצופירן אויפן דרך הישר. היות ווי קיין שום זאַך האָט אים ניט געקאָנט פאַרבעסערן און פאַרקערט, עס זיינען יעדן טאָג אָנגעקומען אַלץ מער און מער ידיעות וועגן זיין גרויסער אַפּיקורסות וואָס ער האָט געטאָן און געלערנט, פון די אומדערהערטע פאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען. זיי זיינען געוואָרן באַשטעטיקט דורך אַ סך עדות וועלכע מען קאָן גלייבן, און זיי האָבן עדות געזאָגט אין בייזיין פון דעם דערמאָנטן עספּינאָזא, וואָס האָבן אים איבערגעצייגט אין זיין שולד. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן, נאָך דעם ווי דער ועד החכמים [רבנים] האָט דאָס חוקר ודורש געווען, מחרים צו זיין און אַרויסצוטרייבן דעם דערמאָנטן עספּינאָזא פון דעם גדר פון כלל ישראל מיט דער הסכמה פון די דערמאָנטע חכמים. מיר זיינען אים מחרים מיטן וויטערדיקן נוסח פון חרם:

לויט דעם פּסק פון די מלאָכים און לויט דעם פּסק־דין פון די קדושים, מיטן הסכם פון דעם בית־דין און פון דער הייליקער קהילה אונדזערער, זיינען מיר מחרים, מיר פאַרשטויסן, זאָגן זיך אָפּ און פאַרשעלטן ברוך דע ספּינאָזא. און פאַר די הייליקע ספרים אונדזערע מיט די תרי״ג מצוות וואָס זיינען אין זיי פאַרשריבן, זיינען מיר מחרים מיטן חרם וואָס יהושע האָט מחרים געווען יריחו, מיט דער קללה וואָס אלישע האָט פאַרשאָלטן די יינגלעך און מיט די אַלע תוכחות פון דער תורה.

זאָל ער זיין פאַרשאָלטן בייטאָג און זאָל ער זיין פאַרשאָלטן ביינאַכט! זאָל ער זיין פאַרשאָלטן ווען ער לייגט זיך און זאָל ער זיין פאַרשאָלטן ביים אויפשטיין!

זאָל ער זיין פאַרשאָלטן ביים אַרויסגיין, זאָל ער זיין פאַרשאָלטן ביי זיין צוריקקומען! גאָט זאָל אים קיינמאָל ניט מוחל זיין!

זאָל זיך זיין צאָרן און כעס קעגן דעם מענטשן צעפלאַקערן און זאָל ער אויף אים אַראָפּשיקן אַלע קללות וואָס זיינען פאַרשריבן אין דער תורה.

און גאָט וועט זיין נאָמען אָפּמעקן פון דער ערד און גאָט וועט אים, צו זיין מפּלה, אַרויסשטויסן פון אַלע שטאַמען פון ישראל מיט אַלע קללות פון הימל, ווי זיי זיינען אין דער ספר תורה פאַר־שריבן.

אָבער איר, וואָס איר האַלט אייך אָן אָן אייער גאָט, איר לעבט אייביק!

מיר זיינען מזהיר אַז קיינער זאָל מיט אים ניט האָבן קיין שום מגע ומשא, ניט בפּה און ניט בכתב. קיינער זאָל אים קיין שום טובה ניט טאָן און קיינער זאָל מיט אים צוזאַמען ניט זיין אונטער איין דאַך אָדער אין די זעלביקע ד׳ אמות! און קיינער זאָל ניט לייענען קיין שום ספר וואָס ער האָט מחבר געווען אָדער געשריבן.

אַן אויטאָביאָגראַפיע פון אַ פשוטן יידן פון פראָג

פון זיבעצנטן יאָרהונדערט

דער נאָמען פונעם מחבר פון דעם העברעאישן ספר זכרונות, פון וואַנען דער אויסצוג איז גענומען, איז אונדז אומבאַקאַנט. ער איז מסתמא געווען אַ מלמד און אַ סופר. דעם מחברס מוטער האָט געשטאַמט פון בעלעם, פוילן, פון אַ יחוסדיקער משפחה, וואָס איז אַנטלאָפן קיין בעמען נאָך גזירות ת״ח ות״ט. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ סוחר און אַ הויף-פאַקטאָר.

צום ערשטן מאָל איז די אינטערעסאַנטע אויטאָביאָגראַפיע אָפּגעדרוקט געוואָרן פון ד״ר אַלכסנדר מארקס אין „דזשואיש קוואַטערלי רעוויו" (1918).

מיין פאָטער האָט באַשטימט מיך אַוועקצושיקן קיין פראָג, וואָס ס'איז געווען אַ טאָג פאָרן פון אונדז. מיין ברודער איז אויך דאָרט געווען. ס'איז געווען ווינטער און איך בין אַלט געווען ניין יאָר. אויך דאָרטן האָב איך גאָרניט געטאָן, ווייל מיין פאָטער האָט ניט געוואוסט ווי איינצושטעלן זאַכן ווי ס'געהער צו זיין. און מחמת ער האָט גע-וואָלט שפּאָרן געלט, האָט ער מיך איבערגעלאָזן פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל אונטער דער השגחה פון אַ מלמד וואָס האָט זיך ווייניק וואָס אָפּגעגעבן מיט מיר גראָד ווען איך האָב געדאַרפט אַ סך השגחה, כדי צו קאָנען זיך עפּעס אויסלערנען. צו יענער צייט איז מיין פעאיקייט אויפצונעמען און מיין זכרון געווען שוואַך, ווי אַ פועל יוצא פון מיין קראַנקייט.

איך בין געווען באַדעקט מיט געשווירן, און די מאַלצייטן וואָס איך האָב גענעסן זיינען ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר מיר. ס'איז

אַ מנהג אין פראַג צו עסן אויף ווארמעס בעבלעך און קאַשע מיט אַ שטיקל פוטער. אַט דאָס עסן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שעדלעך פאַר מיר. אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט מיר און מיר ניט געגעבן קיין שום רפואות. כאָטש מיין פאָטער איז עטלעכע מאָל געקומען קיין פראַג, האָט ער אָבער דאָס ניט באַמערקט. איך דערמאָן צום גוטן ר׳ לייב פלעקעלס, וואָס האָט מיר געגעבן צו עסן און מיך, פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל, געהאַלטן אין זיין הויז אַרום זעקס חדשים. מיין פאָטער האָט אים געצאָלט אַרום זעקס גולדן אַ חודש. ער האָט געוואָלט אַז איך זאָל זיך חברן מיט זיין זון שמעון, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען פינף יאָר. איך האָב אים געפירט צו זיין רבין און בין מיט אים איבערגעגאַנגען די פרשה. אין יענער צייט בין איך געווען זייער ענייוותדיק און גרייט געווען זיין יעדן איינעמס קנעכט און צו טאָן אַלץ וואָס מען וועט מיך הייסן. ווען מיין פאָטער וואָלט מיך נאָר געווען איבערלאָזן אין דעם הויז וואָלט איך זיך צוגע־וואוינט צו דרך ארץ און וואָלט זיך אויסגעלערנט אַביסל מער ווי אין דעם דאָרף וואָסטראָוו צווישן די פויערים. מיין פאָטער האָט אָבער גע־וואָלט איינשפּאָרן געלט און ער האָט מיך אַהיימגענומען. מיין על־טערער ברודער איז אויך דעמאָלט געווען אין דער היים. ער [דער פאָטער] האָט גערעכנט אַז ער אַליין וועט מיט אונדז לערנען, און מיין ברודער, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר דרייצן־פערצן, האָט געלערנט ביי אים הגדה, רש״י און מדרשים און אויך שחיטה ובדיקה. איך אָבער האָב געדאַרפט אַ באַזונדערן מלמד. מיין פאָטער האָט אָנגעהויבן לערנען מיט מיר גמרא מסכת סוטה איינמאָל אָדער צוויי מאָל, כאָטש איך האָב פריער קיינמאָל ניט געהאַט געלערנט קיין תלמוד אָדער משנה.

אַזוי איז פאַרביי אַ לאַנגע צייט און איך האָב גאָרניט געלערנט, ביז איך בין געוואָרן אַ דאָרן אין מיינע אייגענע אויגן און נאָך ערגערס אין מיין פאָטערס אויגן, ווייל איך בין געווען אַ בור, דערצויגן אין שמוץ, אָן וועלכער ריינקייט, מחמת דעם וואָס איך האָב ניט גע־האָט קיין מוטער. איך געדענק, אַז צו צוועלף יאָר בין איך אַרומגעלאָפן אָן הויזן און באָרוועס און קיינעם האָט דאָס ניט געאַרט. מיין פאָטער האָט דעמאָלט געהאַט אַ סך קליינע קינדער, ווייל זיין ווייב האָט כמעט

יעדעם יאָר געבוירן אַ זון אָדער אַ טאָכטער. איך בין זיכער אַז אויב ס'וואָלט דאַמאָלס וועלן אים [דעם פאָטער] געלאָזט וויסן, אַז איך בין געשטאָרבן, וואָלט ער דאָס באַטראַכט פאַר אַ גוטער בשורה, ווייל ער האָט געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ בור און אַ שלים-מזל, אַזוי אַז מיין לעבן איז בלויז געווען אַ משא אויף אים. מיין ברודער איז געווען אַ שטאַרקער יונג און ער האָט געאַרבעט שווער אין שלאַכט-הויז און ער האָט זיך ניצלעך געמאַכט אויף פאַרשיידענע אַנדערע אופנים, בעת איך, פאַרקערט, בין דערנידעריקט געוואָרן פון אַלעמען אין הויז און יעדער האָט זיך מיט מיר געשאָפן.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן צוויי יאָר, התל"ח—התל"ט, [1678—1679]. אין הת"ם [1680] איז אויסגעבראָכן אַ מגפה אין בעמען און ספּעציעל אין פּראַג... אין חודש תמוז בין איך קראַנק געוואָרן און די סימנים פון דער פּעסט האָבן זיך באַוויזן און איך האָב דריי טעג און נעכט געהאַט היץ און בין געווען קרוב למיתה. דערנאָך האָט מיר אַרויסגעשלאָגן אַ געשווילעכץ הינטערן אויער אויפן קאַרק און עס האָט געברענט ווי אַ פייער. די גאַנצע משפחה האָט זיך דערשראָקן... די פּעסט האָט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט אַרום אונדזער דאָרף און דער פּריץ האָט געמאַכט אַ שפּיטאָל אין אַ קליין הילצערן הייזל פון צוויי צימערן, אין מיטן פון אַ גרויסן וואַלד, אַ מייל ווייט פון זיין שלאָס. אויב ס'איז ווער קראַנק געוואָרן אין איינעם פון די דערפער האָט מען אים אַרויסגעפירט פון זיין הויז מיט אַלע זיינע זאַכן און ער האָט געמוזט אַוועקגיין אין וואַלד אַריין. דער פּריץ האָט אָפּגעזונדערט אַ שטיק פּלאַץ אַרום זיין שלאָס וואו עס האָבן געקאָנט צוקומען נאָר די וואָס האָבן דאָרטן געוואוינט. ער [דער פּריץ] האָט געהאַלטן בלויז עטלעכע מענטשן אין שלאָס און ער האָט זיך אָפּגעזונדערט דאָרטן און קיינמאָל נישט געלאָזן דעם פּאַלאַץ אויף זיינע דינער. ער האָט קיין פרעמדע נישט צוגעלאָזן, אויסער מיין פאָטער וואָס איז געווען קלוג און וואָס מיט אים האָט ער ליב געהאַט צו שמועסן. ער האָט געוואָלט, אַז ער [דער פאָטער] זאָל קומען צו אים און בלייבן ביי אים די גרעסטע טייל פונעם טאָג.

ער האָט באַפוילן מיין פאָטער צו האַנדלען אויפן זעלביקן אופן און נישט צו דערלויבן זיין משפחה צו פאַרלאָזן דאָס הויז אָדער

אַריינצולאָזן פרעמדע מענטשן. ער האָט אים אויך געזאָגט אַז אויב חס ושלום עס וועט ווער פון זיין משפחה קראַנק ווערן זאָל ער דאָס ניט באַהאַלטן, נאָר מיטן אייגענעם ווילן פאַרלאָזן דאָס הויז און אַוועקגיין מיט אַלצדינג אין וואַלד אַריין. ער האָט געוואָרנט מיין פאָטער אַז אויב ער וועט אויסגעפינען אַז מיין פאָטער האָט אַזאַ געשעעניש [קראַנקהייט אין דער משפחה] באַהאַלטן וועט ער דערלויבן די פויערים צו פאַרברענען דאָס הויז מיט אַלע איינוואוינער.

ווען מיין פאָטער האָט פאַרשטאַנען אַז ער האָט די מגפה ביי זיך אין הויז, איז ער זייער צעטראָגן געוואָרן און ער האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. צו דערפילן דעם פריצס באַפעל און אַוועקגיין אין וואַלד אַריין איז געווען אַ גרויסע סכנה, ווייל דאָס וואַלט באַקאַנט געוואָרן אין די דערפער פאַר אַלע באַוואוינער — זייער רוב איז באַשטאַנען פון געמיינע מענטשן, גנבים און מערדער — וואָס וואַרטן נאָר אויף דעם בלוט און פאַרמעגן פונעם יידן. אפילו אין די שטעט האָבן זיי ליב צו פאַרפאָלגן און באַרויבן יידן אין די הייזער, טאָ וויפיל נאָך גרעסער איז די געפאַר פון זייער אָנפאַל אויף אונדז אין וואַלד. ער [דער פאָטער] האָט דעריבער באַשלאָסן מיך צו באַהאַלטן אויפן בוידעם און בעטן זיין פאָטער, ר׳ יעקב הלוי, אַכטונג צו טאָן אויף מיר, וואָס ער האָט דאָס טאָקע געטאָן, כאָטש ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן. ער האָט זיך מיט מיר אַזוי אָפּגעגעבן אַז קיינער פונעם הויזגעזינד האָט ניט געדאַרפט אַריינקומען אינעם חדר וואו איך האָב זיך געפונען, און מען האָט געהאָפט אַז אַזוי אַרום וועט מען פאַרהיטן אַז די פּעסט זאָל ניט אָנשטעקן אַנדערע. ער איז געווען מיט מיר זעקס טעג.

אָבער אין אַ געוויסן טאָג זיינען מלשינים געקומען צום פּריץ און איבערגעגעבן אַז זיי האָבן געזען מיין זיידן ז״ל מיט אַן אַנדערן יידן, אַ געוויסן שאול פאָלאַק, וואָס האָט געוואוינט מיט זיין פרוי אין אונדזער הויז, גיין האַנדלען צוזאַמען אין אַנדערע דערפער וואו די מגפה הערשט. תיכף האָט דער פּריץ באַפוילן זיי אַרויסצושיקן פון זיין גבול מיט דער וואָרענונג, אַז זיי שטעלן איין זייער לעבן אויב מען וועט זיי דאָרט ווידער זען. דעמאָלט איז מיין זיידע ז״ל געצוואונגען געוואָרן מיך איבערצולאָזן אַליין אויף מיין קראַנקן־בעט, ווייל ס׳איז

געווען געפערלעך זיך צו באהאלטן: מען וואלט אים געווען געזוכט אין אלע חדרים און אויב מען וואלט מיך געפונען וואלט דאס באטייט א סכנה פאר אלעמען. דעריבער האבן ביידע געמוזט פארלאזן דעם הויף פאר די אויגן פונעם פריץ.

אבער גאט האט זיך דערבארעמט איבער מיר. זעענדיק אז ס'איז ניטא קיינער וואס זאל זיך אפגעבן מיט מיר, האט ער מיר געשיקט א רפואה שלימה. און ס'איז געווען גאר גוט וואס די מכות האבן זיך מער ניט געעפנט ווען עס איז ניט געווען קיינער וואס זאל אכטונג געבן אויף מיר, נאר זיי האבן זיך פארקלענערט מיט גאטס הילף יעדן טאג. עס האט געטראפן, אז מיין פאטערס שוואגער, ר' שמשון קאמעניץ, איז געקומען צו אונדז און ער האט מיין פאטער געזאגט ווי אזוי צוצוגרייטן א פלאסטער פונעם ווייסל פון אן איי און אביסל אלוין אזוי גרוים ווי א נוס. ביידע זאכן האבן געמוזט אויסגעמישט ווערן שנעל און אפגעהיט אין א טעפל, ביז עס איז געווארן געדיכט. ער [דער פאטער] האט געפאלגט די עצה. דער פלאסטער איז מיר געגעבן געווארן פון דערוווייטנס און איך האב דאס צוגעלייגט, כאטש איך בין געווען בלויז א ייִנגל פון צוועלף יאר און קראנק. איך בין אבער געצוואונגען געווארן צו געפינען מיטלען ווי אזוי אויפצופאסן אויף זיך ווי געהעריק. אויף אן ענלעכן אופן [ווי מען האט אים איבערגעגעבן דעם פלאסטער] האט מען מיר געבראכט עסן צו די טרעפ, עס אוועקגעשטעלט און גלייך פארמאכט די טיר. איך האב געמוזט ארויסגיין פון בעט און עס נעמען. איך בין דארט געלעגן בייטאג און ביינאכט און צו יענער צייט האב איך געהאט אויסטערלישע חלומות. אז איך בין געבליבן לעבן איז שלא כדרך הטבע. גאט אין זיין חסד האט מיר געגעבן כח און עס איז מיר בעסער געווארן פון טאג צו טאג, די היץ האט מיר אפגעלאזן, נאר דאס פלאץ פונעם געשווילעכץ האט געברענט ווי א פייער און מיין גאנץ פנים איז געווען רויט.

אונדזערע קריסטלעכע שכנים האבן אנגעהויבן באמערקן אז איך בין ניטא, האבן זיי געגעדט צווישן זיך: „זעט וואס די יידן האבן געטאן: איינס פון זייערע קינדער איז ווייזט אויס, געשטארבן פון דער פעסט און זיי האבן דאס באהאלטן. ווי געטרייע דינער

פונעם פריץ דאַרפן מיר אים גיין דערציילן און זיך נוקם זיין אָן די יידן״.

ווען די קלאַנגען האָבן דערגרייכט די אויערן פון אונדזער משפחה, האָט מיין פאָטער קלוג געהאַנדלט און מיך געהייסן זיך אָנטאָן און אַרומוויקלען אַ שטיק לייוונט אַרום מיין האַלדז אַזוי אַז עס זאָל פאַרדעקן די רויטקייט. ער האָט מיר געזאָגט איך זאָל זיין מוטיק און זיך דורכגיין דורכן גאָרטן איבער די פעלדער און זיך צוריקקערן פאַזע טייך, פאַרביי די הייזער און דעם שלאָס. אויב עס וועט מיך ווער פרעגן פון וואַנען איך קום, זאָל איך זאָגן אַז איך קום פון חדר און אַז איך בין געווען ביי מיין רבין אין מענאַין, צוויי מייל פון דאַנען, און איך האָב ניט געהאַט קיין חשק אַהיימצוקומען. איך האָב אַזוי געטאָן און גאָט צו דאַנקען, איך בין געשפרונגען ווי אַ יונגער הירש פאַרביי דעם שלאָס און דורך דעם דאָרף, און עס האָבן מיך געזען אַ סך קריסטן וואָס זיינען אַזוי אַרום אַרויסגעשטעלט געוואָרן צו שאַנד און זייער פלאַן איז דורכגעפאַלן.

אַ סך פון אונדזערע שכנים זיינען געקומען אין קראָם אַריין זאָגן מיין פאָטער: „דיין זון, וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז טויט, האָט זיך צוריקגעקערט״. ער האָט זיי געענטפערט: „איר זייט טויט אָבער מיר לעבן אייביק״. זיי האָבן כמעט אָנטפלעקט פאַר אים וואָס זיי האָבן אין זינען געהאַט.

מיין פאָטער האָט נאָך מער אַרויסגעוויזן זיין חכמה, ווען ער האָט געהייסן מיין ברודער צושטעלן אַ לייטער צו אונדזערן אַ פרוכט-בוים אין גאָרטן און געהייסן מיך אַרויפקריכן אויף דעם בוים וואָס איז צום נאָענטסטן צו דער גאַס פונעם דאָרף אַזוי אַז אַלע פאַרבייגייער זאָלן זען אַז איך בין געזונט. ער האָט מיר אויך געהייסן זיך שפילן מיט די קינדער אין דאָרף, וואַרפן זיי פרוכט אין פנים אַריין און צורופן און וויצלען זיך מיט זיי. איך האָב געפאָלגט און געלאַכט ווען אויפן האַרצן איז מיר געווען ביטער. אַזוי אַרום, מיט גאָטס הילף, האָבן די קלאַנגען אויפגעהערט. איך האָב דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. איך האָב זיך פאַר זיי ניט געקאָנט ווייזן צו אָפט, ווייל זיי וואָלטן באַמערקט די שנוי אין מיין אויסזען,

וואָרעם איך בין קיינמאָל ניט געגאַנגען מיט קיין האָלדז טיכער פריער. און איצטער איז שוין געווען עטלעכע טעג זינט איך בין צוריקגעקומען פון מיין נסיעה. איינמאָל האָב איך געזען פאַרבייגיין אַ קריסט מיט די הענט אויף די באַקן, ווייל ער האָט געליטן פון צאָן־ווייטיק און זיין פנים איז געווען אָנגעצויגן. איך האָב פריילעך באַמערקט: „ווײ, איך האָב מורא דו ליידסט פון דער פעסט". איך האָב דאָס געזאָגט כדי צו ווייזן ווי געזונט און פריילעך איך בין. ער האָט מיר אָבער געענטפערט: „דו האָסט די פעסט אַליין, נעם אַראָפּ דאָס טוך פונעם האָלדז און מען וועט קאָנען זען דאָס געשווילעכץ אונטער דעם". איך האָב זיך דערשראָקן און באַהאַלטן. אָבער גאָט האָט די גויים געמאַכט בלינד און געלאָזט זיי פאַרגעסן.

אין אַ חודש אַרום בין איך אַראָפּגעקומען אין הויז אַריין און האָב זיך אויסגעמישט מיט מיינע ברידער און שוועסטער, געגעסן צוזאַמען און קיינער האָט זיך דערויף ניט אומגעקוקט. איך בין נאָכדעם געוואָרן דיקער און שטאַרקער. אינ׳ם יאָר התמ"א [1680], אין אָנהויב תשרי, האָט די מגפה אויפגעהערט אין פּראַג, אָבער אין דער איבעריקער טייל בעמען האָט זי זיך פאַרשפּרייט אַזוי שטאַרק אַז מענטשן זיינען מיד געוואָרן שוין פון אָפּזונדערן זיך איינער פונעם אַנדערן. אין אונדזער דאָרף זיינען אַ סך מענטשן, אפילו פונעם שלאָס, קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. מיין שוועסטער לאה האָט געהאַט דאָס געשווילעכץ וואָס קומט מיט דער פעסט, אָבער מען האָט זי ניט אָפּגעזונדערט, כאָטש איר קראַנקהייט איז באַקאַנט געוואָרן, ווייל דעם פּריץ איז נמאס געוואָרן אַנצונעמען מיטלען זיך אויסצוהיטן און מיין פאָטער איז שוין אויך מער ניט געקומען צו אים.

סוף חשון האָט די מגפה אויפגעהערט. כסלו האָט זי ווידער געבושעוועט און אַ סך יידן זיינען פון איר געשטאָרבן. אין טייל דערפער זיינען אַלע מאַנצבילן אויסגעשטאָרבן און סע זיינען געבליבן בלויז עטלעכע ווייבער. עס איז ניט געווען קיינער וואָס זאָל מקבר זיין די טויטע. ווייל ס׳איז געווען ווינטער און די ערד איז געווען ווי מאַרמאָר און עס איז געפאַלן אַ שטאַרקער שניי אין דער געגנט, האָט מען די מתים בלויז פאַרדעקט מיט שניי. און גאַנץ אָפט זיינען

געקומען וועלף און געגעסן די טויטע און טיילמאָל האָבן הינט אָפּגע־שאַרט דעם שניי פון די בר מיננם. זאָל זיך גאָט מרחם זיין אויף זייערע נשמות און פאַרבינדן אינעם בונד פון לעבן מיט אַנדערע צדיקים. אין אונדזער הויז איז, גאָט צו דאַנקען, קיינער ניט געשטאָרבן.

פון מוסר ספר „קב הישר״

שלעכטע קהילה פירער

1706

אינעם זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אַ נייער מין ליטעראַטור, די מוסר־ליטעראַטור. די מוסר־ספרים האָבן זיך גענומען פאַרמערן אין פוילן נאָך די גזירות ת״ח ות״ט. די דאָזיקע קליינע און אינטים־געשריבענע ספרימלעך האָבן אַפּעלירט צו דעם האַרץ און צו דער נשמה פון דעם פּשוטן מענטש, וועמען עס איז אָפט געווען שווער צו פאַרשטיין גאָטס וועלט. איינער פון די פאַרשפּרייטסטע מוסר ספרים אינעם אַכצנטן און נײַנצנטן יאָרהונדערט איז געווען צבי הירש קיידאַנאָווערס „קב הישר״, וואָס איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1706. דער „קב הישר״ איז אַ זייער שטרענג מוסר ספר, וואָס האָט, ווי דער ווייטערדיקער אויסצוג באַווייזט, געשטעלט זיינע לייענער הויך מאָראַלישע פאָדערונגען.

דער מנהיג קהילה, וואָס איז זיך נוהג ווי רעכט [איז]...

...און אין דער נעץ ווערן געכאַפּט פיל מנהיגים, פון וועגן זייער גאוה און הערשאַפט און וואַרפן אָן איין גרוים פאַרכט אויף דעם עולם, ניט פון גאָטס וועגן. און זיי טוען זיך אָן גרויסע תענוגים, און העלפן ניט דעם עולם מיט מסים [צינזן], דאָס אויף זיך מאַכן זיי גרינג דעם מס און אויף אַנדערע מאַכן זיי שווער. און [אין] אַלערליי כבוד און גדולה נעמען זיי אַ חלק צום ערשטן. און זייער פּנים פלאַמט תמיד מחמת טרינקען און [זיי] זיינען שטאַרק און

געזונט, מחמת זיי טוען זיך אָן דאָס גלוסטיקייט פון זייער הארץ. און די עדה, די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב זיינען צעשטויסן און נידעריק און גייען נעבעך נאַקעט און באָרוועס, מחמת די שמשים, וואָס זיינען גובה דעם מס און די באַדינערס פון קהל באַגזלנען זיי און קומען מיט אכזריות אין זייערע הייזער און כאַפּן און ראַבעווען פון וואָס זיי געפינען, און זעען, אַז די באַלעבאַטים זאָלן בלייבן בעירום ובחוסר כל, און נעמען אפילו זייערע קליידער אויך צו, און אפילו זייער טלית און דעם קיטל און פאַרקויפן עס פאַר ווייניק געלט. און אפילו דאָס בעטגעוואַנט נעמט מען ביי זיי צו און ביי די באַלעבאַטים בלייבט מער ניט נאָר דאָס שטרוי אין די בעטן. און אין דער צייט, אַז עס איז קאַלט, אָדער רעגן גייט, ציטערן זיי נעבעך, און ער מיט זיין ווייב און קינדער וויינען, איטלעכער אין באַזונדער ווינקל...

וועגן לוין־אַרבעטער

דער וואָס האַלט ביי זיך דעם פאַרדינסט פון דעם, וואָס האָט ביי אים פאַרדינט, און גיט עס ניט אָפּ, דער האָט אַ גרויסן עונש, וואָרעם איטלעכער פועל שטעלט נעבעך איין אַ לעבן צו זיין טירחה און צו זיין מלאכה, פון וועגן צו פאַרדינען זיין פרנסה, און ווייל ער האַלט זיינע [שכירות] ביי זיך, איז גלייך ווי ער באַצווינגט זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין הויז געזינד. דאַרום איז דערפון אַ גרויסע אזהרה צו די מענטשן, וואָס הערן דאָס קול פון דעם שכיר, וואָס ער וויינט כמעט פון וועגן די שכירות פאַר זיין טירחה, סיי אַ ייד, סיי ניט קיין ייד, ווי דער פועל און דער שכיר גייט אים נאָך נאָך און וויל דעם שכר פאַר דעם וואָס ער האָט זיך געמיט און מטריח געווען אַ גאַנצן טאָג, און דער באַלעבאָס [פאַר]שטאָפּט זיינע אויערן פון צו הערן און איז אים מדחה: „גיי היינט אַוועק און קום מאָרגן, וועל איך דיר באַצאָלן״, איז קיין גרעסערער חלול השם ניט פאַראַנען דערפון און זיין עונש איילט צו קומען, און ער ווערט אָרעם, און כאָטש ער איז לפי שעה אין גוטס, וועט ער צום סוף קיין הצלחה ניט האָבן און ער וועט בוודאי קריגן דעם דלות און קיינער וועט זיך איבער אים ניט דערבאַרעמען.

40

דער בעל שם טוב

לויט די „שבחי בעש״ט"

ר׳ ישראל בעל שם טוב, דער באַגרינדער פֿון חסידות, האָט נאָך זיך ניט געלאָזן קיין ספֿרים, קיין כּתבֿים און אפֿילו ניט קיין בריוו (אַחוץ איין און איינציקן מסופּקן בריוו וועגן ווייטע הימלישע ענינים) און מיר ווייסן זייער ווייניק וועגן אים. ער איז מסתּמא געבוירן געוואָרן אין אָקופּ, פּאָדאָליע, אַרום 1699—1700 און געשטאָרבן אין מעדזשיבאָזש, אוקראַינע, 1760. כאָטש ער האָט געלעבט אַזוי נאָענט צו אונדזער צייט, געהאַט אַזויפֿיל תּלמידים און געשאַפֿן אַזאַ ריזיקע באַוועגונג, קוקט אָבער, לויט דובנאָוון, דעם היסטאָריקער פֿון חסידות, „דורך אַ נעפּל צו אונדז אַרויס די היסטאָרישע געשטאַלט פֿון דעם באַשאַפֿער פֿון דער חסידות, דורך אַ נעפּל פֿון וואונדער מעשׂות, וואָס די פֿאָלקס לעגענדע האָט מיט זיי געקרוינט דעם קאָפּ פֿון איר באַליבטן העלד". דאָס וואָס מיר זעען דעם בעל שם טוב כאָטש דורך אַ נעפּל, האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען דעם פֿרומען שוחט דובֿ בער, דער איידעם פֿונעם בעש״טס סופֿר אלכּסנדר שוחט, וואָס האָט אין יאָר 1815 פֿאַרעפֿנטלעכט די „שבחי בעש״ט", וואו אמתע געשעענישן מישן זיך אויס מיט לעגענדעס...

אין דער געגנט וואלאכיע האָט געוואוינט אַ גרויסער רב מיטן נאָמען רבי אליעזר. ווען די טאָטערן זיינען באַפֿאַלן די געגנט, האָבן זיי דעם רב גענומען געפֿאַנגען. זיי האָבן אים פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קנעכט אין אַ ווייטער מדינה צו אַ גרויסן שׂר. ר׳ אליעזר

האָט ביים שר זייער אויסגענומען און דער שר האָט אים אויך געלאָזן רוען אום שבת. שפּעטער האָט זיך געמאַכט, אַז דער שר האָט עפּעס געדאַרפט געבן אַ מתנה צו אַ גרויסן יועץ, האָט ער אים געגעבן דעם רב פּאַר אַ מתנה. דער רב האָט ביי דעם יועץ זייער נושא חן געווען און דער יועץ האָט אים באַפרייט פון אַלע אַרבעטן אויסער אים באַדינען. פלעגט דער רב אים אַנטקעגנטראָגן אַ בעקן מיט וואַסער אָפּצואוואַשן די פיס, ווי עס איז געווען דער מנהג ביי אַלע שררות, און די איבעריקע צייט האָט ער געדינט גאָט ברוך הוא.

איינמאָל האָט זיך די מדינה געפונען אין אַן עת צרה... דער רב האָט גלייך געגעבן אַן עצה... און ווי דער רב האָט געזאָגט אַזוי איז געווען: דער קיניג האָט געוואונען די מלחמה און געוואָרן זייער גרויס... [דער קיניג האָט אים באַפרייט...] אויפן וועג אַהיים האָט מען אים באַגזלט, אָבער ער איז ווייטער געגאַנגען ווי אַן אָרעמאַן ביז ער איז געקומען אַהיים און דאָרט געטראָפן זיין פריער-דיק ווייב. האָט זיך צו אים באַוויזן אליהו הנביא אין חלום און גע-זאָגט אַז דערפאַר וואָס ער איז ביגעשטאַנען אַזאַ נסיון וועט זיין ווייב אים געבוירן אַ זון וואָס וועט פאַרלייכטן די וועלט.

אַזוי איז טאַקע געווען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ר' אליעזרס ווייב אים געבוירן אַ זון וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן ישראל...

דערנאָך, אַז ר' אליעזר איז נפטר געוואָרן און דאָס יינגל איז געבליבן אַן עלנדער יתום, האָט די שטאָט פאַר אים געדונגען אַ מלמד צו לערנען מיט אים, אָבער ר' ישראל האָט גאָר ניט געוואָלט לערנען און פלעגט אַנטלויפן אין די פעלדער און וועלדער. האָט מען אויפגעהערט אויף אים צו קוקן. ער איז געוואָרן אויף אַ קורצער צייט אַ באַהעלפער און פלעגט פירן קינדער מיט גרויס געזאַנג אין חדר אַריין...

ווי דער בעל שם טוב האָט חתונה געהאַט

אין יענער צייט איז אין בראָד געווען דער רב ר' גרשון קיטעווער. דעם רבס פאָטער האָט געהייסן ר' אברהם. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז

ר׳ אברהם האָט געהאַט אַ סכסוך מיט אַ באַלעבאָס פון דער שטאָט, וואו ר׳ ישראל האָט געקנעלט. „ביי אונדז אין שטאָט איז דאָ אַ מלמד אַ מופלג, לאָמיר גיין צו אים האָבן אַ דין תורה, און אויב אייך וועט ניט געפעלן וועלן מיר פאָרן קיין בראָד"...

שפּעטער איז ער [ר׳ אברהם] געוואָר געוואָרן אַז ר׳ ישראל איז אַן אַלמן, און ר׳ אברהם האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ גרושה. האָט אים ר׳ אברהם געפרעגט, אפשר וועט ער נעמען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, האָט אים ר׳ ישראל געזאָגט אַז ער איז מסכים, נאָר דאָס זאָל זיין בסוד... אין וועג האָט געטראָפן אַן אומגליק: ר׳ אברהם איז געוואָרן קראַנק און נפטר געוואָרן. זיין זון ר׳ גרשון, דער בראָדער רב... האָט איבערגעקוקט דעם טאַטנס כתבים, האָט ער דאָרט אויך געפונען די תנאים. ער לייענט איבער, און ער זעט, עס שטייט נאָר, אַז דעם חתן רופט מען ישראל בן אליעזר, איז עס אים געוועזן אַ וואונדער, דער טאַטע זאָל טאָן אַ שידוך מיט ניט קיין בן תורה און פון אַן אומבאַקאַנטער משפחה.

איז ער געקומען אַהיים, האָט ער איבערגעגעבן די תנאים דער שוועסטער, דער גרושה, האָט זי געזאָגט, אַז ווען ס׳וועט זיך נאָר אָפּזוכן ישראל וועט זי טאָן מיט אים דעם שידוך, ווייל אויב דער פאָטער האָט געטאָן איז געוויס רעכט און ער האָט געוואוסט פאַר־וואָס.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ר׳ ישראל זיך צעזעגנט מיט זיינע באַלעבאַטים פון דעם שטעטל וואו ער האָט געקנעלט און איז אַוועקגעפאָרן. קומענדיק נאָענט צו בראָד האָט ר׳ ישראל זיך איבערגעטאָן אין אַ קורץ פּעלצל און זיך אַרומגעבונדן מיט אַ ברייטן שטריק גאַרטל און איז אַזוי אַריין צו ר׳ גרשונען... ער האָט אים געוויזן די תנאים און געזאָגט אַז ער איז דאָס דער ישראל און ער וויל חתונה האָבן מיט דער שוועסטער. ר׳ גרשון איז געוואָרן זייער דערשראָקן, אים איז געווען דערווידער וואָס דער טאַטע האָט געטאָן, און ער האָט געשיקט רופן די שוועסטער. די שוועסטער האָט ווידער געזאָגט דאָס זעלביקע, אַז אויב דער פאָטער האָט דאָס געטאָן מסתמא איז גוט, און האָט אָפּגעשטעלט דעם זמן פון דער חתונה...

זיי האָבן חתונה געהאַט. נאָך דער חתונה האָט ר׳ גרשון גע־וואָלט לערנען מיט ר׳ ישראלן, טאָמער וועט ער אים אַביסל אוים־לערנען דברי תורה, אָבער ר׳ גרשון האָט זיך תיכף אַרומגעזען, אַז ר׳ ישראל קאָן גאָרניט מקבל זיין... האָט ר׳ גרשון געזאָגט צו זיין שוועסטער: „דו זעסט דאָך אַז עס איז מיר אַ גרויסע חרפה פון דיין מאַן; אויב דו ווילסט זיך גטן איז אַוודאי גוט, ווען ניט וועל איך קויפן אַ פערד, און דו זאָלסט מיט אים אַוועקפאָרן, ווייל איך קאָן ניט אויסשטיין די חרפה״. האָט די שוועסטער מסכים געווען אַוועק־צופאָרן.

ר׳ גרשון האָט זיי געקויפט אַ פערד און זיי זיינען אַזוי געפאָרן ביז זיי זיינען געקומען צו אַן אָרט וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט בערג פון אַלע זייטן. דאָרט האָבן זיי זיך באַזעצט. ר׳ ישראל פלעגט זיצן יום ולילה און לערנען, נאָר עטלעכע מאָל אין וואָך פלעגט ער אָנגראָבן אַ וועגעלע ליים, און דאָס ווייב פלעגט עס אַוועקפירן אין דער נאָענטער שטאָט אריין פאַרקויפן...

זיבן יאָר זיינען אַריבער פון דעם טאָג ווען ר׳ ישראל האָט פאַרלאָזן מיט זיין ווייב בראָד. און ר׳ ישראל האָט באַשלאָסן פאָרן צוריק. ער איז געקומען צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון. האָט דער שוואָגער געפרעגט די שוועסטער וואו זיי זיינען דאָס געווען. האָט זי אים געענטפערט אַז זיי האָבן אַרומגעוואָנדערט און געהאַט אַ סך צרות. האָט ר׳ גרשון רחמנות געהאַט אויף זיי און זיי געגעבן אַ דירה ניט ווייט פון אים. ער האָט אויך צוגענומען ר׳ ישראלן פאַר אַ משרת ביי אים...

ווי דער בעל שם טוב האָט זיך אַנטפּלעקט

אין בראָד איז דעמאָלט געווען אַן אשה וואָס אין איר איז אַריין אַ רוח, און דער רוח פלעגט אויסרעכענען יעדן מענטשן וואָס ער איז... ווי די אשה האָט דערזען ר׳ ישראלן, וואָס איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן און פּראָסט אָנגעטאָן, האָט זי אויסגערופן: „ברוך הבא, ר׳ ישראל! דו מיינסט איך האָב מורא פאַר דיר? זאָג איך דיר אַז ניט, ווייל איך ווייס אַז אין הימל האָט מען דיר באַשוואוירן דו זאָלסט ניט זיין

בשמות הקדושים ביז דו וועסט זיין אַלט ווערן זעקס און דרייסיק יאָר".

דער עולם האָט זיך אַרומגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען וואָס די אשה רעדט. האָט מען זי איבערגעפרעגט און זי האָט אַלץ איבערגע־חזרט דאָס אייגענע. אַז ר' ישראל האָט געזען אַז דער עולם הייבט אָן עפּעס זיך אַנצושטויסן וועגן אים, האָט ער אויף איר דערלאַנגט אַ געשריי... די אשה איז אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער די אַרומיקע זיינען צוגעשטאַנען צו ר' ישראלן ער זאָל זיי זאָגן וואָס ער האָט גערעדט צו דער אשה. האָט ער אָפּגעלייגט צו ענטפערן... ר' ישראל איז שוין פון דאַמאָלס אָן אַביסל חשובער געוואָרן ביי ר' גרשונען. אָבער ר' גרשון האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואָס ער איז און אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן עם הארץ און אַ בור...

דער טויט

דער בעש"ט איז פאַר דער פּטירה ניט געלעגן אין בעט נאָר ער איז אַרומגעגאַנגען ביז ער האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן די כחות. ער איז נפטר געוואָרן דעם ערשן טאָג שבועות. מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָט ער זיך פאַרשפּאַרט אין אַ באַזונדער שטיבל און האָט קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזט.

זיינע לייט, זעענדיק אַז דער בעש"ט גייט אויס פון טאָג צו טאָג, האָבן זיי געשריגן און מתפּלל געווען פאַר אים, האָט צו זיי דער בעש"ט געזאָגט: „וואָס שרייט איר אומזיסט? ס'וועט קיין זאַך ניט העלפן. מיין צייט איז געקומען נפטר צו ווערן".

מען האָט אים געוואָלט ברענגען אַ גרויסן דאָקטער, האָט ער ניט געלאָזט און געזאָגט: „איר זייט זיך טועה, איר האַלט מיך פאַר אַ מענטשן גלייך ווי אַלע אַנדערע".

אַז עס איז געקומען שבועות האָט ער געהייסן מען זאָל ביי אים וואַך זיין. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געלערנט. ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָט ער געהייסן דאַוונען. נאָכן דאַוונען האָט ער געזאָגט מען זאָל עסן די מילכיקע סעודה, ווי תמיד, נאָר ניט מאַכן קיין שהיות. דערנאָך האָט ער אַלעמען פאַררופן און געבענטשט. ער האָט אויך

געזאָגט אַז ווען ער וועט נפטר ווערן וועלן זיך שטעלן אַלע זייגערס אין שטאָט.

ווי ס'איז געקומען מיטן־טאָג איז די זון מיט אַמאָל פינצטער געוואָרן, אַלע זייגערס אין שטאָט האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיין ריינע הייליקע נשמה איז אויסגעגאַנגען.

41

ענגלישע יידן שטעלן זיך איין פאַר די יידן פון בעמען

1744

דעם 14־טן מערץ 1744 האָט די קיניגין מאַריאַ טערעזאַ אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרטרייבן אַלע יידן פון בעמען (דעם 18טן דעצעמבער 1744) און פון מערן (דעם 2טן יאַנואַר 1745). געזאָלט האָט דער גירוש זיין אַ נקמה אַקט קעגן די יידן פון די פריער דערמאַנטע פּראָווינצן פאַר זייער מכלומרשטע פאַרבינדונג מיט פּרייסן וואָס האָט דאַמאָלס געפירט מלחמה קעגן עסטרייך. די באַדראָטע יידישע קהילות האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צו זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער. די פּרנסים פון דער גרויסער שול אין לאָנדאָן אין יענער צייט, אהרן פראַנקס און משה הארט, האָבן צוגעשטעלט די ווייטערדיקע פּעטיציע דעם קיניג דזשאָרדזש II. דער קיניג האָט די דערמאַנטע צוויי פּרנסים אויפגענומען אויף אַן אוידיענץ און ווי אַ רעזולטאַט פון דער אוידיענץ און פון דער פּעטיציע איז דער ענגלישער אַמבאַסאַדאַר אין ווין, סער טאָמאַס ראָבינסאָן, אינסטרואירט געוואָרן פון זיין רעגירונג זיך איינצושטעלן פאַר די יידן ביי דער עסטרייכישער רעגירונג. סער ראַבינסאָנען האָבן געהאָלפן די אַמבאַסאַדאָרן פון האָלאַנד, דענעמאַרק, ווענעציע און אפילו פון וואַטיקאַן. די בקשות פון די פּרעמדע לענדער האָבן לסוף געווירקט און מאַריאַ טערעזאַ האָט אָפּגעשטעלט דעם גירוש. די יידן פון פּראָג וואָס זיינען שוין געווען פאַרטריבן (זינט דעם 15טן מאַי 1745) האָבן זיך נאָך עטלעכע יאָר געוואַלגערט אין דערבייאיקע דערפער

ביז די בירגער פון דער שטאָט האָבן געלאָזט וויסן דער קיניגין אַז דורך דעם גירוש אויף די יידן „דראָט דעם לאַנד אָנצוּוואוערן אַ סך מיליאָנען". דאַמאָלס ערשט האָט די קיניגין דערלויבט די פּראַגער יידן זיך אומצוקערן אַהיים.

מאָזעס הארט און אהרן פראנקס
צו דזשארדזש II.

צו זיין הייליקסטער מאַיעסטעט.

די פּעטיציע איז פון מאָזעס האַרט און אהרן פראנקס, סוחרים פון דער שטאָט לאָנדאָן, וועגן זייערע ברידער, די געפּלאָגטע יידן פון בעמען. אייערע פּעטיציאָנערן האָבן געקראָגן אַ קאָפּיע פון אַן עדיקט וואָס איז אַרויסגעגעבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון איר מאַיעסטעט דער מלכה פון אונגאַרן. זיי [די פּעטיציאָנערן] האָבן דאָס געקראָגן פון זייערע דערמאנטע ברידער, די יידן פון דער דערמאנטער בעמישער מלוכה, וואָס ווייזט (צוזאַמען מיט עטלעכע בריוו וואָס זיי האָבן געקראָגן און וואו זיי ווערן געבעטן צו העלפן זיי אין דער עת צרה און זיך איינשטעלן פאַר זיי ביי זיין מאַיעסטעט), אַז די דערמאנטע ברידער זייערע דאַרפן אינגאַנצן אַרויסגעטריבן ווערן, און אַז סוף יאנואר פונעם קומענדיקן יאָר [1745] זאָל זיך ניט געפינען מער קיין איינציקער ייד אין דער שטאָט און אין דער סביבה פון פּראָג. אין זעקס חדשים אַרום נאָכן דערמאנטן לעצטן טאָג פון יאנואר, זאָל זיך ניט געפינען קיין ייד אין דער מלוכה פון דער דערמאנטער מלכה, און אויב עס זאָל יאָ ווער פון זיי געפונען ווערן, דעמאָלט וועט ער מיליטעריש באַשטראָפט ווערן.

אייערע פּעטיציאָנערן בעטן אונטערטעניקסט צו מעגן באַמערקן אַז עס ווערט ניט אָנגעגעבן קיין סיבה פאַר דעם דאָזיקן גירוש פון זייערע ברידער. זייערע ברידער [די בעמישע יידן] זיינען חושד אַז דאָס איז אויפגעברויזט געוואָרן פון זייערע פאַרביסענע שונאים מחמת מאָטיוון וואָס זיי קאָנען ניט אָנווייזן, ווייל זיי האָבן זיך תמיד אויפגעפירט ווי פליכטבאַוואוסטזיניקע, געטרייע און לאָיאַלע אונטער-טאנען פון זייער אַלליכטיקסטער הערשערין, דער דערמאנטער מלכה

פון אונגאַרן. אפילו במשך פון די אָפּטע מהומות וואָס זיינען פאַרגע־קומען די לעצטע יאָרן אין פּראַג, און ניט געקוקט אויף די גרויסע עקצעסן און היזיקות וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון די דאָזיקע געשעענישן, זיינען זיי ניט אָפּגעטראָטן פון זייער ליבע און טריישאַפט צו איר מאַיעסטעט און איר דערהויבענער דינאַסטיע.

אייערע פּעטיציאַנערן זיינען ווייט דערפון צו וועלן וועמען ריינ־וואַשן פון אַ פאַרברעכן וואָס ווער ניט איז (אויב עס געפינען זיך אַזעלכע) זאָל האָבן באַגאַנגען בעת דער לעצטער מהומה, נאָר פאַר־קערט, פאַרלאַנגען אַ הארבע שטראָף פאַר יענע. מיר האָפן אָבער אַז די אומשולדיקע וועלן ניט דאַרפן ליידן פאַר די פאַרברעכנס וואָס זיי זיינען ניט באַגאַנגען. מיר ווילן אונטערטעניקסט אויפמערקזאַם מאַכן אַז דער גירוש פון פופציק טויזנט משפחות, און אפשר מער, פון זייער פאַטערלאַנד, אין אַזאַ קריטישער צייט, קאָן זיך אַרויסווייזן ווי אַ שאָדן צו די פאָלקס אינטערעסן און בקרוב ווי אַ שאָדן פאַר איר אונגאַרישער מאַיעסטעט. די דאָזיקע יידן (ווי אייערע פּעטיציאַנערן זיינען אינפאָרמירט) האָבן תמיד געקרעפטיקט איר מאַיעסטעטס האַנט קעגן אירע שונאים.

אין מיטלייד [צו די דערמאנטע פאַרפאָלגטע] בעטן אייערע פּעטיציאַנערן זייער אונטערטעניק אייער מאַיעסטעט, וואָס איז באַ־וואוסט מיט זיין יושר געפיל און מיט זיין גרוים רחמים, זיך איינצו־שטעלן דורך די געהעריקע אינסטאַנצן ביי איר מאַיעסטעט דער מלכה פון אונגאַרן, כדי צו ווירקן אויף דער דערמאנטער מלכה צוריקצורופן דעם דאָזיקן באַפעל אָדער כאָטש אָפּלייגן די צייט פון דעם דערמאנטן גירוש פון זייערע ברידער און באַשטימען אַן אויספאָרשונגס קאָמיסיע וואָס זאָל אָפּטיילן די שולדיקע פון די אומשולדיקע, און באַשטראָפן יענע וואָס האָבן פאַרדינט איר מאַיעסטעטס צאָרן.

אייערע פּעטיציאַנערן פילן אויף זיך דעם חוב צו בעטן תמיד [א. אַז. וו.]

מאָזעס האַרט
אהרן פראַנקס

אַ בריוו וועגן גרים

פון דער ספרדישער קהילה אין לאָנדאָן צו דער אַשכנזישער

1751

אַ סך קריסטן, וואָס זיינען אין קראָמוועלס צייט געווען קעגן דעם אַז מען זאָל יידן צוריק אַריינלאָזן אין ענגלאַנד, האָבן געשטיצט זייער קעגנערשאַפט אויף דער מורא אַז יידן וועלן מגייר זיין קריסטן. אין דעם וויטערדיקן בריוו רעדט זיך וועגן „דער אויסדריקלעכער פאַרשטענדעניש", אויף וועלכער יידן זיינען מסתמא דעמאָלט איינגעגאַנגען אַז זיי וועלן זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין מיסיאָנערישער אַרבעט.

לאָנדאָן, דעם 27סטן דעצעמבער, 1751.

אזוי ווי מיר זיינען זיכער אַז איר וועט זיין גרייט צו באַטייליקן זיך אין אַלע אַקציעס וואָס האָבן זייער צוועק ניט צו שטערן אונדזער איצטיקע גליקלעכע טאָלערירונג, נוצן מיר דעריבער אויס די איצטיקע געלעגנהייט אייך, ווי חשובע מיטגלידער פון אייער קהילה, צו באַקענען מיט אַ וואָקסנדיקן איבל צווישן אונדז, דהיינו, דאָס מגייר זיין קריסטן. צוליב דעם צוועק, האָבן מיר געהערט, זיינען דאָ אַהערגעקומען צוויי צי דריי קריסטן פון נאָרוועגיע. כדי דאָס זאָל זיך אויך ניט פאַרשפּרייטן אויף ענגלענדער, וואָס וואָלט געווען להיפוך צו דער אויסדריקלעכער פאַרשטענדעניש בעת אונדזער ערשטער באַזעצונג דאָ, האָבן מיר געדענקט אַז ס'איז פּאַסיק צו פאַרבאָטן העלפן אָדער בייהילפיק צו זיין צו זיין [גרים] אין אונדזער שול אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל ניט זיין, אונטער דער שטראָף וואָס מיר לאָזן אייך וויסן. מיר

האָבן ניט קיין ספק אַז איר וועט זיך אויך אנשליסן אָן אונדז און זיך אנשטרענגען צו פאַרהיטן פון דעם דאָזיקן ענין אויף דעם בעסטן אופן פאַר אייך. מיר בעטן גאָט אייך צו באַשיצן לאַנגע יאָרן און מיר פאַרבלייבן אייערע פריינד און אונטערטעניקע דינער.

א. דע קאסטראָ,

פאַר דער קהילה.

43

פון בער באלעכאָווערס זכרונות

בער (בירקענטאל) באלעכאָווער (1805—1723) איז געווען אַ רייכער סוחר און אַ כלל טוער, וואָס איז אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט געשטאַנען נאָענט צו די פירנדיקע פערזענלעכקייטן פונעם פוילישן יידנטום. אונדזער בעל הזכרונות איז אויך אַ סך אַרומגעפאָרן, ספּעציעל אין אונגאַרן. ער האָט געקאָנט גוט פּויליש און אין 1759 איז ער געווען דער אָפיציעלער יידישער איבערזעצער ביים פראַנקיסטן־דיספּוט אין דער לעמבערגער קאַטעדראַלע, וואו ער האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן דעם לעמבערגער רב ר' חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט אין דער פאַרטיידיקונג. די ווייטערדיקע אויסצוגן זיינען גענומען פון ד"ר ווישניצערס יידישער איבערזעצונג פון באלעכאָווערס זכרונות.

וועגן וועד ארבע הארצות

איצט וועל איך דערציילן וועגן דעם גרויסן שינוי צו שלעכטס וואָס איז פאָרגעקומען אין פוילן בנוגע צו יידן און ס'איז געמינערט געוואָרן דאָס ביסל כבוד וואָס זיי האָבן שטענדיק גענאָסן זינט זיי זיינען געקומען וואוינען אין פוילן, שוין מיט ניין הונדערט יאָר צוריק, ביז ס'איז געוואָרן קיניג פאניאטאווסקי. די פּאָליאַקן האָבן דאַמאָלס געגלייבט אַז די ראשי מדינות, די יידישע אלופים וואָס האָבן צוליב די ענינים פון צאָלן דעם קאָפּ שטייער באַדאַרפט שטענדיק זיין אין וואַרשע בשעת די זיצונגען פונעם גרויסן סיים, זיינען מבטל דעם סיים, וואָס ווערט צונויפגערופן מיט אַזעלכע גרויסע הוצאות; אין יעדן סיים זיינען געווען אַ סך שונאי ישראל און אַנ-

גערעדט אויף יידן מען זאָל ביי זיי צונעמען די אויטאָנאָמיע וואָס זיי האָבן געהאַט פון לאַנג, פאַרבאָטן זיי די גוטע מסחרים מיט אָקסן, וויין און אַנדערע זאַכן. אַזוי ווי לויט די פוילישע געזעצן האָט יעדער בירגער, אַ שליאַכטשיטש, דאָס רעכט אָפּצוהאַלטן [דאָס דורכפירן אַ געזעץ] זאָגנדיק: „איך בין מיטן דאָזיקן פונקט ניט מסכים", האָבן די פריצים געגלייבט אַז די יידישע פירערס טוען דאָס און קויפן אונטער פאַר גרויס געלט שליאַכטשיטשן זיי זאָלן מבטל מאַכן דעם סיים. דעריבער האָט די רעגירונג געהייסן מבטל מאַכן די יידישע ראשי מדינות און שיקן גוישע קאָמיסאַרן פון אַלע פוילישע מדינות זיי זאָלן אַליין ציילן די יידישע באַפעלקערונג, כדי די יידן זאָלן צאָלן לויט דעם פאַרמעגן און זאָלן ניט דאַרפן באַשטימען איבער זיך פירערס „און מבטל מאַכן אַלע אַנדערע געזעצן".

אויף אַזאַ אופן האָט די רעגירונג מיט דער הסכמה פון אַלע פריצים און מיטגלידער פון סיים אין ווארשע באַשלאָסן מבטל מאַכן אויך דעם אויסגלייך וואָס עס האָט אויסגעשתדלנט דער וועד ארבע ארצות מכוח דעם קאָפּ שטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס מען האָט באַדאַרפט יעדער יאָר צאָלן דעם פינאַנץ מיניסטער דריי הונדערט טויזנט פוילישע גילדן. די ראשי מדינות פלעגן צונויפרופן דעלעגאַטן פון אַלע יידישע קהילות אין פוילן. פון צווישן זיי האָט מען אויסגעקליבן אָנגעזעענע געלערנטע מענטשן זיי זאָלן שאַצן אַלע יידישע קהילות. אויך רבנים, גרויסע גאונים, פלעגן זיי צונויפרופן זיי זאָלן מתקן זיין נייע דינים אין די יידישע משפטים מען זאָל חלילה ניט דאַרפן אָנקומען צו די גויאישע געריכטן און דאָס וואָס איז ניט בפירוש דערקלערט געוואָרן אין די ספרים פון אונדזערע פוסקים האָבן די רבנים און גאונים מפרש געווען. זיי האָבן צונויפגעשטעלט די תקנות פונעם וועד ארבע ארצות לויט די דינים פון אונדזער הייליקער תורה. די דאָזיקע תקנות זיינען פונעם גאַנצן יידישן פאָלק אָנגענומען געוואָרן אַזוי ווי די תורה אַליין און מען האָט זיי גערופן „ספרי תקנות ארצות". איך האָב קינדווייז געזען אַזעלכע געדרוקטע תקנות. זיינען די רבנים און דיינים פון אַלע פיר לענדער געזעסן שטענדיק צוזאַמען לעבן די אלופים, די מדינה פירערס. מיט יעדן משפט וואָס ס'האָט זיך געטראָפן אין אַלע פוילישע קהילות פלעגט מען קומען צו

זיי. דער דאָזיקער מנהג איז געווען דער בעסטער פאַר יידן אין משך פון אַכט הונדערט יאָר. ס'איז געווען אַ שטיקל גדולה און אַביסל כבוד פאַר יידן, וואָס גאָט האָט אונדז אין זיין רחמים און חסד ניט פאַרלאָזט, ווי אין חומש שטייט: „אויב אָבער איר וועט ניט צוהערן צו מיר, און ניט טאָן די דאָזיקע אַלע געבאָטן, און אויב מיינע חוקים וועט איר פאַראַכטן, און אויב מיינע געזעצן וועט פאַראומווערדיקן אייער זעל ניט צו טאָן מיינע געבאָטן, כדי איר זאָלט פאַרשטערן מיין בונד, וועל איך אויך טאָן דאָס דאָזיקע צו אייך" (ויקרא כו:יד).

איז אָבער בעוה"ר אויפגעשטאַנען אין פוילן אין תקכ"ג אַ נייער קיניג פאָניאַטאָווסקי וואָס האָט תיכף ווי ער איז געקרוינט געוואָרן געהייסן מיט דער הסכמה פונעם קאָנוואָקאַציאָנס סיים [ווייל אַלע שררות זיינען דאַמאָלס געווען אין וואַרשע] ציילן די יידישע באַפעל-קערונג דורך גויאישע קאָמיסאַרן פון אַלע פוילישע לענדער [פּראָ-ווינצן], און די יידן זאָלן באַצאָלן יערלעך צוויי פוילישע גילדן פון יעדן קאָפּ: אין חודש מערץ אָדער אדר איין גילדן און אין חודש אלול איין גילדן פון יעדן יידישן נפש...

נאָכדעם ווי די אלופים און ראשי מדינות האָבן פאַרלוירן זייער ביסל גרויסקייט און ס'איז אויך ביי יידן צוגענומען געוואָרן דאָס ביסל כבוד, איז מקוים געוואָרן די נבואה: „וואָרום ניט פאַראַלמנט איז ישראל און יהודה פון זיין גאָט, פון יהודה פון צבאות" (ירמיה נ"א:ה), ווייל אין דעמזעלבן יאָר אָדער אין קומענדיקן תקכ"ו איז מקוים געוואָרן די נביאות פון יחזקאל: „איך וועל ברענגען מיין נקמה אויף אדום דורך דער האַנט פון מיין פאָלק ישראל (יחזקאל כ"ה:י"ד). ס'איז פאַרשפּרייט געוואָרן די קאָנפעדעראַציע [אָנגעהויבן זיך 1768 און געדויערט בערך 5 יאָר], ד"ה, דער אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג און סענאַט אין וואַרשע, דאָס רוב שררות איז אויפגעשטאַנען און דער-קלערט איינער דעם אַנדערן: „די פּאָליאַקן, די שליאַכטע, זיינען פון תמיד אָן געווען פרייע בירגער. מיר האָבן קיין חלק ניט אין פאָניאַ-טאָווסקין און ניט אין זיין סענאַט אין וואַרשע".

יידישע גאָלדשמידן

אינעם יאָר תקכ"ו האָב איך אין לוואָוו באַשטעלט ביי די גאָלד־שמידן וואָס קענען גוט די קונסט־אַרבעט, כלי קודש פון ריין זילבער פאַר ר' ענזל כ"צם ספר תורה אין טערצאַל [אונגאַרן]. ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויס בלעך פון גוט זילבער, פערצנטער פּראָבע, שיין אויסגעמאָלט און זייער גוט פאַרגאָלדט, איינגעפּאַסט מיט טייערע שטיינער; דער פּרייז פונעם דאָזיקן בלעך האָט אָנגעטראָפן אַכציק אונגאַרישע דוקאַטן. אויך צוויי זילבערנע עץ־חיימס, שיין אויסגעמאָלט און באַדעקט מיט גאָלד, וואָס האָבן אָנגעטראָפן פופציק דוקאַטן. אויך איז געמאַכט געוואָרן אַ זילבערנער יד, זייער אַ שיינער, וואָס האָט געקאָסט צוועלף דוקאַטן. אַ סך פון די מבינים אויף אַזעלכע אַרבעטן האָבן באַשטעטיקט, אַז מען האָט נאָך ניט געזען אין פּוילן אַזעלכע כלי קודש. דער באַוואוסטער נגיד און ראש מדינה, ר' ליבוש מאליש ע"ה, מיט אַנדערע לייט האָט דערזען די דאָזיקע כלי קודש און געזאָגט אַז אפילו בימי שלמה המלך עה"ש זיינען אַזעלכע זילבער כלים געווען ראוי פאַרן בית המקדש; דער דאָזיקער ר' ליבוש מאליש האָט זיך דאַמאָלס גערעכנט אין לוואָוו פאַר אַ גרויסן מבין אויף אַלע מלאכות.

אַ שילער געלויף אין לעמבערג

אין יענער צייט [1751] איז אין לוואָוו פאָרגעקומען דער לעצטער שילער־געלויף, ווייל פון לאַנג אָן איז אין לוואָוו געווען אָט די שטענ־דיקע מכה אַז צוליב עפּעס אַ סכסוך אָדער קריגעריי, וואָס פלעגט אַרויס איבער דער קלענסטער מחלוקת צווישן אַ יידן און אַ שילער, פלעגן די שילער, די קינדער פון פּריצים און שררות, זיך צונויפנעמען, קומען אין די יידישע גאַסן, שלאָגן, הרגענען און ראַבעווען דאָס יידישע האָב און גוטס, און די יידן האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייערע שטיבער און זיך ראַטעווען; די שילער האָבן גערויבעוועט און געגזלט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט צונעמען פונעם פאַרמעגן.

44

„מעשה גדולה מן אומן ומן אוקריינאַ"

1768

אין פרילינג 1768 זיינען אוקראַינער קאָזאַקן אונטער דער פירערשאַפט פון זייערע עלטסטע זשעלעזניאַק און גאָנטע אָנגעפאַלן אויף די פּאָליאַקן און יידן אין אוקראַינע. דער פּאָגראָם איז געווען ענלעך אין אכזריות צו די כמעל־ניצקי שחיטות מיט איבער הונדערט יאָר פריער. די קאָזאַ־קישע פירער האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די פּויערים אַז זיי האָבן געקראָגן אַ דערלויבעניש פון דער קייסערין קאַטערינע צו פּאָגראָמירן פראַנק און פריי די פּאָליאַקן און די יידן. אין אַ סך שטעט האָבן די יידן געשלאָסן יד אחת מיט די פּאָליאַקן און צוזאַמען פאַרטיידיקט די באַפעסטיקטע שטעט וואו זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון די אָנפאַלער, די קאָזאַקן. די פּאָליאַקן האָבן אָבער פאַרראַטן די יידן, ווי למשל אין אומאַן, וואו די פּאָליאַקן האָבן איבערגעגעבן די שטאָט צו די קאָזאַקן אָן דעם וויסן פון די יידן. די קאָזאַקן־באַנדעס האָבן אומעטום געהרגעט, פאַרוויסט און געריבט אַלץ וואָס איז זיי געקומען צו דער האַנט. די ווייטערדיקע כראָניק איז געשריבן געוואָרן אויף יידיש פון איינעם וואָס האָט מסתמא אַליין איבערגעלעבט די הריגות. דעם פולן טעקסט האָט שמעון דובנאָוו פאַרעפנטלעכט אין ערשטן באַנד „היסטאָרישע שריפטן" פון ייווא.

ביום ב׳, ה׳ תמוז, זיינען די פוחזים [כוליגאַנעס] געקומען פאַר דער שטאָט אומאַן. עס זיינען געשטאַנען אונטער דער שטאָט ביז פיר הונדערט וועגן אנשים ונשים וטף [יידן] אַזוי האָט מען זיי אַלע אויסגעהרגעט. נאָר די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווערן, האָט

גאַנטע, ימח שמו, אַ בריוו געשריבן מיט גרויס געבעט און געוויין צום רב מוהר"ר יעקב אלדאָס גוטס אויף די יידן, נאָר ווי דער רב האָט געטאָן דעם בריוו לייענען, אַזוי האָט ער געמיינט אויף געוויס אַז מען וועט די פּוחזים פּטור ווערן. אַזוי האָט דער רב אַרויסבאַפוילן אַ גרויסן דאַנק אַז מען וועט אים [גאַנטען] שענקען אַ גרויסן געשאַנק, נאָר זאָלסט מיט אונדז האַלטן. מיר וועלן שענקען יעדן פּוחז געוואַנט אויף איין פּאָר קליידער. מיר וועלן דיך ניט נאַרן; אונדזער שררה וועט דיך מאַכן פאַר אַ גרויסן שררה. [ער] וועט דיר שענקען פיר דערפער. אָבער דער רשע האָט אַ מחשבה רעה ביי זיך געהאַט און האָט אָנגעהויבן אָן עצה צו האַלטן מיט דעם רשע אליונאַק [געמיינט זשעלעזניאַק, דעם פירער פון די הײדאַמאַקעס פון זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן] ימח שמו, ווי ער זאָל באַקומען די שטאָט אומאַן, אַזוי האָט ער אים געגעבן אָן עצה אַז ער זאָל שווערן פאַלש, אַזוי וועט ער באַקומען די שטאָט. נו, איז ער געקומען דריי טאָג דערפיר [דערנאָך] אין שטאָט אַריין, אַזוי האָט ער געשוואָרן אַז ער זאָל מיט זיי האַלטן, דורך דעם זיינען דערווייל אומגעקומען כמה אלפים יידן.

בקיצור אום מאָנטיק זיינען געקומען די פּוחזים הינטער דער שטאָט און האָבן אָנגעהויבן צו ברומען ווי די בערן, און האָבן געוואָלט אין שטאָט אַריין פאַרנאַכט. אַזוי האָט מען אויסגעשאָסן פון האַרמאַט און האָבן די בראָם [טויער — שטאָט טויער] צוגעמאַכט. נו, די זעלביקע נאַכט זיינען געווען אונטער דער שטאָט כמה אלפים יידן, האָט מען זיי אַלע געהרגט דינסטיק צו אָנבייסן צייט. זיינען זיי [די קאָזאַקן] געקומען פאַר דער שטאָט ניט וויט, אַזוי האָט זיך אָנגערופן אליונאַק, ימח שמו, צו דעם גאַנטע, ימח שמו: טו דו נאָר איין פּרואוו און שיק אַריין אין שטאָט אַ בריוו צו דעם קאָמיסאַר [געמיינט דעם פּוילישן גובערנאַטאָר פון אומאַן] און צו אַלע פּריצים: איר טוט אייך אומזאַנסט מיט אונדז שפּאַרן, איר וועט דערנאָך בלייבן נאַרן. איר ווייסט ניט, אַז עס איז געקומען אַ באַפעל פון דער צאַראָווּנע [קאַטערינע II], אַז מען זאָל פון קאָרן און פון ווייץ אויסקלייבן אַז עס זאָל קיין יידן איבערבלייבן אין גאַנץ פּוילן [די „גאָלדענע גראַמאָטע", די מכלומרשטע דערלויבעניש פון דער רעגירונג אומצוברענגען די יידן, אויף וועלכער גאַנטע און זיינע העלפער פלעגן זיך

פּאַררופן, כדי צו קריגן הילף ביי די אומוויסנדיקע פּויערים], דאַרום שפּאַר דיך ניט מיט אונדז און גיב אונדז אַרויס אַלע יידן. אָבער ווען ניט לאָז אונדז נאָך [נאָר] אַריין אין דער שטאָט, אַזוי וועסטו זיין אונדזער הער איבער אונדז.

בקיצור, דער קאָמיסאַר האָט זיך מיישב געווען, נאָך וואָס טויג מיר דאָס, אַז איך [זאָל] מיך קריגן מיט גאַנצע ימח שמו, טאָמער וועלן זיי יאָ אַריינקומען אַזוי וועט ער מיך אויך הרגענען מיט אַלע פּריצים. בעסער לאָם איך עפענען אַליין און אים אַריינלאָזן אין שטאָט, אַזוי וועל איך קריגן ביי זיי גרוים גענאָד. אָבער די יידן און די פּריצים און די גלחות און שטודענטים זיינען געשטאַנען אַרום דער שטאָט און האָבן זיך געווערט פאַר די פּוחזים און האָבן אַרויסגע־שאָסן, ווארעם זיי האָבן געוואוסט, אַז [אויב] די פּוחזים וועלן אַריינ־קומען, אַזוי [וועלן] זיי אַלע אַוועק. און די יידן זיינען אַלע געלאָפן אין שול אַריין אין טלית תפילין און וויינען און שרייען, טאָמער וועט זיך גאָט דערבאַרעמען איבער די קליינע קינדערלעך. בקיצור דער קאָמיסאַר האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פּערד און אַ בלויזע שווערד אין דער האַנד און האָט אַלע יידן און די פּריצים פאַרטריבן, ביז עס איז קיינער ביי דער בראָם ניט געבליבן, און האָט געשריגן: ניט שיסט דען איך האָב מיט זיי שלום געמאַכט. נו, ווי די פּוחזים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך צוגערוקט צו דער שטאָט און האָבן אָנגעהויבן צו האַקן די פּאַלץ אַרום דער שטאָט. נו, ווי דער פאַן מארקאָווסקי [דער פירער פונעם פּוילישן חייל] האָט דאָס געזען אַזוי שרייט ער זייער צו דעם קאָמיסאַר: נאָך וואָס עפנסטו דעם טויער. ווארעם ווי דער פאַן מארקאָווסקי האָט געוואָלט, אַזוי העט ניט איבערגעבליבן איין פּוס פון די פּוחזים. ער שרייט צו דעם קאָמיסאַר: וואָס מיינסטו דערמיט, די גאַנצע וועלט וועט האָבן צו וויינען איבער דיר.

בקיצור, ווי דער מארקאָווסקי זעט, אַז דער קאָמיסאַר פרעגט דערויף נישט, אַזוי פאַרדריסט אים זייער און [ער] לויפט צו דער בראָם און [ער] האָט געוואָלט פון אַ הארמאט אויסשיסן אויף די פּוחזים. איז געקומען דער קאָמיסאַר צולויפן מיט אַ בלויזע שווערד און האָט צוגעדעקט דעם הארמאט מיט דער פּאָלע, אַז מען זאָל ניט קאָנען שיסן. אַזוי זיינען אַלע פּוחזים אין שטאָט אַריין מיט גרוים

צאָרן. נו, עס איז געוואָרן צווישן די יידן און צווישן די ערלים און אויך פריצים אַ גרוים געשריי און געוויין. זינט די וועלט שטייט איז נאָך אַזאַ צרה ניט געווען אין פוילן. וויפיל יידן און אויך פּאָליאַקן מען האָט אויסגעהרגעט.

קודם האָבן זיי אָנגעהויבן די יידן צו שעכטן אויף די גאַס און האָבן אויף קיינעם ניט געהאַט קיין רחמנות. די קליינע קינדער האָבן אָנגעהויבן צו בעטן פאַר פאָטער און מוטער, האָט מען זיי אַלע געבונדן אויף דער גאַס און מיט פערד צעטראָטן. דערנאָך האָבן זיי געכאַפּט אַ בתולה אַ שיינע. איר פאָטער האָט געהייסן הקדוש רבי משה. אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן אָנצורעדן, אַז זי זאָל זיך שמדן, האָט זי אָנגעהויבן רעדן מיט גרוים געשריי: „איר אומה טמאה, ווי רעדט [איר] מיך אָן צו דער דעה, איר קענט מיך ניט נייטן, ליבער וועל איך אומקומען". אַזוי האָט מען זי געפירט צו דעם ברונעם, מען האָט איר געוויזן וויפיל הרוגים ליגן דערינען און האָבן געטאָן זייער מעסער שאַרפן צו קוילן. אַ טייל זאָגן מען זאָל זי לעבעדיקערהייט אין ברונעם אַריינוואַרפן. אַזוי האָט זי געזאָגט: „איך טו פאַר דעם טויט ניט פאָרכטן, איך טו תיכף מיין האַלדז אויסשטרעקן צו קוילען". און איר מוטער איז געשטאַנען דערביי נעבעך, אַזוי האָט זי געשריגן: „מיין ליבע טאָכטער, פאַרגעס ניט אָן אונדזער ליבן גאָט!" אַזוי האָבן די פּוחזים זי גענומען און האָבן זי אַריינגעוואָרפן לעבעדיקערהייט אין דעם ברונעם אַריין. און די איבעריקע יידן האָבן אָנגעהויבן אַלע אין שול אַריין צו לויפן, אַ טייל האָבן זיך אָפּגעקויפט מיט געלט, אָבער די פּוחזים האָבן זיי מרמה געווען, זיי האָבן גענומען דאָס געלט און האָבן זיי פאָרט אומגעבראַכט, אַזוי האָבן זיי געטאָן וויינען און שרייען.

בקיצור, די יידן, וואָס זיינען אַלע געווען אין דער שול, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו ווערן אַקעגן די פּוחזים מיט כלי זין. איז געווען אַ יהודי הנקרא בשמו ר' לייבוש משאַריגאָראַד, ער האָט זיך דער־וועקט און ס'האָט אָנגעהויבן צו זידן ביי אים דאָס בלוט, ווי אַ פיש אין דער פאַן. און [ער] האָט געכאַפּט אַ שווערד אין דער האַנט און האָט געהרגעט איבער צוואַנציק פּוחזים. נאָך אַ יהודי איז געווען הנקרא בשמו משה מנקר. ער האָט זיך געטאָן שטאַרקן נאָך בעסער

און האָט עטלעכע פּוחזים געטאָן קוילען מיט זיין מעסער. נון, ווי די פּוחזים האָבן געזען, אַז זיי קאָנען די יידן ניט בייקומען, אַזוי האָבן זיי גענומען אַ הארמאַט פון דער שלאָס אַראָפּ און האָבן אים געפירט צו דער שול און האָבן צעשלאָגן אַלע טירן. דאָס איז געווען דינסטיק פאַרנאַכט. זיי האָבן אומגעבראַכט כמה אלפים יידן אין שול און אַרום דער שול. נו, ווי האָבן מיר יידן ניט צו וויינען טאָג און נאַכט אויף דעם. עס איז געווען אַן אשה איז זי געלאָפן און [אַריינגעוואָרפן] אירע קינדער אין וואַסער אריין, כדי די קינדער זאָלן חלילה ניט בלייבן ביי די פּוחזים. דאַרום קער מען צו וויינען טאָג און נאַכט אויף דעם גרויסן שלאַק. און די רשעים די פּוחזים האָבן געפּרעסן און געזאָפן און האָבן דאָס געלט און קליידער און צירונג אַלץ איבעראַנאַנדער געוואָרפן.

פון שלמה מיימונס לעבנסגעשיכטע

שלמה מיימון (דעם נאָמען מיימון האָט ער אָנגענומען אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג צום רמב"ם) איז געבוירן געוואָרן 1754, אין דער סביבה פון נעסוויזש, ליטע. שוין יונגערהייט האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס גאונות אין לערנען און געשמט פאַר אַן עילוי. צו עלף יאָר האָט מען אים חתונה געמאַכט מיט אַן ארענדארס אַ טאָכטער און ער האָט אַ חוץ אַ ווייב אַן אשת חיל אויך געקראָגן אַ שוויגער אַן ארורה. ער האָט זיך פרי פאַראינטערעסירט מיט וועלט־לעכע וויסנשאַפטן און ענדלעך איז אים אין 1777 געלונגען אָנצוקומען אין קעניגסבערג, וואו ער האָט געהאָפט צו שטודירן מעדיצין. די קעניגסבערגער משכילים האָבן אים אָבער אָפּגעשיקט קיין בערלין, וואו מען האָט אים ניט אַריינגעלאָזט. נאָך צוויי יאָר אַרומוואַנדערן איז ער אָנגע־קומען קיין פּויזן, דאָרט האָט ער געטראָפן אַ פריינד, וואָס האָט אים אויפגענומען חבריש און אים געהאָלפן נאָכאַמאָל אָפּפאָרן קיין בערלין, וואו ער איז שוין פאַרבליבן אַ שטיקל צייט. שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין דער האַמבורגער גימנאַזיע. ער האָט דאָרט געלערנט מיט תלמידים וואָס זיינען געווען אַ דריטל אַזוי אַלט ווי ער. ער האָט געהערט לעקציעס אין פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן און אַרויסגע־וואַנדערט איבער דייטשלאַנד און האָלאַנד. די גאַנצע צייט פון זיין אויפהאַלטן זיך אין דייטשלאַנד האָט ער געליטן נויט און דחקות. קורץ פאַר זיין טויט האָט זיך אויף אים מרחם געווען אַ שלעזישער פּריץ, גראַף ו ו י ל ה ע ל ם אַ ד אָ ל ף פ אָ ן ק אַ ל ק ר י י ט און אים אַריינגענומען אין זיין גוט, אין גייזיגערסדאָרף אין שלעזיען און אים איבערגעגעבן צו פאַרוואַלטן זיין ביבליאָטעק. דאָרטן איז מיימון גע־

שטאַרבן דעם 22טן נאָוו. 1800 אין זיין 46טן יאָר. ער איז געקומען צו קבורה אין גלאָגוי. פאַרן טויט איז ער שוין געווען באַקאַנט ווי דער בעסטער אויסטייטשער פון קאַנטס פילאָזאָפיע. זיין „לעבנסגעשיכטע" האָט אים שטאַרק באַרימט געמאַכט צווישן די חשובסטע פערזענלעכקייטן אין דייטשלאַנד, ווי למשל געטע און שילער. ווייטער ווערן געבראַכט טיילן פון דער יידישער איבערזעצונג פון שלמה מיימונס „לעבנסגעשיכטע".

מיין זיידן האָט מען אין זיין וואוינאָרט געהאַלטן פאַר אַ רייכן מאַן, און ער וואָלט טאַקע באמת געקאָנט זיין אַ גביר, אויב ער וואָלט נאָר פאַרשטאַנען אויסצונוצן די גוטע געלעגנהייטן. דערי־בער האָבן אים אַלע מקנא געווען און אים פיינט געהאַט, אפילו זיין אייגענע פאַמיליע; זיין פריץ האָט אים פאַרלאָזן; די פאַרוואַלטערס האָבן אים געדריקט אויף טריט און שריט מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. אפילו זיינע אייגענע בני־בית און משרתים האָבן אים, ווי פרעמדע, אָפּגענאַרט און באַגנבעט. בקיצור, ער איז געווען דער אָרעמסטער גביר אין דער גאַנצער וועלט.

דערצו האָבן אים געטראָפן נאָך גרעסערע אומגליקן, וואָס איך קאָן זיי דאָ ניט פאַרשווייגן. דער רוסישער פּאָפּ אין יענעם דאָרף איז געווען זייער אַ נאַרישער און אומוויסנדער מענטש וואָס האָט קוים געקענט לייענען און שרייבן. ער איז שטענדיק געזעסן אין קרעטשמע, געזויפט בראַנפן צוזאַמען מיט די פּויערים, זיינע צאָן קדשים, און אַלעמאָל געהייסן פאַרשרייבן אויפן חשבון, קיינמאָל גאָרניט טראַכטנ־דיק צו באַצאָלן דעם חוב. מיין זיידן איז דאָס סוף־כל־סוף דערעסן געוואָרן, און ער האָט באַשלאָסן אים מער ניט צו געבן אויף באָרג. דער פּאָפּ איז דערפון אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט גענומען טראַכטן נאָר וועגן נקמה.

ער האָט באַלד ווירקלעך געפונען אַ מיטל אויסצופירן זיין פּלאַן פון נקמה וואָס איטלעכער אָרנטלעכער מענטש וועט געווים אויפ־שוידערן פון אים, אָבער די גלחים אין פּוילן אין יענער צייט פלעגן אים זייער אָפט אויסנוצן. דאָס איז דאָס מיטל פון עלילת דם. מיין

זיידע האָט געזאָלט באַשולדיקט ווערן אין דערמאָרדן אַ קריסט און ווערן אָנגעקלאָגט אין קרימינעלן געריכט. דאָס איז געשען אויף אַזאַ אופן: אין דער אומגעגנט פון דעם דאָרף האָט געוואוינט אַ קריסט אַ יעגער, וואָס פלעגט פאַנגען ביים ניעמאַן ביבערס, און ער פלעגט אַמאָל ברענגען ביבערס געהיים צו פאַרקויפן מיין זיידן [דער ביבער־פאַנג איז געווען אַ קיניגלעכע רעגאַליע, און אַלע געפאַנגענע ביבערס האָט מען געמוזט אָפּשיקן אין הויף]. איינמאָל איז דער דאָזיקער יעגער געקומען צו מיין זיידנס הויז אין האַלבער נאַכט, האָט אָנגע־קלאַפּט אין טיר און געהייסן אַרויסרופן מיין זיידן. ער האָט אים געוויזן אַ פולן זאַק, וואָס איז געווען גאַנץ שווער אויפצוהויבן, און געזאָגט מיט אַ געהיימניספולער מינע:

— דאָ האָב איך דיר געבראַכט אַ וואוילע שטיק.

מיין זיידע האָט געוואָלט אָנצינדן פייער, באַקוקן דעם ביבער און דורכקומען מיטן פויער וועגן מקח. אָבער דער פויער האָט גע־זאָגט אַז דאָס אַלץ איז ניט נייטיק, אַז מיין זיידע קאָן איבערלאָזן ביי זיך דעם ביבער און וועגן מקח וועלן זיי מושווה ווערן שפּעטער. מיין זיידע האָט ניט חושד געווען קיין שום בייז, האָט גענומען דעם זאַק אומגעעפנט, אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט און צוריקגעלייגט זיך שלאָפן. ער האָט אָבער קוים באַוויזן ווידער איינצושלאָפן, ווי מען האָט אים ווידער אויפגעוועקט מיט אַ געקלאַפּעריי און גרוים ליאַרעם.

דאָס איז געווען דער דערמאַנטער פּאָפּ מיט עטלעכע פויערים פון דאָרף, און זיי האָבן תיכּף אָנגעהויבן מאַכן אין הויז אונטער־זוכונגען אין אַלע ווינקעלעך. זיי האָבן געפונען דעם זאַק, און מיין זיידע האָט שוין געציטערט פאַרן רעזולטאַט, ווייל ער האָט נישט אָנ־דערש געגלייבט, אַז דאָס האָט מען אויף אים געמסרט ביים הויף פאַר זיין געהיימען האַנדל מיט ביבערס וואָס ער האָט איצט ניט געקענט לייקענען. ווי גרוים איז אָבער געווען זיין שרעק, ווען מען האָט געעפנט דעם זאַק און אָנשטאָט אַ ביבער, האָט מען דאָרטן געפונען אַ טויטן קערפּער.

מען האָט מיין זיידן גלייך געבונדן די הענט אויף הינטן, אויף די פיס אים אָנגעטאָן קאַנדאַלן, אים אַרויפגעוואָרפן אויף אַ פור און געבראַכט אין שטאָט מירץ, וואו מען האָט אים איבערגעגעבן אין

קרימינאַל געריכט. דאָ האָט מען אים געשמידט אין קייטן און איינגעזועצט אין אַ פינצטערער תפיסה.

ביים פאַרהער איז מיין זיידע באַשטאַנען אויף זיין אומשולד, האָט דערציילט גענוי מיט אַלע פּרטים אַלץ, וואָס ס'איז געשען, און האָט געזעצלעך געפאָדערט, דער ריכטער זאָל אַרויסרופן אויף פאַרהער אויך דעם ביבער־פאַנגער. אָבער אין ערגעץ האָט מען דעם יעגער שוין ניט געקענט געפינען, — ער איז שוין געווען איבער אַלע בערג. מען האָט אים גענומען זוכן אומעטום. אָבער דער בלוטדאַרשטיקער קרימינאַל־ריכטער, וואָס אים איז דערווייל לאַנגווייליק געוואָרן צו וואַרטן, האָט דריי מאָל געפייניקט מיין זיידן מיט אכזריות־דיקע ענויים, בכדי צו צווינגען אים זיך מודה צו זיין אויף זינד וואָס ער האָט געטאָן. מיין זיידע איז אָבער געבליבן פעסט ביי דאָס זייניקע אַז בשייכות צום טויטן קערפּער איז ער לגמרי אומשולדיק.

צום סוף האָט מען געפונען דעם ביבער־פאַנגער. לכתחילה האָט ער געלייקנט שטיין אוןביין, נאָר נאָכדעם ווי מען האָט אויך אויף אים אַנגעווענדט דעם מיטל פון פייניקונג, האָט ער זיך תיכף מודה געווען אין אַלץ. ער האָט אויסגעזאָגט אַז ער האָט מיט אַ צייט צוריק געפונען דעם דאָזיקן בר־מינן אין וואַסער און האָט אים געבראַכט אין דאָרף צו באַגראָבן. אָבער דער פּאָפּ האָט אים געזאָגט :

— באַגראָבן אים וועט מען ניט פאַרזאַמען. דו ווייסט אַז די יידן זיינען אַ סורר־ומורהדיק פאָלק, און דעריבער זיינען זיי אויף אייביק פאַרשאָלטן. זיי האָבן געקרייציקט אונדזער האר יעזוס קריסטוס, און נאָך עד היום זוכן זיי קריסטלעך בלוט, וואו זיי קענען נאָר געפינען, לכבוד זייער פסח וואָס זיי האָבן באַשטימט צום אנדענק פון דעם דאָזיקן נצחון. זיי דאַרפן האָבן דאָס בלוט צו זייערע מצות. בכן וועסטו טאָן אַ גאָטספאַרכטיקע זאַך אויב דו וועסט קענען אונטערוואַרפן דעם דאָזיקן טויטן קערפּער אין הויז פון דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם יידן דעם ארענדאר. דו וועסט, אמת, מוזן אַנטלויפן פון דאַנען, אָבער מיט דיין פאַך וועסטו אומעטום קענען דיין וועלטל באַשטיין.

נאָכדעם ווי דער פויער האָט זיך אויף אַזאַ אופן מודה געווען, האָט מען אים אָפּגעשמיסן מיט ריטער און מיין זיידן האָט מען באַפרייט. דער פּאָפּ אָבער איז געבליבן ווייטער פּאָפּ.

דער אַמאָליקער חדר

איצט וועל איך עטוואָס דערציילן וועגן דעם מהות פונעם חדר איבערהויפּט. דער חדר איז געוויינלעך אַ קליינע ענגע דירה פול מיט קינדער, און די קינדער זיינען צעזייט און צעשפּרייט טיילוויז אויף די בענק, טיילוויז אויף דער הוילער ערד. דער מלמד זיצט אויפן טיש אין אַ שמוציק העמד, האַלט צווישן די פיס אַ שאָל, וואו ער רייבט מיט אַ גרויסן שטעקן שמעקטאַבאַק, און קאָמאַנדירט מיטן שטעקן אין דערזעלביקער צייט זיין פאָלק. די באַהעלפערס לערנען מיט די קינדער, איטלעכער אין זיין ווינקל, און באַהאַנדלען זיי פּונקט אַזוי דעספּאָטיש ווי דער מלמד אַליין. פון דעם פרישטיק, מיטאָג אאז"וו וואָס מען פלעגט שיקן די קינדער אין חדר, פלעגן די דאָזיקע פאַרשווינען צונעמען דעם גרעסטן טייל פאַר זיך; אָן אַנדערש מאָל פלעגן די אָרעמע קינדער דערפון גאָרנישט באַקומען און פלעגן נאָך מוזן שווייגן מחמת מורא פאַר נקמה מצד די דאָזיקע אכזרים. אין אָט די דאָזיקע חדרים זיינען די קינדער געווען פאַרשפּאַרט פון פרימאָרגן ביז אין אָוונט און האָבן גאָרניט געהאַט קיין פרייע רגע, אויסער פרייטאָג און ראש חודש נאָך האַלבן טאָג...

אַזוי ווי די קינדער זיינען פאַרמשפּט אָפּצוזושכן זייערע בליענדיקע יאָרן אין אַזאַ גיהנום פון אַ שול איז לייכט זיך פאָרצושטעלן מיט וואָס פאַר אַ פרייד און אנטציקונג זיי וואַרטן אויף זייער באַפרייאונג. מיך און מיין ברודער פלעגט מען אַלע מאָל אויף די גרויסע ימים-טובים אָפּנעמען אַהיים...

תורה איז די בעסטע סחורה

יעדער רייכער סוחר, אַרענדאַר אָדער פאַבריקאַנט, וואָס האָט אַ טאָכטער, ווענדט אָן אַלע מעגלעכקייטן זי חתונה צו מאַכן מיט אַ

תלמיד־חכם. מעג דער דאָזיקער למדן זיין קערפּערלעך מיאוס, קרענקלעך אָדער אומוויסנדיק אין אַלע אַנדערע ענינים, דאָך האָט ער אַלעמאָל די בכורה לגבי אַלע אַנדערע חתנים. דער צוקונפטיקער שווער פון אַזאַ אַנטיקל מוז תיכף ביי די תנאים איינצאָלן דעם חתנס עלטערן אַ געוויסע פריער־באַשטימטע סומע; און חוץ דעם נדן וואָס ער האָט באַשטימט פאַר זיין טאָכטער, מוז ער נאָך אויסהאַלטן דאָס יונגע פאָר־פאָלק זעקס אָדער אַכט יאָר נאָך דער חתונה מיט קעסט, קליידונג און אַ דירה. אין משך פון דער דאָזיקער צייט ווערט דאָס געלט פון נדן געגעבן אויף פּראָצענט, און דער איידעם, דער וואויל־לערנער, זעט ווייטער צו פאַרפולקומען זיך אין דער תורה אויפן חשבון פון שווער. און אַז עס ענדיקט זיך דער טערמין פון קעסט גיט מען אים אָפּ דאָס געלט אין האַנט אַריין און ער — אָדער ער באַקומט עפּעס אַ שטעלע פון אַ כלי־קודש, אָדער ער ווערט אַ לערנער אַ בטלן. אין ביידע פאַלן נעמט די פרוי איבער אויף זיך דעם עול צו פירן די ווירטשאַפט און די געשעפטן, און זי איז צופרידן וואָס פאַר אַלע אירע מי און מאַטערניש וועט זי געניסן כאָטש אַביסל פון איר מאַנס כבוד אויף דער וועלט און פון זיין חלק עולם הבא...

האָט חתונה צו צוועלף יאָר און קריגט אַ שוויגער אַ מרשעת

איך בין געלעגן ניט בלויז אונטערן פּאַנטאָפל פון מיין פרוי; נאָר וואָס ס'איז נאָך ערגער געווען — אויך אונטערן בייטש פון מיין שוויגער. פון אַלע אירע הבטחות איז קיין איינע ניט דערפילט געוואָרן. איר הויז, וואָס זי האָט באַשטימט אויף נדן פאַר איר טאָכטער, איז געווען באַלאָדן מיט חובות. פון די זעקס יאָר צוגעזאָגטע קעסט האָב איך גענאָסן קוים אַ האַלב יאָר, און דאָס אונטער שטענדיקע צאַנקערייען און געשלעגן. יאָ, אויסרעכענענדיק אויף מיין יונגשאַפט און פּחדנות האָט מיין שוויגער זיך אַפילו דערוועגט פון צייט צו צייט אויפצוהייבן אויף מיר אַ האַנט, וואָס איך האָב אָבער ניט וועלטן אָפּגעשלאָגן צוריק, און מיט פּראָצענט, כפל כפלים. עס איז

כמעט ניט פאַרבייגעגאַנגען קיין עסן וואו מיר האָבן ניט געוואָרפן איינע די אַנדערע אין קאָפּ קיין שיסלען, טעלער, לעפל וכדומה...

די שטענדיקע מלחמות מיט מיין שוויגער האָבן מיך פאַרמאַטערט און איך בין איינמאָל געפאַלן אויף אַ סטראַטעגיש שפּיצל וואָס האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג לכל־הפחות אויף אַ קורצער צייט. איך בין איינמאָל אויפגעשטאַנען אין האַלבער נאַכט, האָב גענומען אַ גרויסן לײמענעם טאָפּ, אַרונטערגעקראָכן מיט אים שטילערהייט אונטער מיין שוויגערס בעט און אנגעהויבן הויך אַריינריידן אין אים אַ שטייגער בזה הלשון: „ריסיע, ריסיע! דו ביזט אַ מרשעת, האָסט ניט גאָט אין האַרצן! פאַרוואָס באַהאַנדלסטו אַזוי שלעכט מיין געליבטן זון? אויב דו וועסט זיך ניט פאַרבעסערן דעמאָלט איז נאָענט דיין סוף און דו וועסט זיין אויף אייביק פאַרשאָלטן”. נאָכדעם בין איך ווידער אַרויסגעקראָכן און האָב אָנגעהויבן מיט גרויס אַכזריות זי צו קנייפּן. נאָכדעם האָב איך מיך שטיל אומגעקערט צוריק אין מיין בעט.

אויף מאָרגן פרי איז זי אויפגעשטאַנען אין גרויס צערודערונג און שרעק, האָט דערציילט מיין פרוי, אַז מיין מוטער איז איר געקומען צו חלום און האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַן אימה און געקנייפּט זי פאַר איר שלעכט באַהאַנדלען מיך. און פאַר אַ סימן אַז איר חלום איז אמת האָט מיין שוויגער געוויזן איר טאָכטער די בלויע פלעקן אויף אירע אָרעמס. בשעת איך בין געקומען פון שול האָב איך ניט געטראָפן מיין שוויגער אין דער היים און געפונען מיין פרוי אַ פאַרוויינטע. איך האָב ביי איר געפרעגט די סיבה פון איר וויינען, אָבער זי האָט מיר גאָרנישט ניט געוואָלט זאָגן. נאָכדעם האָט זיך מיין שוויגער אומגעקערט מיט פאַרוויינטע אויגן און אין אַ דערשלאָגענעם געמיט. ווי איך בין שפּעטער דערגאַנגען איז זי געגאַנגען אויפן בית־עולם, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיין מוטערס קבר און ביי איר געבעטן מחילה אויף אירע זינד. נאָכדעם האָט זי געלאָזן דאָס פעלד מעסטן און מאַכן אַ וועקסן ליכט, לאַנג ווי דער היקף פון בית־עולם, אָנצוצינדן אין שול. אויך האָט זי געפאַסט דעם גאַנצן טאָג און זיך באַצויגן צו מיר מיט ליבשאַפט.

דער פירשט ראַדזיוויל

דער פירשט ראַדזיוויל איז געווען העטמאַן אין פּוילן און וואָיע-וואָדע פון ליטע און בכלל איינער פון די גרעסטע מאַגנאַטן. ער האָט באַקומען דריי ירושות און האָט אַ דאַנק דעם פּאַרמאַגט אומצייליקע קאָלאָסאַלע נחלאות. אויך האָט ער געהאַט ניט גאָר קיין שלעכט האַרץ און ס'האָט אים אויך ניט געפעלט קיין שכל. אָבער מחמת דער פאַרנאַכלעסיקטער דערציאונג און ווייניק בילדונג איז ער געווען איינער פון די אויסגעלאַסנסטע פירשטן וואָס האָבן ווען עס איז געלעבט אויף דער וועלט...

ווער קען באַשרייבן אַלע זיינע מעשים תעתועים! אָבער עטלעכע ביישפּילן, גלייב איך, וועלן גענוג זיין צו געבן דעם לעזער אַ פאָר-שטעלונג פון זיינע שגעונות...

ער האָט געהאַט אַ מנהג דורכצופאָרן דורך די גאַסן פון שטאָט (נעסוויזש) מיט זיין גאַנצן הויף פּערסאָנאַל, מיט זיין קאַפּעליע און סאָלדאַטן. דעמאָלט האָט קיינער זיך ניט געטאָרט ווייזן אויפן גאַס אויב ער האָט ניט געוואָלט ריזיקירן מיט זיין לעבן. אפילו אין די הייזער איז מען געווען ניט זיכער...

איינמאָל האָט ער געשיקט רופן צו זיך אַ בכבודיקן יידישן פעלד-שער. דער פעלדשער האָט געמיינט אַז מען דאַרף געווים מאַכן אַ וואָסערע ס'איז כירורגישע אָפּעראַציע, האָט ער מיטגענומען מיט זיך זיינע אינסטרומענטן און איז געקומען צו זיין האַר. דער פירשט האָט אים געפרעגט:

— האָסטו מיטגעבראַכט דיינע אינסטרומענטן?

— יאָ, אַלדורכלויכטיקסטער פירשט, האָט געענטפערט דער פעלדשער.

— גוט, — האָט געזאָגט דער פירשט, — גיב מיר דיין לאַנצעט, איך וויל דיר אָדער לאָזן.

דער אָרעמער פעלדשער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. דער פירשט האָט גענומען דעם לאַנצעט, אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט גע-וואוסט ווי צו באַנוצן זיך מיט אים, און דערצו נאָך האָט זיין האַנט געציטערט פון שיכרות, האָט ער אים נאַטירלעך, צעוואונדיקט אויף

אַ שרעקלעכן אופן אָבער זיינע הויפּטלייט האָבן אים צוגעשמייכלט מיט חניפה און געריִמט זיין גרויסע געשיקטקייט אין כירורגיע...

איינמאָל איז ער מיט זיין גאַנצן הויף־שטאַב געקומען צופאָרן אין דער יידישער שטאָט־שול און האָט דאָרטן אָן אַ שום סיבה אָנגעמאַכט די שרעקלעכסטע פאַרוויסטונג; צעבראָכן די פענצטער און די אויוונס, צעשמעטערט אַלע כלים, געוואָרפן פון ארון קודש די ספר־תורות אויף דער ערד, אאז״וו. אַ געלערנטער פרומער ייד, וואָס איז דעמאָלט דערביי געווען, האָט זיך דערוועגט אויפצוהייבן פון דער ערד איינע פון די ספר־תורות, — דערפאַר האָט דער דורכ־לויכטיקער פירשט אים אָנגעטאָן דעם כבוד און אייגנהענטיק געטראָפן אים מיט אַ קויל פון זיין ביקס. פון דאָרטן איז דער צוג אַוועק אין אַ צווייטער שול, וואו ער האָט געבאַלעבאַטעוועט אויפן זעלביקן שטייגער, און פון דאַנען — אויפן יידישן בית עולם, וואו זיי האָבן חרוב געמאַכט די בנינים און די מצבות פאַרברענט...

אין בערלין

צום סוף בין איך געקומען קיין בערלין. איך האָב געגלייבט אַז דאָ וועט קומען אַ סוף צו מיינע צרות און ס׳וועלן דערפילט ווערן אַלע מיינע פאַרלאַנגען, — איך האָב מיך אָבער זייער אָפּגענאַרט אין מיינע חשבונות.

אין יענער צייט איז אין דער דאָזיקער רעזידענץ־שטאָט פאַרווערט געווען יידישע קבצנים אַריינצוקומען. על־כן האָט די היגע יידישע קהילה אויסגעבויט אַ פאַרזאָרגונגס־הויז פאַר אירע אָרעמעלייט [אַ „הקדש״] ביים ראָזענטאַלער טויער, און אין אָט דעם הויז האָט מען אויפגענומען די אָרעמעלייט וואָס פלעגן קומען קיין בערלין ביז די עלטסטע פון דער קהילה פלעגן זיי אויספרעגן און באַשליסן וואָס צו טאָן מיט זיי. און באַשליסן פלעגט מען לויט די אומשטענדן: אויב זיי זיינען געווען קראַנק אָדער זיי האָבן געזוכט אַרבעט, פלעגט מען זיי אויפנעמען אין שטאָט; אויב אָבער ניט — פלעגט מען זיי שיקן ווייטער. און איך בין געבראַכט געוואָרן אין דעם דאָזיקן „הקדש״

וואָס איז געווען פול טײלוויַיז מיט קראַנקע אָרעמעלײַט, טײלוויַיז מיט אַ כאַליאַסטרע צעלאָזענע און פאַרדאָרבענע לײדיקגײער און שלעפּער. אַ לאַנגע צײַט האָב איך געזוכט אַ מענטשן מיט וועמען איך זאָל זיך קאָנען דורכרײדן און אַן עצה האַלטן וועגן מײַנע ענינים, אָבער אומזיסט.

צום סוף האָב איך צווישן די אָרעמעלײַט באַמערקט אַ מענטשן וואָס לויט זײַן הילוך האָט ער מיר אויסגעוויזן ווי אַ רב. בכן האָב איך מיך געווענדט צו אים, און ווי גרויס איז געווען מײַן פרייד ווען איך האָב מיך פון אים דערוואוסט אַז ער איז באמת אַ רב און איז גוט באַקאַנט אין בערלין. איך האָב מיט אים פאַרבראַכט, בין אַרײַן מיט אים אין אַ פּלפּול וועגן פאַרשײדענע ענינים אויף אַלע געביטן פון תורה און אין מײַן אָפנהאַרציקייט האָב איך אים צום סוף דערצײלט וועגן מײַן לעבן אין פּוילן, אים מגלה געווען מײַן פּלאַן צו שטודירן אין בערלין מעדיצין, אים געוויזן מײַן פּירוש אויפ'ן „מורה נבוכים" וואָס איך האָב נאָך געהאַט אין כתב־יד אאז"וו. ער האָט דאָס אַלץ בײַ זיך פאַרנאָטירט, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער האָט זיך מיט מיר זײער פאַראינטערעסירט, אָבער מיטאַמאָל איז ער פאַר־שוואונדן פון מײַנע אויגן.

צום סוף, צו אָוונט צו, זײַנען געקומען די ראשים פון דער קהילה. יעדערער פון די אָרעמעלײַט איז געוואָרן אַרויסגערופן און אויסגע־פרעגט וועגן זײַנע נויטן. די רײ איז געקומען אויך צו מיר, און איך האָב גאַנץ אָפנהאַרציק געזאָגט אַז איך וויל בלײַבן אין בערלין שטודירן מעדיצין.

די עלטסטע פון דער געמײנדע האָבן מיר גלײַך אָפּגעזאָגט, געגעבן מיר עפּעס אויף הוצאות הדרך און זײַנען זיך אַוועקגעגאַנגען.

די סיבה פון דער דאָזיקער האַנדלונג קעגן מיר איז געווען פאָלגנדיקע:

דער רב, וואָס איך האָב פריער וועגן אים דערצײלט, איז געווען אַן אָרטאָדאָקס, אַ קנאי. און נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפאָרשט מײַנע איבערצײַגונגען און כוונות איז ער אַוועק אין שטאָט און האָט מודיע געווען די ראשי העדה אַז איך בין אַן אפּיקורס גמור...

דאָס ניט דערלויבן מיר צו בלייבן אין בערלין האָט מיך דערשלאָגן ווי אַ דונער. דער לעצטער ציל פון אַלע מיינע האָפענונגען און פאַרלאַנגען איז מיט אַמאָל פון מיר דערוווייטערט געוואָרן, און גראָד אין דעם מאָמענט ווען איך בין צו אים אַזוי נאָענט געווען! איך האָב מיך געפונען אין דער לאַגע פון טאַנטאַלוס און ניט געוואוסט ווי זיך צו העלפן.

באַזונדערס האָט מיך געקרענקט די באַהאַנדלונג פונעם משגיח פון דעם דאָזיקן „הקדש" וואָס האָט לויטן באַפעל פון די ראשי הקהילה געפאָדערט אַז איך זאָל גיכער פאַרלאָזן דאָס הויז, און האָט מיך ניט געלאָזט צו רו ביז ער האָט מיך ניט געזען הינטער די טויערן פון שטאָט.

דאָ, הינטער דער שטאָט, האָב איך מיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און אָנגעהויבן ביטער צו וויינען.

דאָס איז געווען זונטיק, און פאַר די טויערן פון שטאָט האָבן אַרומשפּאַצירט אַ סך מענטשן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף מיר, אויפן שלוכצנדיקן וואָרעם, אָבער עטלעכע מיטליידנדיקע מענטשן זיינען גערירט געוואָרן פון מיין עלנטן אויסזען און האָבן מיך געפרעגט וועגן דער סיבה פון מיין יאָמערן און קלאָגן. איך האָב זיי געענטפערט, אָבער זיי האָבן מיך ניט פאַרשטאַנען — טיילווייז מחמת מיין אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך, טיילווייז מחמת מיין ריידן איז אָפּט איבערגעריסן געוואָרן דורך מיין וויינען און שלוכצן.

איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט אַז עס האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן אַ פייער פון פיבער. די זעלנער וואָס זיינען געשטאַנען ביים טויער אויף דער וואַך האָבן עס באַמערקט און געגעבן וועגן דעם צו וויסן אין „הקדש".

דער אויפזעער איז געקומען און האָט מיך אַריינגענומען אין הויז. איך בין דאָרטן פאַרבליבן אַ גאַנצן טאָג און האָב מיך געפרייט מיט דער האָפענונג אַז איך וועל רעכט קראַנק ווערן און איך וועל אויף אַזאַ אופן קענען פאַרבלייבן דאָ לענגער; איך האָב דערביי געהאָפט במשך פון דער צייט באַקאַנט צו ווערן מיט וויכטיקע פערזאָנען וואָס

װעלן מיך נעמען אונטער זײער שוץ און אויספּועלן פאַר מיר אַ דערלױ־בעניש צו פאַרבלײבן אין בערלין.

צו מײַן באַדױערן אָבער איז מײַן האָפענונג ניט מקוים געװאָרן. אויפן אַנדערן טאָג בין איך אויפגעשטאַנען אינגאַנצן אַ געזונטער און האָב נישט געשפּירט קײן שום פיבער, האָב איך בכן געמוזט אַװעק־גײן פון דאַנען. אָבער װאוהין? דאָס האָב איך אַלײן ניט געװאוסט.

איך בין אַרויס פון שטאָט און זיך געלאָזט װאוהין די אויגן האָבן מיך געטראָגן, אינגאַנצן איבערגעגעבן זיך אויף גאָטס באַראָט...

װידער אין בערלין

היות איך בין דאָס מאָל געקומען קײן בערלין מיט דער פּאָסט האָב איך ניט נײטיק געהאַט צו בלײבן שטײן פאַרן ראָזענטאַלער טויער און ניט דורכצוגײן דעם עקזאַמען פון די ראשים פון דער יידישער קהילה. אָן שום מניעות בין איך אַרײַנגעפאָרן אין שטאָט און האָב מיר געקאָנט נעמען אַ װאוינונג װאו איך האָב געװאָלט. מיטן בלײבן אָבער אין שטאָט איז צוגעגאַנגען גאַנץ אַנדערש, ניט אַזױ לײַכט. די יידישע פּאָליצײ משרתים [באַזונדערס דער יעמאָלדיקער משרת ה׳ ל. מ., אַ שרעקלעכער רשע װאָס איז זיך באַגאַנגען מיט די אָרעמע „פּרעמדע״ מיט אכזריות] פלעגן יעדן טאָג קומען צו לויפן אין אַלע אכסניות און אין אַלע אַנדערע הײַזער װאוהין עס פלעגן פאַרפאָרן די „פרעמדע״, און פלעגן אומעטום נישטערן און חוקר ודורש זײַן װעגן דעם כאַראַקטער פון די „פרעמדע״, װעגן זײערע ענינים און מעשים און װעגן דעם משך צײַט װי לאַנג זײ האָבן דאָ בדעה צו פאַר־ברענגען אין בערלין, און זײ האָבן די פרעמדע ניט געלאָזט צו רו ביז זײ האָבן זיך אויסגעזוכט אין שטאָט אַ באַשטימטע באַשעפטי־קונג אָדער זיך אַלײן אַרויסגעקליבן צוריק פון שטאָט...

איך האָב מיר געהאַט געדונגען אַ װאוינונג אויפן נײַעם מאַרק בײַ אַ יידן. צו אים פלעגן פאַרפאָרן אָרעמע אורחים, װאָס זײַנען ניט געװען אין שטאַנד צו פאַרצערן אַ סך הוצאות, און גלײַך אויפן אַנ־דערן טאָג האָב איך באַקומען אַן אומגעריכטן װיזיט. דער יידישער

פּאָליציי משרת ל. מ. איז געקומען און האָט מיך עקזאַמינירט אויפֿן שטרענגסטן אופֿן.

איך האָב אים געזאָגט אַז איך האָב בדעה אויסצוזוכן פֿאַר זיך אין בערלין אַ קאָנדיציע, אַ שטעלע פֿון אַ הויז־לערער, ערגעץ אין אַ רייכער פֿאַמיליע, און דעריבער קאָן איך גענוי ניט באַשטימען די צייט פֿון מיין פֿאַרברענגען דאָ אין שטאָט.

איך בין אים אָבער אויסגעקומען פֿאַרדעכטיק; אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער האָט מיך שוין דאָ אַמאָל געזען, און ער האָט מיך באַטראַכט ווי אַ קאָמעט וואָס ביים צווייטן מאָל דערשיינען קומט ער נעענטער צו דער ערד ווי ביים ערשטן מאָל, און מאַכט דעריבער די סכנה גרעסער. צו מיין אומגליק האָט ער נאָך אין דער רגע גראָד ביי מיר געפֿונען דעם רמב״מס „מלות ההגיון״ [אַ ווערק איבער לאָ־גיק] מיט מענדלסאָנס ביאור, און ער איז אינגאַנצן אַרויס פֿון די כלים:

— אַזוי, אַזוי! — האָט ער געשריען — אַזוינע ביכער האָב איך טאַקע געזוכט!

און גלייך האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַ מאַיעסטעטיקער מינע:

— תיכּף ומיד אַרויס פֿון בערלין! אַניט — וועל איך אַרויס־טרייבן מיט חרפּה!

איך האָב געציטערט פֿון שרעק און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. היות אָבער איך האָב געהערט אַז אין בערלין וואוינט אַ פּוילישער ייד, אַ מאַן מיט אויסגעצייכנטע כשרונות, שטודירט דאָ וויסנשאַפֿטן און האָט אַ גרויסן שם אין די הייזער פֿון די גרויסע נכבדים פֿון דער קהילה, בין איך אַוועק צו אים פֿרעגן אַן עצה...

תיכּף אויף מאָרגן האָב איך ווידער באַזוכט מיין פֿריינט, און האָב ביי אים געפֿונען עטלעכע יונגעלייט פֿון אַ חשובער יידישער פֿאַמיליע ... האָבן זיי מיך באַרואיקט און מיך מבטיח געווען צו בעטן ביי זייערע קרובים זיי זאָלן זיך משתדל זיין פֿאַר מיר, איך זאָל קענען בלייבן אין בערלין אַזוי לאַנג ווי איך וועל נאָר וועלן. זיי האָבן געהאַלטן וואָרט.

אזוי ווי איך האָב שוין געהאַט באַקומען די דערלויבניש צו בלייבן אין בערלין ווי לאַנג איך וויל האָב איך שוין ניט געטראַכט וועגן קיין אַנדער זאַך אויסער צו דערגרייכן מיין ציל.

46

די קינדעריאָרן פון אַ רייך בערלינער יידיש יינגל אין מענדלסאָנס צייטן

לאַזאַרוס בענדאַוויד (בן דוד) (1832—1762) האָט געשטאַמט פון אַ רייכער בערלינער יידישער משפחה. ער האָט געקראָגן אַ זייער זאָרגפולע יידישע און אַלגעמיינע דערציאונג. בענדאַוויד, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן ווי אַ פילאָזאָף און רעפאָרמער, האָט שוין זייער פרי אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נייגונג צו מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע. ער האָט געהערט צו דעם קרייז פון דער רייכער יידישער יוגנט אין בערלין וואָס האָט געהאַלטן משה מענדלסאָנען פאַר דעם אָנזאָגער פון אַ נייער צייט. בענדאַוויד האָט פאַרעפנטלעכט וויכטיקע ווערק איבער מאַטעמאַטיק און איז געווען לעקטאָר איבער פילאָזאָפיע אין ווינער אוניווערסיטעט. ווען משה מענדלסאָנס תלמידים און אָנהענגער האָבן אין בערלין געגרינדעט די „יידישע פרייע שולע" איז בענדאַוויד געווען איר דירעקטאָר. די אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן וואָס ווערן דאָ געבראַכט זיינען אַ קיצור פון אַן אויטאָביאָגראַפיע וואָס בענדאַוויד האָט פאַרעפנטלעכט אין בערלין אין 1806, אין אַ זאַמלונג וועגן באַרימטע בערלינער פערזענלעכקייטן.

איך, לאזארוס בענדאוויד, בין געבוירן געוואָרן אין בערלין דעם אכצנטן אקטאָבער, טויזנט זיבנהונדערט און צוויי און זעכציק. מיין פאָטער, דוד לאזארוס, האָט געשטאַמט פון בראַונשווייג און מיין מוטער חוה הירש פון בערלין. זי איז געווען אַ טאָכטער פון הירש דוד פון בערלין, דעם ערשטן פּרייסישן סאַמעט פאַבריקאַנט. מיינע

עלטערן האָבן געקראָגן אַ ליבעראַלע דערציאונג. זיי האָבן ביידע געקאָנט גוט שרייבן ייִדיש און דייטש און זיי האָבן גערעדט פּליסיק פראַנצייזיש. מיין פאָטער האָט געקאָנט שרייבן שיינע סוחרישע בריוו און ער האָט געקאָנט די פראַנצייזישע קלאַסישע ליטעראַטור. מיינע עלטערנס רעליגיעזע באַגריפן זיינען ביי זיי פאָרמירט געוואָרן לויט זייערס אַן אייגענער סיסטעם וואָס האָט זיך אין געוויסע פּרטים אָפּגעשיידט פון די רעליגיעזע פירונגען פונעם רוב ייִדן פון יענער צייט. מ'האָט ביי אונדז זיך אינגאַנצן ניט גערעכנט מיט טויזנטער צע־רעמאָניאַל־דינים וואָס אַנדערע ייִדן וואָלטן באַטראַכט פאַר דער גרעס־טער עבירה אָפּצואוווייכן פון זיי. ביי אונדז איז קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן קיין קללות אויף אַנדערש־גלייביקע אָדער אויף אָפּטריניקע [משומדים]. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט קיין מעשיות פון רוחות און מען האָט מיר קיינמאָל ניט פאַרבאָטן צו טאָן עפּעס מיט דער דראָאונג „גאָט וועט דיך שטראָפן!”. איך בין דערצויגן געוואָרן צו אַ זיטלעך, אָרנטלעך לעבן, און וואָס מיינע עלטערן האָבן מיר געדינט ווי מוסטערן מיט זייער ביישפּיללאָזער געוויסנדיקייט. פון מיר האָט מען בלויז געוואָלט אַז איך זאָל דאַוונען אין דער פרי און אין אָוונט.

זייער פרי, אויפן דריטן יאָר פון מיין לעבן, האָב איך שוין גע־קאָנט גאַנץ נישקשהדיק עברי און איך האָב געקאָנט איבערזעצן אויף דייטש אַ גרויסע צאָל העברעאישע און פראַנצייזישע ווערטער.

אויפן פערטן יאָר האָט מיין מוטער מיך אָנגעהויבן לערנען דייטש. איך פלעג זיצן אויף איר שויס און זי האָט מיט דעם שפּיזל אין דער האַנט מיך אויסגעלערנט איין וואָרט נאָכן אַנדערן. איך האָב איר געדאַרפט נאָכזאָגן. דאָס בוך פון וועלכן מיר האָבן געלערנט האָט געהייסן „יאָזעף מאַריץ פון בראַדפעלד” און עס איז מיר פון דעמאָלט אָן ניט געקומען צו דער האַנט און איך קאָן דעריבער גאָרניט זאָגן וועגן אינהאַלט פון דעם דאָזיקן בוך, נאָר בלויז דאָס אַז ס'האָט צוזאַ־מען מיט די פיינע קופּערשטיכן אויף לעשפּאַפּיר מיר געדינט פאַרן פרייען געברויך און איך האָב געקאָנט אַרויסרייסן איין קופּערשטיך נאָכן אַנדערן, ווי אויך די איבערגעלייענטע בלעטער. דאָס האָב איך אָבער ניט געטאָן אויס צעשטערונגס־לוסט, נאָר ווייל ס'איז מיר

בעסער געפעלן געווען צו האָבן אַלע קופּערשטיך אויף איין אָרט און ווי קאָנען צעליינען און איבערקוקן אויף אַמאָל. ספּעציעל פלעג איך מאַכן פאַרשיידענע קונצן מיט מיין שפּילצייג וואָס איך האָב דעמאָלט ווי דאָס איינציקע קינד ביי מיינע עלטערן, געהאַט לרוב. מען האָט מיר איינמאָל געוויזן פון וואַנען ס'נעמט זיך דער געוויש פון אַ דריי־אַרגל און פון אַ קלעפּערל און איך האָב דאָס זעלביקע געוואָלט אויסגעפינען אין מיין פידלס בויך און אין דעם צינערנעם זייגער. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב זיי צעשטערט און גאָרניט אויסגעפונען. . .

אויף מיין זעקסטן יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין אַ חדר צו אַ פּוילישן מלמד. איך קאָן ניט רעדן אָן עקל וועגן דעם מענטשן וואָס פלעגט מיט אַ העלישן וואוט קאַטעווען די פיר־פינף אומשולדיקע נפשות וואָס האָבן געלערנט אין זיין חדר. דאָס שמייסן איז מיינסטנס געווען אומפּאַרדינט און בלויז אַ קינצלעך צוגעטראַכטע פּייניקונג וואָס מיר האָבן געמוזט ליידן און נאָך פאַרשווייגן פון אונדזערע עלטערן, ווייל דער רבי האָט אונדז געסטראַשעט פאַרן אויסזאָגן פון חדר נאָך שווערער צו באַשטראָפן. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג ווי ס'האָט זיך געלאָזט. ווען איך בין אָבער איינמאָל אַהיימגעקומען אַזאַ צע־קאַטעוועטער, אַז איך האָב ניט געקאָנט זיצן, האָט מיין גוטע מוטער מיך אַרומגעקוקט און איז שיר ניט געפאַלן אין חלשות. דאָס האָט מיך באַפרייט פון דעם שד.

ביזן אַכטן יאָר בין איך געבליבן אין דער היים, דאָס הייסט אין מיין זיידנס הויז, וואו ס'האָט מיט מיר געלערנט פון צייט צו צייט דער אַלטער למדן פון אסטראַדע. מיין זיידע, אַליין אַ ייד אַ למדן, האָט זיך גערן אָפּגעגעבן מיט זיינע אייניקלעך. ער האָט מיט אונדז געלערנט חומש און אונדז צוגעהאַלטן ווען מיר האָבן געקלעטערט, אונדז געהאָלפן טראָגן משאות און מאַכן גימנאַסטישע איבונגען. אין דעם גערטנדל הינטער זיין הויז פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַלע קינדער פון דער געגנט. מען האָט דאָרט געפירט מלחמות און איך מיט מיין פעטער יונה, וואָס זיינען געווען די שטאַרקסטע, זיינען פון מיין זיידן באַשטימט געוואָרן פאַר די קריג־פירער. איינמאָל האָבן מיר פון אים געקראָגן אַ סאַמעטן היטל ווי אַ באַלוינונג, ווייל מיר האָבן פון אונדזער קוזינע צוגענומען עפּעס אַ זאַך וואָס איז דעם זיידן ניט געפעלן גע־

ווען און מיר האָבן דאָס פאַרשטעקט אין אַ הונטס בודע. ווי מלחמה פירער האָבן מיר זיך געמוזט זאָרגן וועגן וואָפן פאַר אונדזערע חילות און אַלע שטעקנס פון די בעזעמער פון דער גאַנצער געגנט פלעגן צו־זאַמענגעשלעפּט ווערן, כדי פון זיי אויסצושניצן דאָס געווער און די שווערדן פאַר אונדזערע סאָלדאַטן. מיר האָבן געמאַכט קוילן־טאַשן פון שוואַרץ פּאַפּיר, גרענאַדיר־היטלען פון רויטן פּאַפּיר און שילדן — פון זילבער־פּאַפּיר. מיר האָבן געמאַכט שליטנס און האָבן דורך דעם דערגרייכט אַ הויכע מאָס געאיבטקייט אין מעכאַנישע אַרבעטן.

אַזוי ווי די מערסטע קרובים פון מיין מוטערס צד זיינען געווען פאַבריקאַנטן פלעג איך אַרומלויפן צו די מייסטער און שטול־אַרבעטער [וועבער] און זיך צוקוקן צו זייער אַרבעט ביי די וואַרשטאַטן און שטולן. טיילמאָל האָב איך געפּרובירט אַליין צו אָפּערירן די שטולן. די מייסטער, וואָס זיי איז געפעלן געווען מיין וויסנדאַרשטיקייט, האָבן מיר גערן געוויזן ווי מען אַרבעט ביי די שטולן און אַזוי אַרום האָב איך זיך פרי שוין דערוואָרבן ניט נאָר אַ קענטעניש אין סחורה און פאַברי־קאַציע, נאָר אויך טעכניש וויסן.

מיין פאָטער איז דאָס ניט געווען אינגאַנצן צום האַרצן און איך בין ווידער אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַ פאַרמעלן חדר צו אַ פּוילישן מלמד וואָס האָט געהייסן יעקב. איידעלער קינדערפריינט! זאָל דיר די ערד גרינג זיין! דו האָסט דיינע ניין תלמידים ליב געהאַט ווי דיינע איי־גענע קינדער און מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָן איך זיך אָן די דריי יאָר ווען איך האָב געלערנט פון דיר תורה. מיט וואָס פאַר אַ מענטשנ־קענטעניש דער מענטש האָט געטאָן זיין אַרבעט. בלויז איין ביישפּיל: איינמאָל ווען דאָס חדר האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ נייער דירה האָט ער אונדז דעם ערשטן פאַרמיטאָג, נאָכן פאַרענדיקן דעם שיעור, געלאָזט זיצן און בטלען. נאָך מיטאָג האָט ער פאַרפירט אַ שמועס מיט אונדז און געפרעגט זיך אויב מיר האָבן זיך שוין גוט אַרומגעקוקט אין נייעם חדר. „זעט קינדער", האָט ער געזאָגט, „דאָ איז אַ געלער פלעק אויף דער וואַנט, דאָרט אַ גרינע קאַכלע אין דעם שוואַרצן אויוון, דאָ אַ קיילעכדיקע שויב צווישן די פירעקיקע, אאז"וו. דאָס אַלץ האָט איר היינט פאַרמיטאָג געדאַרפט אַרומקוקן, כדי דאָס זאָל ניט אָפּציען אייער רעיון פון לערנען. אויב איר האָט נאָך ניט געזען די

זאַכן, טוט עס איצטער. אַ שפּאַס אין אַ זייט, לאָמיר אַריבערגיין צו ערנסטערע ענינים". אַזוי האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן לערנען מיט התמדה.

אַחוץ תלמוד און תנ"ך האָט ער מיט אונדז אויך געלערנט — וואָס איז אויסערגעוויינלעך פאַר חדרים — העברעאישע גראַמאַטיק און אַריסטאָטעלס לאָגיק לויט מאַימאָנידעס (רמב"ם). אַפילו אין יענע טעג, וואָס מיר האָבן ניט געלערנט, האָט ער אונדז געהאַלטן אונטער זיין השגחה דערמיט וואָס ער איז מיט אונדז געגאַנגען שפּאַצירן און ער האָט זיך באַטייליקט אין אונדזערע שפּילן. מיר האָבן זיך אָבער ניט געשפּילט קיין סך ווייל מיר האָבן געהאַט אַן אַנדער פאַרוויילונג. מיין פאָטער האָט פאַרמאָגט אַ נישקשהדיקע זאַמלונג פון די פאַרשיידנסטע ביכער וואָס איך האָב געלייענט איינס נאָכן אַנדערן, ווי זיי זיינען מיר געקומען צו דער האַנט, אָן אויסקלייב און אָן צוגרייטונג. געוויסע שטעלן, וואָס זיינען מיר געפעלן געוואָרן האָב איך אָפּגעשריבן (אין דער היים האָב איך געלערנט פּריוואַט לייענען, שרייבן און בוכהאַלטעריע). די חדר־יינגלעך, וואָס האָבן געוואוסט פון מיין באַלעזנקייט האָבן פאַרלאַנגט פון מיר אַז איך זאָל זיי עפּעס דערציילן. איך האָב זיי דערציילט אַ מעשה וואָס איך האָב אַליין אויסגעטראַכט וועגן אַ מאַן וואָס איך האָב גערופן פּיטום, און זיי איז אַזוי געפעלן געוואָרן די מעשה אַז מיר פלעגן זיך צונויפקומען אין חדר פריער און דאָרט, ווי אויך אויף אונדזערע שפּאַצירונגען, האָב איך געמוזט דערציילן און זיי האָבן זיך צוגעהערט . . .

ניט געקוקט דערויף האָבן מיר געהאַט געגנוג צייט אָפּצוטאָן קינדערשע שפּיצלעך. יעדער פון אונדז פלעגט זיך באַהאַלטן אין אַ באַזונדער הויז אויפן נייעם מאַרק, וואו ס'האָט זיך אויך געפונען אונדזער חדר און ווען ס'איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קינד פון אַן אַנדער חדר לעבן אַזאַ הויז, האָבן מיר, די באַהאַלטענע, אויסגעשריגן אונדזער שלאַג־וואָרט: „בראַטן!" מיר זיינען זיך אַלע צונויפגעלאָפן און האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם פרעמדן יינגל און אים געשלאָגן מיט די שטעקלעך וואָס מיר האָבן מיט זיך געהאַט. אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן האָבן מיר געטאָן צוזאַמען, ווייל אַ דאַנק דער פאָטער־

לעבער השגחה פון אונדזער רבין האָבן מיר זיך געפילט און באַטראַכט ווי ברידער.

איינע פון אַט די געמיינשאַפטלעכע אונטערנעמונגען האָט מיר אָבער געקאָסט צו טייער. איינמאָל נאָך מיטאָג, ווען דער רבי איז ניט געווען אין חדר, האָבן מיר זיך געשפּילט אויפן מאַרק אין פּערדלעך. איינער האָט אָנגעהאַלטן אָן דעם אַנדערנס ראָק און אַזוי אַרום האָט מען געדאַרפט קריכן באַרג אַרויף אויף קרומע שטיגן. אונדזער קוטשער איז געפאַלן הינטן אַרום און האָט מיט זיך מיטגע־שלעפּט אַלעמען פון די טרעפּ אַראָפּ. אַלע, אַחוץ מיר, זיינען ניט באַשעדיקט געוואָרן ערנסט, אָבער איך האָב געהאַט דאָס אומגליק צו צעברעכן דעם לינקן פוס. ווען מען האָט מיך אַהיימגעבראַכט, האָט מיין מוטער געוואוסט אַז דער פאָטער וועט זיך דאָס זייער נעמען צום האַרצן, איז זי געווען זייער צופרידן וואָס ער איז בעת מעשה ניט געווען אין דער היים און זי האָט ביי זיך באַשלאָסן פון אים צו פאַר־הוילן די גאַנצע געשעעניש. אַחוץ מיין מוטערס אַ שוועסטער און דעם כירורג לארמאַן האָט יעדער געמיינט, אַז איך מאַזל. מיין פאָטער האָט זיך אין זיין לעבן ניט דערוואוסט וועגן מיין צעבראָכענעם פוס. אין זעקס וואָכן אַרום בין איך געזונט געוואָרן, כאָטש ס׳איז מיר פאַר־בליבן אַ שוואַכקייט אין דעם פאַרוואונדעטן פוס וואָס איך פיל נאָך גאַנץ גוט אפילו איצטער.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין חדר אַריין, איז מיין גוטן רבינס פרייד געווען אין לשער. ער האָט געמאַכט אַ גאַנצע סעודה און, וואָס איז נאָך וויכטיקער, ער האָט מיט די אַנדערע תלמידים ניט גע־לערנט ווייטער, נאָר כסדר איבערגעחזרט, וואָס זיי האָבן געלערנט אין די פאַרגאַנגענע זעקס וואָכן, כדי איך זאָל ניט בלייבן הינטער־שטעליק אין לערנען.

נאָכן לערנען מיט אונדז דריי יאָר איז דער רבי אַהיימגעפאָרן. ער האָט זיך מיט אונדז געזעגנט אויף דעם צערטלעכסטן אופן און ער האָט צו אונדז גערעדט אויף דעם שטייגער ווי יעקב האָט גערעדט צו זיינע קינדער. ער האָט אונדז אויך פאַראויסגעזאָגט אונדזער צוקונפט אויפן סמך פון יעדערנס כאַראַקטער וואָס ער האָט זייער גוט געקאָנט. אפילו ניט מיט קיין איינציקן פון אונדז האָט ער ניט גע־

מאכט קיין טעות. זיינע נביאות זיינען אין גרונט פינקטלעך מקוים געוואָרן.

די תלמידים וואָס האָבן געוואוסט אַז נאָכן רבינס אַפּפאָרן וועלן זיי פאַרטיילט ווערן אין פאַרשיידענע אַנדערע חדרים, האָבן געוואָלט צעטיילן צווישן זיך דאָס וואָס איז געווען בשותפותדיק אייגנטום. מיר האָבן ניט געהאַט קיין שוועריקייט צו פאַרטיילן דאָס געווער, די טאַשן אד"ג. אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן מיט דער פויק ? איינער פון אונדז האָט פאָרגעלייגט אַז מיר זאָלן צעטיילן צווישן זיך אין גלייכע חלקים דאָס האָלץ, דעם פאַרמעט אאַז"וו, און אפילו די פויק שטעקלעך. יעדער זאָל קריגן פון אַלץ אַ גלייכן חלק, ווי אַ צייכן פון פריינדשאַפט. אַלע האָבן דאָס פריידיק אויפגענומען. איך האָב לאַנג באַהאַלטן ביי מיר די הייליקע רעשטלעך ביז טריבע טעג האָבן גע־ווירקט איך זאָל פאַרגעסן מיינע יוגנט יאָרן און די זכרונות וועגן יענע טעג...

פונעם חדר פון מיין רבין יעקב בין איך אַרויס אַ נישקשהדיקער תלמודיסט. איך האָב געקאָנט אויף אויסנווייניק גאַנצע דפים פונעם תלמוד און געוואוסט ווי זיי אַנצואווענדן פּראַקטיש. אַחוץ דעם האָב איך אַ סך געלערנט דעם תנ"ך אויף העברעאיש און מיטן תרגום אונקלוס און געהאַט אַ פּעולה אין דער העברעאישער גראַמאַטיק און אין דער לאָגיק. ביי מיין זיידן האָב איך געהאַט געפונען אַ סירישע און אַראַבישע גראַמאַטיק און אַזוי ווי די שפּראַכן זיינען קרובישע צו העברעאיש און כאַלדעאיש, האָב איך מיר אויך דערוואָרבן געוויסע קענטעענישן אין די פריער דערמאַנטע שפּראַכן.

צו דערצו נאָך האָבן מיינע עלטערן געהאַלטן צו מיר אַ לערער אויף פראַנצייזיש, וואָס האָט ניט נאָר געקאָנט זיין שפּראַך פילאָזאָפיש, נאָר ער האָט אויך געקאָנט גוט די לאַטיינישע קלאַסיקער. הער נאָודע, אַזוי האָט געהייסן מיין לערער, האָט ניט אין זינען געהאַט זיך, און ער האָט גענומען בלויז איין טאַלער פאַר פיר און צוואַנציק לעקציעס. ער האָט זיך נאָך אָנגעבאָטן צו לערנען מיט מיר, אָן די עלטערנס וויסן, עטלעכע שעה לאַטיין אַנשטאָט פראַנצייזיש.

איך האָב, ווי שוין דערציילט, כסדר געלייענט אַלץ וואָס עס איז מיר נאָר אַריינגעפאַלן אין די הענט: דעם קאָראַן, דעם ברית חדשה,

רוסאָס עמיל, וואלטעירס פיציעל, טערעזעס פילאזאפיע, די דייטשע דיכטער, וואלפס מעטאפיזיק, קאבאליסטישע און מעדיציניטשע ביכער. דער נאודע האָט גאָרניט געהאַט קעגן דעם, נאָר ער האָט מיך בלויז געלערנט ווי אַזוי צו האָבן דעם בעסטן נוצן פון מיין לייענען. דעם גרעסטן דאַנק קומט אים דערפאַר וואָס ער האָט פאַרבעסערט מיין דייטשן סטיל און וואָס ער האָט מיך דערמוטיקט צו שרייבן דייטשע קאמפאזיציעס.

מען האָט מיך ווידער אַוועקגעשיקט אין אַ חדר אריין צו אַ פוילישן מלמד. פון דעם מלמד האָב איך ניט צו דערציילן קיין גוטס און ניט קיין שלעכטס, ווייל איך האָב ביי אים געלערנט בלויז אַ האלב יאָר און ניט געהאַט קיין פעולה אין לערנען. נאָך דעם בין איך אַוועק לערנען ביי אַ מלמד פון אַ היגן רייכן יידן. די דריי קינדער פון דעם מלמדס ברויטגעבער זיינען געווען זיינע איינציקע תלמידים. אַזוי ווי איך בין געווען פעאיקער פון די אַנדערע תלמידים, האָב איך דעם וועכנטלעכן שיעור שוין געקאָנט מאָנטיק. דער רבי האָט אָבער ניט געוואָלט פאַר מיינעטוועגן אויסברייטערן דעם לימוד, ווייל זיין ברויטגעבער וואָלט נאָך דערויף קוקן ווי אויף אַן עוולה, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן זיינען קינדער. איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה. ווי איך האָב שוין דערציילט האָב איך אין מיין זיידנס הויז געהאַט באַקאַנט זיך מיט אַ סך סוחרים און פאַבריקאַנטן און די באַקאַנטשאַפט האָט נאָך אָנגעהאַלטן. דאָס האָט אויסגענוצט מיין רבי און ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט אַז איך זאָל ביי די דאָזיקע סוחרים נעמען סחורה אויף צו פאַרקויפן און איך זאָל מיט דער סחורה הויזירן איבער דער שטאָט אין די טעג וואָס איך האָב גאָרניט וואָס צו טאָן אין חדר. דער ריוח זאָל זיין בשותפות. דער איינפאַל איז מיר געפעלן געוואָרן, ווייל ס'האָט מיך געמאַכט אומאָפּהענגיק. דער העכסטער אידעאַל איז דאָך דעמאָלט געווען צו ווערן אַ סוחר. דאָס איז דאָך געווען דער העכסטער אידעאַל צו וועלכן איך האָב געקאָנט שטרעבן און גע־שטרעבט. דער ענין איז באַלד דורכגעפירט געוואָרן און אין אַ קורצער ווייַלע אַרום האָב איך שוין פאַרדינט גאַנץ גוט, ווייל איך האָב גערעדט געלויפיק פראַנצייזיש און איך האָב זיך דערוואָרבן אַ צאָל קונים פון דער פראַנצייזישער קאָלאָניע און פאַרדינט פון זוי ניינציק טאלער,

וואָס איך האָב געטיילט מיט מיין רבין. מיינע עלטערן האָבן גאָרניט געוואוסט דערפון. מיין הויזירן האָט געהאַט אַ מאָדנעם סוף.

איינמאָל אין דער פרי גיי איך מיר אַזוי, אַ בחורל פון אַ יאָר צוועלף פון אַ רחמנותדיקן אויסזען, מיט אַ גרויסן פּאַק אונטערן אָרעם און מיט דער אייל אין דער האַנט איבער דער לייפּציקער גאַס. אַ בעקער, וואָס האָט געוואוינט אויף יענער גאַס האָט מיך באַמערקט און אַריינגערופן. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מאַנטשעסטער [צייג]. אַזוי ווי איך האָב געהאַט זייער גוטן מאַנטשעסטער האָט ער געוואָלט וויסן ווי לאַנג קאָנען אויסהאַלטן אַ פּאָר הויזן פון דעם צייג. איך האָב אים געענטפערט אַז דאָס העגנגט אָפּ פון די אומשטענדן, צי ער רייט אָפּט צי ניט. אויב ניט, דאַרפן זיי אויסהאַלטן פיר יאָר. וואָס, נאָר פיר יאָר! אַ פּאָר מאַנטשעסטער הויזן טאָרן זיך קיינמאָל ניט צערייסן. דאָס האָט מיך, דעם מעטאַפיזיקער, שטאַרק אויפגע־בראַכט און איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז לויט [דעם פילאָזאָף] וואָלף, מוז אַלץ וואָס האָט אַן אָנהייב אויך האָבן אַ סוף און קיין שום זאַך אין דער וועלט קאָן ניט עקזיסטירן אייביק.

מיין בעקער האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט מיט דער גרעסטער פלעגמאַטישקייט און האָט מיט דערזעלביקער פלעגמאַטישקייט צו־זאַמענגעוויקלט מיין סחורה און האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון דער טיר מיטן צורוף: „טראָג זיך אָפּ!" און האָט מיר נאָכגעוואָרפן מיין סחורה אין דער גרעסטער אומאָרדענונג. איך קאָן ניט באַשרייבן וואָס פאַר אַן איינדרוק ס'האָט אויף מיר געמאַכט די באַליידיקונג. שלוכצנדיק האָב איך אַלץ צונויפגעפּאַקט, שלוכצנדיק בין איך דורכגעלאָפן די גאַסן און שלוכצנדיק בין איך געקומען צו מיין רבין און האָב געשוואָרן ביי אַלעם וואָס איז מיר הייליק אַז איך וועל זיך מער ניט אויסשטעלן צו אַזאַ באַליידיקונג און איך וועל מער ניט גיין הויזירן.

מחמת דעם וואָס דער רבי איז געווען אַ שותף צו מיין פאַרדינסט, האָט ער מיך געוואָלט אָפּרעדן פון מיין שריט. צוערשט האָט ער עס געטאָן מיט גוטן און ווען דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט ער מיך גוט אָפּגעשמיסן. איך בין אָבער געבליבן ביי דאָס מייניקע און כדי

אויסצומיידן ווייטערדיקע קלעפּ האָב איך דעם גאַנצן ענין אויפגעדעקט פאַר מיין מוטער וואָס האָט אויסגעפּועלט ביי מיין פאָטער אַז מען זאָל מיך ארויסנעמען פון דעם חדר און מיך אַוועקגעבן צו אַ מערישן מלמד.

47

דער ערשטער ייד אין שוועדן

1774

אהרן איזאק (1730—1817) איז געבוירן געוואָרן אין טרויענבריצן, אַכט מייל פון בערלין. ער האָט זיך אַליין אויסגעלערנט חתימה־קריצעריי און גראַווירעריי און איז אויך געווען אַ סוחר. אין 1774 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין שוועדן און איז דאָרט געווען דער ערשטער ייד צו קריגן וואוינרעכט. מיט דער צייט איז ער אין שוועדן געוואָרן קיניגלעכער יוּוועליר און ער האָט זיין איינפלוס אויסגענוצט צו שאַפן אינעם נייעם לאַנד אַ יידישע קהילה, וואָס ער איז געווען איר פירער ביזן טויט. אהרן איזאק איז געווען אַן עלנטער מענטש אויף דער עלטער, ווייל זיין פרוי און קינדער זיינען אים פרי אָפּגעשטאָרבן. צו איין און זיבעציק יאָר האָט ער זיך גענומען שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע כדי עס זאָל „בלייבן צום אָנדענק אין מיין משפּחה". ד"ר נחום שטיף האָט די אינטערעסאַנטע אויטאָביאָגראַפיע אַרויסגעגעבן אין אַ יידישער איבערזעצונג, און פון דאָרט איז גענומען געוואָרן דער וויטערדיקער קיצור.

איינער פון שטראַלזונד האָט מסתמא געשריבן קיין שוועדין, אַז איך בין זייער אָנגעזען אין שטראַלזונד ביי אַלע גרויסע שררות און אַז איך האָב באַקומען אַ פּאַס צו פאָרן קיין שוועדן. דערפון האָט זיך דערוואוסט מיין ברודער אברהם... ער [דער ברודער] האָט באַלד געשריבן צו מיין פרוי קיין ביוצאָוו זי זאָל ניט דערלאָזן איך זאָל פאָרן קיין שוועדן. מיר האָט ער אויך צוגעשיקט קיין שטראַל־זונד אַ גראָבן בריוו : „דו ביסט שוין געקומען דערצו אַז דו פאַסירסט ווייב און קינד. איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלייבט אַז דו ביסט

אין אזא שלעכטער לאגע. דו האסט אויף דיין לעבן אזוי פיל נאריש-קייטן געטאן, אבער דאס איז די גרעסטע נארישקייט צו פארן אהין וואו קיין ייד איז קיינמאל ניט געווען און טאר ניט קומען, וואו מען קען די שפראך ניט. נישט אנדערש דו ביסט א דעספעראד, דו האנדלסט ווי א ווילדער מענטש. באטראכט זיך וואס דו ווילסט איצט טאן פאר א זאך. האסט זיך שטענדיק פארטרויט צו שלעכטע מענטשן, האסט מיך קיינמאל ניט געוואלט פאלגן. איז פאלג מיך, אין דער מדינה זיינען פאראן אזוי פיל יידן, קיינער איז ניט אוועק און ניט געלאזט קיין ווייב און קינדער. איך וועל דיר צו הילף קומען . . .״

אבער איך האב זיך געהאלטן ביי מיין געדאנק און ניט געוואלט אים בייטן. איך האב אים דערויף גארניט געענטפערט. עטלעכע טעג פאר מיין אפפארן איז געקומען צו מיר קיין שטראלזונד מיין עלטסטע טאכטער, האט מיר געבראכט א יאמערלעכן בריוו פון מיין פרוי איך זאל ניט פארן. מיין טאכטער וואס איך האב זי ליב געהאט אן א שיעור האט געוויינט. זי האט געזאגט: „ליבער פאטער, טאמער פארסטו אוועק, וועסטו מיך שוין לעבעדיק מער ניט זען.״ אזוי ווי ס׳איז צום אומגליק געשען. איך האב איר דערציילט מיין שלעכטע לאגע און מיין האפענונג ווידער צו מאכן מיין גליק. וואס האט זי געקאנט טאן און מיט וואס האט זי זיך געקאנט העלפן? איך האב איר געשענקט מתנות, זי איז פריילעכער געווארן און אויף מארגן איז זי מיט פאסט צוריק אהיימגעפארן.

איך בין שוין געווען פארשריבן אויף דער פאסט-שיף און איך האב שוין געהאט באצאלט געלט ביז אושטאט. אלע שטראלזונדער יידן זיינען געקומען צו מיר און האבן מיך שטארק איינגערעדט איך זאל ניט פארן קיין שוועדן און האבן מיר פירגעהאלטן פארשיידענע זאכן. איך בין אין מיין לעבן ניט געווען קיין צו להכעיסניק, איצט בין איך באשטאנען אויף מיינס. ווען איך בין אראפגעגאנגען צו דער בריק ארייננצוגיין אין דער פאסט-שיף, האבן מיך אלע יידן באגלייט, אייניקע פון זייערע ווייבער אויך. זיי האבן נאך אלץ געפרואווט מיר איינרעדן איך זאל ניט פארן, אבער ס׳האט ניט געהאלפן, איך האב געמוזט אויספירן מיינס. זיי זיינען אלע ארויף מיט מיר אויף דער

שיף. די ווייבער האָבן מיך באַקלאָגט פונקט ווי איך וואָלט געפאָרן קיין אַמעריקע. ווי נאָר זיי האָבן געזען אַז מען הייבט אויף דעם אַנקער, זיינען זיי אַראָפּ פון דער שיף און האָבן זיך געזעגנט מיט מיר אַזוי לאַנג ווי די שיף האָט זיך נאָך געזען. מיר האָבן אָפּגעזעגלט פון שטראַלזונד דריי אַזייגער נאָך מיטאָג. אויף מאָרגן עלף אַזייגער אין דער פרי זיינען מיר געווען אין אושטאַט. דער שיפס-קאַפּיטאַן האָט מיר פאַרשאַפט קוואַרטיר ביי אַ מאַן וואָס האָט גערעדט זייער גוט דייטש ווי אַ געבוירענער דייטש. ער און זיין פרוי זיינען געווען זייער שטילע מענטשן. מיין פּלאַן איז געווען צו פאַרברענגען פיר וואָכן אין אושטאַט כדי אַביסל צו לערנען די שפּראַך און זיך אַרומקוקן, וואָס מען קאָן דאָ פאַר אַ געשעפטן מאַכן מיט לייט. מיין נעציג האָב איך געהאַט ביי זיך. מיין באַלעבאָס האָט גערעדט גיין צום בירגערמייסטער, אים ווייזן מיין פּאַס און אים זאָגן אַז איך וויל זיך דאָ אויפהאַלטן פיר וואָכן. אַזוי האָב איך געטאָן. דער בירגערמייסטער האָט געקענט אַביסל דייטש. איך האָב אים געוויזן מיין פּאַס און פערצן שטיק רעקאָמענדאַציעס צום קיניג. איך האָב אויך באַקומען ביי אים אַ באַשטעלונג צו מאַכן אַ שטעמפּל. קיין גרויס פאַרדינסט איז ביי דער אַרבעט ניט געווען, אָבער פון פּערל און צירונג האָב איך שיין פאַרדינט. אין דער פרייער צייט האָט מיך מיין באַלעבאָס געלערנט אַביסל שוועדיש רעדן. די שפּראַך איז מיר אָנגעקומען זייער שווער.

ווי ס'זיינען אויסגעגאַנגען מיינע פיר וואָכן, און איך האָב שוין געוואָלט פאָרן, זאָגט צו מיר מיין באַלעבאָס: ס'איז ניט גוט צו פאָרן קיין שוועדן ווען מען קאָן ניט רעדן. ער האָט מיך צוגערעדט פאָרן קיין מאַלמע און זיך פאַרהאַלטן דאָרט פיר וואָכן. ס'איז אַ שיינע שטאָט, דאָרט וועל איך געוויס קריגן אַרבעט און וועל לערנען אַביסל די שפּראַך אויך. ער האָט מיר געגעבן אַ בריוו צו זיינעם אַ גוטן באַקאַנטן, אַן אָרגל-מאַכער, וואָס איז אַ סך אַרומגעפאָרן אין דייטשלאַנד און קאָן אַזוי גוט דייטש רעדן ווי אַ געבוירענער דייטש. ער האָט מיר אויך מיטגעגעבן זיין לערניונג ער זאָל מיט מיר פאָרן קיין מאַלמע, ווייל איך קען ניט די שפּראַך, ער זאָל זיך צונויפרעדן מיטן בעל עגלה, קריגן פערד און בכלל מיר העלפן מיט וואָס איך

דאָרף. איך האָב אים געפאָלגט און ס'איז צוגעגאַנגען זייער גוט. איך בין געקומען בשלום קיין מאַלמע. מיין באַלעבאָס איז געווען זייער אַ בראַווער מאַן און רייך; ער האָט מיר געגעבן אַ שיינע דירה. איך בין געקומען צום בירגערמייסטער און אים געוויזן מיין פּאַס. ער האָט אים גענומען און געקוקט. איך זאָג צו אים: „איך וואָלט דאָ געוואָלט בלייבן פיר וואָכן". ער קען ניט קיין דייטש און איך קען ניט קיין שוועדיש. איך האָב אים געוויזן מיינע רעקאָמענדאַציעס, האָט ער אונטערגעשריבן מיין פּאַס, מיר אים צוריק אָפּגעגעבן און האָט געזאָגט: גוט! איך האָב זיך פאַרנייגט, באַדאַנקט און געזאָגט: אַדיע!

איך בין שוין געווען פיר וואָכן אין מאַלמע און האָב געקלערט פאָרן ווייטער... לסוף זיינען מיר אָפּגעפאָרן פון קריסטיאַנשטאַט און איך האָב זיך מער ניט געוואָלט פאַרהאַלטן אין קיין שטאָט. איך האָב אים [אַ מיטפאָרער — אַ משומד] אויך ניט דערציילט פון מיינע געשעפטן וואָס איך וועל טאָן אין שטאָקהאָלם.

געקומען קיין שטאָקהאָלם האָט ער [דער משומד] מיך געלאָזט שטיין אויף דער גאַס מיט דער פור. מיר זיינען געקומען אַהער ראש חודש תמוז ה' תקל"ד [יולי 1774]. ס'איז געווען ניין אַזייגער אין דער פרי, ס'איז שוין געווען רעכט הייס. בין איך אַזוי אָפּגע־שטאַנען צוויי שעה, אַלע פאַרבייגייער האָבן מיך אָנגעקוקט... ניט ווייט פון דאָרט וואו איך בין געשטאַנען, האָט געוואוינט אַ ברויער. דער מאַן האָט געקאָנט רעדן דייטש... דער ברויער זאָגט צו מיר: „איך וועל אייך אָנווייזן אַ פיינע דירה ביי איינעם וואָס רעדט גוט דייטש, אַ סך בעסער פון מיר". דאַנק איך אים. איז ער מיט מיר געגאַנגען און האָט מיך פאַרפירט אין אַ הויז צו אַ בראַוון מאַן, איך האָב ביי אים געדונגען צוויי צימערן...

צען אַזייגער איז ער [דער באַלעבאָס] מיט מיר געגאַנגען צום אויבער־שטאַטהאַלטערס הויז און האָט מיר געוויזן וואו אַרום איך זאָל צו אים אַריינגיין. ער האָט געטראָפן אַ באַדינער און זאָגט אים אויף שוועדיש: „דער דאָזיקער מאַן וויל רעדן מיטן עקסעלענץ, ער האָט צו אים אַ בריוו". איך האָב געהאַט מיטגענומען אַלע רעקאָ־מענדאַציעס און דעם פּאַס. ס'האָט געדויערט אַ שטאַרקע שעה

איידער מען האָט מיך צו אים אַריינגערופן. דער זאַל איז געווען פול מיט מענטשן. איך קום אַריין, האַלט די בריוו אין די הענט, שטאַמל אויף שוועדיש: „פּאַרצייאונג, עקסעלענץ, איך קאָן קיין שוועדיש ניט רעדן". זאָגט ער באַלד: „איר זייט אַ ייד, רעדט נאָר דייטש"... איך זאָג אים גלייך מיין באַגער און ווייז אים מיינע רעקאָמענדאַציעס צום קיניג פון דער שטראַלזונדער רעגירונג און באַזונדער פון די הערצאָגישע פּערזענלעכקייטן. זאָגט ער: „ליבער פריינט, דאָס איז אַ שווערע זאַך. קיינמאָל האָט קיין ייד אין שוועדן ניט געוואוינט. איר זייט מיר זייער הויך רעקאָמענדירט פון מיינע גוטע פריינט, דאָס איז אָבער ניט ביי מיר אין די הענט. מיט וואָס איך וועל אייך קאָנען העלפן וועל איך גערן טאָן. קומט אין עטלעכע טעג אַרום ווידער אַהער וועל איך אייך געבן אַן ענטפער. אָבער איינס מוז איך אייך זאָגן: האַלט זיך אָפּ פון האַנדלען מיט גאָלד אָדער זילבער, וואָרום טאָמער קלאָגט מען אייך אָן פאַר מיר איז קאָן איך אייך ניט העלפן, אָבער קריצן שטעמפּלען קאָנט איר וויפל איר קריגט אַרבעט"...

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך ווידער געגאַנגען צום אויבער־שטאַטהאַלטער; איך האָב געהאַט ביי זיך מיינע מעקלענבורגישע פּריווילעגיעס. איך האָב אים געוויזן, אַז איך האָב געהאַט געוואוינט אין ביוצאָוו ניינצן יאָר. איך האָב אים אויך געוויזן אַן אַטעסטאַט פונעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט וועגן מיין ערלעכער אויפפירונג. ער האָט מיך געראָטן צו גיין צו אַן אַדוואָקאַט וואָס ער האָט מיר רעקאָמענדירט, און האָט מיר געזאָגט בערך דעם אינהאַלט ווי צו שרייבן די פּעטיציע. דער אַדוואָקאַט, האָט ער מיר געזאָגט, רעדט אַזוי גוט דייטש אַזוי ווי איך. ער האָט מיר אויך געגעבן רעקאָמענ־דאַציעס און געזאָגט: „ווען איר וועט האָבן די פּעטיציע פאַרטיק, איז ברענגט זי מיר אַהער, איך וועל זי אַליין אָפּגעבן דעם קיניג"...

ווען איך האָב שוין די פּעטיציע געהאַט פאַרטיק בין איך ווידער געגאַנגען צום אויבערשטאַטהאַלטער... ער איז געווען זייער גנעדיק און האָט מיר געזאָגט אַז די שריפט האָט ער אָפּגעגעבן דעם קיניג און דער קיניג האָט ניט קעגן דעם אייך צו העלפן אַז איר זאָלט דאָ קאָנען בלייבן. אין צוויי טעג אַרום האָט דער הערצאָג קאַרל געשיקט

צו מיר אויף דער קוואַרטיר איך זאָל גלייך צו אים אַרויפקומען מיט זיין באַדינער. ער האָט שוין געוואוסט אַז איך קאָן קיין שוועדיש ניט רעדן, ס'איז דאָ דעריבער געווען איינער וואָס האָט צו מיר גערעדט אויף דייטש: צי בין איך דער וואָס האָט דערלאַנגט דעם קיניג אַז ער איז אַ שטעמפּל-קריצער און שטיינקריצער. הערצאָג קאַרל איז דערביי געשטאַנען, זאָגט ער: די קיניגלעכע הויכקייטן ווילן דעם דאַזיקן הערב, — וואָס אַן אָפּדרוק דערפון האָט ער געהאַט אין האַנט, און דעם הערצאָגס הערב זאָל זיין געקריצט אין שטיין. מיר זיינען דורכגעקומען אויף פּערציק דוקאַטן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דער קיניג האָט דאָס באַפוילן, ווייל ער האָט געוואָלט זען אונדזער אַרבעט. איך האָב דאָס באַלד אָפּגעשיקט קיין שווערין צו ר' אברהם פ"ח און האָב אים געשריבן מיין מיינונג און געבעטן דאָס גוט מאַכן, אונדזער גליק איז געווענדט אָן דעם. דאָס מוז געווים זיין אַ פּראָבע וואָס מלכות וויל אונדזער אַרבעט.

דעמזעלביקן טאָג, וואָס איך בין זיך צעגאַנגען מיט ב. [מיטן משומד], איז אַהער אָנגעקומען מיין ברודער מרדכי מיט אַ וויסמאַרער שיף, דעם 2טן סעפּטעמבער 1774... בין איך געגאַנגען צום אויבער-שטאַטסהאַלטער און אים געמאָלדן אַז מיין ברודער איז געקומען. זאָגט ער: „דאָס איז גוט; איז מוז אייך זאָגן אַז דער קיניג האָט איבערגעשיקט מיין פּעטיציע און אַלע רעקאָמענדאַציעס דער עמבעט-קאָלעגיע, וואָס אין ראַטהויז..." איך בין געגאַנגען צו מיין אַדוואָקאַט, ער איז מיט מיר געגאַנגען אין ראַטהויז, און מיר האָבן זיך געמאָלדן. מען האָט אונדז צוגעלאָזן, דער אַדוואָקאַט האָט פירגעבראַכט וועגן מיין פּעטיציע וואָס איך האָב דערלאַנגט דעם קיניג, צי האָבן זיי דאָס שוין באַטראַכט? זאָגן זיי, זיי האָבן דאָס נאָך ניט געקאָנט באַטראַכטן; איך זאָל קומען אין פיר וואָכן אַרום וועל איך האָבן אַ רעזאָלוציע...

ס'זיינען שוין אַריבער די פיר וואָכן וואָס די עמבעט-קאָלעגיע האָט מיר באַשטימט. איך בין ווידער געקומען מיט מיין אַדוואָקאַט צו הערן זייער רעזאָלוציע, אָבער זיי האָבן מיך ווייטער אָפּגעלייגט: זיי האָבן נאָך ניט באַהאַנדלט... איך בין אַרומגעלאָפן אוודאי פיר וואָכן איידער איך האָב געקראָגן תשובה. די תשובה איז געווען

זייער קורץ: „מיר דערלויבן דיר ניט צו האַלטן דיין רעליגיע דאָ אין לאַנד, נאָך ווייניקער צו פירן געשעפטן". אונטערגעשריבן איז געווען קארל שפּארע. איך בין געוואָרן אַזוי איבערגעשראָקן, איך בין גלייך דערמיט געלאָפן צום אויבערשטאַטסהאַלטער און האָב זיך געקלאָגט: „איר האָט מיר צוגעזאָגט העלפן און דאָ גיבן זיי מיר אַזאַ תשובה". זאָגט דער אויבערשטאַטסהאַלטער: „איך מוז דיר אַלץ דערקלערן. איך בין פּאַרזיצער אין די דאָזיקע געריכטן, איך מוז אונטערשרייבן אַלע זייערע רעזאָלוציעס... דו ביסט זייער היציק, ס'איז נאָך ניט אַלץ, דו מוזסט האָבן געדולד, דו מוזסט קומען אין מאַגיסטראַט אַריין, וועלן מיר הערן וואָס זיי וועלן דערויף זאָגן"...

לסוף האָט מען געשיקט נאָך מיר פונעם ראַטהויז אין מאַגיסטראַט. ס'האָט זיך אָנגערופן אַ ראַטמאַן, וואָס איז נאָכדעם געוואָרן אין גיכן בירגערמייסטער. ער האָט געהייסן פלאָרין, אַ געלערנטער מאַן, געקענט אַ סך שפּראַכן, געווען זייער באַשיידן. ער איז צוגעגאַנגען האַרט צו מיר, האָט אָנגעהויבן מיט מיר רעדן דייטש און זאָגט אַזוי: „ליבער הער אהרן, איר האָט דערלאַנגט דעם קיניג אַז איר ווילט דאָ וואוינען. מיר האָבן געזען אַלע אייערע רעקאָמענדאַציעס אויך. איר זייט זייער גערימט פאַר אַן ערלעכן מאַן, אַ קינסטלער אין שטיינקריצן; מיר גלייבן אַז אַזוי איז דאָס, אַזוי ווי ס'שטייט אין אייערע אַטעסטאַטן. דער קיניג אַליין וויל איר זאָלט דאָ קאָנען בלייבן: דאָ האָבן מיר ניט קיין שטיינקריצער אין גאַנץ שוועדישן לאַנד. דאָ איז אָבער פאַראַן אַ זאַך וואָס ס'איז אוממעגלעך; איר זייט פון דער יידישער אמונה. איך וועל אייך ווייזן וואָס אונדזערע געזעצן הייסן אונדז טאָן". ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ גרויס בוך און פון דאָרט האָט ער מיר פאַרגעלייענט אויף דייטש: „ווען אַ ייד קומט צו אונדז אין לאַנד אַריין אויף אַ שיף, און די שיף האָט זיך געטרונקען אַז מען דאַרף זי פאַרריכטן, זאָל די דאָזיקע שיף האָבן די בכורה, מען זאָל זי פאַרריכטן די ערשטע כדי דער ייד זאָל וואָס גיכער אַוועק פון לאַנד. ווען אַ ייד קומט אַהער מיטן וואַסער און ווערט דאָ קראַנק, זאָל מען אים שיקן אַ גוטן דאָקטער צו העלפן אים פון זיין קרענק, ער זאָל באַלד פאַרלאָזן דאָס לאַנד. קיין ייד טאָר דאָ גאָרניט קויפן אָדער פאַרקויפן". נו, זאָגט ער צו מיר. „דאָס זיינען אונדזערע

געזועצן". זאָג איך: „דאָס זיינען געזועצן, אָ, וואָס פאַר אַ שלעכטע געזעצן קעגן דעם מענטשנס לעבן!"

ער איז אָבער געוועזן זייער באַשיידן און זאָגט: „אַזוי איז דאָס און ווי לאַנג די וועלט שטייט האָט קיין ייד ניט געוואוינט אין שוועדישן לאַנד. מיר האָבן זיך בעראָטן מיר זאָלן אייך העלפן, ווייל אונדזער קיניג וויל דאָס זייער האָבן איר זאָלט דאָ בלייבן. ווי אַ ייד איז דאָס ניט מעגלעך, דאָס איז קעגן אַלע אונדזערע געזעצן; אָבער אויב איר ווילט זיך טויפן קריגט איר באַלד בירגערשאַפט אומזיסט און געניסט אַלע פרייהייטן, אויך וועט איר צען יאָר פריי זיין פון אַלע שטייערן. באַטראַכט זיך, דאָס האָט נאָך קיינער ניט געקראָגן, און זאָגט אונדז אייער ענטפער אין אַכט טאָג צייט". זאָג איך: „ליבער הער, איך דאַרף ניט האָבן קיין צייט אויף קיין ישוב, קיינמאָל וועל איך ניט אומבייטן מיין גלויבן פאַר קיין געלט; נישט דערויף בין איך אַ-הער געקומען צו פאַרקויפן אָדער אויסבייטן מיין רעליגיע. איך וועל זיך געוויס ניט אָפּזאָגן פון מיין אמונה וואָס דורך איר האָף איך מיין נשמה אויסצולייזן"...

אין עטלעכע טעג אַרום קום איך ווידער אַרויף אין מאַגיסטראַט און האָב געקראָגן די תשובה, אָבער דאָרט איז געשטאַנען ניט קיין אַנדערע זאַך ווי אין די פריערדיקע און ווידער מיט דער אונטער-שריפט: קאַרל שפּאַרע.

נו, איך האָב פאַרלאָרן יעדע האָפענונג: איך לויף צום אויבער-שטאַטסהאַלטער. ווי איך קום אַריין און גריס אים, פרעגט ער: „וואָס איז עפּעס גוטע נייעס?" „שלעכטע נייעס! איר ווייסט דאָך וואויל וואָס איר האָט אונטערגעשריבן. דאָ האָט איר דאָס... אייער עקסעלענץ, ווען באַפעלט איר מיר פאָרן?" „ניין, ניין! אָן שפּאָס, דו מוזסט גיין צום קיניג און מיך אָנקלאָגן. גיי צו דיין אַדוואָקאַט, ווייז אים דיין ענטפער און זאָג אים, ער זאָל מיך פאַרקלאָגן פאַרן קיניג פאַר מיין ענטפער. ווען דו וועסט די פּעטיציע האָבן פאַרטיק איז גיי דערמיט צום שטאַטס-סעקרעטאַר פאָן העלאַנד ער זאָל זי אָפּגעבן דעם קיניג. איך וועל שוין פון מיין זייט טאָן דאָס בעסטע וואָס איז מעגלעך".

איך האָב אַזוי געטאָן ווי דער אויבערשטאַטסהאַלטער האָט מיר געזאָגט... אויף מאָרגן בין איך ווידער געגאַנגען צום שטאַטס-סעקרעטאַר. ער איז געווען צו מיר זייער פריינדלעך, בכלל זייער אַ גוטער מענטש. ער זאָגט: „איך בין געווען ביים אויבערשטאַטס-האַלטער און גערעדט מיט אים, אָבער די פּעטיציע וועל איך איבער-שרייבן, קומט מאָרגן אַהער וועט איר אונטערשרייבן אייער נאָמען". אויף מאָרגן בין איך געקומען צו אים, אונטערגעשריבן מיין נאָמען אונטער דער פּעטיציע... ער האָט מיך געהייסן צו אים ווידער קומען אין פיר-פינף טעג אַרום, וואָרעם עטלעכע טעג וועט ער ניט זיין דאָ. איך בין געגאַנגען צו אַלע פיר רייכסראַטן, האָב זיי דערציילט מיין זאַך, מאָרגן וועלן זיי זיין אין אולריכסדאַל ביים קיניג. זיי האָבן צוגעזאָגט צו טאָן וואָס מעגלעך, איך זאָל נאָר ניט צווייפלען, איך וועל עס קריגן. עטלעכע טעג שפּעטער קום איך צום שטאַטס-סעקרעטאַר העלאַנד. ווי נאָר איך קום אַריין, גיט ער מיר אָפּ מזל טוב מיט מיינע פּריווילעגיעס... די פּריווילעגיע איז געווען אויסגעשטעלט אין אולריכסדאַל, דעם 28 סעפּטעמבער 1775...

איך האָב באַלד געשריבן מיין פרוי זי זאָל פאַרקויפן אונדזער הויז און גאָרטן און זאָל קומען אַהער מיט די קינדער. איך האָב אויך געשריבן ר׳ אברהם פ"ח, ער זאָל אַהער קומען. אָבער וואָס פאַר אַ רשעות מען האָט געשריבן קעגן מיר אין וואַכנבלאַט? וואָס פאַר אַ שלעכטיקייטן האָבן זיי ניט אויסגעקלערט אויף יידן! דער המון פלעגט מיר נאָכשרייען אין גאַס. זיי האָבן אפילו געשריבן קעגן קיניג, וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו פאַראומריייניקן דאָס הייליקע לאַנד מיט יידן. זיי האָבן געקראַגן עטלעכע מאָל שטאַרק אָפּגעענטפערט פון גרויסע הערן, אָבער ס׳האָט געווים געדויערט זעקס וואָכן איידער עס איז רעכט שטיל געוואָרן.

48

אַ פויפסטלעכער עדיקט קעגן יידן

דער פויפסט פיוס VI האָט אַרויסגעגעבן דעם עדיקט קעגן די יידן פון דער פויפסטלעכער טעריטאָריע דעם 5טן אַפּריל 1775 און דעם 20טן אַפּריל פונעם זעלביקן יאָר איז דער דאָזיקער עדיקט אויסגעהאנגען געוואָרן אין רוים. דער היסטאָריקער פון די יידן אין רוים, ד״ר א. בערלינער, רופט אָן די דאָזיקע אכזריותדיקע געזעצן „דאָס שוואַרצסטע בלאַט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט". דער פולער טעקסט פונעם עדיקט ווערט געבראַכט פון ד״ר בערלינערן אין דעם צווייטן באַנד פון דער „געשיכטע דער יודען אין ראָם".

די יידן טאָרן ניט קויפן אָדער אָננעמען בתורת מתנה פון קריסטן אָדער יידן א בוך, וואָס איז געשריבן אויף העברעאיש אָדער איבער־געזעצט פון אַן אַנדער שפּראַך אויף העברעאיש, אויב דאָס דאָזיקע בוך וועט ניט פריער — אויף ווי ווייט עס באַציט זיך אויף דער שטאָט רוים — איבערגעגעבן ווערן [צו צענזורירן] דעם פּאָטער מאַעסטרא פונעם הייליקן אַפּאָסטאָלישן פּאַלאַץ. און אויף ווי ווייט עס באַציט זיך אויף אַנדערע פלעצער און שטעט, זאָל עס איבערגעגעבן ווערן די בישאָפן אָדער לאָקאַלע אינקוויזיטאָרן, כדי די דאָזיקע זאָלן קאָנען באַשטימען צי ווען מען נעמט אין באַטראַכט די אַפּאָסטאָלישע רייד, קאָן מען זיי [די יידן] דערלויבן אַזאַ מין בוך אָנצונעמען און צו האַלטן.

עס איז יעדן קריסטלעכן זילבערשמיד פאַרבאָטן צו מאַכן פאַר די יידן וועלכע ניט איז קמיעות, וואָס די דערמאָנטע יידן טוען אָן

זייערע קינדער אויף די רוקנס, כדי דורך די דאָזיקע צו שיצן זיי פון מכשפות און אַנדערע שלעכטס-טוער. גאָר באַזונדער זאָל מען זיין געוואָרנט ניט צו מאַכן אַזעלכע קמיעות וואָס זיינען אין דער פאָרמע פון אַ מאַנדל אָדער אַ נוס און אויף איין זייט געפינען זיך שלמהס קנופּן [ציצית?] און אויף דער אַנדערער זייט אַ מנורה און אַנדערע הערלאַגליפישע נאַרישקייטן. עס פּאַסט ניט אַז קריסטן זאָלן זיך פאַר־נעמען מיט דעם.

די יידן זאָלן, לויט די פאַראָרדענונגען פונעם 8טן און 23סטן אָקטאָבער 1625, ניט טאָרן שטעלן קיין מצבות אויף די קברים און אויך ניט קיין אויפשריפטן. דעריבער זאָל יעדן איינעם זיין פאַרבאָטן אין דער צוקונפט צו געבן אַ דערלויבעניש אויף אַזאַ מצבה אָדער אויפ־שריפט אונטער דער שטראָף פון הונדערט סקודי און דער צעשטערונג פונעם קבר.

בעת אַ לויה טאָרן די יידן ניט פּראַווען קיין צערעמאָניעס און זיי מוזן זיך אָפּהאַלטן פון יעדן פּאָמפּ. זיי טאָרן ניט זינגען קיין תהלים און טאָרן ניט טראָגן קיין פאַקעלן אָדער אָנגעצונדענע ליכט, אונטער אַ שטראָף פון הונדערט סקודי, צו פאַרלירן דעם וואַקס [פון די ליכט] און קערפּערלעכע שטראָף [שמיץ]...

...נאָך איינע [נאָך אַ שול] זאָל ניט אויפגעבויט ווערן און די וואָס איז פאַראַן זאָל ניט רעמאָנטירט ווערן אָדער אויף וועלכן ניט איז אופן באַצירט ווערן. און נאָך ווייניקער זאָל זיי דער־לויבט ווערן צו האָבן שולן אויסער דער געטאָ, אונטער אַ שטראָף פון הונדערט סקודי, תפיסה, און ענלעכע זייער שווערע שטראָפן.

די יידן טאָרן די קריסטן ניט פאַרטיילן, איבערגעבן, שענקען אָדער פאַרקויפן קיין פלייש פון קיין בהמות וואָס זיי אַליין האָבן געקוילעט אָדער געלאָזן קוילען, אונטער אַ שטראָף פון הונדערט סקודי אָדער תפיסה.

פונקט אזוי טאָרן די יידן ניט פאַרטיילן, אָדער שענקען קיין ניט געזייערט ברויט, וואָס הייסט „אצימעלע" [מצה-מעל, מצה] אונטער דער שטראָף פון 50 סקודי, און די קריסטן טאָרן דאָס ניט אָננעמען אונטער דער זעלביקער שטראָף.

די יידן טאָרן ניט פאַרבעטן קיין קריסטן אין זייערע שולן און טאָרן זיי אוודאי ניט אַריינפירן אַהין; און ווידער איז די קריסטן ניט דערלויבט אין די דאָזיקע [שולן] אַריינצוגיין. די שטראָף זאָל זיין 50 סקודי פאַר דעם ערשטן [יידן] ווי פאַר דעם אַנדערן [קריסטן].

די יידן טאָרן זיך ניט באַדינען מיט קיין קריסטלעכע הייבאַמען און אַמען. די שטראָף זאָל זיין 100 סקודי און תפיסה.

... יידן טאָרן ניט אָנשטעלן קיין קריסטלעכע דינער אָדער דינסטן און טאָרן זיך מיט זיי ניט באַהעלפן אפילו אויף אַ קורצער וויילע, ווי צו רייניקן די געטאָ, מאַכן פייער [אום שבת], וואַשן וועש אָדער ביי אַ וועלכער ניט איז אַנדערער אַרבעט. די שטראָף זאָל זיין 25 סקודי און אַנדערע, קערפּערלעכע שטראָפן [שמיץ].

עס איז פאַרבאָטן... אַז יידן מיט קריסטן זאָלן שפּילן, טרינקען, עסן אָדער פאַרברענגען צוזאַמען — ניט אין פּאַלאַצן, ניט אין הייזער, ניט אין שענקען, ניט אין געשעפטן און ניט אין גאַרקיכן. די גאַסט-ווירטן, שענקער און באַלעבאַטים דאַרפן ניט דערלאָזן אַז יידן מיט קריסטן זאָלן פאַרברענגען צוזאַמען. די שטראָף זאָל זיין 10 סקודי פאַר די יידן אָדער תפיסה און פאַר די קריסטן — 10 סקודי אָדער קערפּערלעכע שטראָף [שמיץ].

קיין ייד טאָר ניט נעכטיקן מחוץ דער געטאָ און דעריבער מוז יעדער ייד זיין צוריק אין דער געטאָ אַרום איינס אזייגער פאַרטאָג און טאָר פון דער זעלביקער [געטאָ] ניט אַרויסגיין, ביז עס ווערט טאָג. די שטראָף זאָל זיין פאַר מענער 50 סקודי און דריי מאָל אַרויפ-געצויגן צו ווערן אויף דער פאַרטערזייל און פאַר פרויען — די רוט.

די טויערן-וועכטער דאַרפן זען אַז קיין קריסטן זאָלען ניט אַריין אָדער אַרויסגיין פון דער געטאָ בעת די יידן זיינען איינגעשלאָסן.

אַזוי ווי די דרשה איז דאָס ווירקזאַמסטע מיטל צו דערגרייכן דעם אַריבערגאַנג [אין קריסטנטום]... באַפעלן מיר דעריבער די רבנים צו זאָרגן דערפאַר און אָנצואווענדן אַל זייער אויפמערקזאַמקייט דערויף, אַז די צאָל מענער און פרויען, וואָס דאַרפן בייזיין ביי אַ דרשה [פון אַ קריסטלעכן גייסטלעכן], וואָס ווערט געהאַלטן שבת אָדער אין אַנדערע טעג פון דער וואָך און וואָס ווערן באַשטימט לויט דער איינטיילונג פון דער געטאָ, זאָלן בייזיין... אויב זיי [די רבנים] פאַרנאַכלעסיקן דאָס זאָלן זיי באַשטראָפט ווערן מיט 50 סקודי.

49

דאָקטער מארקוזי וועגן יידישן לעבן אין פוילן אין 18טן יאָרהונדערט

1789

> ד"ר משה מארקוזי איז געווען אַ דייטשער ייד, וואָס האָט שטודירט מעדיצין אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט און נאָכדעם ווי ער האָט געוואַנדערט „במדינת האָלאנד ענגעללאַנד ושאר ארצות במדינת הים", איז ער אין 1773 געקומען קיין פוילן. אין פוילן איז ער יאָרן לאַנג געווען אויף אַ מלוכה שטעלע און אַן אָנגעזעענער מענטש ביים טורויסקער (וואָלין) פריץ, וואָס האָט געדעקט די הוצאות פון זיין פאָפולער מעדיצינישן ספר „עזר ישראל" (דערשינען אין 1789), פון וואַנען ס'זיינען אַרויסגענומען די ווייטערדיקע שטעלן. ד"ר מארקוזי שרייבט אַליין, אַז „איך האָב געמוזט שרייבן אויף טייטש, וואָרעם איך וויל מיט מיין ספר מציל זיין כמה אלפים מענטשן אַלע יאָר פון זעלכע חסרונות, למשל פון אַלטע ווייבער, פון שלעכטע באָבעס, פון עין הרע אָפּ־שפּרעכערס, פון בייזע איבערגעבונג... פון וואַקס גיסערס, פון טרעפערס, וואָס טרעפן אַלע קראַנקהייטן... און פון דאָקטוירימלעד, וואָס [האָבן] זיך אַליין, אָדער וואָס אַלטע ווייבער האָבן זיי געמאַכט פאַר דאָקטערס".

דאָס ערשטע איז במדינתנו, וואָס איך האָב געזען אזוי פיל פוסטע קרעטשמעס, פוסטע שפּייכלערס, מיסט אזויפיל פאַר אייערע טירן. איר ווייסט ניט וויפיל קראַנקהייטן קומען פון די מיסט הויפנס, און דאָס רוב פוילע קראַנקהייטן וואָס איך האָב אָנגעפאַנגען צו באַ־שרייבן: געשווירן, קרעץ און נאָך מער זאכן. די פוסטינעס זיינען

מאנכעסמאָל גאָר ממית ברגע אחת. וויפיל מאָל גייען מענטשן אַריין אין אַ פּוסטן קאַמער אָדער אין אַ שפּייכלער, וואָס איז לאַנג פאַר־שלאָסן געווען און זיי פאַלן באַלד אַנידער און שטאַרבן, און דער וואָס קומט יענעם רופן, ווייל ער זאַמט זיך, פאַלט ער אויך אַנידער און שטאַרבט אויך ברגע אחת. דאָס קומט איבער דעם, ווייל די לופט איז פאַרשלאָסן אַ לאַנגע צייט. אונדזערע המונים זאָגן: אַ שד האָט זיי מזיק געווען; ניזק ווערן זיי, אָבער אַליין זיינען זיי די שדים ומזיקים; פון פיל מיסט, וואָס ביי פילע הייזער תמיד ליגט, און פון רעגן ווערט נאָך נאָס; דערצו קומט נאָך די זון — פליגן, מיליאַנען חלקים כל רגע ורגע אין דער לופט, די לופט ווערט פאַרשטונקען. אונדזערע ליבע קליינע קינדערלעך גייען נאָך אין מיסט אַריין אָדער שפּילן זיך ניט ווייט, זיי ווערן קראַנק. מען שרייט, מען וויינט. ערשט האָט זיך דאָס קינד געשפּילט! די אַלטע ווייבער־נאַרן זאָגן: עס איז זיי צוגעקומען, זיי האָבן איין עין הרע. ווי באַווייזן אַז דאָס איז אמת, נעמען זיי קוילן, שפּרעכן, בילן אָפּ, זיי גענעצן; די קינדער קוקן אויף זיי — גענעצן די קינדער אויך. די ווייבער מאַכן ווי די בעלי־שמות פּושעים, זיי גענעצן אויף צו פליים, די קראַנקע קוקן אויף זיי — גענעצן זיי אויך, קורץ: די מוטער, דער פאָטער, די דינסטן — אַלע גענעצן. זאָגן די ווייבער: זעט איר, איך האָב דאָך אייך געזאָגט — דאָס קינד האָט איין עין הרע בעו״ה. א, א, אוי! שפּאַרט דאָס מויל אויף ווי אַ בהמה און האַלט נאָך מיט איר האַנט פאַר איר מויל, מען זאָל ניט זען, דאָס זיי זאָגן צוויי מאָל ליגן; איין מאָל — ווען איינער וויינט, וויינט דער אַנדערער אויך אויף אים קוקנדיק, אפילו דער פרעמדער, וואָס קומט אַריין און ווייס נאָך ניט וואָס מען וויינט, פאַנגט ער אויך אָן צו וויינען. לאַכט איינער, לאַכט דער אַנדערער אויך. מיט די אַלטע ווייבערס גענעצן גייט אויך אַזוי צו. וואָרום געשעט דאָס? האָב איך קיין צייט ניט צו שרייבן, עס איז איין דבר הטבע... צום אַנדערן מיט די קוילן, מאַכן זיי אויך שווינדל באַטריגעריי; זיי זאָגן ענטוועדער עס שווימען פון אויבן די קוילן אָדער זיי פאַלן אַרונטער — איז יאָ אָדער ניט עין הרע. דאָס איז אויך פאַלש, עס גיט אַלערליי האָלץ, פון שווער האָלץ דעמבענע, ברעזינע, און אַנדערע נאָך מער. האָלץ איז שווער, זיינען די קוילן אויך שווער, כוואינע [סאָסנע]

האַלץ איז לייכט, גרינגער — זיינען די קוילן אויך גרינגער... ליבער זאָג איך איר זאָלט זיך מאַכן פון עין הרע איין עין טוב, איך מיין איר זאָלט פון די פוילע, שטינקענדיקע לופט מאַכן איין גאָרטן. זייעט ציבעלעס, בורעקעס, רעטעך, פעטרישקע. איר וועט צוויי רווחים האָבן: איר וועט שיינע, ריינע לופט האָבן, וואָס איז זייער געזונט און איר וועט ניט באַדאַרפן דעם פויער רייך מאַכן, אַלץ צו קויפן פאַר דעם לעצטן גראָשן, וואָס איר האָט נאָך, אָדער וואָס איר האָט אויס־געבעטלט...

ליבע ברידער, דאָס האָב איך געשריבן, וואָס איז געזונט. דאָס געהער נאָך אין מיין פאַך. איך וועל נאָך אַ קליינע עצה געבן, וואָס פאַר אייך אַלע איז כלל געזונט, און רעכט פאַר אונדז און פאַר אונדזער בורא עולם איז געווים רעכט. „יגיע כפיך וכו׳״ לאָמיר זען, פילייכט וועלן מיר קאָנען מקיים זיין (ואהבת לרעך וכו׳) און איך וועל אייך באַווייזן די רווחים דערפון, ווען מיר וועלן האַלטן דעם קשר פון ואהבת. איך מיין, אין איטלעכער שטאָט אָדער שטעטל זיינען דאָ, בעו״ה, פיל לוידיקגייערס, לויטער שלום עליכם געבערס, פיל אביונים, נאָך מער עניים. וואָרעם היינטיקע צייטן האָבן אָפּגענומען, בעו״ה, אַלע שררות די יידישע פרנסות, — זיינען געוואָרן פון עשירים אביונים און פון אביונים עניים, און פון די אַלטע עניים גאָר גנבים און גזלנים, בעו״ה. און דער סוף וועט ח״ו זיין, מען וועט אָדער פון אונדזער מדינה אויך מאַכן זעלנער, אָדער נאָך ערגער, מען וועט אָנפאַנגען גאָר אַרויס־טרייבן. דערנאָך, ליבע ברידער, וועט צו שפּעט זיין אַלע עצות ותחבולות. איך פאַרכט מיך, אויב עס איז שוין ניט צו שפּעט עצות צו האַלטן. אעפ״כ, זייט אייך מיישב בכל עיר ועיר: פילייכט קאָנט איר נאָך אַלץ פאַרריכטן. למשל, אין איין שטאָט וועלן זיך געפינען צוואַנציק אָרעמעלייט געזונטע, שטאַרקע, — איך רייד פון קיין קאַליקעס ניט (אפשר וועלן קאַליקעס אויך נייטיק האָבן מקבל צדקה צו זיין), — צען אָרעמעלייט, מאַכט אַז זיי זאָלן האָבן פערד, אָקסן, האָבן זיי ניט צו פאַרקויפן אָדער צו פאַרזעצן זאָלן זיי בפקודת הקהל זיך איינשאַפן. די וואָס האָבן ניט, זאָל מען לייען. זיי זאָלן האָלץ ברענגען אין שטאָט צו פאַרקויפן. אַנדערע שטאַרקע זאָלן האָלץ האַקן, וואַסער ברענגען. פילע מענטשן זאָלן ניט ליידיקגיין —

לאָזן זיי אַרבעטן, למשל: מלאָצין [דרעשן], בראַנעווען, אַקערן. לאָזן זיי זאָ גוט זיין און דינען, ווי מיר אַלע דינען. דער סוחר דינט דעם שררה, וואָס קומט צו אים קויפן; די קרעטשמער דינען דעם אורח; אַלע ארענדאַרם דינען דעם שררה; די שענקאַרעס דינען דעם פּויער; דער דאָקטאָר דינט אַלע מענטשן, וואָס באַדאַרפן אים. וואָרעם זאָלן אַזוי וויל הולטאַיעס זיין און ניט אַרבעטן און אומזיסט ברויט עסן, גיין אין די הייזער פון קינדוויז אָן? לאָזן זיי אַרבעטן, אַזוי ווי מיר אַלע אַרבעטן.

50

דער מצב פון די וואַרשעווער יידן סוף 18טן יאָרהונדערט

1790

דער פוילישער גייסטלעכער, יענדזשעי קיטאָוויטש (1724—1804), איז אין דער צווייטער העלפט פונעם 18טן יאָרהונדערט געשטאַנען נאָענט צו די וואַרשעווער רעגירונגס קרייזן. ער האָט זיך שוין גאָר יונג אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיטן טאָג טעגלעכן לעבן פונעם דעמאָלסטיקן פוילן און געזאַמלט נאָטיצן וועגן פאַרשיידענע וויכטיקע געשעענישן. קיטאָוויטשעס קוק אויף די יידן איז דער זעלביקער ווי פונעם פוילישן שטאָטישן בירגער און האַנטווערקער, וואָס ער פאַרטרעט אים געטריי און ניט שפּאָרנדיק קיין רייד. דאָס וויטערדיקע בילד פונעם יידישן לעבן אין וואַרשע איז גענומען פון קיטאָוויטשעס זכרונות (ב. ו).

ראשית דאַרף די לייענער באַקאַנט זיין אַז די יידן האָבן אונטער דער פריערדיקער ממשלה געמעגט וואוינען אין וואַרשע בלויז צייטוויליק, דאָס הייסט אָן זייערע פרויען און קינדער. זיי האָבן ניט געטאָרט פירן קיין עפנטלעכן האנדל און האָבן זיך נישט געטאָרט פאַרנעמען מיט קיין מלאכות, אחוץ צוויי וואָכן בשעת דעם זיצן פון סיים, ווען דער מאַרשאַלעק פלעגט אויסרופן פאַר זיי צוויי וואָכן פון פרייהייט צו מעגן האַנדלען און אַרבעטן. נאָכן שליסן דעם סיים פלעגט דער מאַרשאַלעק לאָזן אויסרופן אַז זיי [די יידן] זאָלן פאַרלאָזן וואַרשע. ווען די יידן האָבן זיך נישט געאײלט צו פאַרלאָזן די שטאָט האָבן דעם מאַרשאַלעקס רייטער זיי אַרויסגעטריבן.

ביסלעכווייז און אונטער פארשיידענע אויסריידן פלעגן די יידן צוויי אדער דריי טעג נאכן ארויסטרייבן, אויפסניי זיך צוריקקערן קיין ווארשע. די ערשטע עטלעכע וואכן פלעגן זיי זיך כסדר אריבער־קלייבן פון איין ארט אויפן אנדערן און צום סוף דורך שוחד, וואס זיי האבן אפט אפגעצאלט דעם מארשאלעקס אונטערזוכער און די פרידנס־ריכטער, האט מען געלאזט וואוינען אין פארשיידענע ווינקלען די פאלגנדיקע פון זיי: גאלדשמידן, זילבערשמעלצער, וואס פלעגן אפקויפן אלטע גאלאנען, זילבער, אלטע מטבעות, און פלעגן דאס צעשמעלצן און פארקויפן צו קריסטלעכע גאלדשמידן. אויף אזא אופן זיינען די יידן געווען ניצלעך פאר די ווארשעווער גאלדשמידן, וועלכע וואלטן נישט געקאנט אליין אזוי ביליק שמעלצן גאלד ווי די יידן וואס לעבן אויף ציבעלע און קנאבל, פאסן געגנבעטע חפצים און שטעלן זיך נישט אפ פון צו האנדלען מיט די גנבות.

נאכדעם ווי די שמעלצער האבן שוין ווי נישט־איז געוואוינט אין ווארשע, האבן זיך צוביסלעך אויך דערוועגט אריינצוקומען, דורך פארשיידענע המצאות און פארטלען, יידישע שניידער, קירזשנער, היטלמאכער און הענדלער אין כלערליי סחורות, מיט וועלכע זיי זיינען ארומגעלאפן איבער פאלאצן און הייזער. מיט די דאזיקע סוחרים פלעגן מיטלויפן מעקלער, משרתים און ד״גל. ווען דאס האנדל־וואנדל־געזינדל האט זיך שוין געהאט געדיכט פארשפרייט איבער ווארשע האט דער קיניגלעכער מארשאלעק זיי געהייסן עטלעכע מאל ארויסטרייבן, נאכדעם ווי די שטאט האט אים וועגן דעם געהאט געבעטן. אבער אין א קורצער צייט ארום פלעגן זיך די יידן צוריק־קערן. און דער מצב — דאס ארויסטרייבן די יידן און זייער אומקערן זיך צוריק קיין ווארשע — האט אנגעהאלטן די לעצטע עטלעכע יאר פון אויגוסט דעם דריטנס ממשלה. פונדעסטוועגן האבן זיך דאמאלס אין ווארשע געפונען א סך ווייניקער יידן ווי איצטער און גאר ווייניק פרויען, וואס פלעגן זיך באהאלטן אין די הייזער, כדי די יידן, וואס זיינען ארומגעלאפן איבער די גאסן, זאלן קאנען גיכער אנגיין פאר דורכפארער...

במשך פון דער ממשלה פונעם איצטיקן קיניג זיינען קיין ווארשע אנגעלאפן אן ערך פון צען ביז צוואנציק טויזנט יידן מיט זייערע ווייבער

און ממזרים. זיי האָבן פאַרפלייצט די סענאַטאָרסקע, טלאַמאַצקע, כלאַפּאַצקע גאַסן, דעם פּאַטשעיאַווער פּלאַץ און אַנדערע געביידעם אַרום פּרימאַסאַווער פּאַלאַץ ביז מאַרעוויל. ווידער פון ביבליאָטעק גאַס און פון אַנדערע גאַסן וואָס שניידן זיך דורך אין דעם ווינקל ביז צו דער קירך פון דער דריי אייניקייט, אַחוץ דעם וואָס זיי געפינען זיך נאָך אין פאַרשיידענע אַנדערע גאַסן, דער הויפּט אין פּריציישע פּאַלאַצן און שלאַכעצקע הויפן. זיי שרעקן זיך שוין מער ניט פאַר קיין גירושים פון וועלכע זיי האָבן זיך אַ סך מאָל אויסגעקויפט מיט האָלענדיש גאָלד.

ביסלעכווייז האָט זיך איינגעשטילט דער פאַרלאַנג זיי צו פאַרטרייבן מחמת דעם בילעט וואָס לובאָמירסקי דער קרוין מאַרשאַלעק האָט איינגעפירט. קיין שום ייד האָט ניט געטאָרט זיך באַווייזן אין גאַס אָן דעם בילעט, ווייל ס'האָט אים געדראָט געכאַפּט און אַריינגעזעצט צו ווערן אין תפיסה און צו דאַרפן באַצאָלן אַ גוטע שטראָף. אָט די בילעטן האָבן דעם מאַרשאַלעק און זיינע נאָכפאָלגער אַריינגעבראַכט אַ יערלעכע הכנסה פון צוויי הונדערט טויזנט זלאָטעס. אַ בילעט פאַר איין זילבערנעם גראָשן אָדער זיבן און אַ האַלב קופּערנע גראָשן איז געווען גילטיק בלויז אויף פינף טעג.

הגם דער סיים האָט, פונקט ווי די פריערדיקע סיימען, באַפוילן אַרויסצוטרייבן די יידן פון וואַרשע, איז אָבער געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם פאַר דורכפאָרער וואָס זיינען געקומען צוליב געשעפטלעכע עסקים אויף אַ קורצער צייט אין שטאָט אַריין. תיכף האָבן זיך אַלע יידן באַוויזן מיט די פינף טעגיקע בילעטן, אָנגעבנדיק זיך אַלס דורכפאָרער, און ניט געקוקט דערויף וואָס מען האָט אויסגערופן דעם גירוש זיינען זיי זיך אָן מורא געזעסן אין וואַרשע.

אַזוי ווי דער איצטיקער סיים איז זיך צוזאַמענגעקומען אין 1788 און ער דויערט נאָך איצטער, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות, אין מאַי 1790, האָבן זיך זייערע גוטע פריינט איינגעשטעלט פאַר די יידן אַז היות זיי, די יידן, איז דערלויבט צו האַנדלען און צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכה אין וואַרשע בשעתן סיים; און היות דער סיים ציט זיך נאָך איצטער, דאַרפן אויך די יידן זיין פריי צו האַנדלען און צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכה.

די װאַרשעװער האַנטװערקער, װאָס האָבן באַדײַטנדיק געליטן פֿון דער ייִדישער קאָנקורענץ, האָבן, ניט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען, ניט געקאָנט פּטור װערן פֿון די ייִדן. הײַנטיקס יאָר אין חודש מערץ האָבן זיך פֿאַרזאַמלט דרײַ צעכן: קירזשנער, שנײַדער און קעסלער און האָבן אַרומגערינגלט דאָס ראַט־הויז פֿון אַלט־װאַרשע פֿאָדערנדיק בקול רם און דראָענדיק אַז אויב דער װאַרשעװער מאַגיסטראַט װעט ניט זען תיכף אויסצופֿועלן בײַ דעם סיים אַן ענדגילטיקן גירוש אויף ייִדן זײַנען זײ גרייט זיי אַלע װי איינעם אויסצושעכטן װײַל די ייִדן רײַסן בײַ זײ אויס די חיונה.

יאַן דעקערט, דער װאַרשעװער פּרעזידענט [בירגערמײַסטער] האָט שנעל צו װיסן געטאָן װעגן דעם בונט דער מאַכט, װאָס האָט אַרויסגעשיקט צום המון בײַם ראַטהויז צװײ שליחים װאָס האָבן אויף אַן אויסערגעװײנלעך רואיקן אופֿן נאָכגעפֿרעגט זיך אויף דער סיבה פֿון דעם צונויפֿקום. האָבן די פֿאַרזאַמלטע געענטפֿערט, אַז מחמת דעם װאָס די ייִדן רײַסן בײַ זײ אַרויס דאָס שטיקל ברויט פֿון מויל האָט די פֿאַרצװײפֿלונג זײ געטריבן צום באַשלוס אָדער אַלע ייִדן פֿון װאַרשע ביז איינעם אויסהרגנען, אָדער אַליין אומצוקומען.

כּדי צו באַװײַזן װאָס פֿאַר אַ שאָדנס ייִדן טוען זײ אַן האָט איין קירזשנער, אַ בעל דברן, אין אַ לאַנגער רעדע דערציילט דער דעלעגאַציע, אַז דורך דער צײַט פֿון גאַנצן סיים האָט ער פֿאַרקויפֿט בלויז איין היטל. אַ שנײַדער האָט פֿון זײַן זײַט צוגעגעבן אַז ער האָט געמאַכט בלויז איין טוניק פֿאַר אַ קאַװאַליעריסט. די בלעכער און קעסלער האָבן נעהאַלטן פֿאַר דער גרעסטער עװלה דאָס װאָס דאָס דעקן די קאַזאַרמעס און אַנדערע מלוכישע געבײַדעס האָט מען אָפּגעגעבן ייִדן און ניט קײן קריסטן. די שליחים האָבן אײַנגעשטילט דעם אויפֿרודער מיט אַ צוזאָג אין נאָמען פֿון מלכות אַז מען װעט די ייִדן תיכף אַרויסטרײַבן, אָבער בלויז די בעלי־מלאכות און די שאַכערס. די סוחרים האָט מען געלאָזן...

די אַרויסגעטריבענע ייִדעלעך, װאָס האָבן זיך אַרומגעװאַלגערט דאָ און דאָרטן צו עטלעכע װאָכן, האָבן זיך ביסלעכװײַז װידער פֿאַרקליבן קיין װאַרשע.

א שניידער וואָס האָט געהייסן פאקס האָט אָנגעטראָפן אַ יידן טראַגנדיק אַ בגד, האָט ער דעם בגד געוואָלט אַרויסרייסן. דער ייד איז אָבער געווען פלינקער און שטאַרקער, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון פאקסנס הענט און איז אַנטלאָפן. דער שניידער האָט גענומען צו הילף זיינע צוויי לערן־ייִנגלעך און האָט באַשלאָסן אָפּצוזוכן דעם יידן. ער האָט אים געפונען אויף כלאָפּאַצקע גאַס ביי דער אַרבעט: „איך האָב דיך געפּאַקט, פייגעלע! גיב מיר די אַרבעט און קום מיט מיר אין צעך אַריין". דער ייד האָט זיך ניט געלאָזט אַרויסרייסן די אַרבעט. דער שניידער ווידער, מיט דער הילף פון די לערן־ייִנגלעך, האָט געוואָלט די אַרבעט אַרויסרייסן און צונעמען. אַזוי אָבער ווי אויף יענעם הייפל האָבן געוואוינט אַ סך יידן, זיינען זיך אויף דעם יידנס געוואָלט צוזאַמענגעלאָפן און האָבן פאַקסן אַרומגערינגלט און גוט אָנגעשלאָגן. כדי צו פאַרווישן די שפּורן פון שניידעריי און נעבן דעם געכאַפּטן יידן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, האָבן זיי פאַקסן פאַרשלאָסן ערגעץ אין אַ קאַמער.

די לערן־ייִנגלעך זיינען אַנטלאָפן ווען זיי האָבן דערזען אַז די יידן זיינען באַפאַלן זייער מייסטער. זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן איבער די גאַסן מיט אַ געוואָלט אַז די יידן האָבן דעם שניידער דערהרגעט. אויף זייער געשריי זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַ כאַפּטע ייִנגלעך, צו וועלכער ס׳איז צוגעשטאַנען אַ המון פון פאַרשיידענע מענטשן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו שטורעמען טלאָמאַצקע גאַס, אָבער די יידן האָבן זיך באַפעסטיקט הינטער אַ פאַרקאַן און האָבן דעם אָנפאַל בראַוו אויסגעהאַלטן. די ייִנגלעך צוזאַמען מיט דער באַנדע, וואָס האָבן דאָרט גאָרניט געקאָנט אויפטאָן, זיינען שנעל אַוועקגעלאָפן צום פאַטשעיאַווער פאַלאַץ. די יידן, וואָס האָבן דאָרטן געוואוינט, האָבן ניט געהערט צו דער טלאָמאַצקער פעסטונג. זיי האָבן זיך ניט געריכט אויף קיין שום בייז און זיך ניט צוגעגרייט צו קאָנען זיך אַנטקעגן שטעלן. ווען די באַנדע איז זיי באַפאַלן, זיינען זיי אַנטלאָפן וואו זיי האָבן געקאָנט: טייל האָבן זיך פאַרמאַכט אין די קראָמען, אַנדערע, וואָס האָבן דאָס ניט באַוויזן צו טאָן, זיינען אַנטלאָפן און איבערגעלאָזן אַלץ אויף הפקר. און די באַנדע, וואָס האָט ניט געהאַט וועמען צו שלאָגן האָט זיך אַוועקגעלאָזט ראַבירן. זיי האָבן אויסגערויבט די יידישע

שטיבער, קאַמערן, קופערטן און טייל קראָמען. די בעסערע זאַכן האָבן זיי צוגענומען און די געמיינערע יידישע בעבעכעס, ווי בעטגע־וואַנט און שטאָטעס, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין די ברונעמער און אָנגעפילט זיי ביז צו די ראַנדן.

תחילת איז געקומען די שטאָטישע און מאַרשאַלקאָווסקע וואַך צו צעטרייבן דאָס געזעמל, נאָר זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן מיט שטיינער, בלאָטע און שינדלען פון די דעכער. נאָך דעם זיינען געקומען צולויפן פוסגייער סאָלדאַטן און גענעראַל בישעווסקים קאַוואַלעריסטן, און ערשט זיי צוזאַמען איז געלונגען פונאַנדערצוטרייבן דאָס אָנגעלאָף. קיין קרבנות זיינען פון ביידע צדדים ניט געווען.

די מלוכה האָט אויפגעפאָדערט דעם גרויסן קיניגלעכן מאַרשאַלעק דעם ענין במשך פון צוויי וואָכן ענדגילטיק אויסצופאָרשן און די אָנפירער פון דעם אויפרודער זאָל ער געהעריק באַשטראָפן. מען האָט אַרעסטירט דעם שניידער פאַקס, וואָס אים האָבן די כלאָפּאַצקער יידן שנעל אַרויסגעטריבן פון זיין באַהעלטעניש ווען זיי האָבן געזען דאָס אומגליק וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די פּאַטשעיאָווער יידן. מען האָט אויך אַרעסטירט דעם קירזשנער פון דער מאַריאַנסקער גאַס וואָס האָט אין אַ הייסער מינוט זיך אויסגעדריקט: היינט האָבן די יינגלעך געפירט דעם בונט און מאָרגן וועלן דאָס טאָן די עלטערע.

פאַר די רייד האָט מען אים קודם כל גערופן אין מאַרשאַלעקס געריכט אַריין. אָבער ער, אַנשטאָט רואיק אָנצונעמען די שריפטלעכע אויפפאָדערונג, האָט ער זי גאָר צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך פאַר די אויגן פונעם געריכט דינער. דער קירזשנער האָט געהאַלטן, אַז דער ענין געהערט צו די שטאָטישע אויטאָריטעטן און ניט צום מאַרשאַלעק־געריכט. אַזוי האָט ער דערקלערט דעם דינער. ווען דאָס מאַרשאַלעק־געריכט האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם קירזשנערס אויפפיר, האָט מען געשיקט נאָך אים עטלעכע סאָלדאַטן אים צו אַרעסטירן. די בעלי מלאכות, וואָס האָבן געוואוינט אין שכנות, האָבן געזען אַריינגיין סאָלדאַטן צום קירזשנער, זיינען איבער אַ צענדליק פון זיי זיך צוזאַמענגעלאָפן צו העלפן אים אין געראַנגל מיט די סאָלדאַטן. די סאָל־דאַטן האָבן געזען דעם אָנגעלאָפענעם המון, וואָס האָט אַרויסגעריסן דעם קירזשנער, און זיי האָבן פאַרשטאַנען פון זייערע תנועות און

געשרייען אַז זיי זיינען גרייט אויף זיי זיך אַרויפצואוואַרפן, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן אַהין פון וואַנען זיי זיינען געשיקט געוואָרן. דאָס מאַרשאַלעק-געריכט האָט ניט געוואָלט גורם זיין קיין געפערלעכן בונט דורך דעם וואָס עס פאַרטיידיקן זיין באַליידיקטן פּרעסטיזש, האָט מען מער ניט באַנוצט קיין גוואַלט ביז ביינאַכט. ביינאַכט זיינען געקומען סאָלדאַטן און זיי האָבן דעם קירזשנער אַרויסגענומען פון בעט און אַוועקגעשלעפּט אין תפיסה אַריין. דאָס האָט פּאַסירט אין מיטן מאַי פון היינטיקן יאָר [1790].

מען האָט זיך געריכט אַז דאָס אַריינזעצן אין תפיסה דעם שניידער און קירזשנער וועט אַרויסרופן מער בייז בלוט מצד די צעכן. דער סיים האָט ניט געוואָלט אַז די שוואַכערע באַנעמונג מצד דער מאַכט זאָל אויסגעטייטשט ווערן ווי פּחדנות און אַז הפקרות זאָל קריגן די אויבערהאַנט איבער רו און אָרדענונג, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרבאָטן דעם שבועות „אָדפּוסט", וואָס פאַלט דאָס מאָל אוים מאַנטיק. אויף אַזאַ „אָדפּוסט" קומען זיך געוויינלעך צוזאַמען טויזנ־טער מענטשן פון פאַרשיידענע שטאַנדן פון וואַרשע אויף ביעלאַני אין קאַמוצולסקען וואַלד. אויך די עפנטלעכע פּראָצעסיע אין גרינעם דאָנערשטיק, ווען עס פאַרזאַמלען זיך אַלע צעכן און די סוחרים־ברידערשאַפטן אונטער זייערע פאַנען.

מען האָט אויך געוואָלט אַז דאָס מיליטער זאָל צעטרייבן יעדן חברהשן צונויפקום פון מער ווי צוועלף פּערזאָן. די קליגערע האָבן אָפּגעווענדט פון אַזאַ שריט ווייל דאָס וואָלט געווען פאַר דער מאַכט אַ גרויסע אָנשטרענגונג. זי וואָלט כסדר געדאַרפט באַשעפטיקן עטלעכע רעגימענטן און וואָלט ביים פאָלק, צוליב זיין פאַרצווייפלונג, געקאָנט אַרויסרופן אַ שעדלעכע מרידה. איז דערפאַר באַשטימט גע־וואָרן ניט צו שטערן דעם „אָדפּוסט", ניט די פּראָצעסיע און ניט די אסיפות, נאָר ס'איז בלויז פאַרשטאַרקט געוואָרן די גאַסן-וואַך. צום מערסטן זיינען באַוואַכט געוואָרן דער פּאַטשעיאָווער פּאַלאַץ און די סענאַטאָרסקע גאַס, ווייל דאָרטן האָבן געוואוינט אַ סך יידן.

כדי צו באַרואיקן די וואַרשעווער האַנטווערקער, וואָס זיינען שטאַרק צערייצט געוואָרן מחמת דעם אַרעסט פונעם שניידער און קירזשנער, האָט מען באַפוילן צו כאַפּן און אַרעסטירן די יידן וואָס לויפן

ארום איבער די גאסן מיט סחורה אדער נאך ארבעט און, נאך דעם ווי מען וועט זיי אפשמייסן, זאל מען זיי ארויסטרייבן פון שטאט. דעם יידישן ערב רב ציט קיין ווארשע ווי פליגן צו האניק: היינט טרייבט מען זיי ארוים און צומארגנס אדער אין עטלעכע טעג ארום שטופן זיי זיך מיט גוואלד ווידער צוריק, און אויב זיי קאנען ניט צוריקקומען צופוס קומען זיי מיט פורן אונטער פארשיידענע אויסריידן אז זיי האבן כלומרשט צו פארענדיקן טויזנטער עסקים. ס'איז זייער שווער צו פארטרייבן די יידן פון ערגעצוואו, וואו ס'איז זיי וואויל געפעלן, דערהויפט ווען זיי האבן פונקט אזויפיל פארטיידיקער ווי קעגנער.

וויפיל מאל דער סיים זאל זיך ניט פארנעמען ארויסצוטרייבן די יידן פון ווארשע שלאגט ער זיך יעדעס מאל אן אויף דעם צד שכנגד פון די רייסישע און ליטווישע דעפוטאטן, וואס זיינען אויפגעוואקסן צווישן יידן און קענען אין זייערע שטעט ניט קיין אנדערע באוואוינער אחוץ יידן. די יידן שטעלן זיי צו סחורות און אלע שפייז ארטיקלען. זיי ווערן פון קינדווייז אן געהאדעוועט מיט יידישע קיכעלעך, בייגע־לעך און יידישע געטראנקען... טייל זיינען נאענטע מחותנים מיט די יידן און אנדערע זיינען אונטערגעקויפט און אלע ליארעמען זיי לטובת די יידן, אז מען קאן ניט פארטרייבן קיין אנגעזעענע סוחרים וואס האבן אנגעשטאפטע קראמען מיט סחורה; אז דער יידישער מסחר טראגט אריין דער מלוכה א סך הכנסה און ווען די יידן זאלן ניט אנהאלטן די צוגענגלעכע פרייזן וואלטן די קריסטלעכע סוחרים געשונדן די הויט. דעריבער קאן מען קיינמאל ניט פטור ווערן פון די ווארשעווער יידן. הינטער די רייכערע יידן, וואס האבן זיך אפגעקויפט פונעם גירוש, באהאלט זיך דאס ארעמע פעבל, בעלי־מלאכות, שאכערם און גנבים.

51

באַשלוס פון מאָסקווער סוחרים אַרויסצוטרייבן די יידן פון מאָסקווע

1790

דער רוסישער קייסער פיאדאר אַלעקסעיעוויטש האָט אין 1676 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז „ס'איז יידן פאַרבאָטן צו קומען קיין מאָסקווע מיט סחורה אָדער אָן סחורה". צו יענער צייט האָבן זיך שוין געפונען יידישע סוחרים אין די פאָרשטעט פון מאָסקווע, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אונטער פאַרשיידענע אויסריידן. אין די אָפּמאַכן וואָס רוסלאַנד האָט אין 1678 און אין 1686 געשלאָסן מיט פוילן איז אויסדריקלעך געזאָגט געוואָרן אַז אַלע סוחרים פון פוילן און ליטע אַחוץ די יידן קאָנען באַזוכן די „דערהויבענע שטאָט מאָסקווע". אין 1742 האָט די קייסערין עליזאַבעטע אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אינגאַנצן צו פאַרטרייבן די יידן פון רוסלאַנד.

דעם 25טן יאַנואַר 1790 האָט דער מאָסקווער סוחרים פאַרבאַנד אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה. ביי דער אסיפה איז בייגעווען דער שטאָט-שעף גובין. די סוחרים האָבן גערעדט וועגן דעם אוקאַז פון 26סטן אַפּריל 1727, לויט וועלכן עס איז די יידן פאַרבאָטן געוואָרן אויף וועלכן ניט איז אופן אַריינצוקומען קיין רוסלאַנד...

איצט איז אַלע סוחרים הי באַקאַנט געוואָרן, אַז זינט ניט לאַנג צוריק האָבן זיך אין דער הויפּטשטאָט באַוויזן, און ניט אין קיין קליינער צאָל, יידן, פרעמדע, פון אויסלאַנד און פון די פוילישע און ווייסרוסישע גובערניעס. זיי פאַרנעמען זיך ניט נאָר מיטן לאַחדים-האַנדל אין געדונגענע דירות, וואָס איז ניט דערלויבט פון געזעץ און גייען אויך ווי הויזירער איבער די הייזער, נאָר זיי קויפן אויך

אויף זילבער און גאָלד און הייבן דעם מקח דערויף ביז פופצן פּראָצענט.

דערצו נאָך האָבן זיך עטלעכע דערוועגט, פאַרהווילנדיק זייער אמתן שטאַנד, זיך צו פאַרשרייבן אויף אַ צייט אין דעם אַרטיקן סוחרים שטאַנד, ווי צוגעפאָרענע סוחרים פון פרייסן און ווייסרוסלאַנד. זיי האַלטן אונטער זייער אַפּיטרופּסות און השגחה די איבעריקע לייט, זייערע יידן, און זיינען דערמיט גורם אַלע היגע סוחרים ניט קיין קליינעם היזק און ניט קיין קליינע שטערונג אין האַנדל...

איבער די דאָזיקע ממשותדיקע סיבות געפינט זיך דער גאַנצער סוחרים שטאַנד אין גרויס סכנה, אַז פון זייער פאַרמערונג זאָל ניט מיט דער צייט קומען צו אַ פולקומענער צעשטערונג און ירידה פונעם היגן האַנדל; אַז דער גאַנצער סוחרים שטאַנד זאָל דורכדעם ניט אומפאַר־מיידלעך רואינירט ווערן.

דעריבער איז בהסכם באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן אין נאָמען פון דעם גאַנצן פאַרבאַנד דעם ה׳ שטאָט־שעף גובין אַן אויס־פירלעכע שריפט מיט אַלע פאַרהיטונגס געזעצן וואָס דערלויבן ניט קיין יידן צו וואוינען אין דער הויפּטשטאָט און זיך פאַרנעמען מיטן לאַחדים האַנדל און אויך וועגן זייערע שלעכטע פירונגען.

דעם ה׳ הויפּט קאָמאַנדיר איבערגעבן אַ בקשה און אין איר אַלאונטערטעניקסט בעטן, אַז זיין מאַיעסטעט זאָל באַוויליקן צו באַ־פעלן, אַז דער אַמט פון וואוילאָרדענונג זאָל אויפזוכן אַלע יידן, וואָס געפינען זיך איצט אין מאָסקווע און פאַרנעמען זיך אומגעזעצלעך מיט האַנדל. זיי דאָס אויפן שטרענגסטן אופן פאַרבאָטן און זיי אַרויס־שיקן קיין אויסלאַנד. צוגלייך זאָלן די געהעריקע אינסטאַנצן מאַכן אַן אויספאָרשונג וועגן די וואָס האָבן זיך אין געהיים פאַרשריבן אין היגן סוחרטום און אַרויסגעבן אַ פּסק אויפן סמך פון די אַלערהעכסט אַרויסגעגעבענע געזעץ באַשטימונגען.

געחתמעט 210 חתימות.

52

וואַשינגטאָן און די יידן

אַן אַדרעס וואָס די ניו-פּאָרטער יידן האָבן דערלאַנגט דזשאָרדזש וואַשינגטאָנען און וואַשינגטאָנס ענטפער

1790

נאָך דעם ווי וואַשינגטאָן איז דערוויילט געוואָרן ווי דער ערשטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער געמאַכט אַ נסיעה איבערן לאַנד. אין אויגוסט 1790 איז ער אָנגעקומען אין ניו-פּאָרט און דעם 17טן פון דעם חודש האָט ער באַזוכט די ניו-פּאָרטער שול, וואו די יידן האָבן אים איבערגעגעבן אַן אַדרעס. פּרעזידענט וואַשינגטאָן איז געווען זייער גערירט פון דעם וואַרעמען אַדרעס און אין זיין ענטפער האָט ער פאַרזיכערט די יידן, אַז אין אַמעריקע וועלן „אברהמס קינדער" קאָנען לעבן בשלום ובשלוה.

א. דער אַדרעס פון דער ניו-פּאָרטער קהילה צו דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

סער!

דערלויבט די קינדער פון אברהמס שטאם צו ווענדן זיך צו אייך מיט דער הארציקסטער ליבשאפט און דרך ארץ פאר אייך פערזענ-לעך און פאר אייערע פארדינסטן און צוזאמען מיט אונדזערע מיט-בירגער אייך ווינטשן ברוך הבא אין ניו פארט.

מיט גרוים צופרידנקייט קוקן מיר צוריק אויף די טעג פון שוועריקייט און געפאר, ווען דער גאט פון ישראל האט געראטעוועט

דודן [געמיינט: וואשינגטאָנען] פון דער שאַרף פון דער שווערד, פאַרהיט אייך אין שלאַכט. און מיר פרייען זיך מיט דעם, וואָס דער זעלביקער גייסט, וואָס האָט גערוט אין דער ברוסט פון דעם זייער באַליבטן דניאלן און אים מעגלעך געמאַכט צו רעגירן איבער די פראָווינצן פון דער באַבילאָנישער אימפּעריע, רוט און וועט תמיד רוען אויף אייך און אייך לאָזן זיך אָפּגעבן מיט די שווערע התחייבותן פון דעם הויפּט באַאַמטן פון די דאָזיקע שטאַטן.

אַזוי ווי מיר זיינען ביז איצט געווען אַן וועלכע ניט איז רעכט פון פרייע בירגער, נעמען מיר איצטער אויף מיט אַ טיפן געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום רבונו של עולם די רעגירונג וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער מאַיעסטעט פונעם פאָלק, — אַ רעגירונג וואָס סאַנקציאָנירט ניט קיין פאַנאַטיזם, העלפט ניט קיין פאַרפאָלגונג, נאָר טיילט אוים אַלעמען ברייטהאַרציק פרייהייט פון געוויסן און בירגערלעכע פרייהייט. די רעגירונג האַלט אַ יעדן, פון וואָס פאַר אַ פאָלק ער זאָל ניט שטאַמען און וואָס פאַר אַ שפּראַך ער זאָל ניט רעדן, ווי אַ גלייכן באַשטאַנד טייל פון דער רעגירונגס מאַשין.

דער געניגנדיקער און רחבותדיקער פאַרבאַנד [פון די שטאַטן] וואָס איז געבויט אויף מענטשנליבע, קעגנזייטיקן צוטרוי און אויף גוטע מידות, איז ווי די שאַפונג פון דעם גרויסן גאָט, וואָס רעגירט די חיילות אין הימל און אויף דער ערד און ער טוט וואָס ער פאַרשטייט אַז עס איז גוט.

פאַר די אַלע ברכות פון בירגערלעכער און רעליגיעזער פרייהייט, וואָס מיר געניסן פון אַ פריינדלעכער רעגירונג, וואָס מאַכט ניט קיין אונטערשיידן, ווילן מיר דאַנקען גאָט און בעטן ביי אים אַז די מלאכים וואָס האָבן אונדזערע אבות געפירט דורך דער מדבר אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד אַריין, זאָלן אייך פירן מיט גרוים גענאַד דורך אַלע שוועריקייטן פון דעם שטערבלעכן לעבן, און ווען איר וועט, ווי יהושע, אַלט אין טעג און אין כבוד, איינגעזאַמלט ווערן צו אייערע אבות, זאָלט איר אַריינגעלאָזט ווערן אין הימלישן גן־עדן טועם צו זיין פון דעם וואַסער פון לעבן און פון דעם בוים פון אומשטערבלעכ־קייט.

געשריבן און געחתמעט אין נאָמען פון דער יידישער קהילה אין ניו־פּאָרט, ראוד איילענד.

מאָזעס סעיקסאַס, פּרנס.

ניו־פּאָרט דעם 17טן אויגוסט, 1790.

ב. וואַשינגטאָנס ענטפער.

הערן!

איך האָב מיט גרויס צופרידנקייט אויפגענומען אייער אַדרעס וואָס איז פול מיט אויסדרוקן פון אַכטונג, און עס פרייט מיך צו קאָנען אויסנוצן די געלעגנהייט אייך צו פאַרזיכערן אַז איך וועל שטענדיק געדענקען מיט דאַנקבאַרקייט דעם פריינדלעכן קבלת פנים וואָס איך האָב געקראָגן אין ניו פּאָרט פון אַלע בירגער.

דאָס דערמאָנען זיך אָן די פאַרגאַנגענע שווערע און געפערלעכע טעג ווערט דערפאַר איצטער נאָך זיסער ווען מען פילט אַז נאָך זיי קומען טעג פון אויסערגעוויינלעכער שפע און זיכערקייט.

אויב מיר פאַרמאָגן גענוג פאַרשטענדעניש אויסצונוצן אויפן בעסטן אופן די מעגלעכקייטן וואָס זיינען איצטער אין אונדזער רשות מוזן מיר, אונטער דער יושרדיקער פירערשאַפט פון אַ גוטער רעגי־רונג, ווערן אַ גרויס און גליקלעך פאָלק.

די בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע מעגן זיך גרויסהאַלטן דערמיט וואָס זיי האָבן דער מענטשהייט געוויזן אַ ביי־שפּיל פון אַן אויסגעברייטערטער ליבעראַלער סיסטעם, אַ סיסטעם וואָס איז ווערט אימיטירט צו ווערן. אַלע גלייך האָבן פרייהייט פון גלויבן און בירגערלעכע פרייהייט.

מען רעדט איצטער ניט מער וועגן טאָלעראַנץ וואָס איין קלאַס מענטשן דערלויבט דעם אַנדערן צו געניסן פון די איינגעבוירענע און נאַטירלעכע רעכט, ווייל צום גליק איז די רעגירונג פון די פאַראיי־ניקטע שטאַטן אַזאַ, וואָס לאָזט ניט צו קיין פאַנאַטיזם און העלפט ניט אין קיין פאַרפאָלגונג, נאָר פאַרלאַנגט בלויז פון די וואָס לעבן אונטער איר שוץ אַז זיי זאָלן זיך אויפפירן ווי גוטע בירגער, וואָס זאָלן זי, די רעגירונג, אונטערשטיצן פריינדלעך צו יעדער צייט.

עס וואָלט געוועזן קעגן מיין כאַראַקטער ניט צו לאָזן וויסן אַז איך בין צופרידן מיט אייער גוטער מיינונג פון מיין אַדמיניסטראַציע און אייערע וואַרעמע וואונטשן פאַר מיין וואוילזיין.

זאָלן אַברהמס קינדער וואָס וואוינען אין דעם לאַנד ווייטער פאַרדינען און געניסן דעם גוטן ווילן פון די אַנדערע באַוואוינער — און יעדער איינער זאָל זיך זיצן בשלום אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים און עס זאָל ניט זיין קיינער וואָס זאָל זיי שרעקן.

זאָל דער אב הרחמים פאַרשפּרייטן ליכט און ניט קיין פינצטערניש אויף אונדזער וועג און זאָל ער אונדז אַלעמען, יעדן ביי זיין אַרבעט, מאַכן תמיד גליקלעך.

דזש. וואַשינגטאָן.

53

בער יצחק בערס אויפרוף צו די פראַנצייזישע יידן

נאָך דעם ווי זיי האָבן געקראָגן גלייכבאַרעכטיקונג

1790

בער יצחק בער (1828—1744) איז געווען איינער פון די חשובסטע, פעאיקסטע און איבערגעגעבנסטע עסקנים פון די אַשכנזישע יידן אין פראַנקרייך. ער האָט געשטאַמט פון נאַנסי פון אַ רייכער לומדישער משפחה און געקראָגן אַ גוטע יידישע און אויך אַ וועלטלעכע דערציאונג. ער האָט געקאָנט גוט פראַנצייזיש, כאָטש ער זאָגט וועגן זיך אַליין, אַז ער איז „אומדערפאַרן און אומגעניט אין דער שפראַך" און ער האָט מחבר געווען אַרום צען בראָשורן אויף פראַנצייזיש בעתן קאַמף פאַר יידישע רעכט.

בער יצחק בער איז דעם 14טן אקטאָבער 1789 אויפגעטראָטן פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין פאַריז און אַלס פירער פון דער אַשכנזיש־יידישער דעלעגאַציע אין אַ וואַרעמער רעדע פאָרמולירט די יידישע פאָדערונגען פאַר די דעפוטאַטן. אין 1806 איז ער געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דער יידישער נ אָ ט אַ ב ל ע ן פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג וואָס נאַפּאָלעאָן האָט צונויפגערופן. נאָך דעם ווי די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט דעם 27סטן סעפּטעמבער 1790 אָנגענומען דאָס געזעץ צו געבן אויך די אַשכנזישע יידן בירגער־רעכט האָט בער יצחק בער זיך געווענדט צו זיינע ברידער, ביי וועמען ער איז געווען אַזוי חשוב, מיט אַן אויפרוף וואָס מיר ברענגען דאָ ווייטער מיט קליינע קיצורים. ווי ס'איז צו זען פון דעם אויפרוף איז בער

יצחק בער געווען אַ מעסיקער משׂכּיל, מענדלסאָנס אַ פּאַר־ערער און אין דער זעלבער צייט אַ טראַדיציאָנעלער ייד.

סוף כּל סוף איז געקומען דער טאָג ווען דער שלייער וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון אונדזערע מיטבירגער און אונדז געהאַלטן אין שפלות איז געפאַלן. ענדלעך האָבן מיר צוריק באַקומען די רעכט, וואָס מען האָט ביי אונדז אָפּגענומען מיט געוואַלט מיט אַכצן הונ־דערט יאָר צוריק. מיר דאַרפן לויבן דעם גאָט פון אונדזערע אבות פאַר דער גרויסער גענאַד וואָס ער האָט מיט אונדז געטאָן.

אַ דאַנק גאָט און אַ דאַנק דעם פאָלקס אייבערהערשאַפט זיינען מיר איצט נישט סתם מענטשן, נישט סתם בירגער נאָר אויך פראַנ־צויזן. וואָס פאַר אַ גרויסן שינוי האָסטו, גאָט פון רחמים, געבראַכט אויף אונדז! דעם 27סטן סעפּטעמבער זיינען מיר נאָך געווען די איינציקע איינוואוינער אין דער דאָזיקער גרויסער אים־פּעריע, וואָס עס האָט אויסגעזען אַז זיי איז באַשערט צו פאַרבלייבן אייביק אין קנעכטשאַפט און אין שפלות. און אויף מאָרגן, אין דעם אומפאַרגעסלעכן טאָג, וואָס וועט ביי אונדז שטענדיק זיין פאַרהיי־ליקט, האָסטו אַריינגעגעבן אין זינען פראַנקרייכס אומשטערבלעכע גע־זעצגעבער, זיי זאָלן אַרויסזאָגן דאָס וואָרט וואָס האָט געמאַכט מער ווי זעכציק טויזנט אומגליקלעכע נפשות פאַר צופרידענע און גליקלעכע מענטשן.

לאָמיר געדענקען, טייערע ברידער, אַז דעם וואונדערלעכן ביים האָבן מיר נים פאַרדינט מיט אונדזער תשובה, מיר קאָנען דאָס נים צושרייבן צו עפּעס אַנדערש ווי נאָר צו גאָטס אייביקער גענאָד. ער האָט אונדז קיינמאָל נים פאַרלאָזן אינגאַנצן, נאָר ווען ער האָט געזען, אַז מיר זיינען נאָך נים ווערט אַז ער זאָל דערפילן זיינע צוזאָגן פון אַ פולער און אייביקער דערלייזונג, האָט ער אָבער נים געוואָלט נאָך מער פאַרלענגערן אונדזערע ליידן — און אונדזערע קיימן זיינען וואָס אַן אמת געוואָרן שווערער ווען מיר האָבן נאָכ־געטראַכט וועגן די מענטשלעכע רעכט וואָס זיינען אויף אַזאַ דער־הויבענעם אופן קלאָר געבראַכט געוואָרן פאַר יעדערנס אויגן. דעריבער האָט גאָט אויסדערוויילט דאָס איידעלע פראַנצייזישע פאָלק אומצו־

קערן אונדז אונדזערע רעכט און מיטצוהעלפן אין אונדזער אויפלעבונג, אזוי ווי ער האָט אַמאָל אויסדערוויילט אַטיוכוסן און פּאָמפּייען צו דערנידעריקן און פאַרשקלאַפן אונדז.

ווי גליקלעך איז דאָס פאָלק וואָס האָט במשך פון אַזאַ קורצער צייט אַזויפיל מענטשן גליקלעך געמאַכט! און אויב פראַנצויזן פילן זיך אַזוי גליקלעך דורך דעם וואָס זיי האָבן צוגעקראָגן נאָך רעכט און נאָך מער פרייהייט, ווי זאָלן מיר זיך נאָך פרייען מיט דעם בייט! ווי קאָן דען זיין אַ גרענעץ צו אונדזער דאַנקבאַרקייט פאַר דער גליקלעכער געשעעניש! פון דערשלאָגענע שקלאַפן, פּשוטע קנעכט, אַ מין מענטשן וואָס איז קוים טאָלערירט געוואָרן אין דער מלוכה און אויף וועמען מען האָט אַרויפגעלייגט אומדערטרעגלעכע שטייערן, ווערן מיר פּלוצים דעם לאַנדס קינדער, וואָס טראָגן די אַלגעמיינע התחייבותן און געניסן פון די אַלגעמיינע רעכטן.

וואו איז דער רעדנער וואָס וואָלט זיך אונטערגענומען אויסצו־דריקן דעם פאָלק און דעם קיניג די מאָס פון אונדזער דאַנקבאַרקייט און פון אונדזער שטענדיקער אונטערטעניקייט?! ניט דער קיניג און ניט דאָס פאָלק זוכן לויבן אָדער אָנערקענונג. זייער איינציקער וואונטש איז צו זען מענטשן גליקלעך. אויף דעם אופן דערוואַרטן זיי דעם שכר און זיי וועלן אים קריגן. לאָמיר, טייערע ברידער, נאָכקומען זייערע פאַרלאַנגען. לאָמיר מיט איבערגעלייגטקייט זען וואָס עס בלייבט פאַר אונדז צו טאָן צו זיין באמת גליקלעך און ווי אַזוי מיר קאָנען ווייזן כאָטש אין אַ געוויסער מאָס אונדזער דאַנקבאַר־קייט פאַר די אַלע טובות וואָס מיר זיינען מיט זיי באַשאָנקען געוואָרן. וועגן דעם ענין דערלויבט מיר, הערן און טייערע ברידער, אייך פאָרצולייגן דעם פּועל יוצא פון עטלעכע געדאַנקען וואָס אונדזער געביטענער מצב האָט זיי אין מיר אַרויסגערופן.

דער נאָמען: אַקטיווער בירגער, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס דערוואָרבן, איז אָן שום ספק דער וויכטיקסטער טיטל וואָס אַ מענטש קאָן טראָגן אין אַ פרייער מלוכה. נאָר דער טיטל אַליין איז ניט גענוג. מיר דאַרפן אויך פאַרמאָגן די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס צו קאָנען דערפילן די התחייבותן וואָס זיינען פאַרבונדן דערמיט. מיר ווייסן וואויל ווי הינטערשטעליק מיר זיינען אין דעם פּרט. מיר זיינען אין

אַ געוויסן זינען געצוואונגען געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון אַלע מאָראַלישע [סכאָלאַסטישע] און פיזישע וויסנשאַפטן, פון אַלע וויסנשאַפטן, וואָס זייער ציל איז צו באַרייכערן דעם שכל, כדי זיך צו קאָנען אײַנגאַנצן אָפּגעבן מיט מסחר, וואו מיר האָבן געדאַרפט אויפזאַמלען גענוג געלט, וואָס זאָל אונדז פאַרזיכערן שוץ און צופרידנשטעלן די גײַציקייט פון אונדזערע פאַרפאָלגער.

כדי צו זײַן יושרדיק צום אמת מוז מען אָבער זאָגן, אַז די לעצטע יאָרן זײַנען אונדזערע שוועריקייטן שטאַרק פאַרלײַכטערט געוואָרן אין פראַנקרײַך און בפרט אין לאָטרינגען... מיר האָבן ניט געפילט אַז אונדזערע מושלים און ריכטער זאָלן אונדז אַנטקעגנקומען מיט עפּעס אַנדערש ווי נאָר מיט גוטן ווילן און שוץ. מיר האָבן תמיד געפילט די אומנייטיקייט פון דערווערבן זיך וויסן, ווײַל מיר האָבן געזען די אוממעגלעכקייט דאָס אויסצוניצן. מיר דאַרפן דאָס, טײַערע ברידער, שטאַרק געדענקען, אַז ביז וואַנען מיר וועלן ניט אומבײַטן אונדזערע פירונגען, אונדזערע געוואוינהייטן, בקיצור, אונדזער גאַנצע דערציאונג, דאַרפן מיר ניט דערוואַרטן אַז אונדזערע מיטבירגער זאָלן אונדז אָנטאָן דעם כבוד און אונדז אָוועקזעצן אויף אַזעלכע אמטן וואו מיר זאָלן קאָנען קלאָר באַווײַזן סמנים פון אונדזער גליענדיקן פּאַטריאָטיזם, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג טיף געהאַלטן אין אונדזערע הערצער.

איך מיין ניט חלילה מיט עפּעס אַרויסצוטרעטן קעגן אונדזער אמונה אָדער קעגן אונדזער אײַנגעשטעלטן סדר התפילות. איך בין ווײַט דערפון צו וועלן פאַרלייגן נײַקייטן. איך וואָלט באַטראַכט ווי פאַרדאַרבער יענע פון אונדז וואָס וואָלטן מיט דער האָפענונג צו האָבן געוויסע נוצנס פון דער נײַער קאָנסטיטוציע, גרייט געווען צו ענדערן די עיקרים פון זייער אמונה. אויב אין אונדזערע ליידן האָבן מיר אַרויסגעטראָגן אַ געוויסע נחמה פון אונדזער שטרענגן אָפּהיטן אונדזער אמונה, מכל שכן שטאַרקער דאַרפן מיר זיך נאָך האַלטן אָן אונדזער גלויבן ווען מיר שנײַדן די פּרוכט פון אונדזער אויסדויער און פון אונדזער צוגעבונדנקייט צו דער אמונה. מיר זעען אַז פון אַלע גוטע פעלקער זײַנען מיר דאָס אײנציקע פאָלק וואָס האָט געקאָנט הונדערטער יאָרן אַריבערטראָגן די שווערע

כוואליעם פון אומגליק. און איצטער ווען מיר זיינען אויסדערוויילט געוואָרן פון דער פראַנצייזישער קאָנסטיטוציע זאָלן מיר ביי דעם מאָרגנרויט פון פרייהייט ווידערשפעניקן קעגן אונדזער תורה, נאָך דעם ווי מיר זיינען איר געווען געטריי במשך פון אַכצן הונדערט יאָר פון רדיפות? ניין, איך קאָן ניט גלייבן, אַז ווער פון מיינע ברידער איז פעאיק דערויף.

איך קאָן אָבער ניט גענוג אונטערשטרייכן ווי נייטיק עס איז פאַר אונדז זיך אויסצוהיטן פון דעם ענגן גייסט פון קאָרפּאָראַציע [געשלאָסענע געזעלשאַפט] און קאָנגרעגאַציע אין אַלע ציווילע און פּאָליטישע ענינים וואָס זיינען ניט דירעקט פאַרבונדן מיט אונדזערע רעליגיעזע ענינים. אין די דאָזיקע ענינים דאַרפן מיר אויפטרעטן פשוט ווי יחידים, ווי פראַנצויזן, געפירט בלויז פון אמתן פּאַטריאָטיזם און פון אַלגעמיינעם וואוילזיין פון פאָלק; צו ווייסן ווי איינצושטעלן אונדזערע לעבנס און פאַרמעגנס פאַר דער פאַרטיידיקונג פונעם לאַנד, צו מאַכן זיך ניצלעך פאַר אונדזערע מיטבירגער און פאַרדינען זייער רעספּעקט און פריינטשאַפט. צוזאַמען מיט זיי באַמיען זיך אָנצו-האַלטן אַלגעמיינע אָרדענונג, אַן וועלכער עס העננגט אָפּ דעם יחידס רו. דאָס דאַרף זיין אונדזער עיקר מי אין טאָג-טעגלעכן לעבן.

אַזוי ווי מיר קאָנען נאָך אַליין ניט דערפילן די נאָבעלע פליכטן, דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן מיט דעם ווי אַזוי צו קריגן די נייטיקע מיטלען דערפאַר און בפרט מיט אַלץ וואָס איז שייך אונדזערע קינדער און זען אַז זיי זאָלן קריגן די נייטיקע בילדונג. לאָמיר איצטער טאָן וואָס מיר זיינען בכח צו טאָן. לאָמיר אָפּגעבן די ציווילע שבועה פון טריישאַפט צום פאָלק, צום געזעץ און צום קיניג.

די שבועה דריקט אויס בלויז די סענטימענטן, וואָס מיר האָבן תמיד אויסגעדריקט. מיר זיינען קיינמאָל ניט באַשולדיקט געוואָרן אַז מיר זיינען געזעץ-ברעכערס אָדער אַז מיר זאָלן האָבן רעוואָל-טירט אפילו קעגן יענע וואָס האָבן אונדז שלעכט באַהאַנדלט. מיר וועלן זיכער אויף אַ סך אַ פעסטערן באַדן בלייבן געטריי די געזעצן וואָס גיבן אונדז רעכט און שטעלן אונדז אַוועק אויפן זעלביקן שטאַפּל מיט אַלע פראַנצויזן און אין דער זעלביקער צייט זיינען מיר פולשטענדיק פריי צו בלייבן יידן און ווייטער תפילה צו טאָן אויף

אונדזער אופן. די שבועה וואָס איז פון אונדזער זייט ניט מער ווי אַן אָפּזאָגן זיך פון די כלומרשטע פּריווילעגיעס און זכיות וואָס מיר האָבן גענאָסן קאָן בשום אופן ניט אָנרירן דאָס געוויסן אפילו פון די פרימסטע און אָפּגעהיטנסטע ברידער אונדזערע. אונדזערע פּריווילעגיעס און זכיות זיינען דאָך בלויז געווען דאָס נאָר רעלאַטיוו צו אונדזער מצב פון קנעכטשאַפט.

מיר האָבן געהאַט דאָס רעכט, די פּריווילעגיע צו שאַפן אַ באַזונדערע קערפּערשאַפט און אַ ספּעציעלע קהילה. אָבער דאָס האָט אין זיך געטראָגן די אויסשליסונג פון אַלע אַנדערע געזעלשאַפטן און אונדז אונטערגעוואָרפן צו ספּעציעלע שטייערן, אַ סך העכערע פון אונדזערע מעגלעכקייטן און פון אונדזערע פאַרמעגנס און זיי זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אונדז סומאַריש. אויב אַ מיטגליד פון דער קהילה איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַ וועלכן ניט איז חטא זיינען אַלע אויסגעזעצט געווען צו באַליידיקונגען. מיר זיינען געווען אויסגעשלאָסן פון דער מיליציע און פון פאַלקס אַרבעטן דערפאַר, ווייל מ'האָט געהאַלטן אַז מיר זיינען ניט ווערט דעם כבוד. כדי צו פאַרדעקן די אומיושרדיקע האַנדלונג זיינען מיר אויסגעשלאָסן גע־וואָרן נאָר מיט דעם רעכט באַשטייערט צו ווערן דריי מאָל אַזויפיל ווי אַזאַ דינסט איז ווערט געווען. עס איז זיכער ניט קיין נסיון זיך אָפּצוזאָגן פון אַזעלכע פּריווילעגיעס.

די שבועה וואָס מיר וועלן אָפּגעבן וועט באַטראַכט ווערן ווי דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַלע פּריווילעגיעס און זכיות, וואָס זיינען ביז איצט דורכגעפירט געוואָרן לטובת אונדז. איצטער וועלן מיר געניסן די רעכט פון אַקטיווע בירגער, בתנאי אַז מיר וועלן האָבן די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס. איר זעט דעריבער, טייערע ברידער, אַז עס קאָן ניט זיין קיין שאָטן פון קיין ספק אָדער אַ וועלכע ניט איז שוועריקייט אָפּצוגעבן די שבועה דורך וועלכער מיר וועלן אַנערקענט ווערן קאָנסטיטוציאָנעל ווי פראַנצייזישע יידן.

נאָך דעם ווי מיר וועלן האָבן אָפּגעגעבן די שבועה לאָמיר זיך אָנשטרענגען צו דערפילן די התחייבותן נאָך אונדזערע מעגלעכקייטן, נאָר לאָמיר אויסמיידן צו גיריק זיך צוצוכאַפּן צו די רעכטן. לאָמיר ניט לויפן ניט איבערגערעכנטערהייט צו וועלן איבערמאַכן יענעם טייל

פון אונדזערע מיטבירגער וואָס איז געוואָרן פאַרהאַרטעוועט פון פאָר־אורטייל און קאָן ניט אָננעמען דעם געדאַנק, אַז יידן קאָנען זיין גלייכע מיט־מענטשן, גלייכע באַשעפעניש. זאָל פאַר אונדז דערווייל זיין גענוג זיך צו האָבן דערוואָרבן די אומשאַצבאַרע רעכט צו קאָנען צוזאַמען מיט אַלע בירגער מיטהעלפן אין דערוויילן געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטן. לאָמיר זיך ניט באַטייליקן אין זיי [אין די געזעצ־געבערישע אינסטאַנצן] ביז מיר וועלן זיך האָבן דערוואָרבן גענוגנדיק וויסן צו קאָנען ווערן ניצלעכע בירגער, ביז וואַנען מיר וועלן וויסן ווי אַזוי צו דעבאַטירן און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון לאַנד, בקיצור, ביז אונדזערע ביטערסטע שונאים וועלן זיך איבערצייגן און צוגעבן אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות וועגן אונדז.

אויב מיר קאָנען ניט אַליין געניסן פון דער זיסקייט פון דער קאָנסטיטוציע, ווייל עס איז צו שווער צו בייטן געוואוינהייטן און פירונגען, וואָס לויט זיי פירט מען זיך דרייסיק אָדער פערציק יאָר, וועלן מיר אָבער זוכה זיין צו זען די ערשטע שפּראָצן פון דער וואַקסנדיקער פלאַנץ וואָס וועט אַראָפּגענומען ווערן פון אונדזערע קינדער. מיר מעגן דערוואַרטן, אַז אונדזערע ברייטהאַרציקע מיט־בירגער וועלן האָבן איינזען מיט אונדזער דור, ווען ער וועט אפילו ניט אַזוי שנעל פּראָגרעסירן ווי מיר אַליין וואָלטן זיך דאָס גע־וואונטשן. אונדזער בילדונג איז זייער אָפט געווען דעפעקטיוו...

די ערשטע פון אונדזערע פאָטערלעכע זאָרגן מוז זיין צו זען אַז אונדזערע קינדער זאָלן קודם כל לערנען די הייליקע תורה אין דעם זעלביקן לשון אין וועלכן זי איז געשריבן געוואָרן פון דער געטלעכער האַנט און איבערגעגעבן געוואָרן צו אונדז דורך משה רבנו. זאָלן זיי גוט קענען לשון קודש, וואָס ניט געקוקט אויף איר אָרעמקייט איז זי דאָך דער שליסל צו אַלע לשונות און מוז פאַר אונדז בפרט זיין דער ערשטער אביעקט פון אונדזערע לימודים. פאַר־שטייען מיר באמת היינט־צו־טאָג די תורה? פאַרמאָגן מיר די מלמדים וואָס זאָלן קאָנען דערקלערן זי פאַר אונדז און אונדז איבערגעבן דעם אמתן טייטש אין אַ פּינקטלעכער איבערזעצונג? איידער מיר האָבן פאַרמאָגט דעם אמתן אוצר, משה מענדלסאָנס ביאור אין דייטש, האָבן אונדזערע קינדער געלערנט תורה פון מלמדים וואָס האָבן זי

פאַרטייטשט אין אַ דיאַלעקט, וואָס ניט דער מלמד און ניט דער תּלמיד האָט געקאָנט פאַרשטיין. יעדער מלמד האָט געהאַט זיין אופן פון לערנען און זיין אופן פון רעדן, אָפּהענגיק פונעם לאַנד פון וועלכן ער איז געקומען. מען האָט קוים געקאָנט טרעפן דריי קינדער וואָס האָבן זיך געלערנט ביי דריי פאַרשיידענע מלמדים, וואָס זאָלן האָבן געטייטשט אויפן זעלבן אופן, אין דער זעלבער שפּראַך אָדער מיט דער זעלבער אויסשפּראַך אפילו די קלאָרסטע פסוקים פון דער תּורה.

איך זע איין, אַז אויב עס וואָלט געווען מעגלעך צו לערנען די תּורה אויף פראַנצייזיש מיט אַזאַ איבערזעצונג וואָס זאָל זיין אַזוי פּינקטלעך ווי די פונעם אומשטערבלעכן מענדלסאָן, וואָלט דער בית געבראַכט אַ גרויסע און נייטיקע פּעולה. די קינדער וואָלטן נאָר געדאַרפט לערנען צוויי לשונות: העברעאיש און פראַנצייזיש. פאַרשטייט זיך אַז די לעצטע האָט געדאַרפט זיין זייער מוטערשפּראַך, ווייל זיי ווערן דאָך אויפגעצויגן צווישן פראַנצויזן און מיט פראַנצויזן. פראַנצייזיש איז אָבער געווען די שפּראַך אין וועלכער זיי האָבן געהאַט די מינדסטע פּעולה און וואָס זיי פאַרשטייען זי אָפט קוים. בלויז דעמאָלט הייבן זיי אָן אַרויסברענגען טייל אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, ווען זיי ווערן געצוואונגען פון דער נויטווענדיקייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט זייערע שכנים. פון דאַנען ווידער נעמט זיך די אַנדערע אומבאַקוועמלעכקייט, אַז אפילו די פון אונדז וואָס האָבן שוין אפילו גאַנץ פרי געפילט די ניצלעכקייט פונעם פראַנצייזישן לשון און האָבן זיך צוגעוואוינט צו רעדן פליסיק, קאָנען זיך אויך ניט באַפרייען פון אַ דייטשן אָדער אַן אַנדערן פרעמדן אַקצענט. זייער שפּראַך איז געוויינלעך אַ גרייזיקע און איך אַליין מוז צוגעבן, אַז כאָטש איך ווענד זיך איצט צו אייך אין פראַנצייזיש פיל איך אָבער מיין אומדערפאַרנקייט און אומגעניטקייט אין דער שפּראַך, וואָס איך האָב בכיוון אויסגעקליבן כדי אייך צו באַווייזן אַז יידן קאָנען זיך פאַרשטענדיקן און זיך צוזאַמענרעדן אין דער דאָזיקער שפּראַך וועגן אַלע ענינים, אפילו וועגן רעליגיעזע ענינים און אַז מיר זיינען בכח אויסצומיידן צו באַשווערן די קעפּ פון אונדזער יוגנט מיט דעם אומנוצלעכן לערנען פרעמדע לשונות. האָבן מיר דען ניט קיין ביישפּיל אין די יידן, וואָס וואוינען אין אַזיע, די פרימסטע און אָפּגעהיטנסטע

פון אונדזערע ברידער, וואס לייענען און שרייבן בלויז העברעאיש און די שפראך פון זייער לאנד? פארוואס זאלן מיר ווייטער טראגן דעם נאמען דייטשע אדער פוילישע יידן, ווען מיר זיינען פראנצייזישע אידן...

נאך מער, טייערע ברידער, ווען מיר וועלן האבן דערפילט דעם ערשטן חוב צו אונדזערע קינדער און זיי וועלן זיין געווארן פולקום פארפעסטיקט אין די עיקרים און אין דעם גייסט פון אונדזער אמונה, וועלן מיר מעגן אן מורא זיך באנוצן מיט די קוואלן וואס אונדזערע פרייגיביקע מיטבירגער האלטן אפן פאר אונדז און שיקן זיי, די קינ־דער, אין די פאלקס שולן צו געניסן פון דער נאציאנאלער דערציאונג. זיי וועלן זיכער ניט לײדן מחמת זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען און אז זיי וועלן אין דעם פרט זיין זיכער, וועלן זיי אוודאי בקרוב באליבט ווערן ביי זייערע שול חברים פאר זייער פלייסיקייט און פאר־דינען לויב פון די לערער...

לאמיר אויפבויען קהלשע ארבעטס־הייזער אין וועלכע קינדער פון ארעמע און די וואס זיינען בארופן געווארן צו דערגרייכן א העכערן שטאפל אויף דער געזעלשאפטלעכער לייטער, זאלן זיך קאנען לערנען פארשיידענע מלאכות וואס זיינען נייטיק פאר דעם כלל. לאמיר פון זיך ארויסגעבן סטאליערס, שמידן, שניידער אאז״וו. און אויב עס וועט אונדז געלינגען צו האבן א מענטשן אין יעדן פאך וואס זאל ווערן א מייסטער, וועט ער זיך שנעל איינשאפן לערן־יינגלעך און בהדרגה וועלן מיר האבן יידישע בעל מלאכות, וואס וועלן פאר־דינען אויף חיונה אויף א בכבודיקן אופן. אויף אזא אופן וועלן מיר אפשאפן ביי אונדזער יוגנט פוילקייט, וואס נעמט זיך פון לײדיק־גייעריי.

איר וועט מיר אפשר זאגן, טייערע ברידער, און מיט א געוויסן אמת, אז ס׳איז א סך גרינגער פארצולייגן פלענער ווי זיי דורכצופירן און אז די פארגעשלאגענע אינסטיטוציעס וועלן מסתמא דארפן קאסטן א סך געלט. איר וועט אוודאי פארשטיין, אז איך האב דאס ניט גע־קאנט פארזען, און דער אמת איז, אז איך האב שוין געפונען די מיטלען מיט וועלכע צו דעקן די הוצאות, ווען איך האב זיך אונטערגענומען אייך צו באקענען מיט מיין קוק אויף דעם ענין.

זיכער מוזן מיר האָבן אַ באַשטימטע און רעגולערע הכנסה איידער מיר טרעטן צו צו שאַפן וועלכע ניט איז אינסטיטוציע וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגן. אָבער וועלכער ייד, וואָס געפינט זיך אין אַ דערטרעגלעכן מצב, וועט ניט גרייט זיין צו ברענגען קיין קרבנות? ווער וועט זיך אָפּזאָגן אפילו פערזענלעך צו ליידן כדי צו קאָנען בייטראָגן צו דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין פון אונדזערע ברידער, ווי אַ דאַנק אויסדרוק פאַר דעם ברידערלעכן אַקט פון אונדזערע מיט־בירגער?

ווען מיר האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדערע קהילה אין דער פּראָווינץ לאָטרינגען האָבן מיר געדאַרפט טראָגן אַ שווערן יאָך. אחוץ דער סומע פון פופצן זעכצן טויזנט ליווערס וואָס מיר האָבן געמוזט קאָלעקטיוו און אינדיווידועל צאָלן דעם קיניג ווי אַ שטייער אויף אונדזער האנדל אָדער ווי אַן אָפּצאָל דער גרויזאַמער־בערישער קערפּערשאַפט אַז"ו האָבן מיר אויך געמוזט ווי יחידים צאָלן שווערע שטייערן אויף אונדזערע וואוינערטער, פאַר דער איינ־קוואַרטירונג פון סאָלדאַטן, פאַר דער אַרמיי, פאַר דער פּאַראַפיע, פאַר פּאָלקס אַרבעטן, פאַר ברונעמער אאז"וו און ווידער די אייגנאַרטיקע צינזן וואָס די סנדיקין [פּרנסים] וואָס זיינען דערוויילט געוואָרן פון אונדז זיינען באַפּולמעכטיקט געוואָרן, מיט דער הסכמה פון דער רעגירונג, צו שאַפן עטאַט ליסטעס און באַשטייערן יחידים לויט זייערע מעגלעכקייטן.

איצטער איז די קהילה אויפגעלייזט און אַ דאַנק די וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון דער פּירערשאַפט מער ווי פופציק יאָר האָבן די הכנסות געדעקט די הוצאות און די קהילות זיינען ניט באַשווערט גע־וואָרן מיט קיין חובות. מיר וועלן אין דער צוקונפט גלייך ביישטייערן ווי די איבעריקע באַפעלקערונג אין פראַנקרייך און אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע. מיר וועלן אין אַ געווויסן זינען צאָלן בלויז דאָס, וואָס מיר האָבן צוגעשטימט צו צאָלן דורך אונדזערע רעפּרעזענטאַנטן, וואָס פאַרטרעטן אַלע פראַנצויזן. אין אונדזער פאַל, טייערע ברידער, לאָמיר מאַכן אַן אָנשטרענגונג און זיך ווייזן דערוואַקסן אָפּצוזאָגן זיך צו געניסן פון די איצטיקע פּריווילעגיעס כדי אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט ווערט צו זיין נאָך גרעסערע.

לאָמיר זיך פּרייוויליק אָפּזאָגן פון טייל פּריווילעגיעס, וואָס זיינען אונדז געגעבן געוואָרן פון דער נייער קאָנסטיטוציע, כדי מיר זאָלן קאָנען אונדזער לאַנד איבערגעבן אונדזערע קינדער ווי ווערטיקערע אביעקטן פאַר אירע טובות ווי מיר אַליין זיינען. לאָמיר שאַפן אַזעלכע קהילות ווי מיר האָבן געהאַט אין לאַטרינגען און לאָמיר פּאַרבעטן זיך צו פּאַראייניקן מיט אונדז יענע יידן, וואָס זיינען דורך דער נייער איינטיילונג פון דער מלוכה אין דריי און אכציק דעפּאַרטאַ־מענטן, געוואָרן אַזוי ווי מיר איינוואוינער פון לאַ מוירט. לאָמיר איינשטימיק און פרייוויליק צושטימען צו טראָגן נאָך צען יאָר דעם יאָך, וואָס מיר זיינען פריער געווען געצוואונגען צו טראָגן. מיר וועלן באַנוצן דאָס געלט מיט וואָס מיר האָבן פריער געקויפט טאָלעראַנץ און שוץ צו פאַרמערן מענער וואָס זאָלן ווערט זיין די פרייהייט וואָס זיי האָבן נאָר וואָס געקראָגן. וועלן מיר זיכער זיין מיט אַ באַשטימ־טער הכנסה, וועט קיין זאַך אונדז ניט אָפּשטעלן צו שאַפן די אינסטי־טוציעס וואָס זיינען נייטיק פאַר דער דערציאונג פון אונדזערע קינדער...

אַלע יידישע קינדער פון דער פּראָווינץ [לאַטרינגען?] און אַלע קינדער פון יענע וואָס וועלן פרייוויליק צושטימען בייצוטראָגן לויט זייערע מעגלעכקייטן צו דעם אַלגעמיינעם פאָנד זאָלן צוגעלאָזן ווערן צו די בילדונגס אינסטיטוציעס און צו די אַרבעטס־הייזער. מיר קאָנען גרינג איינשטעלן דעם מאָדוס פון זאַמלען די נייטיקע בייטראָגן און אָפּגעבן דין וחשבון דורך באַשטימען אַזעלכע פירער וואָס מיר קאָנען געטרויען. דורך די ביישטייערונגען וועלן מיר אויך קאָנען לינדערן די נויט פון די זקנים און אָרעמע קראַנקע לייט, וואָס קאָנען אַליין ניט פאַרדינען זייער טעגלעך ברויט. מיר דאַרפן זיי אָפּגעבן אַ סך אויפמערקזאַמקייט און שטאַרק זאָרגן פאַר זיי, נאָר מיר דאַרפן גיין נאָך ווייטער. ווען מיר קומען אין קאָנטאַקט מיט לייט וואָס קאָנען אַרבעטן און זיי בעטלען אומפאַרשעמט לאָמיר זיי אָפּזאָגן די הילף. זאָלן זיי פילן די באַליידיקונג פון אַן אָפּזאָג, ווי ווידערווילִיק דאָס זאָל ניט זיין פאַר אונדזערע געפילן פון רחמנות. אויף אַזאַ אופן וועלן מיר אָפּשאַפן ליידיקגייערס וואָס ווילן בעסער לעבן פון צדקה ווי פון אַרבעט.

אויב מען האָט אונדז אַמאָל אומיושרדיק פאַרגעוואָרפן, אַז ס'איז ביי אונדז פאַרשפּרייט פוילקייט און אַ ווידערווילן צו אַרבעט, לאָמיר איצטער אויסמיידן אַזעלכע פאַרוואורפן וואָס אַמאָל זיינען זיי געווען אומגערעכטע אָבער איצטער וועלן מיר זיי פאַרדינען. לאָמיר צוגע־וואוינען אונדזערע אָרעמעלייט וואָס האָבן זיך ביז איצט דערנערט פון אונדזער צדקה, אַז זיי זאָלן בעסער וועלן זיך דערנערן פון אַרבעט, ווען זיי וועלן אפילו דאַרפן דאָס דערגרייכן מיטן שווייס פון זייער פּנים.

54

אַ באַשרייבונג פון דעם פראַנקיסטן הויף אין אָפּענבאַך

פון די זכרונות פון מאָזעס פּאָרגעס.

1798

מאָזעס פּאָרגעס, דער שרייבער פון די מעמואַרן וועגן פראַנקיסטן הויף אין אָפּענבאַך, איז געווען אַ זון פון גבריאל פּאָרגעס, אַ ייד אַ למדן און „אויך באַהאַוונט אין קריסט־לעכע וויסנשאַפט" און אַן אָנהענגער פון יעקב פראַנקן. ווען זיין זון מאָזעס איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר האָט ער אים איבערגעגעבן צו אַ באַקאַנטן פּראַגער פראַנקיסט, נח קאַסאָוויץ, וואָס האָט דעם מחבר אונדזערן באַקענט מיטן פראַנקיזם. צו זיבעצן יאָר, אין 1798, ווען מאָזעס פּאָרגעס האָט געדאַרפט גיין דינען אין מיליטער, האָט אים זיין פאָטער אָפּגעשיקט קיין אָפּענבאַך. אין עטלעכע חדשים אַרום איז אויך געקומען אַהין זיין ברודער לעאָפּאָלד. ווען די ברידער פּאָרגעס האָבן איינגעזען, אַז דער פראַנקיסטן הויף ווערט געפירט מיט שווינדל און אַז זיי זיינען פאַרפירט געוואָרן, זיינען זיי אין אַ מיטן־נאַכט אַנטלאָפן.

איך בין אריין קיין אפענבאך—אן אפענע שטאט—שוין אויף דער נאכט ; עס איז געווען טונקל און ס'האט גערעגנט. איך האב זיך נאכגעפרעגט וואו עס ליגט דער פוילישער [פראנקס] הויף. מען האט מיר אנגעוויזן אויפן אנדערן עק שטאט, א גרויסארטיקער בנין. טרערן האבן זיך פון מיינע אויגן געגאסן פון רעליגיעזער התלהבות איידער איך האב באטראכטן דאס הייליקע הויז. מען האט מיר גע־

עפנט; אַ יונגערמאַן, אָנגעטאָן אין טערקישע מלבושים, האָט מיך באַגעגנט, אַרומגענומען, געקושט, גערופן „ברודער" און געזאָגט אַז מען וואַרט שוין אויף מיר. עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם מיט „מאמינים" — צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט אַן עלטערער בכבוד־דיקער מענטש מיט אַ הדרת פנים, מיט אַ שניי־ווייסער באָרד. ער איז געווען אָנגעטאָן אין דער פאָרם פון אַ פּולקאָווניק. זיין נאָמען איז געווען צינסקי. דער דאָזיקער מאַן האָט מיך אַרויפגעפירט צו זיך אין חדר אויפן צווייטן שטאָק. דאָ האָט ער מיר געגעבן זיין הבטחה אַז ער וועט מיר שטענדיק קומען צו הילף מיט אַן עצה ווי אַן אייגענער פאָטער, און ער האָט מיך אויך מדריך געווען ווי איך דאַרף זיך אויפפירן ביי דער הייליקער מוטער [עווא פראַנק — יעקב פראַנקס טאָכטער]. נאָכדעם האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ צווייטן חדר וואו עס זיינען געזעסן דריי מענער מיט לאַנגע בערד און אין פּוילישע מלבושים פאַרטיפט איבער גרויסע פאָליאַנטן. איך בין נבהל ונשתומם געוואָרן ווען איך האָב דאָ דערזען פאַרשיי־דענע עמבלעמען פון דער קאַטוילישער קירך, אַ בילד פון דער „גבירה" [עווא פראַנק], באַפּוצט ווי דאָס בילד פון דער „הייליקער מוטער" און נאָך אַנדערע בילדער פון פאַרשיידענע מענער און כלערליי פיגורן מיט העברעאישע אויפשריפטן אויף זיי...

נאָך אינעם זעלביקן אָוונט האָבן מיך באַזוכט אַ סך „מאמינים", אַלטע און יונגע. אויפן אַנדערן טאָג האָט מען מיך גערופן זיך פאָרצושטעלן דער „גבירה". זי האָט געוואוינט אויפן ערשטן שטאָק. אין דעם פּאָדערשטן צימער האָט מיך באַגעגנט אַ קאַמער־פריילין און מיך געלאָזט אַביסל וואַרטן. ווי אויפגערעגט בין איך געווען און ווי האָט מיר דאָס האַרץ געקלאַפּט! ענדלעך האָט זיך די טיר געעפנט און איך בין איבערגעטראָטן די שוועל. איך האָב ניט גע־וואַגט צו קוקן דער „גבירה" אין פנים אַריין, איך האָב זיך אַראָפּ־געלאָזט פאַר איר אויף די קני און איר געקושט די פיס — אַזוי ווי מען האָט מיך פריער געלערנט. זי האָט צו מיר געזאָגט אַ פּאָר פריינד־לעכע ווערטער, האָט געלויבט מיין פאָטער און האָט אויך געלויבט מיין אַנטשלאָסנקייט אַהער צו קומען. ביים אַוועקגיין האָב איך אַוועקגעלייגט מיין ביימעלע מיט 60 גאָלדענע און זילבערנע גולדן

אויפן טיש און בין אַרוים פונעם צימער מיטן פנים געווענדט צו דער „גבירה". דער איינדרוק וואָס זי האָט אויף מיר געמאַכט איז געווען אַ דערהויבענער און אַ גינציקער. אַ ליבלעך פנים וואָס האָט אויס־געדריקט גוטסקייט, צאַרטע עניוות און מילדקייט אין די אויגן — אַ הייליקע פאַרחלומטקייט. זי איז געווען נישט קיין יונגע, אָבער זי האָט געמאַכט אַ חנעוודיקן רושם. אירע הענט און פיס זיינען געווען פראַכטפול־שיין, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט האָב איך ביי איר נושא חן געווען.

דערנאָך האָט מען מיך אַריינגעפירט אינעם וואַך־צימער, וואו איך האָב שוין געטראָפן אַ גרעסערע צאָל יינגערע און עלטערע מענטשן, אַלע — מיליטעריש געקליידט און באַוואָפנט. איך האָב אויך באַקומען אַזאַ מין הלבשה, מען האָט מיר געגעבן קוואַרטיר, און אויפן אַנדערן טאָג האָב איך אָנגעהויבן מאַכן מיליטערישע איבונגען. עסן האָט מען אונדז געגעבן גוט, און די גאַנצע דינסט איז באַשטאַנען נאָר אין האַלטן די וואַך אינעם שלאָס און אַרום דעם שלאָס־מויער. היות ווי קיין איבערפאַלן אָדער אַנדערע באַאומרו־איקנדיקע געשעענישן זיינען נישט פאָרגעקומען איז אונדזער דינסט געווען אַ לייכטע. יענע אָפּטיילונג וואָס איז נישט געשטאַנען אויפן פּאָסטן פלעגט זיך צונויפקומען יעדן אָוונט ביי די דריי לומדים און דאָ הערן פון זיי אַ שיעור. אויסער די נעמען פון 10 ספירות [די צען ספירות זיינען באַזירט אויף די דאָזיקע ווערטער: כתר, חכמה, בינה, גדולה, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות] פלעגט מען נאָך שמועסן וועגן שבתי [צבי] מלך משיח און כמעט וועגן אַלע נעמען פון תנ"ך וואָס מיר האָבן עפּעס פון זיי געוואוסט, און תמיד פלעגט מען דאָ אַרויפקומען אויפן זקן [יעקב פראַנק] וואָס אים פלעגט מען רופן מיטן נאָמען „מלכות". קיינער פון אונדז האָט אָבער דעם זקן ניט געזען [פראַנק איז שוין געווען טויט].

לויטן באַפעל פון אויבן בין איך אַריין אין דער „ליבעריא", וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר פון יונגעלייט, וואָס זייער עובדה איז געווען צו באַדינען די דריי האַרן [עווא פראַנק און אירע צוויי ברידער: ראָכוס און יאָזעף] ביים טיש, ביי זייער טעגלעכן אַרויספאָרן און ביים פאָרן זונטיק אין דער קירך... איך האָב אָפט באַדינט ביים טיש

און מיין פלאַץ איז געווען הינטער דעם שטול פון דער „גבירה". גע־געסן האָבן זיי אין זייער אַ גרויסן זאַל. די דריי האָרן זיינען באַדינט געוואָרן פון אונדז דריי. די שיריים פון די שפּייזן וואָס פלעגן בלייבן פון זיי פלעגן מיר שפּעטער אויפעסן. היות ווי אַלע וואָס האָבן געוואוינט אין הויז און אויך אייניקע מחוץ פונעם הויז האָבן זיך געשפּייזט פון דער אַלגעמיינער קיך און זייער מיטאָג איז באַשטאַנען פון אַ זופּ מיט גרינס, וואָס איז געווען זייער שלעכט, — האָבן מיר געהאַט אַ באַזונדערע הנאה פון אונדזער קעסט. יעדן זונטיק איז געווען אַ קירך־פּאַראַד, און מיר האָבן זיך אין אים געמוזט באַטייליקן, אַנגעטאָן אין אונדזערע אוניפאָרמען...

זומער 1798 זיינען אָנגעקומען קיין אָפענבאַך די דריי זין פון יאָנאַס וועהלי [יאָנאַס וועהלי איז געווען אַ וויכטיקער מיטגליד פון דער פּראַגער קהילה און אַ פירער פון די פראַנקיסטן אין פּראַג און אין בעמען־מערן בכלל]. מיט זיי איז אויך געקומען מיין יינגערער ברודער יהודה לעפּאָלד... אין האַרבסט פון דעם זעלביקן יאָר איז אָנ־געקומען אַהער מיין ליבער פאָטער אין דער געזעלשאַפט פון די הערן יאָנאַס און אהרן־בער וועהלי. די דריי בכבודיקע געלערנטע הערן זיינען פייערלעך אויפגענומען געוואָרן פון אַלע „מאמינים" און דעם צווייטן פאַרמיטאָג האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט פאַר די הויכע האָרן. זיי האָבן אָוועקגעלייגט מתנות צו די פיס פון דער „גבירה". די וועהלים — אין גאָלד; גאָלד האָט מען דאָ באַזונדערס גערן גענומען.ביידע וועהלים זיינען געווען רייכע מענטשן. מיין ליבער פאָטער וואָס האָט קיין עשירות ניט פאַרמאָגט האָט מיטגעבראַכט אַ שטיק באַטיסטענעם שטאָף. די מתנה איז געווען די סיבה וואָס האָט אָנגע־הויבן אַריינצוּוואַרפן ביי מיר די איבערצייגונג אַז אַלץ איז דאָ שווינדל און אַז הונדערטער ערלעכע מענטשן ווערן דאָ דורך פאַנ־טאַזיעס אויסגעביטלט, ווערן געשלעפּט הונדערטער מייל פון די מרחקים, ווערן פאַראָרעמט און אומגליקלעך געמאַכט...

ווי איך האָב פריער באַמערקט האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ פאַר־דריסלעכן געפיל דער אויסדרוק וואָס דער הייליקער יאָזעף האָט מיט שפּאָט געמאַכט ביים טיש אין מיין בייזיין בנוגע דעם קנאָפּן געשענק וואָס מיין פאָטער האָט אַהערגעבראַכט. איך האָב דערביי אַ טראַכט

געטאָן אַז דאָ איז וויכטיק די מתנה און נישט דער מענטש וואָס ברענגט זי. פון דעם מאָמענט אָן האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פאַר־טראַכטן און ארומקוקן וואָס עס טוט זיך ארום מיר. תחילת האָב איך פון זיך אָפּגעשטויסן די דאָזיקע קריטישע מחשבות. איך האָב גע־האַלטן אַז עס איז אַ חוצפּה צו צווייפלען אין דעם אין וואָס עס גלייבן אַזויפיל חשובע און געלערנטע מענטשן, און איך בין אריין אינעם הייליקן צימער און דאָרטן חוזר בתשובה געווען. אָבער אינגיכן בין איך ווידער דורך אַ סיבה געקומען צו מיינע ספקות. צווישן די וואָס האָבן געוואוינט מיט מיר אין איין צימער איז אויך געווען אַ יונגערמאַן פון דרעזדן; געהייסן האָט ער יאָנאַס הויפזינגער [יאָנאַס הויפזינגער איז געווען אַ יתום וואָס איז געקומען פון דרעזדן קיין פּראַג און זיך דאָרטן, אין פּראַג, אויפגעהאַלטן ביי יאָנאַס וועהלין וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ פראַנקיסט]. מיר האָבן זיך אין דער צייט באַפריינדט. נאָך אייניקע הכנות און אָפּגעהיטע שמועסן האָט ער מיר מרמז געווען אַז ער איז נישט מסכים מיט דעם אַלעמען וואָס דאָ קומט פאָר. היות ווי ער האָט געהאַלטן אַז איך וועל אים נישט פאַרראָטן איז ער ענדלעך ארויס מיט קלאָרע דיבורים, אַז נאָך אַ לענגערן ארומטראַכטן און אַ ישוב הדעת איז ער געקומען צו דער מסקנא, אַז דאָ קומט פאָר אַן אומגלייבלעכער שווינדל; און נאָר דאָס וואָס די „מאמינים״ האָבן געבראַכט אַזעלכע גרויסע קרבנות דערלאָזט זיי נישט תופס זיין און אָנערקענען דעם שווינדל; אגב האָט מען ביי זיי דאָ אוועקגערויבט אַלע מיטלען מיט וועלכע זיי וואָלטן זיך געקאָנט אומקערן צוריק אין זייערע וווייטע היימען. דורך אַזעלכע אָפטע שמועסן זיינען מיר סוף־כל־סוף געקומען צום באַשלוס עוקר צו זיין פון דאַנעט...

צוועלף ביינאַכט בין איך אַראָפּ פון מיין פּאָסטן [עס האָט זיך געביטן די וואַך] איך האָב זיך צוגעלייגט, און צוויי דעם זייגער בין איך אויפגעשטאַנען און האָב דאָס ביסל מלבושים און וועש איינגע־פּאַקט אין אַ טוך. איך האָב אויסגעמיטן מיטצונעמען דאָס וואָס איך האָב אַהער נישט מיטגעבראַכט. הויפזינגער און מיין ברודער האָבן געטאָן דאָס אייגענע וואָס איך. פיר אַזייגער פאַרטאָג האָב איך מיט הויפזינגערן ווידער פאַרנומען דעם וואַך־פּאָסטן. די פּעק־

לעך האָבן מיר שוין געטראָגן מיט זיך. מיר זיינען שוין געשטאַנען אינעם אונטערשטן קאָרידאָר פאַר די צימערן פון הייליקן בערנאַרד [ראַכום] און יאָזעף. אַז מיין ברודער איז אַראָפּגעגאַנגען די טרעפּ האָבן מיר אָוועקגעשטעלט דאָס געווער אין אַ ווינקל און מיט קלאַפּעדיקע הערצער און שטאַרק אויפגערעגטע זיינען מיר אַרויס אויפן הויף. עס איז געווען אַ סכנה אַז דער קוטשער און די שטאַל־דינער וועלן אונדז פאַרהאַלטן. פונעם הויף זיינען מיר אַרויס אין גאָרטן, אַריבערגעקלעטערט איבער דעם פּאַרקאַן — און זיינען געווען פריי. מיר זיינען צוגעלאָפן צום וואַלד וואָס איז געלעגן אין שכנות, פון דאַנעט זיינען מיר אַוועק קיין אבערראַד און אַרום זעקס אַזייגער זיינען מיר געווען אין פראַנקפורט.

55

נאַפּאָלעאָן און דער סנהדרין

די פֿראַגעס וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשטעלט דער נאָטאַבלען פֿאַרזאַמלונג און די ענטפֿערס וואָס דער סנהדרין האָט געגעבן

1807

נאָך דעם ווי די יידן האָבן געקראָגן בירגערעכט אין פראַנקרייך האָבן יידישע שונאים אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן יידן, אַז זיי פאַרדינען ניט די דאָזיקע רעכט, ווייל זיי עקספּלואַטירן דאָס פראַנצייזישע פאָלק. ספּעציעל איז אָנגעפירט געוואָרן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן די אַשכנזישע יידן אין עלזאַס, וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן אַז זיי זיינען וואוכערער און אומערלעך אין האַנדל. אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט איז דאָס דערגאַנגען צו נאַפּאָלעאָנען און נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט זיך געהאַט גרויסמוטיק אויסגעדריקט, אַז „עס וואָלט געווען אַ שוואַכקייט פון מיין זייט צו יאָגן די יידן, אָבער אַ שטאַרקייט — זיי אויסצובעסערן", האָט זיך גענומען אויף זיין אייגענעם אופן רעפאָרמירן די יידן. דעם 30סטן מאַי 1806 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די פּאָליציי פּרעפעקטן זאָלן אויסקלייבן צווישן יידישע וועלטלעכע און רעליגיעזע פאָרשטייער הונדערט פאַרטרעטער, וואָס זאָלן מיט זיך פאָרשטעלן אַ „נאָטאַבלען פאַרזאַמלונג", וואָס זאָל זיך צונויפקומען אין פּאַריז דעם 15טן יולי און זיך אַרויסזאָגן צי מען קאָן אויסבעסערן די „שלעכטע" יידישע געוואוינהייטן און מאַכן פון יידן גוטע בירגער. ביי דער צווייטער זיצונג פון דער נאָטאַבלען פאַרזאַמלונג האָט דער גראַף מאָלע, איינער פון די דריי קאָמיסאַרן, וואָס האָבן פאַרטראָטן די רעגירונג פאָרגעלייגט די ווייטערדיקע צוועלף פראַגעס. די ענטפערס וואָס די נאָטאַבלען פאַר־

זאַמלונג האָט געגעבן אויף די פראַגעס זיינען שפּעטער גוטגעהייסן געוואָרן פון דעם סנהדרין, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט שפּעטער, דעם 9טן פעברואַר 1807, צונויפגערופן אין פּאַריז. דער סנהדרין, וואָס איז פּאַקטיש געווען ניט מער ווי אַ צערעמאָניעלער צונויפקום פון דער נאָטאַבלען פאַר־זאַמלונג, האָט דעם 2טן מערץ 1807 פאַרעפנטלעכט די ענטפערס ווי אַ מין דעקלאַראַציע.

1. מעג אַ ייד חתונה האָבן מיט מער ווי מיט איין ווייב ?
2. דערלויבט די יידישע רעליגיע זיך צו גטן ?
3. קאָן אַ יידיש מיידל חתונה האָבן מיט אַ קריסט אָדער אַ קריסט־לעך מיידל מיט אַ יידן ? אָדער די יידישע תורה פאַרזאָגט אַז יידן מוזן חתונה האָבן צווישן זיך ?
4. ווערן די פראַנצויזן באַטראַכט פון די יידן ווי ברידער אָדער ווי פרעמדע ?
5. וואָס פאַר אַ פאַרבינדונגען דערלויבט די תורה צו האָבן מיט די פראַנצויזן, וואָס זיינען ניט פון זייער אמונה ?
6. די יידן וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין פראַנקרייך און דאָס לאַנד האָט זיי באַהאַנדלט ווי בירגער — באַטראַכטן די דאָזיקע יידן פראַנקרייך ווי זייער היימלאַנד ? זיינען זיי מחויב צו פאַר־טיידיקן דאָס לאַנד ? זיינען זיי מחויב אָפּצוהיטן די געזעצן און אויספאָלגן אַלע רעגולאַציעס פון ציווילן קאָדעקס ?
7. ווער זיינען די וואָס ווערן גערופן רבנים ?
8. וואָס פאַר אַ יורידיקציע האָבן די רבנים ביי יידן ? וואָס פאַר אַ שטראָף־מאַכט פאַרמאָגן זיי ?
9. ווערט דער אופן פון קלייבן רבנים און דאָס שטראָף סיסטעם רעגולירט פון דער תורה אָדער זיי ווערן בלויז פאַרהייליקט פון דער טראַדיציע ?

10. זיינען פאראן מלאכות וואס דאס יידישע געזעץ פארבאט יידן זיך צו פארנעמען מיט זיי?

11. ווערט יידן פארבאטן צו נעמען וואוכער פון זייערע ברידער?

12. ווערט יידן פארבאטן אדער ווערט זיי דערלויבט צו נעמען וואוכער פון פרעמדע?

ענטפערס

ארטיקל 1 — פאליגאמיע

דער גרויסער סנהדרין, לעגאל פארזאמלט דעם 9טן פעברואר 1807, האט מיטן כח פון דער מאכט וואס ער פארמאגט געזוכט אויסצוגעפינען צי עס איז געזעצלעך פאר א יידן צו האבן מער ווי איין ווייב און האט חוקר ודורש געווען דעם פרינציפ בכלל ביי יידן און איז געקומען צו דער מסקנא, אז דאס אונטערוואַרפן זיך די געזעצן פונעם לאנד אין ציווילע און פאליטישע ענינים איז א רעליגיעזער חוב. עס ווערט אנגענומען און דערקלערט, אז פאליגאמיע, וואס איז דערלויבט לויט תורת משה איז בלויז אן איינפיר וואס אונדזערע חכמים האבן געמאכט אפהענגיק אן די מיטלען וואס א ייד מעג האבן מפרנס צו זיין מער ווי איין ווייב. און אזוי ווי זינט די עלטסטע צייטן פון גלות האבן זיך די יידן פארשפרייט אין מערב [אין אייראפע] האבן זיי זיך אפגעזאגט פון פאליגאמיע. זיי האבן איינגעזען, אז זיי דארפן זייערע מנהגים צופאסן צו די ציווילע געזעצן פון דעם לאנד וואו זיי האבן זיך באזעצט. פון דעם מנהג [פאליגאמיע] האבן זיך יידן אפגעזאגט, ווייל עס האט ניט הארמאנירט מיט די פירונגען פון אנדערע פעלקער. כדי איינצופירן איינהייטלעכקייט אין ציווילע ענינים האט דער יידישער וועד, וואס איז צונויפגערופן געווארן אין ווארמס אין יאר דת״ש און אונטער דער פירערשאפט פון רבנו גרשם [רבנו גרשם איז געבוירן געווארן אין 900 — צוואנציק יאר נאך דער אנגעגעבענער דאטע] ארויסגעגעבן א חרם אין דעם לאנד אויף יעדן יידן וואס וועט חתונה האבן מיט מער ווי מיט איין ווייב. דער מנהג איז אינגאנצן פארשוואונדן אין פראנק-

רייך און אין איטאַליע און כמעט אין אַלע לענדער פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט וואו מען געפינט זייער זעלטן אַ יידן וואָס זאָל זיך דערלויבן צו ברעכן דאָס געזעץ פון די דאָזיקע פעלקער בנוגע פּאָליגאַמיע.

דעריבער האָט דער גרויסער סנהדרין מיט איבערגעלייגטקייט באַטראַכט די וויכטיקייט פון דערהאַלטן דעם אָנגענומענעם יידישן מנהג וואָס איז פאַרשפּרייט בכל תפוצות אייראָפּע און וויל גוטהייסן אויף אַזוי ווייט ווי ס׳איז נאָך נייטיק די פריערדערמאָנטע תקנה פון וואָרמס ווי אַ רעליגיעזע פאַרשריפט:

אַז עס איז פאַרבאָטן אַלע יידן פון יעדן פאָלק וואו פּאָליגאַמיע איז געזעצלעך פאַרבאָטן, און בפרט איז פאַרבאָטן יענע וואָס וואוינען אין דער פראַנצייזישער אימפּעריע און אין איטאַליע, צו האָבן אַ צווייט ווייב בעת דאָס ערשטע לעבט נאָך, אויסער ווען ער איז שוין פריער געווען געגט לויט די געזעצן פונעם לאַנד און שפּעטער געגט לויט די רעליגיעזע פאַרשריפטן און לויט וועלכע די ערשטע חתונה איז פול־שטענדיק אויפגעלייזט.

אַרטיקל II — גט

דער גרויסער סנהדרין האָט באַטראַכט ווי נייטיק עס איז איינצו־שטעלן אַ האַרמאָניע צווישן דער יידישער חופה און קדושין און דעם ציווילן רעכט אין פראַנקרייך... און ער באַשטימט, אַז פון היינט אָן און ווייטער, וועט קיין יידישער גט מער ניט גילטיק זיין ביז די חתונה וועט ניט אויפגעלייזט ווערן פון די געהעריקע אינסטאַנצן און לויט די פאַרשריפטן וואָס זיינען פאַרגעשריבן פון די ציווילע אויטאָריטעטן.

דעריבער איז יעדן רב אין פראַנקרייך און אין איטאַליע אויס־דריקלעך פאַרזאָגט צו העלפן אויף אַ וועלכן ניט איז אופן אין אַן אַקט פון אויפלייזונג אָדער גט ביז וואַנען די ציווילע אויטאָריטעטן האָבן אַרויסגעגעבן זייער פּסק אין דעם ענין און דאָס [דער גט] איז אים צוגעשטעלט געוואָרן אין גוטער אָרדענונג און אויף אַ געזעצלעכן אופן. דער סנהדרין דערקלערט, אַז יעדער רב, וואָס וועט פאַרברעכן קעגן דעם סטאַטוט זאָל באַטראַכט ווערן ווי ניט פּאַסיק פאַר זיין אַמט.

אַרטיקל III — חתונה

דער גרויסער סנהדרין דערקלערט, אַז חתונות צווישן יידן און קריסטן וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן לויטן ציווילן געזעץ, זיינען אבליגאטאריש און בינדנדיק אויף אַ ציווילן אופן און כאָטש די דאָזיקע חתונות קאָנען ניט, נאַטירלעך, סאנקציאָנירט ווערן פון דער יידישער רעליגיע, זאָלן אָבער די מענטשן וואָס פאַרבינדן זיך אויף אַזאַ אופן ניט אַריינגעלייגט ווערן אין קיין שום חרם.

אַרטיקל IV — פריינדלעכקייט

דער גרויסער סנהדרין האָט איינגעזען אַז די מיינונג וועגן יידישע פריינדלעכקייט און געזעלשאַפטלעכקייט בנוגע פרעמדע פון דעם פאָלק צווישן וועלכע יידן לעבן שוין לאַנגע דורות איז אַזאַ, אַז ניט אין פראַנקרייך און אויך ניט אין דער איטאַליענישער מלוכה קאָנען זיי ניט אויף זיכער פאַרענטפערן די פראַגע: „צי די יידן פון די לענדער קוקן אויף זייערע מיטבירגער ווי אויף ברידער אָדער בלויז ווי אויף פרעמדע?" דעריבער, כדי אויפצולייזן אַלע צווייפלען וועגן דעם ענין דערקלערט דער גרויסער סנהדרין, אַז לויט תורת משה וואָס איז געגעבן געוואָרן די יידן, איז די יידן באַפוילן געוואָרן, אַז זיי זאָלן קוקן אויף אַלע פעלקער וואָס גלייבן אין גאָט ווי דער באַשאַפער פון הימל און ערד, אַז זיי זאָלן באַטראַכטן די פעלקער ביי וועמען זיי געניסן די רעכט פון אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט אָדער בלויז וואוילטעטיקע גאַסטפריינדלעכקייט, ווי ברידער. די תורה זאָגט אונדז אָן ליב צו האָבן אונדזער שכן ווי זיך אַליין און אַזוי ווי מיר זיינען מקיים גאָטס געבאָטן איז עס ניט מער ווי יושרדיק אַז מיר זאָלן קיינעם ניט טאָן דאָס וואָס מיר ווילן ניט אַז מען זאָל אונדז טאָן. ווען מיר זאָלן אויפהערן צו באַטראַכטן אונדזערע פראַנצייזישע און איטאַליענישע מיטבירגער ווי ברידער, וואָלטן מיר געהאַנדלט קעגן די דאָזיקע געבאָטן.

אַרטיקל V — עטישע באַציאונגען

דער גרויסער סנהדרין איז גוזר אויף אַלע יידן ווי אַ חוב וואָס איז אַ רעליגיעזער חוב, וואָס איז אַ טייל פון זייער אמונה אויסצושפרייטן

כסדר זייער צדקה אויף אַלע מענטשן, וואָס גלייבן אין גאָט, דעם באַ־שעפער פון הימל און ערד, ניט געקוקט דערויף צו וואָס פאַר אַן אמונה זיי זאָלן ניט געהערן. דאָס געבאָט ווערט אָנגעזאָגט פון דער תורה.

אַרטיקל VI — בירגערלעכע און פּאָליטישע באַציאונגען

דער גרויסער סנהדרין באַשטימט, אַז יעדער ייד וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פראַנקרייך און אין איטאַליע און ער ווערט פון די גע־זעצן פון די לענדער באַטראַכט ווי אַ בירגער איז ער מחויב צו באַטראַכטן יעדער פון זיי ווי זיין לאַנד און זיי פאַרטיידיקן, זיך איינ־שטעלן פאַר זיי און פאָלגן זייערע געזעצן און אין אַלע זיינע טוּאונגען זען צוצופּאַסן זיך צו די פאַרשריפטן פונעם ציווילן רעכט.

און נאָך מער דערקלערט דער גרויסער סנהדרין, אַז ווען אַ ייד ווערט גערופן אין מיליטער דינסט ווערט ער באַפרייט פון אָפּהיטן די יידישע דינים בעת זיין דינסט.

האָב מורא פאַר גאָט און פאָרכט זיך פאַר דעם מלך.

ער איז מחויב ניט אָפּצוטיילן זיין אייגענעם אינטערעס פון דעם וואָס איז שייך דעם פאָלק, אויך ניט זיין אייגענעם גורל, אָדער דעם גורל פון זיין משפחה פון דער גרויסער פאַמיליע פון דער מלוכה. ער דאַרף ליידן מיט אירע ליידן און דאַרף זיך פרייען מיט אירע פריידן און דאַרף טאָן אַלץ וואָס ער קאָן פאַר דעם וואוילזיין פון זיינע מיטבירגער.

אַרטיקל VII — נוצלעכע מלאכות

דער גרויסער סנהדרין וויל לאָזן וויסן די יידן בכלל און די יידן פון פראַנקרייך און איטאַליע בפרט ווי נייטיק עס איז פאַר זיי און וואָס פאַר אַ טובות עס וועט אַרויסקומען דערפון וואָס זיי וועלן זיך אָפּגעבן מיט ערדאַרבעט, מלאכות און מיט ליבעראַלע פּראָפעסיעס. ווען מ'האָט אין זינען אַז די יידן פון די דאָזיקע צוויי לענדער האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געמוזט אָפּזאָגן פון מלאכות און ספּעציעל פון ערדאַרבעט, וואָס איז אין די אַלטע צייטן געווען זייער באַליבטע באַ־שעפטיקונג, מוז מען דאָס צושרייבן צו זייער אומגליקלעכן מצב און צו דער אומזיכערער לאַגע אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען

אין שייכות מיט זייער פארמעגן און אויך צו די פארשיידענע מכשולים וואס זיינען געווען פארבונדען מיט די געזעצן פון די פארשיידענע לענדער וואס זיינען געווען קעגן דעם אז יידן זאלן זיך אנטוויקלען אויפן געביט פון מלאכה.

דאס אפזאגן זיך פון מלאכות איז ניט קיין פועל יוצא פון זייער אמונה אדער פון דער לערע פון זייערע חכמים, אמאליקע און איצטיקע, נאר ניכער א געוואוינהייט וואס איז געקומען אלס רעזולטאט פון די שטערונגען וואס זיינען געלעגן אין וועג...

דעריבער באפעלט דער גרויסער סנהדרין אלע יידן און ספעציעל די יידן פון פראנקרייך און איטאליע, וואס האבן ציווילע און בירגער־לעכע רעכט, אז זיי זאלן אויסגעפינען די בעסטע מיטלען ווי אזוי דער יוגנט אריינצוגעבן ליבע צו ארבעט און זען אז זי זאל זיך פאר־נעמען מיט מלאכות און ליבעראלע פראפעסיעס. די לויבנסווערטיקע ארבעטן שטימען מיט אונדזער הייליקער אמונה, פירן צו גוטע זיטן און זיינען זייער נייטיק פארן לאנד, וואס קאן באטראכטן יידיק־גייער נאר ווי געפערלעכע בירגער.

נאך מער, דער גרויסער סנהדרין הייסט די יידן פון די צוויי מלוכות זיך שאפן לאנד אייגנטום ווי א מיטל זיך צו פארבינדן נעענטער מיטן לאנד און זיך אפצוזאגן פון אזעלכע באשעפטיקונגען וואס מאכן יעדן חשודיק און פאראכט אין די אויגן פון זייערע מיט־בירגער. מיר דארפן טאן אלץ וואס מיר קאנען ארויסצורופן צו זיך זייער [די מיטבירגערס] רעספעקט און גוטן ווילן.

ארטיקל VIII — וועגן הלוואות צווישן יידן

דער גרויסער סנהדרין דערקלערט, באשטימט און פראקלאמירט ווי א רעליגיעזן געבאט, וואס איז חל אויף יעדן יידן און בפרט אויף די יידן פון פראנקרייך און פון איטאליע, אז זיי זאלן ניט נעמען קיין פראצענט פון זייערע גלויבנסברידער, ווען זיי דארפן אמאל טאן א גמילת חסד א פאטער פון א משפחה. סע ווערט אויך באשטימט, אז דער לעגאלער פראצענט פון א הלוואה, וואס ווערט געמאכט צוליב קאמערציעלער ספעקולאציע איז נאר דערלויבט פון דער תורה

דעמאָלט, אויב דער פּראַצענט איז דער וואָס די געזעצן פונעם לאַנד באַשטימען.

אַרטיקל XI — הלוואות צווישן יידן און נישט יידן

דער גרויסער סנהדרין וויל קלאָר מאַכן דעם טעות וואָס מען שרייבט צו יידן די פעאיקייט צו נעמען וואוכער פון יענע וואָס געהערן נישט צו זייער רעליגיע און אַז דאָס ווערט דערלויבט פון די חכמי התלמוד. אַזוי ווי דער בלבול איז אַ סך מאָל אין פאַרשיידענע ערטער געווען די סיבה פון אַן אויפרודער קעגן אונדז און אַזוי ווי מיר ווילן אויפקלערן אָט דעם פאַלשן איינדרוק וועלן מיר דאָ פאַר־פיקסירן וואָס די תורה זאָגט וועגן דעם. זי דערקלערט אַז אַ הלוואה מיט פּראַצענט צו אַ פרעמדן קאָן נישט געמאַכט ווערן צו יענע פרעמדע מיט וועמען די יידן האַנדלען און פון וועמען זיי אַליין לייען. דאָס איז באַזירט אויף דעם נאַטירלעכן רעכט פון אַ צד שכנגד.

דאָס וואָרט „נכרי" איז בלויז חל אויף יחידים פון פרעמדע פעלקער און נישט צו די יידישע מיטבירגער, וואָס מיר באַטראַכטן ווי ברידער. און אפילו וואָס שייך די פרעמדע פעלקער וואָס די תורה דערלויבט אונדז צו נעמען פון זיי פּראַצענט, מיינט עס נישט אַ וואו־כערישן פּראַצענט, ווייל די תורה דערקלערט אויף אַן אַנדער אָרט אַז יעדע אומגערעכטיקייט איז אַן אומווערדיקייט אין גאָטס אויגן.

אין הסכם מיט די פאַרשריפטן און מיט דער מאַכט וואָס עס איז אים געגעבן געוואָרן, און כדי קיין ייד זאָל נישט זאָגן אַז אים זיינען נישט געווען באַקאַנט די רעליגיעזע התחייבותן בנוגע צו זיינע נישט יידישע מיטבירגער, לאָזט דער גרויסער סנהדרין וויסן יעדן יידן בכלל און יעדן יידן פון פראַנקרייך און פון איטאַליע בפרט, אַז די פריערדיקע פאַרשריפט [וועגן הלוואות צווישן יידן און יידן] וועגן גמילות חסדים צווישן אַ יידן און אַן אַנדערן יידן און אויך די פאַרשריפטן פון דער הייליקער תורה אין שייכות דערמיט, זאָל אויך חל זיין אויף אונדזערע נישט יידישע מיטבירגער פונקט ווי אויף יידישע. עס ווערט דעריבער פּראָקלאַמירט ווי אַ רעליגיעז געבאָט און ספּעציעל פאַר אַלע יידן פון פראַנקרייך און איטאַליע, אַז אין דער צוקונפט זאָלן זיי, וואָס שייך הלוואות, נישט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן

זייערע מיטבירגער און גלויבנסברידער און זאלן אין אלץ זיך אויפ־פירן לויטן פריערדיקן [ווי ביי הלוואות צו יידן פון יידן].

עס ווערט ווייטער דערקלערט, אז ווער עס וועט עובר זיין אויף דער איצטיקער פארשריפט וועט פארברעכן קעגן א רעליגיעזן געבאט און וועט זינדיקן קעגן גאטס תורה. עס ווערט אויך דערקלערט אז יעדער מין וואוכער איז שטרענג פארבאטן, ניט נאר צווישן א יידן און א יידן, ניט נאר צווישן א יידן און א מיטבירגער, נאר אפילו צווישן פרעמדע פון וועלכן פאלק עס זאל ניט זיין, ווייל דאס איז אן אומווערדיקייט אין די אויגן פון גאט...

דער גרויסער סנהדרין באשטימט, אז די רבנים זאלן אין זייערע דרשות און בעתן לערנען אויסניצן יעדע געלעגנהייט צו באאיינפלוסן זייערע גלויבנסברידער אפצוהיטן די דאזיקע פארשריפט מיט דער גרעסטער פארזיכטיקייט.

56

נאַפּאָלעאָנס בריוו צו דעם דאַנציגער ייִדישן סוחר, קובלאַשער

1812

כאָטש נאַפּאָלעאָן האָט די ייִדן באַפרייט פון די געטאָס אין אַלע לענדער וואָס ער האָט איינגענומען, איז ער אָבער ניט געווען באַקאַנט ווי אַן אוהב ישראל, נאָר פאַרקערט, ווי אַ מענטש וואָס האָט געזאָלט זיך האָבן פיל מאָל אויסגעדריקט ניט גינציק וועגן די ייִדן. דער ווייטערדיקער בריוו, וואָס איז ווייניק באַקאַנט, ווייזט נאַפּאָלעאָנען אין אין אַן אַנדער ליכט.

קאָוונע, מאַי, 1812.

ווי ס'איז מיר מיטגעטיילט געוואָרן האָט איר צוגעשטעלט [פּראָוויאַנט] גוט און ביליק. דאָס האָט דערפרייט מיין הארץ! ווען גאָט וועט מיר העלפן און איך וועל מנצח זיין וועל איך אייראָפּע באַווייזן ווי דאַנקבאַר אַ קיסר קאָן זיין די ייִדן, אייערע גלויבנסברידער. איך וועל שאַפן אַזעלכע געזעצן וואָס וועלן אָפּשאַפן די סכנה ווידער צו פאַרזינקען אין באַרבאַריי. קוים האָט אייער פאָלק אריבערגעטראָגן די פינצטערניש פונעם מיטלאַלטער וועט די איצטיקע מלחמה האָבן דעם ציל אַלע באַרבאַרישע פעלקער צו ציוויליזירן. ווער וואָלט עס געוואָלט גלייבן, אַז אין דעם קריסטלעכן יאָר 1812 קאָן נאָך זיין שנאה צו ייִדן... אַ סך בלוט וועט נאָך דאַרפן פאַרגאָסן ווערן ביז די ייִדן פון אַלע לענדער וועלן קאָנען דערזען די זון פון פרייהייט! וואָלט איך געפירט די וועלט, וואָלטן די ייִדן שוין געהאַלטן ווייטער! ס'איז אמת, מיין הער, אַז איך האָב ליב אייער פאָלק. שוין צוואַנציק יאָר ווי איך האָב געזען ייִדישע סוחרים אויף די שלאַכטפעלדער פון

איטאליע און אויף די שפאנישע פעלדער האבן טייל יידן פארלארן זייער לעבן פאר פראנקרייכס רום... איך אונטערשטיץ אייער שטרעבן נאך רעכט אויך אין פרייסן... גענוג פעלקער זיינען אונטער־געגאנגען, און ניט אן רעכט, ווייל זיי האבן גרויזאם פארפאלגט די יידן. מען האט פארשפרייט קלאנגען אין דער וועלט אז איך האב זיך געזאלט האבן אויסגעדריקט: „די יידן זיינען די רוויבריטער פון אונדזער צייט". וואס פאר א פארשאלטענער ליגן! וואס האב איך אלץ לעצטנס ניט געזאלט האבן געזאגט און געשריבן! איצט, מיין הער, האב איך אייך עפעס מודיע געווען וואס וועט אייער הארץ דערפרייען. באמת, אזוי ווי איך האב געשריבן אזוי מיין איך. דער פראנצייזישער קיסר איז אייך דאנקבאר. אלץ דארף שנעל צוגע־שטעלט ווערן קיין קאוונע. וועט אונדז אויסגיין דאס געלט גילט מיין קיסרלעך ווארט. איך וועל דורכפירן יעדן צוזאג. מיין הער, איך האב דעם כבוד.

נאפאלעאן.

57

מרדכי עמנואל נחס אויפֿרוף צו די ייִדן פֿון דער וועלט

וועגן דער מלוכה וואָס ער האָט געוואָלט שאַפֿן אויף גראַנד איילענד אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן

1825

דער אַמעריקאַנער ייִד, מרדכי עמנואל נח (1785—1851), פּובליציסט, רעדאַקטאָר, דראַמאַטורג, דיכטער, דיפּלאָמאַט און טרוימער האָט אויף זייַנע רייזעס אין אייראָפּע און ווי אַמעריקאַנער קאָנסול אין טוניס זיך באַקאַנט מיט דעם שווערן מצב פֿון די ייִדן איבער דער וועלט און געזוכט פֿאַר זיי אַ לייזונג. ער האָט זיך לאַנגע יאָרן אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו גרינדן אַ ייִדישע מלוכה, און וועגן דעם גערעדט און געשריבן בייַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן. אַזוי ווי ער האָט געוואוסט אַז דעמאָלט, אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, האָט מען אפֿילו ניט געקאָנט טראַכטן וועגן שאַפֿן אַ ייִדישע מלוכה אין ארץ ישראל, האָט ער געוואָלט דערווייל שאַפֿן אַ צייטווייליקן מקום מקלט וואָס די פֿאַרפֿאָלגטע ייִדן זאָלן קאָנען באַטראַכטן פֿאַר זייערס אַ היים. אין 1825 איז אים געלונגען אָפּצוקויפֿן 2550 אַקער לאַנד אויף דעם אינדזל גראַנד איילענד (וואָס האָט פֿאַרמאָגט 17,000 אַקער לאַנד) לעבן באָפֿאַלאָ און ער איז מיט דער הילף פֿון עטלעכע ייִדישע און קריסטלעכע פֿריינד, צוגעטראָטן צו שאַפֿן אַ זעלבסטשטענדיקע ייִדישע מלוכה. ער האָט געהאָפֿט מיט דער צייט צו קאָנען אָפּקויפֿן דעם גאַנצן אינדזל. דעם ערשטן סעפּטעמבער האָט ער אַרויסגעלאָזט צו די ייִדן פֿון

> דער וועלט דעם אויפֿרוף וואָס ווערט ווייטער געבראַכט. דעם 15טן סעפּטעמבער האָט מרדכי עמנואל נח אויף אַ פּאַראַדנעם אופֿן מיט מוזיק, סאָלדאַטן, מאַסאָנען און אַ גרויסן עולם צדוקעער פּראָקלאַמירט פֿאַר דער וועלט די שאַפֿונג פֿון אַ נייער מלוכה. געשען איז דאָס אין באַפֿאַלאָ אין דער עפּיסקאָפּעלישער סט. פּאָל קירך. די פֿירנדיקע יידן פֿון אַמעריקע און פֿון דער וועלט האָבן די גאַנצע אונטערנעמונג אויפֿגענומען קאַלט. קיין אימיגראַנטן זיינען נישט געקומען. פֿון נחס חלום איז געבליבן נישט מער ווי אַ שטיין אין באַפֿאַלאָער מוזעאום, מיט דער ענגלישער אויפֿשריפֿט: „אררט, אַן עיר מקלט פֿאַר יידן, געגרינדעט פֿון מרדכי עמנואל נח אין חדש תשרי 5586, סעפּט. 1825, אין דעם 50סטן יאָר פֿון דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט" מיט אַן איבערשריפֿט אין יידישע אותיות: „שמע ישראל יי אלהינו יי אחד".

דעם אַלמעכטיקן איז געפֿעלן געוואָרן אָנצוזאָגן זיין אויסדערוויילט פֿאָלק אַז עס איז שוין נאָענט די צייט ווען עס וועלן דערפֿילט ווערן די צוזאָגן צו דעם הויז פֿון יעקב און אַז די שטאַנדהאַפֿטיקייט און די נצחונדיקע טריישאַפֿט וועט באַלוינט ווערן און אַז זיי וועלן איינגעזאַמלט ווערן פֿון אַלע עקן וועלט צו פֿאַרנעמען זייער אָרט און שטאַנד צווישן די פֿעלקער פֿון דער ערד. דער פֿרידן וואָס הערשט איצט צווישן די ציוויליזירטע פֿעלקער, דער פּראָגרעס פֿון דער וויסנשאַפֿט אין דער גאַנצער וועלט און דער גייסט פֿון טאָלעראַנץ און פֿרייהייט, ווי אויך אַנדערע ענדערונגען וואָס זיינען גינציק פֿאַר דעם וויסן און פֿאַר דער פֿרייהייט, ווייזן אָן אויף דעם אָנקום פֿון דער צייט ווען עס וועלן הערשן אויף דער ערד שלום און גוטער ווילן. דאָס זאָגט אָן דעם נצחון פֿונעם אַלטן פֿאָלק, דאָס פֿאָלק וואָס האָט צום ערשטן דערקענט דעם איינציקן גאָט, אַז עס ווערט ווידער צוריקגעבראַכט אויף זיין נחלה און אַז עס וועט ווידער געניסן דאָס רעכט פֿון אַ זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק פֿאָלק. דעריבער האָב איך, מ. ע. נח, בירגער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, געוועזענער

קאנסול פון די דאזיקע שטאטן אין טוניס, הויפט שעריף פון ניו־יארק און מיט גאטס גענאד פירער און שופט ביי יידן, ארויסגעלאזן פאלגנדיקן אויפרוף:

איך לאז וויסן אלע יידן פון דער גאנצער וועלט אז עס איז פאר זיי אנגעגרייט א מקום מקלט וואו זיי וועלן קאנען לעבן בשלום ובשלוה וואס זיי האבן פריער ניט געקאנט מחמת דער אומטאלעראנץ און די טעותים פון די פריערדיקע יארהונדערטער. דאס מקום מקלט געפינט זיך אין א פריי און אין א מעכטיק לאנד וואו זיי, זייער אייגנטום און זייערע רעליגיעזע פירונגען וועלן באשיצט ווערן. א מקום מקלט אין א לאנד וואס איז בארימט מיט זיינע הילפסקוואלן, מיט רייכן באדן און מיט א געזונטן קלימאט; אין דעם דאזיקן לאנד ווערן ארבעטספעאיקע דערמוטיקט, בילדונג געשטיצט און טריישאפט באלוינט. א לאנד פון מילך און האניק וואו ישראל וועט קאנען לעבן בשלום אונטער זיין ווייגשטאק און אונטער זיין פייגנבוים און וואו אונדזער פאלק וועט זיך קאנען באקענען מיט דער מלוכה־קונסט און מיט די אויפטוען פון דער וויסנשאפט און פון דער ציוויליזאציע, כדי עס זאל זיין גרייט ווידער און ענדלעך צו באזעצן זיך אויף זיין נחלה וואס די צייט זאגט אזוי קלאר אן.

דער דערמאנטער מקום מקלט געפינט זיך אין דעם שטאט ניו־יארק — דער גרעסטער שטאט פון די פאראייניקטע שטאטן. דער דאזיקער שטאט האט 43,214 קוואדראט מייל, 55 פראווינצן און 687 פאסטשטעט מיט א באפעלקערונג פון 1,500,000. 6,000,000 אקער לאנד, הויך אנטוויקלט אין אגריקולטור, אינדוסטריע, האנדל און פארקער; אייגנטום אין ווערט פון 300 מיליאן, א מיליץ פון 150,000, א קאנסטיטוציע, וואס איז באזירט אויף גלייכע רעכט, קיין טעסט־שבועות און קיין רעליגיעזע אונטערשיידן ווערן ניט אנערקענט. 17,000 פרייע שולן און מיטלשולן, וואו עס לערנען זיך 400,000 קינדער פון יעדער אמונה. דאס איז דער גרויסער און פראגרעסיווער שטאט, וואוהין עס ווערט געקירעוועט די יידישע וואנדערונג.

דאס געווינטשטע ארט אין דעם שטאט ניו־יארק וואס איך פארבעט דארט אהין מיין געליבט פאלק פון דער גאנצער וועלט (און אויך מענטשן פון אנדערע גלויבנס) הייסט גראנד איילענד. דארט

קלייב איך זיך לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ שטאַט וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען אַ ר ר ט . . .

פאַר פליישיקע מענטשן האָט דאָס לאַנד אַ גרויסע צוציאונגס־קראַפט. דער קאַפּיטאַליסט וועט קאָנען אינוועסטירן זיין פאַרמעגן אויף אַ זיכערן ריוח און דער סוחר וועט אויך ניט בלייבן אָן באַלוינונג ווען זיינע אונטערנעמונגען וועלן זיך געפינען אין אַ גרויסער און וואַקסנדיקער רעפּובליק. פאַר די פליישיקע בעל־מלאכות, פאַבריקאַנטן און לאַנדווירטן עפנט דאָס לאַנד די גרעסטע מעגלעכקייטן.

אַזוי ווי אונדזער פאָלק איז שוין הונדערטער יאָרן באַרויבט פון רעכט און ערד־באַלעבאַטישקייט וועלן עס די יידן מיט אַ גאַר באַזונדערער פרייד אָפּשאַצן ווען זיי וועלן קומען דאָ אַהער אין אַ לאַנד וואו זיי וועלן קאָנען זייער תבואה שניידן און אָן מורא פּאַשען זייערע סטאַדעס. זיי וועלן פריי און אומגעשטערט קאָנען געניסן רעליגיעזע רעכט און בירגערלעכע פרייהייט; זיי וועלן קאָנען צופרידענע און רואיקע אויפהייבן זייער קול צו אים, וואָס האָט זייערע אבות דערהאַלטן אין דער מדבר און מיט נצחון אַרויסגעפירט פון מצרים; צו דעם וואָס האָט צוגעזאָגט צו דערפילן זיין צוזאָג; וואָס האָט אונדז אויסדערווילט פאַר זיין פאָלק און איז געגאַנגען פאָרויס פאַר אונדז ווי אַ וואָלקנזייל בייטאָג און ווי אַ פייערזייל ביינאַכט.

אין זיין נאָמען לעב איך צוריק אויף, באַניי איך און שטעל אויף דאָס יידישע פאָלק אונטער דעם גענאַד און אונטער דעם שוץ פון דער קאָנסטיטוציע און פון די געזעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און איך באַשטים אַלע אונדזערע פּריווילעגיעס ווי אויך דעם נאָמען, דעם שטאַנד און די מאַכט צווישן די פעלקער ווי זיי זיינען געווען אָנערקענט אין די צייטן פון די שופטים ביי יידן. איך ריכט זיך אַז אַלע אונדזערע פרומע רבנים, פרנסים, שול־פאַרשטייער און אונדזערע ברידער בכל תפוצות ישראל וועלן מיט איבערגעגעבנקייט פאַרשפּרייטן און באַגלייבט מאַכן דעם אויפרוף.

יענע פון אונדזער פאָלק וואָס וועלן מחמת עלטער אָדער ליבע צו דער היים וועלן פאַרבלייבן אין די לענדער וואו זיי וואוינען, מעגן זיי דאָס טאָן. אויב זיי ווערן פון די רעגירונגען גוט באַהאַנדלט זאָלן זיי בלייבן טריי די מלוכות וואָס באַשיצן זיי. מען ריכט זיך

אבער אז זיי וועלן העלפן דער אויסוואנדערונג פון די יינגערע און אונטערנעמונגספעאיקערע. זיי זאלן זיך באמיען צו שיקן אין אונדזער לאנד אריין אזעלכע וואס זאלן דערהייבן אונדזער קראפט און כאראק־טער דורך זייער ערלעכקייט און פאטערלאנד ליבע.

די יידן וואס דינען אין מיליטער ביי די פארשיידענע אייראפע־אישע הערשער זאלן אויף ווייטער אנהאלטן זייער ראנג און בלייבן געטריי און בראוו אין דינסט.

איך באפעל אז עס זאל אנגעהאלטן ווערן א שטרענגע נייט־ראליטעט אין דער מלחמה [וואס איז דאמאלס פארגעקומען] צווישן די טערקן און די גריכן. דאס דארף געטאן ווערן מיט דער אויס־רעכענונג ניט צו שעדיקן דער גרויסער צאל יידן וואס געפינען זיך אונטער דער דריקנדיקער אטאמאנישער הערשאפט.

די יערלעכע נדבות וואס אונדזערע פרומע ברידער שיקן אין דער הייליקער שטאט ירושלים — וואס הלוואי זאל זי גאט בקרוב ווידער אויפבויען — זאלן ווייטער געשיקט ווערן מיט דער זעלביקער פריי־געביקייט. אונדזערע העכערע בילדונג-אינסטיטוציעס און די גמילות חסדים חברות זאלען אומעטום פארמערט ווערן כדי ביים אויסדערוויילטן פאלק זאל זיך אלץ מער פארשטארקן חכמה און פאר־שטענדעניש. איך שאף אפ אויף תמיד פאליגאמיע, וואס הערשט נאך, אן שום רעליגיעזן גרונט, ביי די יידן אין אפריקע און אין אזיע. איך פארבאט חתונות און קדושין אויב ביידע צדדים האבן נאך ניט דער־גרייכט קיין פאסיקן עלטער און אויב זיי קאנען נאך ניט לייענען און שרייבן די שפראך פון לאנד, די שפראך וואס פארזיכערט די ברכה פון בילדונג און די ווירקונג פון דער וויסנשאפט אויף זייערע קינדער.

תפילה טאן זאל מען תמיד אויף לשון קודש, אבער עס ווערט פארגעלייגט אז מוסר דרשות וועגן רעליגיעזע ענינים זאלן געהאלטן ווערן אויף דער לאנד-שפראך. עס זאלן איינגעפירט ווערן בלויז אזעלכע רעפארמען וואס וועלן זיין אין איינקלאנג מיטן אלטן גלויבן און צוגעבן דעם גאטדינסט מער פייערלעכקייט. די קאראימער, די שומרונים, די שווארצע יידן פון אינדיע, פון אפריקע און די פון קאשין, כינע און די סעקטע ביי די ברעגן פון מאלאבאר, זיינען באטראכטיקט

צו די זעלביקע רעכט און פריווילעגיעס ווי אלע וואס געהערן צום ברית אברהם און היטן אפ אדער רעספעקטירן תורת משה.

די אמעריקאנער אינדיאנער, וואס לויט זייער אפשטאם, גאט־דינסט, דיאלעקט, שפראך, קרבנות, חתונות, גטן, קבורה, תעניתים, טבילות, שטראפן, ערי מקלט, שבטים איינטיילונגען, כוהנים גדולים, מלחמות און נצחונות — שטאמען זיי מסתמא, ווי מען גיט אן, פון יענע יידישע שבטים וואס זיינען אוועקגעפירט געווארן פונעם אשורישן קיניג — זאלן זיי אויף א פאסיקן אופן באקאנט ווערן מיט זייער אפשטאם, דערהויבן ווערן, ציוויליזירט ווערן און לסוף פאר־אייניקט ווערן מיט זייערע ברידער, מיטן אויסדערוויילטן פאלק.

זאל פון די יידן פון דער וועלט געזאמלט ווערן א יערלעכער אפצאל פון דריי שקלים זילבער אדער פון איין שפאנישן טאלער. דאס זאלן טאן די נאמנים פון יעדער קהילה. דאס געלט זאל פארנוצט ווערן איינצואָרדענען די רעגירונג, אונטערצושטיצן די עמיגראציע, איינצוקויפן לאנדווירטשאפטלעכע מכשירים און אויף נייטיקע באַ־דערפענישן. אויך זאלן דערפון אויסגעהאלטן ווערן יענע וואס וועלן זיך איצטער באזעצן [אויף גראנד איילענד]. דערויף זאלן אויך פאר־ווענדט ווערן די פרייווויליקעביישטייערונגען.

יעדער יאר זאל דאס פאריזער קאנסיסטאריום אויסקלייבן א שופט. אין דעם קאנסיסטאריום זאל זיך דעמאלט געפינען א ניי־געוויילטער פארשטייער פון יעדער געמיינדע.

ווי די פארשטייער באשטים איך איצטער די געלערנטע און פרומע:

אבר[הם] דע קאלאנא, ריטער פון דער אייזערנער קרוין, רב הכולל און יושב ראש פון קאנסיסטאריום אין פאריז.

ר. אנדראדע און בנימין גראדים פון באַרדאָ.

די הויפט ראבינער פון די אשכנזים און ספרדים פון לאנדאן: הערשעל און מעלדאלא.

אהרן נונעז קארדאזא פון גיבראלטאר

אברהם בוסנאק פון ליווארנא

פראפ. גאנז און ד״ר צונץ פון בערלין

ד״ר לעא וואלף פון האמבורג

כדי זיי זאָלן דעם דאָזיקן אויפרוף פאַרשפּרייטן און אויך כדי זיי זאָלן מיט דער נייטיקער פולמאַכט קאָנען דערוויילן אַגענטן אין די פאַרשיי־דענע לענדער פון דער וועלט צו שאַפן עמיגראַציע געזעלשאַפטן וואו די יידן פון יעדער שטאַט אָדער מלוכה זאָלן קאָנען האַנדלען פאַראייניקט און געאייניקט ווי אַ באַזונדערע קערפּערשאַפט מיט אַ פירער, וואָס איך וועל אויף זייער פאַרלאַנג באַשטימען. די דאָזיקע באַפולמעכטיקטע זאָלן תיכף קריגן אָנווייזונגען. אין אַ בריוו צום פאָלק וועט באריכות דערקלערט ווערן דער צוועק און דער ציל פונעם פּלאַן. דאָס פאָרי־זער קאָנסיסטאָריום ווערט באַפולמעכטיקט אויסצואוויילן דריי פאַר־אַנטוואָרטלעכע און חשובע מענטשן און זיי שיקן אין די פאַראייניקטע שטאַטן צו באַזוכן דאָס לאַנד און באריכטן צום פאָלק וועגן דעם מצב פונעם לאַנד איצט און אויף וואָס מען קאָן זיך ריכטן.

איך באַשטים דעם ערשטן אדר תפּק״ו [דעם 7טן אַפּריל 1826] פאַר אַן אַלגעמיינעם יום טוב, ווי אַ טאָג פון לויב צום גאָט פון ישראל פאַר די פולע ברכות און פאַר דעם שוץ וואָס ער האָט צוגעטיילט זיין פאָלק. לאָמיר ביי דער געלעגנהייט בעטן אין אונדזערע תפילות אַז גאָט זאָל אויך אויף ווייטער אָנהאַלטן זיין חסד אויף אונדז און אַז עס זאָלן דערפילט ווערן זיינע הבטחות אויף דעם הויז פון ישראל.

איך דערוואַרט אַז עס זאָל הערשן ביי אונדז שלום ושלוה, ליבע און גוטער ווילן צו אַלעמען; טאָלעראַנץ און פּריוויגיביקייט צו אונ־דזערע פריינט פון אַלע אמונות — דאָס ווערט אונדז געבאָטן פון די מילדע און יושרדיקע געזעצן פון אונדזער אמונה. מוט און געטריי־שאַפט אין דערפילן אַלע אונדזערע התחייבותן און אין דער זעלביקער צייט מעסיקייט, שפּאַרזאַמקייט און פליים אין אונדזער אויפפיר.

איך בעט אייך תפילה צו טאָן מיט כוונה און צום סוף וויל איך אייך ערנסט בעטן: היט די געבאָטן פון אייער האַר, אייער גאָט, גייט אין זיינע וועגן, היט אָפּ זיינע געזעצן, רעכט און יושר, ווי עס שטייט געשריבן אין זיין תורה: „כדי דו זאָלסט באַגליקן אין וואָס דו טוסט און וואוהין דו ווענדסט זיך".

אַרויסגעגעבן אין באָפאַלאָ, אין שטאַט ניו־יאָרק, אום תשרי התפ״ה, דעם 5טן סעפּטעמבער 1825, אין 50סטן יאָר פון דער אַמערי־קאַנער אומאָפּהענגיקייט. געחתמעט — א. ב. סייקסעס, סעקר.

58

קאַנטאָניסטן

פון אלעקסאַנדער הערצענס זכרונות

1835

די ווייטערדיקע באַשרייבונג איז פון די זכרונות פונעם באַרימטן רוסישן שריפטשטעלער און פרייהייטס־קעמפער אלעקסאַנדער הערצען (1812 — 1875), וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרשיקט אין טיף רוסלאַנד פאַר זיינע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. אין 1835 איז ער פון פּערם פאַרשיקט געוואָרן קיין וויאַטקע. אויפן וועג קיין וויאַטקע האָט הערצען אָנגעטראָפן אַ פּאַרטיע קאַנטאָניסטן וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ שווערן איינדרוק.

א.

— וואוהין און וועמען פירט איר דאָס? — האָב איך געפרעגט דעם אָפיציר.

— פרעגט גאָרנישט, דאָס האַרץ ווערט צעריסן. אמת, וועגן דעם ווייסן די העכערע, אונדזער זאַך איז אויסצופירן די באַפעלן. נישט מיר טראָגן די אחריות פאַר דעם. מענטשלעך גענומען איז עס אָבער נישט שיין.

אָבער אין וואָס גייט עס? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— זעט איר, מען האָט אָנגעקליבן אַ כאַליאַסטרע פאַרשאָלטענע יידעלעך פון אַכט־ און ניין־יעריקן עלטער. אין פלאָט אָדער אַנדערש וואו קלייבט מען זיי — איך ווייס עס נישט. צוערשט האָט מען זיי געהייסן טרייבן קיין פּערם. פּלוצלונג איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג. איצט טרייבן מיר זיי קיין קאַזאַן. איך האָב זיי איבערגענומען פאַר אַ וויאָרסט הונדערט. דער אָפיציר וואָס האָט זיי מיר איבערגעגעבן

האָט מיר געזאָגט אַז מען האָט פון זיי גרויסע צרות. אַ דריטל איז געבליבן אויפן וועג [דער אָפיציר האָט מיר אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דער ערד]. אַ העלפט וועט נישט דערגיין ביז צום באַשטימונגס־אָרט — האָט ער צוגעגעבן.

— עפּידעמישע קראַנקהייטן, אָדער עפּעס אַנדערש — האָב איך געפרעגט, אַן אויפגעטרייסלטער ביז אין די טיפענישן.

— ניין, נישט קיין עפּידעמיעס; זיי שטאַרבן גלאַט אַזוי, ווי די פליגן. אַ יידל, ווייסט איר דאָך, איז אַזוי שוואַך, אַזוי אָפּגעמאַ־גערט, פונקט ווי אַן אָפּגעקראַכן קעצל, און איז ניט געוואוינט צו דרעפּטשען אין דער בלאָטע אַ שעה צען און צו עסן דאָרע סוכאַרעס. און ווידער, צווישן פרעמדע מענטשן, אָן אַ פאָטער, אָן אַ מוטער, אָן יעדער צערטלעכקייט, נו, הוסט עס, און — קיין מאַהילעוו! [דאָס איז אַ רוסיש וואָרט שפּיל: „מאַהילע" באַטייט אין רוסיש אַ קבר]. און זאָגט מיר, איך בעט אייך, צו וואָס האָט דאָס זיי געטויגט? וואָס קאָן מען מאַכן מיט קליינטשיקע קינדער?

— ווען קלייבט איר זיך אין וועג אַריין? — האָב איך זיך אָנגערופן.

— אייגנטלעך איז שוין לאַנג צייט. נאָר דער רעגן איז שוין געווען גאָר שטאַרק... עך, דענשטשיק, הייס צונויפרופן דאָס קליינ־וואַרג.

מען האָט געבראַכט צו פירן דאָס קליינוואַרג און מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער ריי. אָ, דאָס איז געווען איינס פון די סאַמע שרעקלעכסטע בילדער, וואָס איך האָב ווען עס איז אין מיין לעבן געזען. אָרעמע, אָרעמע קינדער!

די יינגלעך פון צוועלף—דרייצן יאָר האָבן זיך נאָך ווי עס איז געהאַלטן, נאָר די קליינינקע פון אַכט—צען יאָר... קיין איין שוואַר־צער מאַלער־פּענדזל וועט נישט אויסרופן אַזאַ מוראדיק בילד אויפן לייוונט... בלייכע, אויסגעמאָגערטע און אויסגעמאַטערטע, מיט צע־טראָגענע בליקן — זיינען זיי געשטאַנען אין די גראָבע, ניט צוגעמאָס־טענע, גרויסע סאַלדאַטן־שינעלן מיט די שטייענדיקע קעלנער, ווענדנ־דיק עפּעס ווי אַ הילפלאָזן צעווייטיקטן רחמנות בליק אויף די גאַרניזאָן סאַלדאַטן וואָס האָבן זיי אויסגעגלייכט אין דער גלייכער ריי. די

ווייסע ליפּן, די בלויע רעדער אונטער די אויגן האָבן עדות געזאָגט אויף פּיבער אָדער פֿאַרקילונג. און די דאַזיקע קינדער, אָן יעדער מוטערלעכער אויפֿזיכט, אָן יעדער צערטלעכקייט, געטריבן און פֿאַר־פרוירן פֿון די ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן פֿון צפֿונדיקן אייז־ים אָן יעדער שטערונג, זיינען געגאַנגען גלייך אין קבֿר אַריין... דערביי דאַרף מען באַמערקן אַז זיי האָט געפֿירט אַ גוטמוטיקער אָפֿיציר, וואָס איז געווען אַ רחמנות אויף די קינדער, און ווען אַנשטאָט אים וואָלט זיך געטראָפֿן אַ טיפּישער מיליטעריש־פּאָליטישער עקאָ־נאָם?...

איך האָב גענומען דעם אָפֿיציר פֿאַר דער האַנט און זאָגנדיק אים: „היט די קינדער”, האָב איך זיך געוואָרפֿן אין מיין פֿורל אַריין. מיר האָט זיך געוואָלט צעכליפּן... איך האָב געפֿילט אַז איך וועל נישט אויסהאַלטן.

ב. אַ קאַנטאָניסטס זכרונות

פֿון די יאָרן 1852 — 1859

דער שרייבער פֿון די שורות, געוועזענער מיליטער־שרייבער פֿון די קאַנטאָניסטן, משה שפּיגל, איז געבוירן געוואָרן אין אַ מיטל־פֿאַרמעגלעכער פֿאַמיליע אין זאַסלאַווער קרייז, וואָלינער גובערניע. צו 6 יאָר בין איך געוואָרן אַ יתום נאָכן פֿאָטער און צו זיבן יאָר בין איך שוין געווען געכאַפּט [אין יאָר 1851] און אָפּגעגעבן פֿאַר אַ רעקרוט. נישט לאַנג פֿאַר דעם האָט מיין מוטער אויסגעגעבן אַ סך געלט מיך צו באַפֿרייען, אָבער אויפֿן אַכטן יאָר בין איך געוואָרן געכאַפּט און מען האָט מיך אַוועקגעשיקט קיין טאָבאָלסק.

איך וועל דערציילן כּסדר ווי ס׳איז פֿאָרגעקומען.

ווען מען האָט מיך צום ערשטן מאָל געכאַפּט אין 1851־טן יאָר איז מיין מוטער נישט געווען אין דער היים. נאָך גרויסער מי איז איר געלונגען געוואָר צו ווערן, אַז מען האָט מיך אַוועקגעפֿירט קיין נאָוואָראָד־וואָלינסק. דאָרטן האָט מיין מוטער מיך אויסגעקויפֿט און, ביז ס׳האָט זיך נישט געענדיקט דער נאַבאָר, בין איך געווען באַ־האַלטן דריי חדשים ביי אַ קליינרוס אויפֿן אויוון.

איך געדענק, ווינטער 1851 זיינען געקומען צו אונדז אַ סך קרובים צו באַטראַכטן וואָס ווייטער צו טאָן מיט מיר. כדי אויסצומיידן אַז מיין ברודער לוי זאָל נישט געכאַפּט ווערן איז ער נאָך ביים פֿאָטערס לעבן אַוועקגעפֿירט געוואָרן צו אַ פֿעטער קיין לעמבערג. די קרובים האָבן באַשלאָסן אַז מיר זאָלן פֿאַרקויפֿן דאָס הויז און די גאַנצע ווירטשאַפֿט און זאָלן אַלע אַוועקפֿאָרן נאָך פּסח קיין עסטרייך. מען האָט אַזוי געטאָן. מיין מוטער מיט די קינדער זיינען אָנגעקומען קיין וואָלאָטשיסק, וואו עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַ מאָן 24, עמיגראַנטן. די מאָלדאַוואַנעס און יידישע שווינדלער האָבן זיך אונטערגענומען פֿאַר 20 רובל פֿון אַ פּערזאָן איבערצופֿירן אַלע איבערן טייכל אויף יענער זייט גרענעץ צו אַ געוויסן יידן. איידער וואָס ווען האָבן זיי גענומען צו 10 רובל פֿון יעדן האָנטגעלט. ס'איז געווען ביינאַכט פֿון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק. די מאָלדאַוואַנעס האָבן זיך געמאַכט ווי זיי פֿירן איבער אויף אָקסן פֿאַשע פֿאַר זייערע פּי. מען האָט אונדז אַוועקגעלייגט אין אַ וועלדל און געהייסן נישט אויפֿשטיין, ווייל ס'קאָן אונדז באַמערקן די גרענעץ-וואָך.

און וואָס איז אַרויסגעקומען? פֿרייטיק, 7 אַוונט, האָבן דראָגונער אויף פֿערד אַרומגערינגלט דאָס וועלדל און אַלע ביז איינעם פֿאַרנומען. שבת האָט מען די קינדער אָנגעטאָן רינגען אויף די הענט און צונויפֿגעבונדן אין צווייען. די עלטערע האָט מען פֿאַרקאָוועט אין קייטן און אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. און פֿון דאָרטן יעדן אין זיין שטאָט צום משפּט. דערווייל זיינען מיר געבליבן אין תּפֿיסה. סוף מאַי האָט מען אונדז פֿאַר געלט באַפֿרייט פֿון תּפֿיסה.

באַלד נאָך דער געשעעניש, אין יאָר 1852, האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות צו דער מלחמה מיט טערקיי. אומגעריכט איז מען צוגעטראָטן צו אַ נייעם נאַבאָר. אַ שרעקלעכע פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט אַלע יידן... אין אויגוסט האָט מען מיך געכאַפּט, אַוועקגעפֿירט קיין אָסטראָג און פֿון דאָרטן קיין זשיטאָמיר. איך געדענק, אַ 7—8 טעג פֿאַר ראש השנה האָט מען מיך אויסגעטאָן, אַריינגעפֿירט אין דער קאָמיסיע און צוגעשטעלט צו דער מאָס. אַ דאָקטאָר און אַן אָפֿיציר האָבן מיך באַקוקט, אויסגעדרייט אויף אַלע זייטן און אַן געוויסן

אַרויסגערעדט די ווערטער: „גאָדיען — פּריניאַט״ [טויג, צוגענומען]. מאַמענטאַל האָט מען מיך איבערגעגעבן אין אַ שכניש צימער דער מיליטערישער קאָמאַנדע. אינעם צימער זיינען שוין געווען נאָך אַ סך יונגינקע עופּהלעך ווי איך וואָס האָבן געוויינט. פּרויען, כאַפּלושקעס [פּויערטעס] האָבן צוגעטראָגן טעפּ מיט עסן און האָבן איינגערעדט די קינדער נישט צו וויינען; „עסט קאַשע — וועט איר זיין געזונט״ ...אַלע קינדער זיינען געווען אין רעגירונגס קליידער... מיר זיינען געשלאָפן אין די קאַזאַרמעס ווי חזירים. אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר שוין געהערט דעם געוויינלעכן רוף אין ראָטע: „העי, איר זשידיאָנ-קעס״!

2—3 טעג פאַר ראש השנה האָבן די יידישע בעלי עגלות אונטער-גענומען אונדז צו דערפירן ביז קורסק. פון זשיטאָמיר זיינען מיר אַרויסגעפאָרן אין באַגלייטונג פון דער גאַנצער ווייַנענדיקער שטאָט, גלייך ווי מען וואָלט די קינדער געפירט אויפן בית-הקברות אָדער צום הענגען. פאָטערס, מוטערס, ברידער און שוועסטער און קרובים האָבן באַגלייט 3—4 סטאַנציעס. מיך האָט די מוטער באַגלייט ביז קיעוו. דאָרטן האָבן מיר זיך צעשיידט באַגיסנדיק זיך מיט טרערן. מיין מאַמעס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „קינד מיינס, טויש נישט אויס דיין העמד״ [געמיינט דעם יידישן גלויבן].

געקומען זיינען מיר קיין מאָסקווע אין די קנאַקנדיקסטע פרעסט. מען האָט אונדז איינגעאָרדנט אין קאַלטע, שמוציקע קאַזאַרמעס... נאָך פינף טעג איז געקומען דער פליגל אַדיוטאַנט צו באַקוקן אונדז און פרעגן אויב מיר האָבן ניט קיין פּרעטענזיעס, נאָר ווער פון אונדז האָט געזאָלט רעדן ווען קיינער פון אונדז האָט נישט געקענט די רוסישע שפּראַך...

נאָכן פאַרענדיקן דעם „סמאָטר״ זיינען מיר אויפן צווייטן טאָג אַרויס פון מאָסקווע צופוס. די זעקלעך מיט די זאַכן זיינען נאָכגעפאָרן נאָך אונדז אויף פורן. מען האָט אונדז געבראַכט אויף אַ פעלד, וואו ס'איז היינט „כאַינקאַ״ און מען האָט אונדז צעטיילט אויף וואוינונגען. דאָ האָט מען אונדז געזאָגט אַז די רוסישע באַפעלקערונג וויל אונדז נישט אויפנעמען — ערשטנס, ווייל זיי ווילן אונדז פאַר 12 קאָפּיקעס אַ טאָג נישט שפּייזן און צווייטנס, ווייל מיר זיינען נישט קיין קריסטן.

...ביים אריינגיין אין די שטובן האט מען אונדז באגעגנט מיט די ווערטער: „זשידיאנקעס אנטיכריסטן"... מיר האבן זיך אפגע־רעדט צו גיין צוריק קיין מאסקווע... אזוי זיינען מיר א גאנצע קאמפאניע צוריקגעקומען ביינאכט קיין מאסקווע אויף עפעס א פלאץ. די פאליציאנטן פון די בודקעס האבן אונדז ארומגערינגלט. צווישן זיי איז אויך געווען א יידישער סאלדאט. מיר האבן דערציילט אלץ וואס מען טוט מיט אונדז אפ. מען האט אונדז צוגעפירט צו א גרויס שטיינערן הויז פונעם פאליציי־מייסטער. דער פאליציי־מייס־טער האט פארשטאנען אז דער ענין איז אן ערנסטער, האט ער אונדז געהייסן פירן ארדנונגסווייז צום גענעראל גובערנאטאר און אליין איז ער געפארן פאראויס. דער גענעראל גובערנאטאר האט אונדז געהייסן געבן עסן, לייגן שלאפן און ביינאכט האט ער אוועקגעשיקט א פעלדיע־גער צום קריגס־מיניסטער סוכאזנאטעוו דעם 2־טן קיין פעטערבורג. אויף מארגן האט מען אונדז צונויפגענומען. מען האט גערופן דעם פאר־טיע אפיציר און די דיאדקעס און מען האט זיי אלע אפגעגעבן אין געריכט...

דערנאך זיינען מיר געפארן קיין ניזשני־נאווגאראד. אויף די וואוינונגען אין וועג האט מען אונדז געגעבן גוט צו עסן, באזונדערס אויב מיר זיינען אריינגעפאלן צו רייכע. א סך אבער פון אונדז האבן זיך געמאטערט, ווייל זיי האבן נישט געקאנט פארטראגן קיין חזיר. אלע האבן מיר געליטן אויפן מאגן, פון פיבער און באזונדערס פון הויט קראנקהייטן [קרעץ], ווייל לייז האבן זיך ביי אונדז געהאדעוועט אין די מענגעס, כאטש מיר האבן זיך טיילמאל געבאדן און וועש האבן מיר אליין געוואשן...

אין ניזשני זיינען מיר געשטאנען 3 טעג. באגלייט האט מען אונדז זייער פייערלעך. אויף א גרויסן באזאר־פלאץ זיינען זיך צו־נויפגעקומען א סך מענטשן פון פאלק און נאטשאלסטווא. 2 סוחרים מיט א זאק זילבערנע מטבעות האבן אונדז געגעבן אין די הענט צו 50 קאפיקעס, א שטיקל זייף, א ווייס ברויט, 2 העמדער פון ווייסן און רויטן לייוונט, א האנטעך, 2 טיכלעך, א פאר שטיוול, א קעמל און פאדעם מיט א נאדל. דאן האבן זיי אונדז געוואונטשן א גליק־

לעכן וועג, געזונט און האָבן אונדז איבערגעגעבן אַז מיר פאָרן קיין סיביר, קיין טאָבאָלסק...

ביז טאָבאָלסק האָבן מיר זיך שוין געהאַט ווי געהעריק אויסגע־לערנט רוסיש. מיר זיינען דאָרט אָנגעקומען עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה. צוזאַמען האָבן מיר געציילט 110 יינגלעך. די איבעריקע 115 זיינען אויפן וועג פון זשיטאָמיר ביז טאָבאָלסק קראַנק געוואָרן און זיינען געבליבן שטעקן אין פאַרשיידענע לאַזאַרעטן; אַ טייל פון זיי האָבן געהאַלטן ביים שטאַרבן.

דער דעזשורנער אָפיציר און דער אונטער־אָפיציר האָבן אונדז באַגעגנט און האָבן באַלד געגעבן צו וויסן די העכערע קאָמאַנ־דירן... די קאָמאַנדירן זיינען געוועזן דערביי ווי דער דאָקטער האָט אונדז באַטראַכט און געפונען אַ העלפט פון אונדז קראַנק אויף קרעץ. די קראַנקע האָט מען גלייך אָוועקגעפירט אין לאַזאַרעט. צומאָרגנס האָט מען אונדז געבאָדן, אויסגעטוישט די וועש און די גאַנצע באַקליי־דונג. אויך דאָס בעטגעוואַנט און די בעטן האָט מען אַרויסגעטראָגן אויסצולופטערן. אַ גאַנצן חודש האָבן מיר גערוט נאָכן יאַריקן מאַרש פון זשיטאָמיר ביז טאָבאָלסק.

יעדן טאָג 6 אַזייגער האָבן אונדז געוועקט דער אונטער־אָפיציר און די עלטסטע קאַנטאָניסטן. יעדער עלטסטער האָט די קינדער פון זיין צימער געפירט וואַשן. יעדער קאַנטאָניסט האָט אַליין געמוזט פאַרבעטן זיין בעט לויט אַ געוויסן נוסח. ווינטער זיינען מיר אויפ־געשטאַנען ביים ליכט פון אַ חלבן ליכטל. קיין נאַפט איז נישט געווען. דערנאָך האָבן מיר גערייניקט דאָס אָנטועכץ. נאָכן אָנטון זיך האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה און געזונגען אויף קאָמאַנדע די תפלות: „אונדזער פאָטער", „גאָטס־מוטער", „גאָט זאָל אויפשטיין תחית המתים" א. אנד. נאָכדעם האָט מען געטיילט אַ פונט שוואַרץ ברויט מיט זאַלץ. מען האָט אונדז פאַרווערט צו רעדן צווישן זיך ידיש. האָבן מיר גערעדט נאָר אין געהיים. וועגן דאַוונען האָבן מיר ניט געקאָנט אפילו חלומען. צווישן די קאַנטאָניסטן זיינען געווען קינדער פון סיבירער יידן. אין געהיים האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן דעם און יענעם. זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן אַז זייערע עלטערן איז פאַרווערט זיי צו באַזוכן און אויף יידישע ימים־

טובים לאזט מען זיי נישט אפ... און ערשט ווינטער איז פארגעקומען דאס לערנען אונדז 2 מאל טעגלעך. אין „סטרוי" זיינען געווען אלע קינדער, אפילו די קלענסטע. אויף יעדע 10 יינגלעך איז געווען אן עלטסטער פון די קאנטאניסטן. אויף דעם לערנען האבן אכטונג געטאן דער אונטער־אפיציר און דער אפיציר. שווער איז געווען פאר אונדז קינדער דאס מושטירן. שטיי ווי איינגעגראבן, הער די קאמאנדע, אויב נישט — וועט מען דיך שטעלן שפעטער אויף די קני, אין די הענט — א הילצערן זאמד־קעסטל פון 10 פונט און שטיי אזוי... אן מיטאג...

א חוץ מושטירן איז נאך געווען לערנען אין די קלאסן... אין 1854 בין איך נאכן עקזאמען אריבערגעפירט געווארן אין צווייטן נידעריקן קלאס. צו מיין אומגליק האט מען מיר געגעבן צו צייכענען פליגל פון אן אדלער און דאס האט מיך פולשטענדיק דערשלאגן. מאנטיק און דאנערשטיק פלעג איך פונעם לערער באקומען טרוקענע באלוינונגען — מיטן קאנט פון א ליניע עטלעכע מאל איבער דער האנט מיט דער באמערקונג: „וואס, יידל, ווילסט זיך נישט אויסלערנען צייכענען איקאנעס?"

די זאך איז באשטאנען דערין וואס פון די 110 יינגלעך זיינען געבליבן קוים 30—40 וואס זיינען נישט אריבער אין פראוואסלאוויע, נאר זיינען געבליבן יידן. מען האט זיך צו אונדז געטשעפעט און זיך אן אונדז נוקם געווען יעדן טאג כדי מיר זאלן פאלגן און אננעמען פראוואסלאוויע ווי מען האט אונדז געראטן. די אונטערשטע נאטשאלניקעס פלעגן דערפאר באקומען באלוינונגען ווייל זיי האבן געמאלדן אז די קאנטאניסטן נעמען אן פראוואסלאוויע מיטן אייגענעם ווילן, אן צוואנג.

גלייכצייטיק האט מען אונדז, יידישע קינדער, געלערנט זאגן תפילות אין רוסיש, רוסישע תפילות, און יעדן זונטיק האט מען אונדז געפירט אין צערקווע. אפילו די עלטערן פון די סיבירער קאנטאניסטן האבן נישט געוואגט זיך אנצונעמען פאר זייערע קינדער. ביז צו אלעקסאנדער דעם 2־טנס מאניפעסט וועגן פונאנדערלאזן אלע סאלדאטן־קינדער האבן מיר קיין איין יידישן יום־טוב נישט געפייערט,

ווייל מען האָט אונדז נישט אָפּגעלאָזן, אַזוי שטרענג האָט מען אונדז געהאַלטן.

ג. פאָלקסלידער וועגן קאַנטאָניסטן

ייִדן, כ׳וויים איר זייט געקומען
ניט נאָך ווייץ און ניט נאָך קאָרן;
איר זייט דאָך געקומען
נאָך מיינע יונגע יאָרן!

כ׳האָב נישט קיין געלט
פון אייך זיך אויסצוקויפן;
די וועגן האָט איר מיר פאַרשטעלט;
כ׳האָב נישט וואו צו אַנטלויפן.

טרערן גיסן זיך אין די גאַסן,
אין קינדערשן בלוט קאָן מען זיך וואַשן!

געוואַלט! וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג?
צי וועט דען קיינמאָל ניט ווערן טאָג?

קליינע עופעלעך רייסט מען פון חדר,
מ׳טוט זיי אָן יונישע קליידער.

אונדזערע פּרנסים, אונדזערע רבנים
העלפן נאָך אָפּצוגעבן זיי פאַר יונים.

נאָר לאה די אלמנהס איינציק קינד
איז אַ כּפּרה פאַר קהלשע זינד.

ס׳איז אַ מצוה אָפּצוגעבן פּראָסטאַקעס,
שוסטער, שניידער זיינען דאָך ליידאַקעס.

קרעציקע חייציקלעך פון אַ משפחה אַ שיינער
טאָר ניט אַוועקגיין ניט איינער.

אַ בילד פונעם יידישן לעבן אין מערן אין דער ערשטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט

דאָס בילד פונעם יידישן לעבנסשטייגער אין מערן מיט אַ וועלכע הונדערט יאָר צוריק איז גענומען געוואָרן פון די זכרונות פונעם באַקאַנטן תלמוד פאָרשער, מחבר פון „דור דור ודורשיו”, אייזיק הירש וויים (1815—1905), וואָס איז געבוירן געוואָרן אין מערן און דאָרט פאַרבראַכט זיינע יוגנט יאָרן. דאָס בילד פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט אין מערן פּאַסט זיך גאַנץ גוט אויך פאַר אַנדערע אייראָ־פּעאישע — אפילו מערב אייראָפּעאישע — לענדער פון יענער צייט, ווי למשל בייערן.

אין מיין געבוירנשטאָט גרויס מעזעריטש, אין מערן, וואָס ליגט ביי דער בעמישער גרענעץ, האָבן מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט געוואוינט הונדערט איין און פופציק באַלעבאַטים. איך זאָג בפירוש „מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט”, ווייל באמתן האָבן אין דער שטאָט געוואוינט מער משפחות, נאָר זיי האָבן חתונה געהאַט אומגעזעצלעך, דאָס הייסט, אָן דער דערלויבעניש פון דער מאַכט. לויטן געזעץ פונעם לאַנד איז די צאָל משפחות געווען פינקטלעך באַשטימט פאַר יעדן ישוב און די דאָזיקע צאָל האָט ניט געטאָרט פאַרגרעסערט אָדער פאַרקלענערט ווערן. לויטן קייסערלעכן באַפעל האָט מען די צאָל יידישע משפחות ניט געטאָרט פאַרגרעסערן, כדי די יידישע באַפעלקערונג פונעם לאַנד זאָל זיך ניט פאַרמערן. ביים אַרויסגעבן דעם באַפעל האָט מען אָנגענומען ווי אַ יסוד די צאָל

משפחות, וואָס האָט צופעליק דעמאָלט זיך געפונען אין לאַנד, און מען האָט באַשטימט אַז די דאָזיקע צאָל טאָר אין ערגעץ ניט פאַרגרעסערט ווערן און זי האָט אויך ניט געדאַרפט פאַרקלענערט ווערן, ווייל פאַר יעדער דערלויבעניש האָט מען געדאַרפט אָפּצאָלן אַ יערלעכן צינדז און די מאַכט וואָלט געליטן אַ היזק ווען די צאָל משפחות וואָלט זיך געוואָען פאַרקלענערט. אַזוי האָט אויסגעזען דער מצב פון די יידן ביז 1848. דאָס דאָזיקע יאָר האָט געבראַכט געוויסע פאַרלייכטערונגען פאַר די יידן.

אָט דער מצב האָט געהאַט אַ שלעכטע השפּעה אויפן אינעווייניקסטן לעבן פון דער יידישער קהילה. די וואָס האָבן זיך געוואָלט איינשאַפן אַ דערלויבעניש, האָבן געפירט משפטים צווישן זיך. זיי האָבן זיך געקריגט וועגן דער ריי, ווייל יעדער האָט זיך געוואָלט דערשלאָגן פריער. דערפון זיינען אַרויסגעקומען שטאַרקע רייסערייען אין די קהילות און ס׳זיינען אויסגעגעבן געוואָרן גרויסע סומעס געלט אויף משפטים און שוחד. אָפט זיינען רעכט און משפט באַליידיקט געוואָרן אויפן ערגסטן אופן דורך דעם וואָס שיינע יידן זיינען אָפּגעשטופּט געוואָרן פון זייער ריי דורך גבירים. אָבער אַ חוץ די אַלע איבלען זיינען די פרנסים און אפילו פריוואַטע פּערזאָנען אָפט געוואָען אויסגעשטעלט צו סכנה. טייל יונגע לייט, ווען זיי האָבן ניט געקאָנט קריגן קיין דערלויבעניש חתונה צו האָבן, האָבן פאַרקוקט דעם פאַרבאָט און חתונה געהאַט בסוד לויטן יידישן דין. זיי האָבן געלעבט אין כסדרדיקער מורא און סכנה, ווייל אויב די מאַכט איז געוואָר געוואָרן פון דער געהיימער חתונה, האָט זי סיי דאָס פּאָר פאָלק און סיי דעם מסדר קדושין שטרענג באַשטראָפט. אָבער אויך די פרנסים האָבן זיך געפונען אין אַ שלעכטן מצב, ווייל זיי האָבן געמוזט אויף אַלע מעגלעכע אופנים אויסמיידן דאָס געזעץ.

אַזוי פלעגט מען זיך אין טייל קהילות נוהג זיין אויסצושטרייכן אַ באַלעבאָס פון דער ליסט יידישע באַלעבאַטים מיט זיין אייגענער צושטימונג — ווען ער איז געוואָען אַלט אָדער אָן קינדער — און אָנגעבן, אַז דער געגעבענער מענטש איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין חזקה. אויף אַזאַ אופן האָבן די פרנסים געקאָנט דעם פריי־געוואָרענעם פאַמיליע־נומער איבערגעבן אַן

אנדערן. דאָס צוטיילן אַזעלכע רעכט האָט דער קהילה אַריינגע־בראַכט אַ באַדייטנדיקע הכנסה. אין אַ סך פאַלן האָבן זיך די מעשים נוקם געווען אָן די טוער, ווייל ס'האָבן זיך תמיד געפונען שלעכטע מענטשן, מוסרים, וואָס זיינען גרייט געווען איבערצוזאָגן דעם סוד דער מאַכט און שטעלן די פּרנסים אין סכּנה...

תמיד האָט די בלוטיקע פּיאַווקע געזאָגט: גיב, גיב! אָן אָפּ־שטעל: פאַרברויך־שטייער, וועג־שטייער [לייבצאָל] און שטייערן אונטער די פאַרשיידנסטע נעמען, אַלע אונטערן מאַנטל פון געזעץ. שענדלעכע אויספּרעסונגען אָן אַ מאָס, וואָס מען האָט גענומען פון די יידן האָבן געגאָלטן אַלס געזעצלעך, אָבער פאַר רעפאָרמען אין זייער פּאָליטישן מצב איז ניט געווען קיין געזעצלעכער וועג. אין זייערע פליכטן זיינען זיי געווען גלייך צו אַלע בירגער אין דער מדינה, נאָר ווען עס איז געקומען צו רעכט זיינען זיי באַהאַנדלט געוואָרן ווי פרעמדע. אויסצוהאַלטן דאָס לאַנד האָבן זיי געמוזט ביישטייערן צוגלייך מיט אַלע איבעריקע איינוואוינער, נאָר די זאָרג פאַר די באַדערפענישן פאַר זייער אייגענער קהילה איז איבערגעלאָזן געוואָרן פאַר זיי אַליין צו טראָגן.

60

רעדע פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג פון לאָרד מאַקאָליי אין פּאַרלאַמענט

1833

די רעדע, וואָס ווערט דאָ געבראַכט פאַרקירצט, האָט דער באַרימטער לאָרד מאַקאַליי געהאַלטן אינעם ענגלישן פּאַרלאַמענט דעם 17טן אַפּריל, 1833, ווען עס איז אַריינגע־בראַכט געוואָרן אַ פאַרשלאָג פונעם דעפּוטאַט גראַנט, אַז מען זאָל די יידן פון ענגלאַנד פולשטענדיק עמאַנציפּירן. דעפּוטאַט גראַנטס פאַרשלאָג איז דעם 22סטן אַפּריל אָנגע־נומען געוואָרן מיט אַ מערהייט פון 107 שטימען. אין לאָרדן הויז איז דער פאַרשלאָג דורכגעפאַלן מיט אַ מערהייט פון 104 שטימען קעגן 54. די יידנפראַגע איז געשטאַנען אויף דער טאָג אָרדענונג פונעם פּאַרלאַמענט זינט 1831. דאָס לאָרדן־הויז האָט אָפּגעהאַלטן די פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן ביז 1858.

מיין געערטער פריינד [סער אינגליז, אַ קעגנער פון יידישער עמאַנציפּאַציע] אַפּעלירט צו אונדז ווי קריסטן, וויל איך אים פרעגן ווי אַזוי ער פאַרשטייט דאָס גרויסע געבאָט וואָס איז דאָס געזעץ פון די נביאים. קאָנען מיר זאָגן אַז מיר באַהאַנדלען אַנדערע אַזוי ווי מיר וואָלטן געוואָלט אַז זיי זאָלן אונדז באַהאַנדלען, ווען מיר פאַר־שאַפן זיי אפילו די קלענסטע יסורים ? ווי קריסטן זיינען מיר מחויב ערשטנס צו באַטראַכטן זיך, צי מיר פאַרשאַפן זיי [די יידן] שמאַרצן מיטן אויסשליסן זיי פון פאָלקס צוטרוי ; און צווייטנס, אויב עס איז נייטיק צו פאַרשאַפן די ליידן כדי צו פאַרהיטן פון אַ גרעסער

שלעכטס. אַז מיר פאַרשאַפן זיי שמאַרצן מיטן אויסשליסן זיי פון פאָלקס צוטרוי וועט מיין געערטער פריינד מסכים זיין. ווי אַ קריסט איז ער דעריבער מחויב זיי צו באַפרייען פון די ליידן, אויסער דעמאָלט ווען ער קאָן באַווייזן אַז עס איז נייטיק פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין אַז זיי זאָלן ווייטער ליידן...

ווען מיין געערטער פריינד זאָגט אונדז אַז ער וועט זיי דערלויבן צו האָבן אייגנטום ווי גרויס עס זאָל ניט זיין, נאָר אַז ער וועט זיי ניט דערלויבן צו האָבן די קלענסטע פּאָליטישע מאַכט, איז ער זיך אַליין סותר. אייגנטום איז מאַכט... עס איז אַבסאָלוט קלאָר אַז אַ יעדער ייד וואָס האָט אַ מיליאָן, קאָן זייער גרינג זיין זייער וויכטיק אין לאַנד.. ער מעג רעגירן די געלט בערזע, ער מעג באַאיינפלוסן די בערזעס; ער מעג פאַרבעטן ווערן צו קאָנגרעסן פון קייסאָרים און מלכים. גרויסע הערשער מעגן מיט אים פאַרהאַנדלען וועגן אַ הלוואה ניט דורך צובינדן אים צו אַ שטול און אַרויסרייסן אים זיינע ציינער, נאָר זיי מעגן אים באַהאַנדלען ווי אַ גרויסן הערשער. און זיי, די מלכים, מעגן אָפּלייגן דאָס אונטערשרייבן אַן אָפּמאַך, אָדער דאָס דערקלערן מלחמה, ביז זיי האָבן זיך בעראַטן מיט אים. דאָס איז אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין; נאָר ער טאָר ניט זיין קיין „פּריווי קאָונסילאָר" און מען טאָר אים ניט רופן „רייט אנאָרייבל" [דער טיטל פון אַ פּאַרלאַמענט דעפּוטאַט], ווייל דאָס איז פּאָליטישע מאַכט. ווּעמען ווילן מיר דאָס אַזוי אָפּנאַרן?...

נאָך אַ באַשולדיקונג איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן קעגן די יידן... דער געערטער מיטגליד פון אָלדהעם [וויליאַם קאָבעט, אַ ראַדיקאַלער דעפּוטאַט און אַ פאַרביסענער קעגנער פון יידישער גלייכבאַרעכטי־קונג] זאָגט אונדז אַז די יידן זיינען בטבע אַ מיאוסע ראַסע, אַ גייציקע ראַסע, אַ געלט־גייציקע ראַסע; אַז זיי מיידן אוים יעדע ערלעכע אַרבעט; אַז זיי זייען ניט און שניידן ניט; אַז זיי פּאַשען ניט קיין שאָף, און וואוכעריי איז די איינציקע באַשעפטיקונג צו וועלכער זיי פּאַסן זיך; אַז זיי פאַרמאָגן ניט קיין פריינדלעכקייט. אַזוי האָבן אַלעמאָל גערעדט פאַנאַטיקער. זיי פאַרפעלן קיינמאָל ניט אַרויסצו־טרעטן צו באַשטראָפן די זינד וואָס די שטראָף ברענגט אַרויס. ענגלאַנד איז געווען פאַר די יידן ווייניקער ווי אַ האַלבע היים און מיר

זידלען זיי פארוואס זיי פילן זיך אין ענגלאנד ניט מער ווי האלבע פאטריאטן. מיר באהאנדלען זיי ווי שקלאפן און וואונדערן זיך פאר־וואס זיי באטראכטן אונדז ניט פאר קיין ברידער. מיר צווינגען זיי זיך צו פארנעמען מיט מיאוסע באשעפטיקונגען און דערנאך רעדן מיר זיי אויס פארוואס זיי פארנעמען זיך ניט מיט קיין ערלעכער ארבעט. מיר האבן זיי שוין לאנג פארבאטן צו פארמאגן לאנד און מיר באקלאגן זיך אז זיי פארנעמען זיך מערסטנס מיט האנדל. מיר פארשליסן פאר זיי אלע וועגן פון אמביציע און דאן פאראכטן מיר זיי דערפאר ווייל זיי ראטעווען זיך דורך גייציקייט. במשך פון א סך דורות האבן מיר אין אלע אונדזערע האנדלונגען אויסגענוצט אונדזער שטארקערע מאכט; און דערנאך פילן מיר אן עקל ווען זיי באנוצן זיך מיט כיטרעקייט וואס איז די נאטירלעכע און אנגענומענע פאר־טיידיקונג פון די שוואכע קעגן די גוואלט־טאטן פון די שטארקע. אבער זיינען זיי אלע מאל געווען א וואוכערישע, געלט־גייציקע און געלט־זאמלערישע ראסע? קיינער ווייסט עס ניט בעסער ווי מיין געערטער פריינד, דער פארטרעטער פונעם אקספארדער אוניווערזיטעט [סער אינגליז] אז עס איז גארניט ניטא אין זייער נאציאנאלן כאראק־טער וואס דערלאזט זיי ניט צו זיין פאסיק פאר די העכסטע בירגער־לעכע פליכטן. ער ווייסט אז נאך אין דער קינדהייט פון דער ציוויל־זאציע, ווען אונדזער אינדזל איז נאך געווען אזוי ווילד ווי ניי־גווינעא, ווען קונסט און ליטעראטור זיינען נאך געווען אומבאקאנט אין אטען, ווען אפשר בלויז א שטרוי־באדעקט געצעלט איז געשטאנען אויף דעם פלאץ וואס האט שפעטער געדארפט זיין רוים, — האט דאס דאזיקע פאראכטע פאלק שוין געהאט באפעסטיקטע שטעט און צעדער־פאלאצן, זייער פראכטפולן טעמפל, זייערע פלאטן און האנדלס שיפן, זייערע אקאדעמיעס, וואו דאס געזעץ איז שטודירט געווארן, זייערע גרויסע שטאטסלייט און סאלדאטן, זייערע פילאזאפן, זייערע היסטאריקער און זייערע פאעטן. וואס פאר א פאלק האט אמאל געקעמפט בראווער פאר זיין אומאפהענגיקייט קעגן אן איבערוועגנ־דיקער מאכט? וואס פאר א פאלק האט אין זיינע לעצטע אגאניעס געגעבן אזעלכע קלארע באווייזן פון דעם וואס עס קאן דערגרייכט ווערן אין בראווער פארצווייפלונג? און אויב במשך פון פיל יאר־

הונדערטער האָבן די אונטערדריקטע יורשים פון קעמפער און געלערנ־טע דעגענערירט פון זייערע אורעלטערנס פעאיקייטן; אויב ווען זיי זיינען געווען אויסגעשלאָסן פון געזעץ און איינגעבויגן אונטערן יאָך פון שקלאַפעריי, האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צו געוויסע זינד פון פאַרברעכער און שקלאַפן, וועלן מיר דאָס באַטראַכטן ווי זייער שולד? דאַרפן מיר דאָס ניט בעסער באַטראַכטן ווי אונדזער שאַנד און האָבן חרטה דערויף? לאָמיר זיי באַהאַנדלען יושרדיק, לאָמיר עפענען פאַר זיי די טיר פונעם פאַרלאַמענט. לאָמיר עפענען פאַר זיי יעדע קאַריערע וואו מען קאָן אַרויסווייזן פעאיקייט און ענערגיע. ביז מיר האָבן דאָס ניט געטאָן לאָמיר ניט זאָגן אַז ישעיהס ברידער פאַרמאָגן ניט קיין געניאַליטעט און אַז עס איז ניטאָ קיין העראָאיזם ביי די יורשים פון די מאַקאַבייער.

61

דער בלוט־בלבול אין דמשק

1840

דעם 5טן פעברואר 1840 איז אין דמשק, הויפט שטאָט פון סיריע, פאַרשוואונדן דער קאַפּוצינער מאָנאַך טאָמאַסאָ. באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די יידן האָבן אים דערהרגעט. דער פראַנצייזישער קאָנסול אין דמשק וואָס איז געווען אַ טונקעלער פאַרשוין האָט אונטערגעשטיצט דעם בלבול און אויסגעווירקט ביי דער עגיפּטישער מאַכט אַז מען זאָל אַרעסטירן אַ צאָל יידן, צווישן זיי אויך דריי רבנים, ווי שולדיקע אין דעם מאָרד. די אַרעסטירטע זיינען שטאַרק געפּייניקט געוואָרן, צוויי פון זיי זיינען געשטאָרבן פון די שרעקלעכע יסורים, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט אַריבער־טראָגן און איינער איז געוואָרן אַ מאַכמעדאַנער. צווישן די יידן אין אייראָפּע, ספּעציעל אין ענגלאַנד, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו ראַטעווען די אומשולדיקע. עס איז געשיקט געוואָרן קיין דמשק אַ יידישע דעפּוטאַציע וואָס איז באַשטאַנען פון סער מאָזעס מאָנטעפיאָרע, אַדאָלף קרעמיע און פּראָפ. מונק. די דעפּוטאַציע האָט מיט דער הילף פון אַ קאָלעקטיווער נאָטע פון ניין אייראָפּעאישע קאָנסולן צום הערשער מאַכמעד אלי, גע־צוואונגען אַלין צו באַפרייען די אומשולדיקע יידן. איידער מאָזעס מאָנטעפיאָרע איז אַליין אַוועק קיין דמשק האָט ער זיך געלאָזט אינפאָרמירן וועגן דעם בלוט בלבול פון פאַר־שיידענע ענגלישע באַאַמטע וואָס האָבן באַזוכט דמשק. לייטענאַנט שאַדוועל איז געווען איינער פון די וואָס האָט מאָנטעפיאָרען צוגעשטעלט אַן אויספירלעכן באַריכט.

שאדוועלס באַריכט און די באַשרייבונג פון דער באַפרייאונג פון די דמשקער יידן זיינען גענומען פון מאַנטעפיאָרעס טאָגבוך.

א. לייטענאנט שאדוועל צו מאָזעס מאנטעפיאָרע

איר מאיעסטעטס דאמפער קאסטאר, מאלטא, דעצעמבער 5, 1840.
חשובער הער:

כ׳האָב דערפילט אייער בקשה און איך נעם זיך די פרייהייט אייך איבערצוגעבן עטלעכע פון מיינע אבסערוואציעס וואָס זיינען נוגע דעם ענין פון די יידן אין דמשק וואָס איך האָב געזען ביי מיין לעצטן באַזוך אין דער שטאָט. איך וויל אייך אויך איבערגעבן וועגן דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט די וואָג און ריכטיקייט פון די באַווייזן וואָס אויף זיי דאַרף זיך שטיצן די באַשולדיקונג.

איך בין געוועזן אין דמשק אָנהייב חודש אויגוסט פון היינטיקן יאָר. מיינע באַגלייטער זיינען געווען די גייסטלעכע הער מאַרשאַל, טשאַפליין פון איר מאַיעסטעטס דאמפער „קאַסטאָר" און הער שלינץ מיט זיין פרוי פון מאַלטא.

גלייך ווי איך בין דעם 10טן אויגוסט אָנגעקומען קיין דמשק בין איך אין דער באַגלייטונג פון ה׳ מאַרשאַל אַוועק אינעם יידישן קוואַרטאַל פון דער שטאָט און בין צוערשט אַריין אינעם הויז פון דוד הררי, איינעם פון די באַשולדיקטע, וואָס איז דעמאָלט געוועזן אַרעסטירט. אין דעם הויז האָט מען געזאָלט האָבן דערהרגעט דעם פאָטער טאָמאַסאָ. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין דער דירה וואו מען האָט דעם אפשיילעכן מאָרד געזאָלט האָבן באַגאַנגען.

עס איז אַ קליין צימער, לינקס פונעם קאָרידאָר, מיט פענצטער פון פאָרנט, וואָס גייען אַרוים אויפן הויף, און גרויסע פענצטער פון הינטן וואָס גייען אַרוים אויף דער גאַס. דאָס לעצטע איז וויכטיק, ווייל עס וואַרפט אַ ספק אויף דער באַגלייבטקייט פון דער באַשולדיקונג. עס איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין אַז אַ מענטש זאָל זיך האָבן

שטיל אונטערגעגעבן די ליידן פון טויט און ניט האָבן גערופן נאָך הילף. און וואָלט ווער געשריען, איז אוממעגלעך אַז די געשרייען וואָלטן ניט געהערט געוואָרן אויף דער גאַס.

אין דער דערבייאיקער וואוינונג, אויף דער אַנדערער זייט פונעם קאָרידאָר, האָט מען אונדז געוויזן אַ פלעק אויף דער וואַנט וואָס די פאַנטאַזיע פון די באַשולדיקער האָט מכלומרשט פאַררעכנט ווי בלוט. דאָס צימער איז געווען אין אומאָרדענונג; דאָס גאַנצע מעבל איז אַרויסגענומען געוואָרן און דער מאַרמאָרנער דיל איז אויפגעריסן געוואָרן, כדי צו זוכן די ביינער און אַנדערע איבערבלייבענישן פונעם כלומרשטן הרוג.

מיר האָבן שפּעטער באַזוכט דאָס הויז פון מוראַד פאַרכי, מאיר פאַרכי און שלמה פאַרכי. די ערשטע צוויי ווערן באַשולדיקט אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אינעם פאַרברעכן און זיי זיינען אַרעסטירט. מען האָט אונדז געוויזן דאָס צימער וואו טאָמאַסעס באַדינער האָט גע־זאָלט האָבן אומגעבראַכט געוואָרן, און מיר האָבן אויך געזען דאָס בית כסא און דעם קאַנאַל, וואו מען האָט געזאָלט האָבן אַריינגע־וואָרפן די צוויי קערפּערס.

מיר זיינען אויך געווען אין הויז פון האליל סאיד נאַיווי, איינעם פון די קלעגער, און מיר האָבן מיט אים גערעדט. ער האַלט אַ שענק פון אַ צווייפלהאַפטן כאַראַקטער. מען דאַרף צוגעבן אַז דעם מאַנס באַשעפטיקונג גיט ניט קיין גאַראַנטיע אַז ער איז אַן ערלעכער עדות.

דעם קומענדיקן טאָג, דעם עלפטן אויגוסט, זיינען מיר אַוועק באַזוכן דעם לאַטייניש קאָנווענט פון די קאַפּוצינער וואו דער פאָטער טאַמאַסאָ האָט זיך אויפגעהאַלטן. אין דער קאַפּעליע געפינט זיך אַ קבר מיט דער פאָלגנדיקער אויפשריפט:

„דאָ רוט פאָטער טאָמאַס, אַ קאַפּוצינער מאָנאַך, אַ מיסיאָנער, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די יידן דעם 5טן פעברואַר, 1840".

איך בין ניט אינגאַנצן זיכער צי דאָס אויבנגעבראַכטע איז אַ פּינקטלעכע אָפּשריפט פון דער אויפשריפט, ווייל איך האָב דאָס אַראָפּגעשריבן ערשט שפּעטער פון זכרון. אָבער איך קאָן פאַרזיכערן

אז דער אינהאלט איז דער זעלביקער, בפרט אויף ווי ווייט עס איז נוגע דעם וואָרט „אומגעבראַכט".

דורך דעם קאָן מען זען אז די אויפגעקלערטע קאַפּוצינער פאַר־לאָזן זיך אויף דעם פאַרשפּרייטן גלויבן [אז די יידן זיינען באַגאַנגען דעם מאָרד] און נעמען אָן דעם מאָרד ווי אַ פאַקט נאָך איידער עס איז יורידיש באַוויזן געוואָרן.

דעם זעלביקן טאָג האָבן מיר אין דער באַגלייטונג פון ה' און פרוי שלינץ נאָכאַמאָל באַזוכט דעם יידישן קוואַרטאַל, און שפּעטער, ווען מיר האָבן דורכן ענגלישן קאָנסול ה' ווערי געקראָגן די דערלויבעניש פונעם שעריף פאַשאַ, זיינען מיר אַוועק אין תפיסה זען די יידישע אַרעסטאַנטן.

זעכצן מענטשן זיינען פאַרמישט אין דער קלאָגע: פון זיי זיינען צוויי געשטאָרבן פון יסורים [בעת דער פייניקונג], פיר האָבן זיך באַהאַלטן און איינער ה' פּישאַטאָ איז, צו זיין גליק, אַן עסטרייכישער בירגער און ער איז אונטער דער השגחה פון דעם עסטרייכישן קאָנסו־לאַט. די איבעריקע ניין, צווישן זיי אויך אַן אַלטער רב, האָבן זיך געפונען אין תפיסה... די אַרעסטירטע זיינען כמעט אַלע עלטערע מענטשן און זיינען געווען זייער דערשלאָגן...

במשך פון די [עטלעכע] באַזוכן האָבן מיר אַ סך געשמועסט מיט די משפחות און פריינט פון די באַשולדיקטע, מענטשן וואָס זיינען געווען זייער ווייט דערפון עפּעס צו וועלן באַהאַלטן, נאָר פאַרקערט, זיי זיינען געווען וויליק, אַז מען זאָל זיך ביי זיי נאָכפרעגן און מען זאָל זיי חוקר ודורש זיין. מיר האָבן געזען עטלעכע מענטשן וואָס זיינען געפייניקט געוואָרן, צווישן זיי דוד הררים אַ דינסטמיידל. מיר האָבן געזען זייערע נאָך ניט־פאַרהיילטע וואונדן און האָבן געהערט פון זייערע ליפּן וועגן די ליידן וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין. די פייניקונגען וואָס זיי האָבן געליטן זיינען געווען פון די עקלדיקסטע און באַליידיקנדיקסטע און טייל אפילו אַזעלכע שענדלעכע אַז זיי קאָנען דאָ ניט דערמאָנט ווערן...

אַלע כלומרשטע באַוויזן זיינען אַרויסגעקראָגן געוואָרן פון די אַרעסטירטע אָדער דורך ענויים אָדער דורך דער מורא פאַר ענויים...

פאַרקערט ווידער זיינען די איינציקע צוויי עדות וואָס זיינען געקומען

עדות זאָגן פאַר די יידן, דערשטאָכן געוואָרן און אויף אַזאַ אופן אָפּ-געראַמט געוואָרן פון וועג. די צוויי עדות זיינען געווען: אַ יונגער-מאַן וואָס האָט געזאָגט אַז ער האָט גערעדט צו טאַמאַסעס דינער אין אָוונט, ווען דער מאָרד איז פאָרגעקומען, ווען זיי [טאָמאַס און דער דינער] זיינען אַרויסגעקומען פונעם יידישן קוואַרטאַל; און דער הויז-דינער פון דוד הררי, וואָס האָט געזאָגט אַז ער האָט ניט געזען און ניט געהערט אַריינוואַרפן דעם קערפּער פונעם גייסטלעכן אין קאַנאַל אַריין...

די באַשולדיקער, מיט האליל סאיד נאיווי בראַש, זיינען מענטשן פון נידעריקן שטאַנד און פון צווייפלהאַפטן כאַראַקטער, וואָס זייער עדות זאָגן וואָלט ביי יעדער געוויינלעכער געלעגנהייט געדאַרפט באַטראַכט ווערן מיט באַזונדערער אָפּגעהיטקייט. ווען מען האָט אין זינען די פּלינדערייען און געלט אויספּרעסונגען צו וועלכע די יידן זיינען געווען אויסגעזעצט ווייזט עס אַן אויף די מאָטיוון וואָס האָבן געקאָנט אויפרייצן די קלעגער.

צום סוף וויל איך נאָך צוגעבן פון מיין זייט אַז איך באַטראַכט די גאַנצע באַשולדיקונג פאַר אַן אָפּשיילעכער בייזוויליקייט, פאַר בלויז אַ באַנייאונג פון די עקלהאַפטע פאַרפאָלגונגען וואָס האָבן דער-נידעריקט די געשיכטע פונעם מיטלאַלטער. די באַשולדיקונג וואָלט אפילו קיין איין מינוט ניט טאָלערירט געוואָרן פון קיין ציוויליזירט און אויפגעקלערט פאָלק.

טשאַרלס פ. א. שאַדוועל.

ב. פון מאָזעס מאָנטעפיאָרעס טאָגבוך

סעפּטעמבער 15, 1840.

געלויבט איז גאָט. היינט האָט גענומען אַ סוף צו דער שרעק אַז דעם פאַשאַס פירמאַן וועט אָפּגעלייגט ווערן. מיר האָבן דערהאַלטן בריוו אַז אַלע יידן זיינען דעם 5טן פון היינטיקן חודש באַפרייט געוואָרן אויף אַ זייער פריינדלעכן אופן פונעם שעריף פאַשאַ צו דער גרויסער פרייד ניט נאָר פון די יידן אין דמשק, נאָר אויך פון אַלע

מאַכמעדאַנער פֿון דער שטאָט. די אומגליקלעכע זיינען באַגלייט געוואָרן מיט מוזיק פֿון טויזנטער מענטשן, יידן און מאַכמעדאַנער, זיי זיינען קודם כל אַוועק אין שול אָריין דאַנקען גאָט פֿאַר דער באַפרייאונג און דערנאָך אַהיים. אַלע אָנגעזעענע מאַכמעדאַנישע סוחרים האָבן זיי אָפּגעשטאַט וויזיטן און גראַטולירט, אויסדריקנדיק דעם פֿולסטן גלויבן אין זייער אומשולד. די קריסטן האָבן געשוויגן אויסדריקנדיק דערמיט זייער אומצופֿרידנקייט מיט דער יושרדיקער האַנדלונג פֿונעם פּאַשאַ. דאָס בלוט פֿון די פֿיר אומגליקלעכע, וואָס זיינען געשטאָרבן פֿון ענויים, איז נאָך ניט געווען גענוג צו באַפֿרידיקן די דאַזיקע לייט.

באַרדיטשעוו אַרום מיטן 19טן יאָרהונדערט

פון די זכרונות פון דעם באַקאַנטן רוסיש-יידישן פובליציסט און כלל טוער מנשה מאַרגאָליס

אין יענער צייט [אין די 40-ער יאָרן] האָט באַרדיטשעוו, פון דער עקאָנאָמישער זייט, געשפּילט זייער אַן אָנגעזעענע ראָליע. דאָרט זיינען געווען עטלעכע באַנק-קאָנטאָרן וואָס האָבן פאַרנומען די באַלקאָנען פון אַ ריי מויערן. צוליב די קאָנטאָרן האָט מען אפילו די גאַס גערופן: „די גאָלדענע גאַס". פון איין זייט — די באַלקאָנען, פון דער צווייטער זייט — די קראָמען זיינען געווען געפּאַקט מיט מענטשן, קאָפּ אויף קאָפּ. די באַנק-אָפּעראַציעס זיינען באַדינט געוואָרן פון אַ גאַנצער מחנה אַזוי גערופענע „פּערמילניקעס" [אַ מין בירזשע-מעקלערס] וואָס זיינען געווען בקי אין די קורסן בעסער פאַרן אַדעסער הויף-מעקלער. דער לעצטער מוז זיך ווענדן נאָך אינפאָרמאַציע צו די מעקלערס, אַ פּערמילניק אָבער ווייסט אויף אויסנווייניק אַלע אויסלענדישע קורסן, ער איז אַ לעבעדיקע, באַוועג-לעכע בירזשע. אַ פּערמילניק זאָל נישט וויסן דעם ריכטיקן קורס — וואָלט מען אויפגעהערט צו פאַרלאָזן זיך אויף אים, דאָס הייסט, ער וואָלט געבליבן אָן ברויט. פאַרשטייט זיך אַז צו אַזאַ סאָרט פּרנסה פלעגן זיך נעמען אפילו פּראָסטע יידן, אין לאַנגע קאַפּאָטעס, אָבער מיט אַ קאָלאָסאַלן זכרון, מיט שאַרפע פעאיקייטן. זיי פלעגן וואָס ווייטער ווערן אַלץ מערער פאַרשפּיצט אַ דאַנק דער דערפאַרונג און דער פאַרשיידנאַרטיקסטער פּראַקטיק. און פּראַקטיק איז געווען אַ סך. גאַנץ באַרדיטשעוו האָט געהאַט האַנדל-פאַרבינדונגען מיט פאַרשיידענע אויסלענדישע מדינות, האָט מען באַדאַרפט צאָלן אויסלענדישע וואַ-

ליוטע; וויטער האָבן אַלע גרויסע פּריצים, די באַרימטע מאַגנאַטן, וואָס האָבן זיך איינגעשאַפט זייער רייכטום פון לייב־אייגנטום און עס אויסגעבראַכט אין אויסלאַנד, אויך תמיד געהאַט געלט־געשעפטן אין באַרדיטשעוו. אַדאַנק אַט־אָ־די אַלע האַנדל־אָפּעראַציעס האָט די שטאָט באַקומען אַ באַזונדערן כאַראַקטער און איז געוואָרן די באַ־לעבטסטע שטאָט איבערן גאַנצן קאַנט. די דאָרטיקע יאַרידים פלעגן צוציען אַלע פּראָדוקטיווע כוחות פונעם קאַנט. די בראָניצקים, פּאָטאָצקים, ראַדזיווילס פלעגן צונויפפאָרן זיך מיט די גאַנצע סוויטעס זייערע און מיט די קנעכט, וואָס האָבן געטראָגן אויף איין זייט פּנים מאָדנע, אומגעהויער גרויסע פּאות, לאַנגע האָר צונויפגעדרייטע אין גראָבע, געזונטע קוילן, ווי אַ צייכן פון קנעכטשאַפט. איבער דער שטאָט האָבן זיך געצויגן אין פאַרשיידענע זייטן צוגן מיט רייכע געשפּאַנען, און די קוטשערס פלעגן אָנפילן די לופט מיט אַ סוויסטשעריי פון די לאַנגע בייטשן וואָס זיינען געווען די גרויס ווי דער צוג גופא. הגם עס זיינען ניט געווען ניט קיין טעלעגראַפן, ניט קיין באַנען, האָט מען אין באַרדיטשעוו דאָך געוואוסט אַלץ באַצייטנס. פּאָליטישע ידיעות זיינען געווען די ראַיעלסטע. פלעגט מען נאָכקוקן נאָך האַנדל, נאָך אויסלענדישער וואַליוטע, נאָכן קורס, איז שוין במילא אויסגע־קומען נאָכצוקוקן נאָך פּאָליטיק אויך, — איז יעדער פערמילניק געווען אַ באַוועגלעכע ציטונג: געערעדט וועגן געשעפט, האָט ער דערביי אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן פּאָליטיק, וועגן אַ נאָענטער מלחמה, נאַפּאָלעאָנס גבורה און וועגן יעדער זאַך וואָס האָט געקאָנט האָבן אַן אינטערעס פאַר דער סוחרישער וועלט. דאָס אַלץ האָט מען גאַנץ געשמאַק געקנעלט אין דער גאָלדענער גאַס אויף די באַלקאָנען וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָליע פון אַ מין פּאָסט־קאַנטאָרן, טעלעגראַף־סטאַנציעס, אָדער דרוקערייען פון גרויסע אויסלענדישע ציטונגען.

שוין דעמאָלט האָט באַרדיטשעוו פאַרמאָגט ביי זעכציק טויזנט איינוואוינער, פון זיי העכער פערציק טויזנט יידן. גבירים אָבער איז אינגאַנצן געווען עטלעכע, פאַרמעגלעכע יחידים, די גאַנצע אי־בעריקע באַפעלקערונג — הוילע קבצנים. אַז איך גיב זיך אַ דערמאָן, אויף וואָס פאַר אַן אופן דאָס רוב האָט געצויגן חיונה, אין וואָסערע לעכער עס האָט זיך אויפגעהאַלטן די גאַנצע מאַסע יידן, מיט וואָס

פאַר אַ שווערע אַרבעטן זיי פלעגן זיך פּאַרנעמען, — כאַפּט מיך אַפילו איצט [90־ער יאָרן] אָן אַ שרעק. אין „קאַטשע־ גיזוקע" וואו מען האָט געקאָנט פּשוט שפּאַנען איבער די דעכער, צי אין „פּעסקעס" וואו מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם מענטשלעכן געשטאַלט, פלעגן די מענטשן אַרויסרופן אַזאַ פיינלעכן מיטלייד, אַזאַ ביטערן געפיל, וואָס דו ביסט ניט אימשטאַנד זיי צו העלפן,—אַז אויף די דאָזיקע גאַסן איז אויסגעקומען אויסצושטיין דעם אמתן חיבוט־הקבר.

די גאַנצע מענגע חברות וואָס האָבן עקזיסטירט הי אונטער פאַר־ שיידענע נעמען זיינען פאַרשטייט זיך, ניט געווען בכח צו געבן ממשות־ דיקע הילף... אין פאַל פון אַ צרת רבים פלעגט דער אומגליק אויס־ וואַקסן אומגעהייער. האָט זיך געמאַכט אַ שׂרפה ביי אומגינסטיקע תנאים — פלעגן אַוועקגיין גאַנצענע גאַסן. נאָך פון מיינע קינדער־ יאָרן געדענק איך אַ שׂרפה, האָט זי געדויערט עטלעכע טעג און גע־ מאַכט אַש פון גאַנצע קוואַרטאַלן; אַ לאַנגע צייט האָט מען דאָרט ניט געקאָנט דורכגיין מחמת די גאַסן זיינען געווען פאַרוואָרפן מיט גאַנצע הויפנס וואָס האָבן נאָך געהאַלטן אין איין טליען. די נשׂרפים מיט קליינע קינדער האָבן זיך געוואַלגערט איבער די גאַסן, און מען האָט זיי געהאָלפן ווי ווייט מען האָט געקאָנט. וויפיל זיינען אָבער... אומגעקומען בשעת דער שׂרפה גופא און נאָך דער שׂרפה, וויפיל פאַמיליעס זיינען בדיל־הדל געוואָרן!

ווייטער געדענק איך די שרעקלעכע כאָלערע, הפנים ד. י. 1848. איך בין דעמאָלט אַליין אויך פאַרשלאָפט געוואָרן. אין אַ דריי־פיר וואָכן אַרום, ווען איך בין שוין געוואָרן געזונט, האָב איך זיך געלאָזט גיין פון דער נייער שטאָט, וואו ס'האָט געוואוינט דער זיידע מיינער, אין דער אַלטער שטאָט, צו די עלטערן. אופן וועג איז געווען אַזאַ אימה, אַז איך האָב געוואָלט זיך אומקערן צוריק. גאַנצע גאַסן זיינען געשטאַנען פּוסט, די מענטשן — פאַרשוואונדן, אַ ריי קלייטן — „טונקעלע" האָט מען זיי גערופן — וואָס זיינען געהאַנגען איבער דער לענג פון אַ גאַנץ גרויסער גאַס, האָבן אויסגעזען, ווי אַ ריי פרישע קברים. אַרום — קיין סימן פון לעבן! די שטעלעכלעך, וועלכע זיינען דאָ געשטאַנען — צעבראָכן, איבערגעקערט, ליגן איינס אויף דאָס

אַנדערע מאָסנווייז, און נישט צו זען אין ערגעץ קיין לעבעדיקן נפש, אפילו נישט קיין הינט וואָס אַזוי זיינען זיי דאָרט געווען גאָר אַ סך ווי אין סטאַמבול. ווילדע קעץ וואָס פלעגן שטענדיק זיך אויפהאַלטן אין מאַרק — קיין איינע ניט! אַלץ איז אויסגעשטאָרבן, גלייך ווי נאָך אַ שרעקלעכן שונא וואָס האָט אַלץ רואינירט, אומגעבראַכט, פאַרוויסט. ס'איז דאָך טאַקע אַזוי! קאָן דען זיין אַ שרעקלעכערער פיינט, איידער די כאָלערע וואָס ווילדעוועט אויף אַזאַ גינסטיקן באָדן פון אומריינקייט, קויט און שמוץ, אַט־אָ־די שטענדיקע מיטגייער פון ענגשאַפט און דלות.

63

אַ משכילס פּראָגראַם

1841

בנימין מאנדלשטאם איז געווען אַ ווילנער משכיל, וואָס האָט זיך אין 1841 נאָענט באַפריינדט מיט דעם דייטשן ראַבינער ד"ר מאקס ליליענטאל ווען דער לעצטער איז געקומען קיין ווילנע איינצופירן קאַזיאָנע רוסישע שקאָלעס פאַר יידישע קינדער. ד"ר ליליענטאל וואָס האָט ווייניק וואָס געקאָנט און פאַרשטאַנען דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד, האָט זיך שטאַרק פאַרלאָזט אויף די עצות פון אַזעלכע משכילים ווי בנימין מאנדלשטאם וואָס האָבן געדענקט אַז דער צאַר וויל יידן מאַכן מיט לייטן גלייך, נאָר די יידן ווילן ניט פאַרשטיין אַז אַלץ ווערט געטאָן פאַר זייער טובה וועגן. ד"ר ליליענטאל האָט שנעל אויסגעפונען אַז ער טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף די היציקע משכילים וואָס האָבן ניט פאַרטראָטן דאָס פאָלק, נאָר זיך אַליין. מאנדלשטאם אַליין האָט אין עטלעכע יאָר אַרום שטאַרק געביטן זיין קוק סיי אויף ד"ר ליליענטאַלן, וואָס אים האָט ער פריער באַטראַכט ווי אַ דערלייזער, און סיי אויף דעם צאַרס „רעפאָרמען". די ווייטערדיקע „פּראָגראַם" איז גענומען פון מאַנדלשטאַמס בוך „חזון למועד" (צווייטער טייל).

די פעלערן פון אונדזער פאָלק, כאָטש זיי זיינען קליין און ניט וויכטיק לויט זייער אויסזען, זיינען אין דער אמתן גרויסע און שטאַרקע חסרונות, און צוזאַמען מאַכן זיי אויס אַ גרויסן חשבון; און ניט נאָר אין זאַכן וואָס זיינען נוגע די זיטן און מאַראַל פונעם מענטשן און דעם גייסטיקן לעבן, אָבער אויך אין יענע וואָס רירן אָן זיין האָב און

גומס און דאָס גאַנצע לעבן פונעם גוף. איך וועל דאָ ברענגען די וויכטיקסטע און גרעסטע פון די חסרונות וואָס זיינען לויט מיין מיינונג אָט וועלכע:

א) וואָס זיי קענען ניט די שפּראַך פון דער מדינה, נאָר זיי רעדן אויף צעקאַליעטשעטן לשון [געמיינט יידיש] אַזוי אַז כמעט אַלע יידן זיינען ווי שטומע צווישן די איינוואוינער פונעם דאָזיקן לאַנד, און דעריבער, אויב די יידן ווערן באַשולדיקט פון די תושבים פון לאַנד, קענען זיי זיך נישט רעכטפאַרטיקן, און וויבאַלד די איינוואוינער פון לאַנד פאַרזינדיקן זיך אַנטקעגן זיי, קאָנען זיי נישט איינגעבן אויף זיי אין געריכט. אַזוי אַרום קומט אויס אַז אונדזער פאָלק איז ווי מענטשן־שעפּסן, צו שפּאָט און צו שאַנד אין די אויגן פון די שכנים זייערע — די אַלע, וואָס פרעסן זיי, טראָגן ניט קיין שולד.

ב) וואָס די מלבושים זייערע אונטערשיידן זיך פון דער קליידונג פון אַלע פעלקער, צווישן וועלכע זיי וואוינען ווי גזירים, גאַנץ ווייט פון מענטשן, ניט ווייסנדיק פון אַלע נייעסן, וואָס קומען פאַר אונטער דער זון טאָג איין טאָג אויס, און כאָטש גאָט האָט שוין באַנייט אַלע איינוואוינער פון דער ערד, וויקלען זיך יידן איין אין זייערע אַלטע קליידער, וואָס זיינען אַמאָליקע מזרח־געוואוינהייטן, אַזוי אַז יעדערער, ווער עס זעט זיי, לאַכט און זאָגט: „באמת טאַקע, ווילד איז דאָס דאָזיקע פאָלק!"

ג) וואָס זיי נעמען זיך ניט פאַר חכמה, ווי געהעריק איז, אַזוי אַז אפילו דער איינציקער צווישן טויזנט, וואָס דערווערבט זיך שוין יאָ געוויסע קענטעניש, איז פאַרמיאוסט און גרינגגעשעצט אין די אויגן פון זיינע ברידער, די קינדער פון זיין פאָלק, און טמא, טמא רופן אים אפילו זיינע נאָענטע און זיינע פריינט. און ער, דער געפּלאָגטער, ווען ער זעט אַז מען שטויסט אים אַרויס פון זיין פאָלק, פאַרלאָזט ער דאָס לאַנד פון זיין געבוירן און גייט וואוהין עס טראָגן אים די אויגן און די פיס זיינע, אָדער ער פאַרלאָזט זיין אמונה און באַהעפט זיך צו אַן אַנדער פאָלק, און אַזוי אַרום, ווען עס באַווייזט זיך אַ שפּראָצלינג און אַ שיין צווייגל אינעם וויינגאָרטן פון ישראל — ווערט ער אַרויסגעריסן פון זיין אָרט ביז וואַנען ער ווערט אַ בוים פון אַ סך

צווייגן, צו כבוד און באַשיינונג אין אַ לאַנד אָדער ביי אַ פאָלק ניט זיינס, און זיין גאָרטן ברענגט בלויז שלעכטע פּירות ווי פריער...

ד) וואָס זיי באַציען זיך ניט צו אַרבעט ווי געהעריק איז, הגם אפילו די גמרא גופא זאָגט אַן אַזוי: „האָב ליב מלאכה און האָב פיינט רבנות", פונדעסטוועגן איז אַ הארצווייטיק צוצוקוקן, ווי פאַרמיאוסט און פאַרשענדט איז די מלאכה אין די אויגן פון די קינדער פון אונדזער פאָלק, אַזוי אַז אַ האַנטווערקער ווערט ניט פאַררעכנט צווישן יחוס. און מחמת די דאָזיקע אָרעמע מענטשן זיינען ניט אימשטאַנד אויסצולערנען זייערע קינדער אַ גוטע און ראַיעלע מלאכה, אָדער אַ וועלכן ס'איז פאַך ווייל דערצו פאָדערט זיך אַ לענגערע צייט און אויך ניט ווייניק געלט צו שיקן זיי אין די גרויסע שטעט, זיי זאָלן דאָרטן זיך אויסלערנען ווי עס דאַרף צו זיין — דעריבער האַלטן זיי זיך נאָר ביי עטלעכע געציילטע לייכטע מלאכות וואָס די קינדער זייערע קאָנען זיך גרינג אויסלערנען אין אַ קורצער צייט אין די שטעט פון זייער ישוב, ווי שניידעריי, שוסטעריי, היטלמאַכעריי, גאָלד־ און זילבער־מייסטעריי און זייגער־מאַכעריי און אַנדערע גרינגע מלאכות, אַזוי ווי די דערמאָנטע וואָס די לערערס קענען זיי אַליין ניט ווי ס'דאַרף צו זיין. דעריבער בלייבט די אַרבעט זייערע אָן אַ יסוד, און יענער וואָס פאַרדינט, פאַרדינט בלויז אַ געלעכערטן זאַק...

ה) דאָס וואָס עס פעלן אוים פאַבריקן ביי יידן. און כאָטש נאָר זיי [די פאַבריקן] זיינען ווירקלעך אויף דעם מסחר־בוים די בעסטע און זיכערסטע צווייגן וואָס ברענגען פיל פּרוכטן זייערע אייגנטימער, און נאָר דורך זיי ציען חיונה אַ סך געמיינע לייט, לוין־אַרבעטער וואָס ווערן געפאָדערט פאַר די פאַבריקן צו יעדער צייט. כאָטש מיר זעען אַלע טאָג גאָטס ברכה וואָס ער שיקט אַנדערע פעלקער און אויך די קינדער פון אונדזער פאָלק אין אַנדערע לענדער דורך די פאַבריקן וואָס באַרייכערן זייערע אייגנטימער און וואָס זעטיקן אויך אַן אַ סך הונגעריקע וואָס אַרבעטן אין זיי, פונדעסטוועגן האָבן מיר ביי אונדז אַ מין קללה וואָס פאַרבלענדט די אויגן פון אונדזערע רייכע לייט, זיי זאָלן ניט זען די גרויסע ברכה און הצלחה וואָס קומט אַרויס פון די פאַבריקן, און דער המון גייט און בלאָנדזשעט, זוכט ברויט און ס'איז ניטאָ.

ו) וואָס עס פעלן אויס ערד־אַרבעטער און פאַסטעכער ביי יידן. און כאָטש כמעט אין אונדזער גאַנצער הייליקער תורה ווערט גע־רעדט נאָר פון ערד־אַרבעט און פי־צוכט... האָבן מיר פון דעם אַלעמען זיך אָפּגעוואָרפן, גלייך ווי עס וואָלט אונדז געווען פאַרווערט, אַזוי אַז ווער עס רירט זיך צו צו זיי ווערט טמא. און דער פאַרדאַרבע־נער קוואַל, וואָס פון אים קומען אַרויס די ערשטע דריי בייזן, איז יענער וואָס נעמט זיך פון אונדזערע פאַרצייטיקע מנהגים און פון פאַלשע און פינצטערע איינרעדענישן וואָס מיר האָבן געירשנט פון אונדזערע זיי־דעס און פון די פירער פון דער צייט פון גרויסע צרות ביי יידן... אין יענער צייט איז עס טאַקע געווען אַ וואוילע עצה, אויפצוהאַלטן אונדזער פאָלק דורך אָפּטיילן עס פון אַנדערע אורפעלקער, די געצנ־דינער...

דער קוואַל פון די לעצטע דריי בייזן געפינט זיך אין די הערצער פון די אַמאָליקע פעלקער וואָס צווישן זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן אונדזערע עלטערן און וואָס אין זייערע צייטן זיינען יידן געיאָגט גע־וואָרן פון איין פאָלק צום אַנדערן אָן רחמנות, אָן אָפּרו און אָן אַ מעמד...

אַצינד, נאָך דעם ווי גאָט האָט אונדז געגעבן צו גענאָד און רחמנות אין די אויגן פון אַלע מלכים פון די פעלקער, צו שענקען אויך אונדז די געזעצן ווי ס'האָבן אַנדערע פעלקער וואָס זיצן אונטער דער רוט פון זייערע קיניגן, און באַזונדערס אין די אויגן פון אונדזער האַר דעם קייסער [ניקאָלאַי I] ירום הודו, וואָס יידן זיצן זיכער אינעם שאָטן פון זיין גענאָד שטיל און רואיק, און ער פאַרמערט צו אונדז זיין גוטסקייט און זיין גענאָד יעדן טאָג אויף אַזוי פיל אַז פון איבער־פולקייט פון זיין גוטן האַרץ גיט ער אונדז ערד אומזיסט; ניט נאָר דאָס אַליין: ער האָט נאָך באַפרייט אַלע יידישע פויערים פון קאָפּ־שטייער און פון רעקרוטן, — אָט איצט זיינען מיר אַלע שולדיק אין דעם וואָס מיר ווענדן ניט אונדזערע אויגן און אונדזערע הערצער אויף צו פאַרמערן ביי אונדז האַנטווערקעריי, קונסט־אַרבעט און פאַ־בריקן. און באַזונדער איז שווער צו פאַרגעבן אונדזער זינד וואָס מיר שטאַרקן זיך ניט מיט דער גאַנצער פעסטקייט צו פאַרמערן צווישן אונדז ערד־אַרבעטער און פאַסטעכער, אין דער צייט ווען כמעט

נאר די דאזיקע זאך קאן אפראטעווען דעם המון פון פאלק פון יעדן דרוק און ענגשאפט. און דאס איז באוואוסט יעדן מענטשן אז דאס גליק פון אלע פעלקער און די הצלחה זייערע שטעקט ניט אין די געציילטע רייכע לייט, נאר אינעם פיל גוטס וואס איז פארבארגן אין דער גרויסער און אמתער פראצע פון די פראסטע מענטשן, און באזונדערס אין ערד־ארבעט און אין פי־צוכט...

נאר איין האפענונג איז דעריבער אונדז געבליבן אויף צו ראטעווען זיך, און זי באשטייט אין דעם אז דער מלך זאל אונדז געבן אנפירער, און אין זייער האנט די קראפט און די שטארקייט צו פירן די טויבע און די בלינדע מיט גוואלד אויף דעם וועג פון לעבן, און די דאזיקע פירער וועלן זיי ברענגען דערצו זיי זאלן אויספילן דעם פארלאנג פון אונדזער הארם הארץ און זיין גוטן ווילן מכח די גובערניאלע רבנים וואס ער האט שוין באפוילן מיט זיין גענאד אוועקצוזעצן אין די גרויסע קהילות... אט א דאס איז די עצה וואס עס לייגן פאר די אויפגעקלערטע צווישן פאלק: צו נעמען פון אונדז רבנים, לערנער, חכמים, וואס פארשטייען די דינים ווי געהעריק איז, זיי זאלן קאנען אפשיידן צווישן הייליק און ניט הייליק, א דין פון א מנהג; און די רבנים די דאזיקע זיינען מחויב אויך צו קענען די שפראכן פון די פעלקער און וויסנשאפטן וואס פאדערן זיך כדי זיי זאלן קאנען אויסקלייבן דעם גוטן וועג וואס מיט אים דארפן גיין יידן און פארשפרייטן מוסר און גערעכטע רייד פון אמת; זיי זיינען מחויב אויך צו זיין באקאנט מיט דער מאטעריעלער לאגע און מיטן כאראקטער פון זייער פאלק און צו וויסן דורך וואס זיי צו ווענדן צום גוטן און נוצלעכן, און נאך און נאך, וואס איז גלאט איבעריק דאס אויסצורעכענען דא. אבער ווייל עס געפינען זיך נאך ניט ביי אונדז קיין מענטשן פון וויסן, און עס זיינען נאך ניט אויסגעוואקסן אין אונדזער לאנד קיין גאטס פלאנצן אזעלכע, איז נייטיק צו ברענגען זיי פונדערוווייטנס און נעמען זיי ווי בוימל און ווי רפואות פון אנדערע לענדער.

אונטער דער השגחה פון אזוינע לייט וועלן זיך געפינען די לערן אינסטיטוציעס, זיי וועלן אויסקלייבן די לערער און די מלמדים, און אן זיי וועט קיין איינער ניט אויפהייבן קיין האנט אין אלע פילצאליקע הכנסות און הוצאות פון יעדער שטאט באזונדער. ווייל

דעמאָלט וועט אונדז ניט אויספעלן קיין קוואַל פאַר געלט פאַר די דאָזיקע אַלע באַדערפעענישן, און מיר וועלן ניט דאַרפן בעטן אויף דערויף הילף און שטיצע פון אונדזער האַר דעם מלך, ווייל מיר פאַרמאָגן געלט איבערגענוג. און נאָר דאָס געוועלטיקן פון די גבאים איבערן דאָזיקן הייליקן געלט, אַן דעם וויסן פון וואו איין און וואו אויס און זייער ווילד פירן אָן אַ סדר, — נאָר דאָס אַליין לאָזט אויסרינען דעם גאַנצן גרויסן אוצר אין אַ צעבראָכענעם שמעלצטאָפּ וואָס זיי ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט ווי אַזוי פאַר דעם זיך צו נעמען. דאָס זילבער ווערט צעגאַנגען און צעלאָזט אין דעם שמעלצטאָפּס לעכער און שפּאַלטן, איידער עס דערגייט נאָך צו זיי אין די הענט אַריין. צי האָט דען אַ שיעור דאָס געלט וויפיל עס גייט אַוועק אויף די פיל חדרים אין יעדער זייט און ווינקל און אויף די מלמדים די פאַרנאַרישטע?... צי איז דען אַ מענטש אימשטאַנד איבערצוציילן דאָס צדקה און נדבה געלט פונעם דאָזיקן פאָלק, וואָס זיי גיבן אַוועק אויף תלמוד תורות פאַר אָרעמע קינדער? וואָס גיט אָבער דער דאָזיקער רחמנות די תלמידים וואָס מען האַלט דאָרטן, אַחוץ קרעץ מיט לייז? ווען מען זאָל אָבער געבן אַט דאָס גרויסע געלט אין די הענט פון די וויסנשאַפט-קענער וואָס זיינען אימשטאַנד צו שטיין אין די טויערן פון חכמה און וויסנשאַפטן, כדי צו דערווערבן פאַר די יונגע קינדער פון אונדזער פאָלק אַלע זייערע באַדערפעענישן, צי וועט דאָס ניט ברענגען אויף אונדז די ברכה פון די דאָזיקע פאַרוואַרלאָזטע וואָס זיצן איצט אין די בתי-מדרשים... ווייל מיר וועלן נעמען אָנפילן דעם נאָמען „תלמוד תורה" מיט דער תורה פון אמת, פון פאַרשטיין און פון קענען די יסודות פון אונדזער גלויבן, פון האַנטווערקערייַ און אַלערליי מלאכות אויף צו דערנערן זיך. און זאָלן מער ניט אַרומגיין די דאָזיקע לערנער, נאָך דעם ווי עס וועלן זיך אויסלאָזן זיי די יאָרן פון זייער לערנען, צו קלייבן שפּייז אונטער פרעמדע טישן, נאָר זאָלן זיי עסן די האָרעוואַניע פון זייערע הענט — וועט זיי וואויל זיין אויף שטענדיק...

דאָס אַלץ האָבן מיר געוואָלט אַנידערלייגן פאַר די פיס פונעם מיניסטער כדי ער זאָל וויסן פון דער געפאַלנקייט פון אונדזער פאָלק אין דעם לייטיקן גרוב וואוהין מיר זיינען אַזוי טיף פאַרזונקען געוואָרן

אז מיר קאָנען פון אים ניט אַרויס אָן דער גענאָד פון דעם מלך און זיין גרוים גוטסקייט, ער זאָל אונדז שיקן שטריק דורך באָאַמטע, כדי צו שלעפּן אונדז מיט שטאַרקער קראַפט און אַרויסציען אונדז פון טיפן זומפּ וואו מיר זיינען אַראָפּגעזונקען. כאָטש קיין רייד פאַרמאָגן מיר ניט, און די שפּראַך פון אונדזער לאַנד קענען מיר נישט, פונדעסטוועגן וואָלטן מיר זיך מאַטערן צו ווייזן מיט צייכנס אַלץ וואָס ס'איז ביי אונדז אין הארצן, און אונדזער געוויין וועט זיין דער פאַרמיטלער צווישן אונדז...

דעריבער געשעצטער! זיי דו דער ש ל י ח פאַר אונדז און פאַר אונדזער האָפענונג און נעם פון אונדז די דאָזיקע הייליקע אַרבעט וואָס ניט פאַר אונדז איז זי געגעבן; האָסט דאָך שוין איבער־געשטיגן אונדז אַלעמען, דיר איז געגעבן געוואָרן דער כבוד פונעם מיניסטער צו רעדן צו אים, ווי איין מענטש רעדט צום צווייטן, און דעריבער, זיי אונדזער מויל צו זאָגן אים דאָס אַלץ כדי ער זאָל דער־לאַנגען די וואונטשן פון אונדזער הארצן פאַרן מלך וואָס האָט שוין אונדז באַגינציקט און געשיקט הילף אין אונדזער אומגליק. וואָרעם איצט פעלט אונדז בלויז דאָס קול פון זיין וואָרט: „זאָל ווערן פרילינג ביי ישראלן!” און צענער טויזנטער שפּראָצונגען און בלומען וואָס וועלקן איצט נאָך איידער זיי ווערן רייף, וועלן זיך אויפהייבן און אויפ־שטעלן פון דער ערד און וועלן מער שוין ניט געטראָטן ווערן מיט די פיס. אונדז פעלט גאָרניט, נאָר דאָס קול פון זיין וואָרט: „זאָל ווערן ליכטיק ביי יעקבן”, — וועט דער שלייער אַראָפּגענומען ווערן פונעם הימל פון ווישנשאַפט!

אַ בריוו פון אַ יידישער פרוי וועגן די אומרוען אין פּראָג

1848

די רעוואָלוציע פון 1848, וואָס איז געווען אַן אויפ־שטאַנד קעגן דער „הייליקער אַליאַנץ", וואָס האָט געהאַלטן גאַנץ אייראָפּע אונטער איר שטיוול, האָט געזאָלט ברענגען גליק און פרייד פאַר דעם פּשוטן פאָלק און אויך פאַר די יידן. יידן האָבן געהאָפט דורך דעם „פעלקער פרילינג" צו ווערן מיט אַלעמען גלייך, גלייכבאַרעכטיקט. די פרייד איז אָבער געווען אַ קורצע. אין אַ סך לענדער איז די פרייד ביי די יידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרויער: די רעוואָלוציע איז דערשטיקט געוואָרן און יידן זיינען געבליבן רעכטלאָז און דערנידעריקט. דעם ווייטערדיקן בריוו האָט געשריבן די פּראָגער פרוי, אמאליע טאובעלס, צו אירס אַ שוועסטער.

...באַרואיק זיך, דער טומל איז שוין גאָט צו דאַנקען אַריבער. ווען דאָס מיליטער וואָלט ניט געווען אָנגענומען קיין שטאַרקע מאָס־מיטלען, וואָלטן מיר זייער שלעכט אָפּגעשניטן, ווייל ווען ס'האַנדלט זיך וועגן די יידן מאַכט דער הויך געבילדעטער יד אחת מיטן אומגעביל־דעטן המון. די באַמערקונג אין דער פּראַגער צייטונג, אַז „די בירגער זיינען געווען באַזעלט פון בעסטן גייסט און האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין שענסטן ליכט" איז אַ שאַנד און אַ חרפה פאַר דער מאַכט וואָס האָט דערלאָזט דערצו... ס'וואָלט געווען זייער לעכערלעך, ווען ס'זאָל ניט זיין צו וויינען... גלייב ניט אַז מען האָט איינגעשטילט דעם טומל צוליב די יידן. דער בירגערמייסטער האָט געלאָזט רופן אַלע

בירגער און האָט זיך צו זיי געווענדט בזה הלשון: „איר ווייסט ניט וואָס איר טוט; צי מיינט איר אַז ווען דאָס אויפגערעגטע פאָלק וועט פּאַרטיק ווערן מיט די יידן, וועט עס ניט גלוסטן נאָך די געלט-זעק פון די בירגער און פונעם אדל?" ס'עקלט מיך צו באַשרייבן גענוי די סצענעס [געשעענישן]. מען האָט אַ סך חשובע יידן בלוטיק צע־שלאָגן. דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטע געשיכטע, אָבער זי בלייבט תמיד ניי און ווען עס טרעפט צעברעכט עס דאָס האַרץ. יאָ, יאָ, דער רויטער פאָדעם וואָס ציט זיך דורך דער יידישער געשיכטע איז נאָך ניט איבערגעריסן. דער קאָמעט וואָס האָט אָנגעזאָגט אומ־גליק איז שוין פאַרשוואונדן, אָבער זיין לאַנגן עק זעען מיר נאָך און וועלן נאָך לאַנג זען. דאָס הייסט, די אָנפאַלן האָבן אויפגעהערט, אָבער די פיינטלעכע אויסדרוקן אפילו פון דער קאַטעדרע [פון דער פּראָגער אוניווערזיטעט] צו דער שטודירנדיקער יוגנט, האַלטן וויי־טער אָן. זיינען דאָס די טרעגער פון אונדזער וויסנשאַפט? איז דאָס דער פּאַקל פון אונדזער יאָרהונדערט? די דאָזיקע פּראָפעסאָרן ווייסן אפילו ניט אַז זיי פּאַטשן זיך אַליין אויס און באַוואַרפן זיך אַליין מיט קויט. זאָל די דאָזיקע טייוולשע געשעעניש אויך זיין אַ לעקציע פאַר אונדזערע ניט יידישע יידן, זאָלן זיי איינזען וואָס זיי האָבן געוואונען דערמיט וואָס זיי האָבן פאַרביטן זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס, זייערע מנהגים און זייער פּאַטריאַרכאַליש לעבן אויף דעם גייסט פון פאַרברידערונג. זיי האָבן געבראַכט גרויסע געלט קרבנות כדי זיך צו פאַראייניקן מיט עמלקן. זיי האָבן דערפאַר באַקומען שמאָך, שאַנד, פאַראַכטונג, דערנידעריקונג און געוואַלדטאָט. זיי האָבן פאַר־געסן אַז דער ייד מוז פאַרברענט ווערן ווי וו. לעסינג דריקט זיך אויס אין „נאַטאַן" [דער ווייזע]. דער אַזויגערופענער רויזנרויטער צייט־גייסט האָט איינגעוויגט די בעמישע יידן. איצט האָבן זיי זיך אויפגע־כאַפּט און רייבן זיך די אייגעלעך ווי די קעצעלעך. נו, זיי וועלן ווידער אַנטשלאָפן ווערן און אין אַ האַלב יאָר אַרום וועלן זיי שוין האָבן אַלץ פאַרגעסן. די יידן האָבן אַ דיקע הויט, זיי קאָנען אַלץ אַריבער־טראָגן. זיי האָבן דאָך אַריבערגעטראָגן דעם מיטלאַלטער מיט זיינע אויטאָ-דאַ-פעס און שחיטות, וועלן די איצטיקע מהומות זיי אויך ניט דערשטיקן.

ביבליאָגראַפיע

אין דער ביבליאָגראַפיע זיינען אויסגעלאָזן די סטאַנדאַרט ווערק אין יידישער געשיכטע, וואָס זיינען גוט באַקאַנט יעדן אינטעליגענטן לייענער. דאָ וואו ס'איז געווען מעגלעך אָנצוגעבן פּאָפּולער געשריבענע ווערק אין יידיש אָדער ענגליש איז דאָס געטאָן געוואָרן. בדרך כלל איז די ביבליאָ־גראַפיע פאַר יענעם לייענער וואָס וויל זיך גרינטלעכער באַקענען מיט געוויסע פּעריאָדן, באַוועגונגען אָדער פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געשפּילט א באַ־דייטנדיקע ראָלע אין אונדזער געשיכטע.

1

Dr. H. Graetz, Geschichte der Juden, Leipzig, 1866, Bd 4, s. 369.

ביבליאָגראפיע:

Michael Adler, The Emperor Julian and the Jews, Jew. Quart. Review, 1893, pp. 591-651.

יוחנן לוי, יוליינוס קיסר ובנין הבית, ציון, ספר—א״ב, ירושלים תש״א.

2

Nicene and Post-Nicene Fathers, Series 2, Vol. 14, 1900.

א—598	ח—20
ב—151	ט—22
ג—5	י—85
ד—9	יא—103
ה—10	יב—307
ו—11	יג—561
ז—19	

3

Nicene and Post-Nicene Fathers, Series 2, Vol. 12, pp. 77, 151.

4

David Kaufman, Die Chronik des Achimaz von Oria, Breslau, 1896.

אָפּדרוק פון דער Monatsschrift fuer Geschichte und Wissenschaft
des Judentums פון זעלבן יאָר.

ביבליאָגראפיע:

Walter J. Fischel, Jews in the Economic and Political Life of Mediaeval Islam, London, 1937, pp. 34-44.

דר. פישל מיינט, אַז אין דער פּערזאָן פון ר' פּלטיאל פון ספר היוחסין, די כראָניק פון אחימאַץ, ווערט געשילדערט דער וויזיר יאַקוב בן קיליס, וואָס האָט געשטאַמט פון יידן.

Samuel Krauss, Studien zur Byzantinisch-Juedischen Geschichte, Leipzig, 1914.

Joshua Starr, The Jews in the Byzantine Empire, Athen, 1939.

5

דר. רפאל מאהלער און דר. עמנואל רינגעלבלום, געקליבענע מקורים צו דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן און מזרח־איראָפּע, העפט I א., ז. 9־11.

ביבליאָגראַפיע:

דר. י. ברוצקוס, די ערשטע ידיעות וועגן די יידן אין פּוילן אין 10טן און 11טן יאָרהונדערט, היסטאָרישע שריפטן, ב. I, ז. 55־72.

П. К. Коковцов, Еврейско-хазарская переписка в X веке, Ленинград, 1932.

6

Adolph Neubauer, Mediaeval Jewish Chronicles, Vol. II, p. 83.

ביבליאָגראַפיע:

וועגן דער משפחה טנורא און זייער ראָלע אינעם יידישן לעבן אין בבל. זע פישל, אויבן, ז. 34־44.

Henry Malter, Life and Works of Saadia Gaon, Philadelphia, 1921.

7

Hebraeische Berichte ueber die Judenverfolgungen waehrend der Kreuzzuege, Quellen zur Geschichte der Juden in Deutschland, Bd. 2, Berlin, 1892.

א. העברעאישער טעקסט ז. 1־10. די יידישע איבערזעצונג פונעם לעצטן פּאַראַגראַף איז פון דר. י. צינבערגס געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ביי יידן, ב. II, ז. 44־45.

ב. העברעאישע בעריכטע, ז. 10.

8

Joseph Jacobs, The Jews of Angevin, England, London, 1893, p. 21.

די איבערדערציילונג פון דער לעגענדע איז אַ נייע ווערסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט 350 יאָר נאָך דער כלומרשטיקער געשעעניש. אין דער ערשטער כראָניק פון 1144 ווערט דערציילט, אַז די „יידן האָבן ערב פּסח געקויפט אַ קריסטלעך יינגל און אים געפּייניקט מיט אַלע ענוים, וואָס אונדזער האַר יעזוס האָט געליטן און זיי האָבן אים אין

לאַנגן פּרייטיק אויפגעהאַנגען, כדי אויסצודריקן דערמיט זייער שנאה צו אונדזער האַר". (אויבן ז. 19). די שפּעטערדיקע ווערסיע איז שוין אַן אַנדערע.

ביבליאָגראַפיע:

Albert M. Hyamson, History of the Jews in England, London, 1908.

Michael Adler, Jews of Mediaeval England, London, 1939.

9

A. Ascher, The Itinerary of Rabbi Benjamin of Tudela, Vol. I, London-Berlin, 1840.

העברעאישע אָפּטיילונג ז. עז־פּא, לד.

ס'איז דאָ אַ נייערע ענגלישע איבערזעצונג פון עלקאַן אדלער.

ביבליאָגראַפיע:

Abba Hillel Silver, History of Messianic Speculation in Israel from the First to the Seventeenth Centuries, New York, 1927.

10

Joseph Jacobs, pp. 124-130.

דער כראָניקער איז געווען ווילִיאם פון ניובערי.

11

קובץ תשובות הרמב"ם ואגרותיו (לייפּציג 1859), חלק שני ד. 28.

ביבליאָגראַפיע:

חיים קרוגער, דער רמב"ם, זיין לעבן און שאַפן, מאָנטרעאָל 1933.

Dr. J. Muenz, Maimonides, Boston, 1935 (איבערגעזעצט פון דייטש).

Moses Maimonides, Anglo-Jewish papers in connection with the eight centenary of his birth, London, 1935.

12

Solomon Grayzel, The Church and the Jews in the XIIIth Century, Dropsie College, Philadelphia, 1933.

א—ז. 141
ב—ז. 327
ג—ז. 319
ד—ז. 227
ה—ז. 241

13

ספר החסידים, פרנקפורט דמין, תפ"ד.

אויסצוגן פון די פאָלגנדיקע פּאַראַגראַפן: י"א, י"ט, ל"ט, ת"ר, תרל"ב, ת"ש, תשס"ג, תתקפ"ג, תתרל"ו, תתר"ף.

ביבליאָגראַפיע:

י. צינבערג, די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, צווייטער באַנד, דריט קאַפּיטל.

יעקב פריימאַנס אריינפיר צום ספר חסידים וואָס איז אין 1923 ארויס־געגעבן געוואָרן אונטער וויסטיניצקיס רעדאַקציע.

14

דר. רפאל מאהלער און דר. עמנואל רינגעלבלום, געקליבענע מקורים, העפט 1, ב. ז. 21־23.

ביבליאָגראַפיע:

דר. י. שיפּער, די ווירשאַפטסגעשיכטע פון די יידן אין פּוילן בעתן מיטלאַלטער, וואַרשע 1926.

דר. ע. רינגעלבלום, צו דער געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע סוף מיטלעלטער, היסט. שריפטן, ב. I, ז. 197־230.

ישעיה טרונק, די געשיכטע פון יידן אין פּלאָצק (1239־1657), וואַרשע, 1939.

15

דר. רפאל מאהלער און דר. עמנואל רינגעלבלום, געקליבענע מקורים, העפט 1ב. ז. 21־23.

16

Julius Aronius, Regesten zur Geschichte der Juden in Fraenkischen und Deutschen Reiche bis zum 1273, Berlin, 1902, s. 306-7.

ביבליאָגראַפיע:

Marvin Lowenthal, The Jews of Germany, Philadelphia, 1936.

Ismar Elbogen, Geschichte der Juden in Deutschland, Berlin, 1935.

17

Israel Abrahams, Hebrew Ethical Wills, Part I, Phila., 1926.
העברעאישער טעקסט ז. 95־99.

18

א. Dr. J. F. Hecker, Der Schwarze Tod im Vierzehnten Jahrhundert, Berlin, 1832, s. 97-102.

ב. Johannes Nohl, Der Schwarze Tod, s. 260-1.

19

פּראָפ. ש. קרויס, „גזירה ממדינת אושטריך״, היסט. שריפטן II, ז. 19. די כראָניק, וואָס פּראָפ. קרויס האָט אָפּגעדרוקט לויט דער זייער זעלטענער אויסגאַבע פון „ספר מעשה אדני״ פון 1724, ווערט דאָ איבערגעגעבן (מיט

קיצורים) אין א מאָדערנעם יידיש. די אייגנאַרטיקע אויסדרוקן זיינען, ווי ווייט מעגלעך, אויפגעהיט געוואָרן.

ביבליאָגראַפיע:

Max Grunwald, Vienna, Philadelphia, 1936.

Samuel Krauss, Die Wiener Geserah vom Jahre 1421, Wien-Leipzig, 1920.

20

Moritz Stern, Urkundliche Beitraege ueber der Stellung der Paepste zu den Juden, Kiel, 1893, s. 31-36.

21

מוה"ר מברונא, ספר שו"ת, שטעטין 1860, תשובה רס"ה.

אין א דייטשער איבערזעצונג אין

Almanach des Schocken Verlags, 1937-38, s. 69.

ביבליאָגראַפיע וועגן אינערלעכן לעבן פון די דייטשע יידן:

מ. גידעמאַן (יידיש: ג. שטיף), אידישע קולטור־געשיכטע אין מיטל־אלטער. (דר. שטיף האָט אויסגעלאָזן און מקצר געווען געוויסע טיילן).

Israel Abrahams, Jewish Life in the Middle Ages, enlarged and revised by Cecil Roth, London, 1932.

A. Berliner, Aus dem inneren Leben der deutschen Juden im Mittelalter, Berlin, 1900.

Moses Hoffman, Der Gelthandel der deutschen Juden waehrend des Mittelalters bis 1350. 1910.

דר. י. שיפּער, יידישע געשיכטע (ווירטשאפטסגעשיכטע) 4 בענדער, ווארשע, 1932.

22

J. B. Koenig, Annalen der Juden in dem preussischen Staaten, Berlin, 1790, s. 48.

ביבליאָגראַפיע:

Eugen Taeubler, Zur Geschichte der Kammerknechtschaft, Mitteilungen des Gesamtarchivs der deutschen Juden, 1913, pp. 44-58.

23

דון יצחק אברבנאל, פּירוש על נביאים ראשונים (לייפּציג) תמ"ו, הקדמה (צו יהושע) ז. א.

אברבנאל האָט דעם פּירוש אָנגעשריבן 1495 אין איטאַליע.

ביבליאָגראַפיע:

Jacob S. Minkin, Abarbanel and the Expulsion of the Jews from Spain, New York, 1938.

Isaac Abravanel, Six Lectures by P. Goodman, G. Luria, M. Gaster, L. Rabinowitz, L. Marcus, L. R. Milburn, Cambridge, 1937.

24

א. Adolf Neubauer, Zwei Briefe Obadjah's aus Bartenore aus dem Jahre 5248 und 5249, Jahrbuch fuer die Geschichte der Juden und des Judentum, Leipzig, 1863, Bd. III, s. 195-196, 204-214.

ב. דאָרט, ז. 280־281.

25

א. E. H. Lindo, The History of the Jews of Spain and Portugal, London, 1840, pp. 177-180.

ב. Alexander Marx, The Expulsion of the Jews from Spain, The Jew. Quart. Review, 1908, p. 249-52.

ג. Salvador de Madariaga, Christopher Columbus, New York, 1940, pp. 190, 196.

ד. William H. Prescott, History of the Reign of Ferdinand and Isabella, Boston, 1839, Vol. II, pp. 146-7.

ביבליאָגראַפיע:

Cecil Roth, History of the Spanish Inquisition, London, 1937.

M. Kayserling, Geschichte der Juden in Spanien und Portugal, Berlin, 1894. פאַראַן אן ענגלישע איבערזעצונג

Valeriu Marcu, Die Vertreibung der Juden aus Spanien, Amsterdam, 1934. א קורצע, פאָפּולערע געשיכטע פון גירוש שפּאַניע.

26

Dr. Walther Linden, Luthers Kampfschriften gegen das Judentum, Berlin, 1936, s. 33-34, 93.

די ערשטע שטעלע איז פון לוטערס שריפט

Das Jesus Christus ein geborene Jude sei.

Vermahnung wider die Juden. די צווייטע שטעלע איז פון

ביבליאָגראַפיע:

Reinhold Lewin, Luthers Stellung zu den Juden, Berlin, 1911.

27

דוד ראובני, דער ספר הזכרונות, יידיש פון א. י. גאָלדשמידט, ווילנע, ז. 54־57, 77־78, 106־108, 155, 157־158.

ביבליאָגראַפיע:

א ניי ליכט אויף דוד ראובנים אָפּשטאַם וואַרפט דאָס אינטערעסאַנטע ווערק פון א. ז. אשכלי, סיפור דוד הראובני, ירושלים ת״ש. פגל. אויך די רעצענזיע פון י. בער אין קרית ספר, שנה יז, ז. 302־312.

28

Lucien Wolf, Jews in the Canary Islands, London, 1926, pp. 26-29.

Cecil Roth, A History of the Marranos, Philadelphia, 1932, p. 100-2.

ביבליאָגראַפיע:

H. J. Zimmels, Die Marranen in der rabbinischen Literatur, Berlin, 1932.

Fritz Baer, Die Juden in christlichen Spanien, Berlin, 1929-36. 2 בענדער.

29

Henry Charles Lea, A History of the Inquisition of Spain, New York, 1922, Vol. III, pp. 23-26.

30

Dr. A. Sulzbach, Bilder aus der Judischen Vergangenheit, 1923, s. 181.

31

א. Louis Finkelstein, Jewish Self-Government in the Middle Ages, New York, 1924, pp. 225, 226, 231.

ב. דאָרט 354, 363.

ג. Prof. Dr. Majer Balaban, Die Krakauer Judengemeinde-ordnung von 1595, Jahrbuch d. Jued. Literarischen Ges., 1912, s. 358, 360.

די קראָקער תקנות זיינען אָריגינעל אין יידיש, די שפּראַך איז דאָ מאָדערניזירט געוואָרן.

ד. שמעון דובנוב, פנקס מדינת ליטא, ברלין תרפ״ה, סט (ז. 18), סט״ב (ז. 74), ת״ס (ז. 101), תס״ט (ז. 104).

ה. Dr. A. Eckstein, Geschichte der Juden in ehemaligen Fuerstbistum, Bamberg, s. 70.

ו. Almanach des Schocken Verlags auf das Jahr 5698, 1937-38, s. 74-75.

ז. בערנהאַרד וואכשטיין, די פּראַגער תקנות פון 1767 קעגן לוקסוס, ייווא בלעטער, ב. I, ז. 339. די תקנות זיינען אָריגינעל אין יידיש.

ח. דר. יעקב שאַצקי, די תקנות פאר די סאקאלאווער יידן אין XVIII יאָרהונדערט, שריפטן פאר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, ב. I, ז. 85.

ט. דר. מ. ווישניצער, דער פנקס פון קיידאנער בעלי מלאכה־צעך, בלעטער פאַר יידישע דעמאָגראפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק 1925, נר. 5, ז. 75. אָריגינעל אין יידיש.

ביבליאָגראפיע :

דר. י. שיפער, דער צוזאַמענשטעל פונעם „וועד ארבע הארצות", היסט. שריפטן פון ייווא, ב. I, ז. 78.

Moses Schorr, Rechtsstellung und innere Verfassung der Juden in Polen, 1917.

(אָפּדרוק פון
Organizacya zydow w Polsce, Lwow, 1889 (Kwartalnik Historychny, XIII)

32

Carl Gebhardt, Die Schriften des Uriel Da Costa, T. 2, s. 124-146.

33

דר. יעקב שאצקי, גזרות ת"ח, ביבליאָטעק פון ייווא, ווילנע 1938, יון מצולה, ז. 7, 13, 16־18, 21־23, 28־29, 30, 31, 34, 56, 61, 70 , 81.

ר' נתן נטע האנאווער טרייבט איבער אין געוויסע פאלן די גרייס פון די קאָזאקישע חיילות און די צאָל יידישע הרוגים. דר. שאצקי ווייזט אָן אויף די טעותים און בלויזן אין דער כראָניק אין זיין אריינפיר, ספּעציעל אינעם ערשטן קאַפּיטל און אין די היסטאָריש־קריטישע הערות.

ביבליאָגראפיע :

א גוט פּאָפּולער בוך וועגן דער צייט פון גזירות ת"ח, ת"ט איז דר. מאקס ווינרייכס שטורעמווינט, בילדער פון דער יידישער געשיכטע אין 17טן יאָרהונדערט, ווילנע, 1927.

34

Paul Rycaut, The Turkish History, London, 1687, Vol. 2, pp. 174-184.

ביבליאָגראפיע :

Joseph Kastein, Sabbatai Zewi, Der Messiah von Ismir, Berlin, 1930. איבערגעזעצט אויף ענגליש

דוד כהנא, תולדות המקובלים, השבתאים והחסידים 1913, 2 בענדער.

35

Dr. David Kaufmann, Die Memoiren der Glueckel von Hammeln, s. 24-25, 36-37, 80-82, 146-147.

די מעמוארן זיינען אריגינעל געשריבן געוואָרן אין יידיש. די גע־בראַכטע שטעלן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין מאָדערנעם יידיש.

מארווין לאוענטהאל האָט די זכרונות איבערגעזעצט אויף ענגליש.

36

Samuel Oppenheim, Early History of the Jews in New York, 1654-1664, Publ. Am. Jew. Hist. Soc., Vol. 18, 1909, pp.

א—4

ב—9־10

ג—8

אין דער ארבעט געפינען זיך נאָך א גאנצע רייע וויכטיקע דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון די יידן אין נײַ־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק).

ביבליאָגראַפיע :

Peter Wiernik, History of the Jews in America, N. Y., 1930.

37

דר. יעקב שאַצקי, ספינאָזא און זיין סביבה, ניו־יאָרק 1927, ז. 60־61.

ביבליאָגראַפיע :

נחום סוקולוב, ברוך שפינאזא וזמנו, לונדון תרפ״ח.

קורצע ביאָגראַפיעס :

Sir Frederick Pollock, Spinoza, London, 1937.

Arnold Zweig, Spinoza, New York, 1939.

(אַ קורצע, פּאָפּולערע אָבער גוט געשריבענע ביאָגראַפיע).

38

Alexander Marx, A Seventeenth Century Autobiography, Jew. Quarterly Review, 1918,

העברעאישער טעקסט, ז. 278־282.

ביבליאָגראַפיע :

Die Juden in Prag: Bilder aus ihrer tausendjaehrigen Geschichte, Prag, 1927.

39

ר׳ צבי הירש קיידאנאווער האָט דעם „קב הישר״ געשריבן און צוערשט פאַרעפנטלעכט אויף העברעאיש. ער האָט עס אליין באלד איבערגעזעצט אויף יידיש און פאַרעפנטלעכט די יידישע איבערזעצונג זייט ביי זייט מיטן

העברעאישן אָריגינאַל. די אויסצוגן ווערן געבראַכט לויט דעם לובלינער דרוק פון 1887, פּ. ט.״, י״ד.

40

ב. פּרנס, קהל חסידים ושבחי בעל שם טוב, ניו־יאָרק, ז. 3־6, 10־13, 17, 20־21, 105־106.

ביבליאָגראַפיע :

ש. דובנאָוו, די געשיכטע פון חסידיזם, ווילנע, 2 בענדער.
דר. ש. א. האָראָדעצקי, דער חסידיזם און זיינע פירער.
דר. י. ציגבערג, ב. VII, צווייט בוך, צווייט קאַפּיטל.

41

Cecil Roth, Anglo-Jewish Letters, London, 1930, pp. 115-116.

42

James Picciotto, Sketches of Anglo-Jewish History, London, 1875, pp. 78-79.

43

דר. מ. ווישניצער, בער באָלעכאָווערס זכרונות. בערלין 1922, ז. 114־116, 119־120, 111, 137.

די שילער געלאָפן אָדער אַנטלאָפן זיינען געווען אַ גאַנץ אָפטע דער־שיינונג. יידן פלעגן זיך אויסקויפן פון די דאָזיקע אַנפאַלן פון דער קריסט־לעכער שטודירנדיקער יוגנט אויף פאַרשיידענע אופנים, ווי דורך מתנות צו די דירעקטאָרן פון די לערנאַנשטאַלטן, דורך יערלעכע אָפּצאָלן אדער דורך קויפן זיסוואַרג פאַר דער „גאָלדענער יוגנט״. (וועגן פּאַדואַ, איטאַליע, למשל, זע, Cecil Roth, Venice, p. 287)

44

שמעון דובנאָוו, דער צווייטער חורבן פון אוקריינע ,היסט. שריפטן I, ז. 38־42. די כראָניק איז צוערשט דערשינען אין פירט, דייטשלאַנד 1783. די שטעלן וואָס מיר ברענגען זיינען גענומען פון א שפּעטערדיקער אויסגאַבע פון 1834.

וועגן אַן אָנפאַל פון די היידאַמאַקעס אויף גאַלאַכוואַסט אין 1736 דער־ציילט אַ פראַנצויז דע לאַנזשו, וואָס איז געווען א מקורב פון רוסישן קייסער־לעכן הויף : „די היידאַמאַקעס זיינען לעצטן ווינטער דאָ געווען אין א צאָל פון פינף־זעקס הונדערט רייטער און באַגאַנגען א סך פאַרברעכנס. נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין געהאַט געפּייניקט אַלע יידן, וואָס זיינען זיי געקומען צו דער האַנט און האָבן זיי געצוואונגען אויסצוזאָגן, וואו זיי האָבן באַהאַלטן דאָס געלט, זיינען זיי אַוועק מיט זייער רויב. נאָך איידער דאָס פּוילישע

מיליטער האָט זיך געקאָנט צונויפקלייבן און אנטקעגנשטעלן" (ייוואָ בלעטער, ב. III, נומ. 4־5, ז. 314).

45

שלמה מימונס לעבנסגעשיכטע, יידיש א. י. גאָלדשמידט, ווילנע 1927, ב. I, ז. 15־18, 45־46, 73־76, 79־82, ב. II, ז. 361־364.

ביבליאָגראַפיע:

הוגא ברגמן, הפילוסופיה של שלמה מימון, ירושלים תרצ"ב.

46

Bildnisse Berliner Gelehrten, Berlin, 1806.

ביבליאָגראַפיע:

מאַקס עריק, עטיודן צו דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע (1789־1881), מינסק, 1934.

י. צינבערג, ב. VII, ערשט בוך, קאַפּ. 1־5.

47

אהרן איזאַקס אויטאָביאָגראַפיע, יידיש—נ. שטיף, כלל־פאַרלאַג, בערלין 1922, ז. 30־32, 34, 35־38, 40־42, 45־46.

אהרן איזאַק האָט די אויטאָביאָגראַפיע געשריבן אין א פאַרדייטשטן יידיש און נחום שטיף האָט די שפּראַך מאָדערניזירט, אָדער, ווי שטיף זאָגט אליין: „איך האָב דאָס איבערגעגעבן אין א פאָלקסטימלעכן יידיש, וואָס שטימט לויט מיין מיינונג אמבעסטן מיט דער געמיטלעכקייט פון דער איינ־פאַכער אויפריכטיקער דערציילונג און אפשר אויך מיט דער אייגנטלעכער אומגאַנג שפּראַך פון אהרן איזאַק און זיין סביבה".

48

Dr. A. Berliner, Geschichte der Juden in Rom, Bd. II, s. 107-118.

פאַראַגראַפן

XXXI, XXX, XXVIII, XXIII, XXII, XIII, XII, X, VI

ביבליאָגראַפיע:

Hermann Vogelstein und Paul Rieger, Geschichte der Juden in Rom, Berlin, 1896, 2 בענד.

Hermann Vogelstein, Rom, Philadelphia, 1941.

49

דער ערשטער פאַראַגראַף איז גענומען פון דר. י. צינבערגס געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, ב. VII, ערשט בוך, ז. 193־194. דער צווייטער

פאַראַגראַף איז פון נח פרילוצקיס זאמלביכער פארן יידישן פולקלור און פילולוגיע און קולטור געשיכטע, ב. II, ז. 21־22.

50

א. מארגאָליס, געשיכטע פון יידן אין רוסלאנד, ערשטער באנד, מאָסקווע 1930, ז. 255.

ביבליאָגראפיע:

Юлий Гесен, История Еврейского Народа в России, Ленинград, 1925-27. (2 בענד)

51

Publ. Am. Jew. Hist. Soc., Vol. II, pp. 90-92.

ביבליאָגראַפיע:

Morris A. Gutstein, The Story of Jews of Newport, New York, 1936.

Miriam K. Freund, Jewish Merchants in Colonial America, New York, 1939.

52

Diogene Tama, Transactions of the Parisian Sanhedrin, London, 1807, pp. 11-29.

ביבליאָגראפיע:

א. טשעריקאָווער, די פראַנצייזישע רעוואָלוציע און די יידן. יידן אין פראנקרייך, ניו יאָרק 1942, ב. I, ז. 109־152; ב. II, ז. 7־55.

53

Pamietniki Ks. A. Kitowiçza, Lwów, 1882, Tom I, str. 383-389.

ביבליאָגראפיע:

דר. ע. רינגעלבלום, חסידות און השכלה אין ווארשע אין 18טן יאָרהונ־דערט, ייווא בלעטער, ב. 13, 1938, ז. 124־132.

54

דר. נ. מ. געלבער, די זכרונות פון מאָזעס פאָרגעס, היסט. שריפטן פון ייווא, ווארשע 1929, ב. I, ז. 272־281.

דער באַקאַנטער דייטשער שרייבער פריץ מאוטנער שרייבט אין בוך „ערינערונגען״ (ז. 307), אז זיין זיידע „איז געווען אין אָפּנבאך צוזאמען מיט אַ יינגל פון דער רייכער פראָגער יידישער משפחה פאָן פאָרטהיים (די פאַמי־ליע, וואָס איז געאדלט געוואָרן האָט פריער געהייסן פארגעס)... ער [דער זיידע] האָט געוואוינט אין פראג און איז זיכער געווען ביי די פראנקיסטן נאָך פראנקס טויט. ער זאָל האָבן געשיקט געוואָרן פון זיין פאָטער, וואָס

איז געווען אַן איבערצייגטער אָנהענגער פונעם נייעם משיח, אַז ער זאָל זיך בעסער דאָרטן שפּילן אין סאָלדאַטן איידער דינען אין דער עסטרייכישער אַרמיי. דער הער פאָן פּאָרטהיים האָט אויף דער עלטער אָפּגעלאַכט פון דער „קעניגין" און פון די געשעענישן אין הויף".

די משפּחה וועהלע פון פּראָג איז „געווען באַקאַנט ווי אַנהענגער פון פראַנקיזם. די וועהלעס זיינען געווען קרובים פון די בראַנדייסעס, פון דער משפּחה פונעם אַמעריקאַנער יידישן ריכטער פון העכסטן געריכט. טעאָדאָר וועהלע, אַ זון פון גאָטליב וועהלע וואָס איז 1848 געקומען קיין אַמעריקע מיט זיין גאַנצער משפּחה, האָט געשריבן, אַז „ווי שווער ס'איז ניט געווען דער ברוך מיט דער דורות־אַלטער טראַדיציע, האָבן אָבער די וועהלעס ווי אַ סך אַנדערע אויפגעקלערטע, וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם פּילפּול פונעם אָרטאָדאָקסישן יידנטום, געפונען אַ באַלזאַמיע היילונג און אַ דער־פרישנדיקן כח אין אַ סיסטעם פון מיסטישן אידעאַליזם, וואָס האָט געעפנט אַ כמעט אומבאַגרעניצטן אויסקוק אויף אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער עקספּאַנסיע. איבערצורייסן אינגאַנצן מיטן יידנטום איז געווען אוממעגלעך, איז דעריבער דער איינציקער אויסוועג פאַר זיי געווען — צו געבן אים אַ ברייטערן און טיפערן זין".

ביבליאָגראַפיע:

Aleksander Kraushar, Frank i. Frankisci, Kraków, 1895.
איבערגעזעצט אויף העברעאיש פון נחום סאָקאָלאָוו, (פראַנק ועדתו).

55

די פּראַגעס זיינען גענומען פון
Diogene Tama [W. H. Reid], Transactions, pp. 133-134,
די ענטפערס פון סנהדרין חדשה
and the Causes and Consequences, London, 1807, pp. 34-48.

56

Franz Kobler, Juedische Geschichte in Briefen aus Ost und West, Wien, 1938, s. 32.

ביבליאָגראַפיע:

С. М. Гинзбургъ, Отечественная война 1812 года и русскіе евреи, С.-Петербургъ, 1912.

57

Publ. Am. Jew. Hist. Soc., Vol. VIII, pp. 106-13.

ביי דער צערעמאָניע פונעם לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר דער געפּלאַנ־טער שטאָט אַררט (דעם ערשטן סעפּט. 1825) האָט נח געזאָגט: „ווען כ'רוף צענויף די יידן אונטער דעם שוץ פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און פון די געזעצן פון דער גליקלעכער רעפּובליק, מוז איך דערקלערן, אַז דער

מקום מקלט (גראנד איילענד) איז א צייטווייליקער. די יידן זאָלן ניט און וועלן קיינמאָל ניט אויפגעבן די באַרעכטיקטע האָפענונג צוריקצו־קריגן זייער אלט היימלאַנד" (פּאַבליקיישאַנס, ב. II, ז. 232).

דער פּאַריזער ראַבינער אברהם דע קאלאנא האָט אין דער פראנצויזישער צייטונג „זשורנאַל דע דעבאַט" געשריבן, אז „מ׳דאַרף גלייך לאָזן וויסן דעם ה׳ נחן, אז די חשובע הערן הערשעל און מענדאלא, הויפּט רבנים פון ענגלאַנד און איך אליין אויך, דאנקען אים פאר דעם כבוד און זאָגן זיך אבסאָלוט אָפּ פון די כיבודים, מיט וועלכע ער איז אזוי גוט געווען אונדז צו באערן. לויט אונדזערע עיקרים קאָן בלויז גאָט אליין וויסן די צייט פון דער גאולה און ער וועט די צייט באקאנט מאכן פאר דער וועלט אויף א קלאָרן אופן".

(Isaac Goldberg, Major Noah, p. 208)

דר. צונץ, היינריך היינע און אנדערע האָבן אָפּגעחוזקט פון נחן. די מערסטע דייטש־יידישע און העברעאישע צייטשריפטן האָבן דעם גאנצן ענין ניט גענומען ערנסט.

(Dr. N. M. Gelber, Zur Vorgeschichte des Zionismus, s. 288-289)

ביבליאָגראַפיע:

Nahum Sokolow, History of Zionism, London, 1919,
ערשטער באנד.

58

אברהם לעווין, קאנטאָניסטן, ווארשע 1934.
א—ז. 122־124
ב—ז. 246־255
ג—ז. 228.

אַלע יידן, אַחוץ די משכילים, האָבן באַטראַכט דאָס רעקרוטן געזעץ ווי אַ גזירה. אפילו אַזאַ מילדער משכילישער שרייבער ווי דער פוילישער ייד דר. שלמה עטינגער האָט אויך אין אַ ליד אויסגעמוסרט יידן פאַר זייער קעגנערשאַפט צו דער רעקרוטשינע:

צווישן מיינע ברידער
הער איך אַ גערידער;
פון גרויס ביז קליין
אַ געשריי, אַ געוויין;
פון יונג ביז אַלט
שרייען אַלע געוואַלד:
לאָמיר וויינען, לאָמיר קלאָגן,
לאָמיר לויפן תהלים זאָגן,
לאָמיר אויסנעמען די ספרים,
לאָמיר גיין רייסן קברים!

וואָס באַדאַרף מען שוין מער?!
מע נעמט שוין יידן צום מיליטער!

אויב דו האָסט דיך מיט אַ זעלנער צו שעמען!
ווער, זאָגט מיר, צווישן אייך,
איז דעם ערלעכן זעלנער גלייך?
ער דאַרף נישט צו לייען, צו באָרגן,
נישט צו טראַכטן און נישט צו זאָרגן,
און גייט אָנגעטאָן גאָר ווי אַ לייט,
און האָט זיין עסן צו דער צייט.
נעמט אייך אַ ראיה פון אנדערע אמונות,
קוקטס אָן די יידן אין אַנדערע מדינות!
לוסטיק און פריילעך
דינען זיי דעם מלך,
מיט זייער גוף און זייער נשמה,
צי איז שלום, צי איז מלחמה
האַלט דו נאָר פון גרויס ביז קליין
אַלע זאַכן ריין און שיין,
פאָלג דו נאָר די אָפיצירן
און לערן פלייסיק דאָס מושטירן;
פיר דיך אויף אין ערלעכן שטרייך,
און עס וועט דיר קיינער נישט זיין גלייך.
גאָר אָן ליאַרעם, אָן געשריי,
מיט דעם האַרץ געטריי,
גאָר מיט שמחה און פרייד,
זיי נאָר תמיד אָנגעגרייט
צו לויפן אפילו אין פייער אריין
אויסצופירן דעם מלכס פלאַן;
וואָרן די גוטע, וואָס גייען אין קרוינען,
וויסן שוין איטלעכן צו באַלוינען.

די רוסישע משכילים האָבן נאָך הייסער געליבט די רעקרוטשינע און נאָך שאַרפער אויסגערעדט די יידן פאַר זייער קעגנערשאַפט.

ביבליאָגראַפיע:

שאול גינזבורג, די ענטשטעהונג פון דער אידישער רעקרוטשינע, היסטאָרישע ווערק, באנד I, ניו יאָרק תרצ״ז.

59

א. ה. ווייס, זכרונותי, מילדותי עד מלאת לי שמונים שנה, ווארשא 1895, ז. 13־14.

60

Lord Macaulay, Essays and Speeches on Jewish Disabilities, Edinburgh, 1910, pp. 45-46, 47, 49, 58-61.

ביבליאָגראַפיע:

שלמה בארקין, די צווייטע פאַזע פונעם קאמף פאַר דער יידישער עמאַנ־סיפּאַציע אין ענגלאַנד (1830־1836), היסט. שריפטן פון ייווא, ב. I, ז. 405.

61

Diaries of Sir Moses and Lady Montefiore, London, 1890, Vol. I, pp.

א—233־239 ב—259.

ביבליאָגראַפיע:

Paul Goodman, Moses Montefiore, Philadelphia, 1925.

Joseph Jacobs, The Damascus Affair and the Jews of America, Publ. of the American Jewish Hist. Soc., Vol. X (1902).

S. Posener, Adolphe Crémieu, Paris, 1933-1934. (2 בענד)

(פאַראַן אַ פאַרקירצטע ענגלישע איבערזעצונג).

62

א. מאַרגאָליס, געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד, ז. 290.

63

א. מאַרגאָליס, געשיכטע, ז. 441.

ביבליאָגראַפיע:

David Philipson, Max Lilienthal, New York, 1915.

מאַנדלשטאַמס ווענדונג איז געווען אדרעסירט צו דר. ליליענטאַל. אין דעם בוך ווערן פאַרעפנטלעכט דר. ליליענטאַלס זכרונות וועגן זיין ארבעט אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1839־1845.

נ. שטיף, די עלטערע יידישע ליטעראַטור (ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע) קיעוו, 1929.

64

Franz Kobler, Juedische Geschichte in Briefen, s. 67.

רשימה פון נעמען

א

אבוהב, יצחק, 123, 217
אבידאָס, 200
אבראמוס, 86
אברבנאל, דן יצחק, 107, 117, 123
אברבנאל, יהודה, 107, 117
אברהם פון זאַסלאוו, 189
אברהם פון טלעמצען, 125
אברהם (אהרן איזאַקס ברודער), 274
אברהם, (בעשטס שווער), 231, 232
אברהם (ראש ישיבה פון טולטשין), 188
אגנעלוס, בישאָף, 14
אדריאַנאָפּאָל, 201, 202, 204
אהרן, ראש ישיבה פון טולטשין, 188
אויגוסט דריטער, קיניג, 292
אולריכסדאל, 282
אומאן, 245, 246
אונגאַריש־בראָד, 181
אושטאט, 275, 276
אחימאץ, בן פלטיאל, 14
איבס, 97
איזאבעלא, קיניגין, 117, 128
איזאַק אהרן, 274
איילווערד, 43
אינגליז, סער, 354
אינקוויזיציע, 141, 144, 145, 155
אל קהיר (קאַיראָ), 57
אלברעכט, מארקראף פון בראַנדענבורג, 106
אלהאמברא פאלאץ, 117
אלטאָנע, 207
אליהו הנביא שול אין אלעקסאנדריע, 112
אליעזר (בעל שם טובס פאָטער), 231
אליפיוס, 7
אלכסנדר שוחט, 230
אלמאָרינו, 138
אלמומניך, קאליף, 47
אַמסטערדאַם, 151, 153, 155, 158, 211, 212, 216, 217
אַנאַקאַגאַ, 199
אַנגולעם, 60
אַנקאָנאַ, 113, 127
אסטראה, 180, 183, 184
אָפּפער פעניג, 106
אַפּוליע, 20, 21
אָפּענבאַך, 317, 320
אַקוועטוס, 86
אריא, 19, 21
אריסטאָטעלס, 268
ארלעאַן, 10
אררט, 335, 336

ב

באַגדאד, 24
באַזיל, קיניג, 16, 17
באלאווינוס, 86, 87, 88
באָלדווין, בישאָף, 51
באלעכאווער, בער, 241
באלעסלאוו דער שעמעוודיקער, 68
באַמבערג, 165
באָפּאָלאָ, 334
באקאודא, בישאָף, 14
באַר, 184
באַרבאדאָס, 214
באַרבאראָסאַ, פרידריך, 52
באָרדאָ, 60
באַרישפּאָל, 184
באַרצעלאָנאַ, 82
בודאָ, 195
בוטשאַטש, 189
בוסנאַק, אברהם, 339
ביאור, מענדלסאָנס, 262
ביאַלאָצערקאָוו, 183
ביוצאוו, 274
ביצדו, יצחק, 123
בישעווסקי, גענעראל, 296
בית המקדש, 7, 17, 18, 49

בלוט בלבול, 42, 76, 81, 358
בן אלכטאב, עמיר, 49
בנימין בן יונה פון טודעלא, 45
בעלז, 189
בעל שם טוב, 230, 231, 232, 233, 234
בענדאוויד, לאזארוס, 264
בענוועגעסטי, אברהם, 124
בענוועגעסטי, דון ווידאַל, 124
בענוועגעסטי, חיים, 198
בער, יצחק בער, 305
בערטאָלד, בישאָף, 92
בערלין, 250
בערלינער, דר., א., 283
בערנאַלדעז, אנדרעאַס, 128
בראָד, 231, 232, 233
בראַונשווייג, 264
ברית חדשה, 270
ברעסלער סינאד, 79

ג

גאָטפריד, דוכוס פון בואילאָן, 34, 35
גאמאליעלוואני עפענדי, 205
גאַנז, פראָפ., 339
גאָנטע, 245, 246, 247
גובין, 300
גוליאָ (עדזשידאָ די וויטערבא), 134, 135
גזה, 195, 196
גירוש שפאַניע, 117, 122
גייזיגערסדארף, 250
גלאגוי, 251
גליקל פון האַמעל, 206
געטאָ, 118, 284, 285, 286
געטע, 251
געלע לאָטע, 59
גענוא, 113, 126, 129, 130
גערענאַ, 82
גערהארדען, היינריך, 89
גארדיס בנימן און אנדראדע, 339
גראַנאַדאָ, 117, 122
גראַנד איילענד, 334, 336, 339
גראַנט, 354
גרויס מעזעריטש, 351
גרעגאָר דער גרויסער, 13
גרעגאָר IX, 60, 62

ד

דאַנציג, 332
דאמיני, טעמפל, 49
דאַקאָסטא, אוריאל, 170
דבריסתאן, 46
דוב בער, 230
דוד אל רואי, 45, 46, 47, 48
דוד ראובני, 133
דזשארדזש II, 230, 237
דמשק, 358
דניאל פון פיזאָ, 136, 137
דעקערט, יאַן, 294

ה

האַמבורג, 170, 207, 208, 209
האַנאָווער, נתן, נטע, 180, 181
האָנאָריוס III, 59
האַרדאָ, יוסף, 159
האַרט, משה, 236, 237, 238
הויפזינגער, יאָנאַס, 321
הילדעסהיים, 209
הירש, דוד, 264
הירש, חוה, 264
היינבורג, 97
היינריך IV, 35, 40
הלל II, 8
העלאַנד, פאָן, 281
העסען, 167
הערצאגבורג, 96
הערצען, 341
הערשעל, 339
הררי, דוד, 361, 362

וו

וואָלאָטשיסק, 344
וואָלאָכיע, 180
וואַטיקאַן, 236
וואָלטעיר, 271
וואָלף, 271
וואָלף, דר., לעאָ, 339
וואָנס, 8
וואַרשע, 291
וואָרמס, 33, 161
וואַשינגטאָן, 301, 302, 303, 304

וויטיס, 97
וויליאם פון נאַרוויטש, 42
וויליאם פון ניובוירג, 52
ווינטערטור, 92
ווין, 96
ווינער גזירה, 94
ווינקעל, 97
ווישניצער, דר., 241
וולאדיסלאוו, קיניג, 183
וועד ארבע הארצות, 160, 241, 242
וועהלי, אהרן בער, 320
וועהלי, יאָנאַס, 320
וועגאַטיוס, 14
וועלס, 97
ווענעציע, 107, 113, 170, 180, 200, 236

ז

זאַסלאוו, 184, 189
זין אַל דין, 48
זכאי, נשיא פון מאָזול, 48
זקודו (זאַקוטאַ), 123
זשיטאָמיר, 345, 347
זשעלעזניאַק, 245, 246

ח

חבור (כאַיבאר) מדבר, 133
חביב, יעקב, 123
חזון למועד, 368
חמיל (כמיעלניצקי), 182, 185
חנה, 53
חסדאי, ראש הגולה, 46

ט

טאַבאָלסק, 343, 347
טאובעלס, אַמאַליע, 375
טאָלעדאָ, 11, 145
טאָמאַס, פּאָטער, 360, 362
טאַרקוועמאדא, 117, 124
טולטשין, 184, 187, 188
טוריסק, 287
סיראַדאָ, יעקב, 156, 157, 158, 159
טלעמצען, 125
טעאבאָלד, 42
טעקעלי, עמעריק, 181
טעראַטשינא, 14
טרויענבריצן, 274
טריפּאָלי, 195
טשודנאָוו, 184
טשיהירין, 181

י

אָהאַן, בישאָף, 32
יאזלוויץ, 189
אַנקאָל, גראַף, 78
יאָקע, 51
יאָרק, 51, 52
ד אבשלום, 50
יהודה החסיד, 64
יוליאַן, קייסער, 7
יום טוב, ר׳, 51, 52
יון מצולה, 180, 181
יוסף, דער אסטראנאָם, 48
יוסף, קיניג, 133, 136
יוסף, שלום, 159
יעזוס, 31
יעקב (בענדאווידס מלמד), 267, 270
יעקב הלוי, 223
יעקב מוהר״ר (רב פון אומאן), 246
יעקב פון פּאָשע, 89
יצחק אבוהב, 123
יצחק ביצדו, 123
יצחק בר׳ שמואל, 64
ירושלים, 7, 8, 31, 48, 49, 50, 115, 116, 195, 205
ישראל מברונא, 103

כ

כאַראַסאַן, 24
כואן I, 59
כואן II, 107, 108
כואַן, פּעטרי, 135
כותל מערבי, 49
כמיעלניצקי, 180, 181, 182, 185, 208, 245
כ״ץ ענזל, 244

ל

לאָאָ, 97
לאָאַדיצעאָ, 9

לאַזאַרוס, דוד, 264
לאטעראַנישער סינאָד, 59
לאכוויץ, 184
לאַנד, גראַף, 78
לאנדאָן, 51, 214, 237, 239
לאָס פּאלאציאָס, 128
לאַרענאַ, 134
לובאמירסקי, 239, 296
לובען, 184
לוטער, מארטין, 131
לונא, 14
לונעל, 56
ליובארטאוו, 184
ליווארנא, 180, 200
ליטווישער וועד, 160
ליטווישער פּנקס, 163
לייבוש משאַריגאַראָד, 248
ליליענטאל, מאַקס, 368
לין, 51
לינץ, 97
לינקאָלן, 51
ליסאַבאָן, 107, 125
ליסענקאָ, 191
ליפוט, 97
לעא, קיניג, 16
לעווענבערג, 103
לפּפא, אהרן, 198

מ

מאַהאַמעט, 205
מאַיאָרקאַ, 122
מאיר המלמד, 123, 124
מאַכמעד אַלי, 358
מאַלמע, 276
מאַלע, גראַף, 323
מאַנדעלשטאַם, בנימן, 368
מאַנטוא, 134
מאַנטעפיאָרע, מאַזעס, 358, 359
מאַנסיאנוס, 87, 90
מאַסאַיעט באַנדיטוס, 86
מאַסקווע, 299, 345
מאַצעי, גראַף, 78
מאַקאָליי, לאָרד, 354
מאַרטין, V, 100
מארגאָליס, מנשה, 364
מאַרטיירא, שאול, 217
מאַריאַ טערעזאַ, 236
מאַרמעג, 97
מאָרע, 195
מארקאווסקי, 247
מאַרקוזי, דר., משה, 287
מארקס, דר., אלעקסאנדער, 220
מאַרשאַל, 359
מונק, פּראָפ., 358
מוסעט, אַבראַמוס, 86, 89
מורה נבוכים, 56
מיגועל, דאָן, 134
מיימון, שלמה, 250, 251
מינאָרקאַ, 123
מיינץ, 30, 33, 36, 37, 161
מלות ההגיון, 262
מנשה בן ישראל, 217
מעזעריטש, 189
מעלדאָלאַ, 299, 345
מענדלסאָן, משה, 264
מערטערסדארף, 97
מרדכי (אהרן איזאקס ברודער), 297
מרדכי צבי (שבתי צבים פאָטער), 195

נ

נאַודע, 271
נאָווגאָראָד־וואָלינסק, 343
נאיווי, האַליל, סאיד, 360
נאנסי, 305
נאַפּאָלעאָן, 323, 324, 332, 333
נאַרבאָן, 10
נגיד, 114
נח, מרדכי עמנואל, 334, 335
נחמיה (מקובל פון פוילן), 201
ניו־יאָרק, 336
ניזשני־נאָווגאָראָד, 346
ניי־אַמסטערדאַם, 211
נייטאָן פון לעסטער, 52
נייבורג, 96
ניצע, 11
ניקאָלאַי I, 371
נעאַפּאָל, 126
נעמיראָוו, 184, 190

נעסוויזש, 250, 257
נתן (פון גזה), 196
נתן הכהן, 114
נתן הכהן בן יצחק הבבלי, 25

ס

סאַלאָניקי, 190, 197
סאַמולעט, 86, 88
סאקאל, 189
סאָקאָלאָוו, 168
סגאָרזשאַני, 78
סודן, 20
סוכאַזונאטעוו, 246
סורא, 25, 27, 28
סט. טאָמאַס אינדזל, 125
סט. סאָפּיע קירך, 18
סטייוועסענט, פּעטער, 211, 212
סמירנע, 193, 194, 195, 197, 198
סנהדרין, 323, 325, 331
סעגורא דעלאַ אָרדען, 110
סעינט, 60
סעיקסאַס, א. ב., 340
סעיקסאַס, 303
סענאגערא, 129
סעניאָר (שניאור), אברהם, 117, 123, 124
ספּינאָזא, 217
ספר החסידים, 64
ספר יוחסון, 61

ע

עובדיה ירא מברטנורא, 111, 112, 116
עדזשידא די וויטערבא, 134, 135
עוזיה, קיניג, 50
עוזר ישראל, 287
עלי גאון יעקב, 46
עליזאבעטע, קייסערין, 299
עלילת דם, 251
עמאדיה, 45, 47
עמיכא, גראף, 36
ענס, 97
עספּינאָזא, דע, ברוך, 218

פּ

פּאַאַטו, 60
פּאָוואָלאָטש, 184
פּאָלאָנע, 184
פּאָלאַק, שאול, 223
פּאָניאַטאָווסקי, 241
פּארגעס, 317
פּאָרטאָ, 171
פּאַריז, 10, 323
פּומבדיתא, 25, 27, 28
פּוערטאָ דע סאַנטאַ מאַריאָ, 129
פּיוס VI, 283
פּיריאַטין, 184
פּירעס, דיעגאָ (שלמה מולכו), 133, 139
פּישאָטאָ, 361
פּעניא, שמואל, 198
פּערנאַמבוקאָ, 212
פּערעיאסלעוו, 184
פּראָג, 167, 220, 221, 222, 226, 236
פּראָווענצאַל, 90

פֿ

פֿאָסטאַט, 57
פֿאַרכי, מוראַד מאיר, 360
פֿאַרכי, שלמה, 360
פֿיאָדאָר אלעקסעיעוויטש, 299
פֿיליפּ אויגוסט, 52
פֿלאָרין, 280
פֿלעקעלס, לייב, 221
פֿעז, 125
פֿערדינאַנד, 107, 117, 122, 128
פֿערדינאנד III, 59
פֿעראַראַ, 127
פֿראנסוא I, 135
פֿראַנק, יאָזעף, 319, 320, 322
פֿראַנק, יעקב, 317, 318
פֿראַנק, עוואַ, 318
פֿראַנק, ראָכוס, 319, 322
פֿראַנקס, אהרן, 236, 237, 238
פֿראַנקפורט, 322

צ

צונץ, דר., 339
צינסקי, 318
ציסטערסדאָרף, 97
צרפתי, אהרן, 155
צרפתי, יוסף, 134, 135

ק

קאַבעט, 355
קאַדיז, 129
קאטערינע, קייסערין, 245, 246
קאַירא, 57, 113
קאלאבריא, 21
קאלאנא, אברהם, 339
קאלישער סטאטוס, 68
קאַלקרייט, גראף פאַן ווילהעלם אדאָלף, 250
קאַמאַרני, 189
קאמפאַ, דע עלווירא, 145
קאַמעניץ, שמשון, 224
קאַמענעץ פאַדאָלסק, 189
קאַנדיא, 200
קאַנטאַניסטן, 341, 343, 347, 348, 349
קאַניצפאלסקי, 181, 182
קאָנסטאַנטיוס, 8
קאָנסטאַנטין, 7
קאָנסטאַנטין (שטאַט), 184
קאָנסטאַנטינאָפאל, 18, 190, 195, 199, 200, 204
קאסאוויץ, נח, 317
קאסטעליאן, 86
קאסטרא, דע, א, 240
קאראימער, 114, 338
קאַראַן, 271
קאַרדאווע, 22
קאַרדאָזאַ, אהרן, נונעז, 339
קארל IV, 85
קאַרל V, 134, 135
קארל, הערצאָג, 279
קאַרסעיר, 126
קאַרשון, 184
קב הישר, 129
קיטאָוויטש, יענדזשעי, 291
קיטעווער, גרשון, 231, 234
קיידאַן, 168
קיידאנאווער, צבי, הירש, 228
קלויסטערניובורג, 96
קלונימוס (פרנס פון דער מיינצער קהילה), 35, 37
קובלאשער, 332
קורסק, 345
קלעמענט III, 40
קלעמענט VII, 133, 135
קלערמאָן, 36
קעימברידזש, 42
קעלן, 92
קעניגסבערג, 250, 287
קערטש, 24
קראָקע, 162
קריוואָנאָס, 187, 191
קריסטיאַני, פאַבלאָ, 82
קריסטיאנשטאַט, 277
קרעמז, 96
קרעמיע, אַדאָלף, 358

ר

ראַבינסאָן, סער טאָמאס, 236
ראדזיוויל, פירשט, 257
ראובינו, דוד, 133, 139
ראַמאַנאַ, 127
ראַפאָפּאָרט, חיים הכהן, 241
ראש הגולה, 25, 26, 27, 28, 29
רוטהארד, בישאָף, 37
רוים, 127
רוסא, 271
רחל בת יצחק בן אשר, 38
ריטשארד לייבן־הארץ, 51, 52
ריימס, 11
ריקאוט, סער פאָול, 193
רמב"ם, 56, 250, 262, 268
רמב"ן, 82
רעגנסבורג, 134

ש

שאדוועל, 358, 362
שאמברי, 86
שאַצקי, דר., י., 217
שאריגאַראַד, 184
שבתי צבי, 193, 205, 208
שוחט, אלכסנדר, 230
שומרונים, 113, 338
שווערין, 274
שטאָקהאָלם, 277
שטיף, דר., נחום, 274
שטראלזונד, 274, 275, 276, 278
שטראסבורג, 85, 92

שילוח, 50
שיליאן, 85
שילער געלויף, 251
שלינץ, 359, 361
שלמה המלך, 50, 134, 137
שלמה מולכו, 133, 134, 138
שלמה בר׳ שמעון, 30
שמואל (סעניאר), 124
שפּאַרע, קאַרל, 281
שפּיגל, משה, 343
שפּייער, 33, 161
שפּרונט, איבן חסדאי, 22
שפטיה, 17, 18, 20, 21
שפה ברורה, 181
שרה (שבתי צבים פרוי), 195

ת

תיבון, אבן שמואל, 56
תיבון, אבן יהודה, 56
תיזול, 24
ת״ח ות״ט, גזירות, 164, 165, 180, 220, 228
תקנות, 160

אינהאַלט

1. דעם קייסער יוליאַנס בריוו צו די יידישע קהילות 7
2. קריסטלעכע תקנות פון פריען מיטלאַלטער קעגן יידן 9
   א. אָרט אומבאַשטימט, ארום יאָרן 250־300
   ב. לאאָדיצעא, סיריע, 343־381
   ג. וואַנס, פראנקרייך, 465
   ד. אָרלעאן, פראנקרייך, 533
   ה. ארלעאַן, 538
   ו. ארלעאן, 541
   ז. נארבאָן, פראנקרייך, 589
   ח. פאריז, 614
   ט. ריימס, פראנקרייך, 624־625
   י. טאָלעדאָ, שפאניע, 633
   יא. טאָלעדאָ, שפאַניע, 656
   יב. קאָנסטאנטינאָפּאָל, 692
   יג. ניצע, פראנקרייך, 787
3. צוויי בריוו פון פויפּסט גרעגאָר דעם גרויסן וועגן איטאַליענישע קהילות 13
   א. צו די בישאָפן באקאודא און אגנעלוס
   ב. צום בישאָף וועגאטיוס אין לונאַ
4. די כראָניק פון אחימאַץ 16
5. דער בריוו פון כוזרישן מלך צו חסדאי איבן שפּרוט 22
6. די איינשווערונג צערעמאָניע פון א נייעם ראש הגולה אין בבל 25
7. דער ערשטער קרייצצוג 30
   א. די כראָניק פונעם ערשטן קרייצצוג פון שלמה ב״ר שמעון
   ב. אנוסים אין דער צייט פונעם ערשטן קרייצצוג
8. דער ערשטער בלוט בלבול 42
9. פון בנימין פון טודעלאַס רייזע באַשרייבונגען 45
   א. דוד אל רואי
   ב. ירושלים
10. דער פּאָגראָם אויף די יידן אין יאָרק, ענגלאַנד, אין 1190 51
11. דעם רמבמס בריוו צו שמואל אבן תיבון 56

12. די קירך קעגן די יידן אין דרייצנטן יאָרהונדערט 59
א. די געלע לאַטע
ב. דער סינאָד פון ארל וועגן דער געלער לאַטע
ג. דער סינאָד פון טריער פארבאָט יידישע דאָקטוירים צו היילן קריסטן
ד. א בולע פון גרעגאָר IX קעגן די געוואַלדטאַטן פון די קרייצטרעגער
13. פון „ספר החסידים" 60
14. דער קאַלישער סטאַטוט 68
15. דער ברעסלער סינאָד פון 1267 וועגן יידן 78
16. אַ בלוט בלבול אין דייטשלאַנד 80
17. אַ בריוו פון רמב"ן צו זיין זון 82
18. אַ באַריכט פון דער אינקוויזיציע אין שיליאַן, שווייצאַריע 85
א. דער שוואַרצער טויט
ב. אַ בריוו פון דער שטאָט קעלן צו דער שטאָט שטראסבורג
19. „גזירה ממדינת אושטריך" 94
20. אַ בולע פון פויפסט מאַרטין V קעגן דעם בלבול אז יידן
פארסמען ברונעמער און נוצן בלוט צו מצות 100
21. אַ תשובה פאַר אַ מערדער 103
22. דער „אפפער פעניג" 106
23. דן יצחק אברבנאל דערציילט ווי אזוי ער איז אַנטלאָפן פון
פאָרטוגאל קיין שפאַניע 107
24. עובדיה מברטנורא 111
א. פון עובדיה מברטנוראס בריוו
ב. פון אַן אנאָנימען בריוו פון עובדיה מברטנוראס א תלמיד
25. גירוש שפאַניע 117
א. דער עדיקט ארויסצוטרייבן די יידן פון שפאַניע
ב. אַ באַריכט פון דעם גירוש שפאַניע פון אַן אומבאקאנטן מיטצייטלער
ג. א שפאַנישער גלח וועגן גירוש
ד. אַ כראָניקער פון גענוא באַשרייבט די שפאַנישע פליטים
26. מאַרטין לוטער וועגן די יידן 131
27. פון דוד ראובנים ספר הזכרונות 133
28. אָנווייזונגען פון דער אינקוויזיציע 141
29. אויספאָרשונג פון דער שפאַנישער אינקוויזיציע 144
30. די ערשטע יידן אין נעדערלאַנד 151
31. תקנות 160
א. מיינץ, ווארמס און שפייער, 1220־1223
ב. קאסטיליע, שפאַניע, 1432
ג. קראָקע, פוילן, 1595
ד. פון ליטווישן פנקס, 1637, 1650
ה. באמבערג, דייטשלאנד, 1678

ו. וועד פון דער פּראָווינץ העסען, 1719
ז. פּראַג, 1767
ח. סאקאלאוו, פוילן, 1766־1775
ט. קיידאן, ליטע, 1810

32. אוריאל דאקאָסטאַס לעבנסגעשיכטע 170
33. גזירות ת״ח ות״ט 180
א. פון „יון מצולה"
ב. אַ פאָלקסטימלעך ליד וועגן 1648
34. שבתי צבי 193
35. פון גליקל פון האמעלס זכרונות 206
36. די ערשטע יידן אין צפון אמעריקע 211
א. א בריוו פון גובערנאַטאָר סטייוועסענט
ב. אמסטערדאמער יידן שטעלן זיך איין פאר די מאנהעטענער אימיגראנטן
ג. דער ענטפער פון דער וועסט־אינדיע געזעלשאפט
37. דער חרם אויף ברוך שפּינאָזאַ 217
38. אַן אויטאָביאָגראַפיע פון אַ פּשוטן יידן פון פּראָג 220
39. פון מוסר ספר „קב הישר" 228
40. פון די „שבחי בעש״ט" 230
41. ענגלישע יידן שטעלן זיך איין פאר די יידן פון בעמען 236
42. אַ בריוו וועגן גוים 239
43. פון בער באָלעכאָוועדס זכרונות 241
44. „מעשה גדולה מן אומן ומן אוקריינא" 245
45. פון שלמה מיימונס לעבנסגעשיכטע 250
46. די קינדעריאָרן פון אַ רייך בערלינער יידיש יינגל אין מענדלסאָנס צייטן 264
47. דער ערשטער ייד אין שוועדן 274
48. אַ פּויפּסטלעכער עדיקט קעגן יידן 283
49. דאקטער מארקוזי וועגן יידישן לעבן אין פוילן 287
50. דער מצב פון די ווארשעווער יידן סוף 18טן יאָרהונדערט 291
51. באַשלוס פון מאָסקווער סוהרים ארויסצוטרייבן די יידן פון מאָסקווע 299
52. וואַשינגטאָן און די יידן 301
א. דער אדרעס פון דער ניופּאָרטער קהילה
ב. וואַשינגטאָנס ענטפער
53. בער יצחק בערס אויפרוף צו די פראַנצייזישע יידן 305
54. אַ באַשרייבונג פון דעם פראנקיסטן הויף אין אפענבאַך 317
55. די פראַגעס וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשטעלט דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג און די ענטפערס פון דעם סנהדרין 323

56. נאָפּאָלעאָנס בריוו צו דעם דאַנציקער יידישן סוחר קובלאָשער........ 332
57. מרדכי עמנואל נחס אויפרוף צו די יידן פון דער וועלט 334
58. קאנטאניסטן 341
א. פון אלעקסאנדער הערצענס זכרונות
ב. אַ קאנטאניסטס זכרונות
ג. פּאָלקסלידער וועגן קאנטאָניסטן
59. אַ בילד פון יידישן לעבן אין מערן, אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט 351
60. לאָרד מאַקאָליס רעדע פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג 354
61. דער בלוט בלבול אין דמשק 358
א. לייטענאַנט שאדוועלס באַריכט צו מאָזעס מאָנטעפיאָרע
ב. פון מאָזעס מאָנטעפיאָרעס טאָגבוך
62. באַרדיטשעוו ארום מיטן 19טן יאָרהונדערט 364
63. אַ משכילס פּראָגראַם 368
64. אַ בריוו פון אַ יידישער פרוי וועגן די אומרועןן אין פּראָג אין 1848—375